STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07197

MENTSHN IN MAYN LEBN

Solomon Wasserman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



שלמה וואַסערמאַן / מענטשן אין מיין לעבן

שלמה וואַסערמאַן
בוך־קאָמיטעט

באַאַמטע:

ראָוז אורליכט

פּאָרזיצער

בערל ראָלער

ערן־פּאָרזיצער

ישראל קאָרען

קאַסירער

איזידאָר ראָזענבלאַט

פינ. סעקרעטאַר

•

מיטגלידער פון קאָמיטעט:

מרים באומעל
פּעסי באַך
חנה גלאַזמאַן
שמשון גלאַזמאַן
משה גאַרפין
בעלאַ גאָלדווירט
איזידאָר גוקאָווסקי
בער גרין
סיליא דייקסעל
ש. דייקסעל
אסתר האָראָוויץ־דזשיגנאָטינסקי
דזשעק דזשיגנאָטינסקי
בעסי האָלאָוויץ
אסתר כץ
אברהם לעכאָוויצקי
מענדל נירמאַן
יוסף סיוואַטש
דוד סעלצער
יונה סטיינמאַן
ישראל פריד
קלמן פרידמאַן
יודית קאָרן
שמואל קאָרן
ל. שנור
ד"ר יוסף שעפער
אברהם שקאָלניק
שרה שקאָלניק

שלמה וואַסערמאַן

מענטשן אין מיין לעבן

(דערציילונגען)

איקוף פאַרלאַג

SOLOMON WASSERMAN

MENTSHN IN MEIN LEBN

(*People In My Life*)

S t o r i e s

Copyright 1967 by Solomon Wasserman, New York, N. Y.

Published by Yiddisher Kultur Farband (YKUF)
189 Second Avenue, New York, N. Y. 10003
Printed in U.S.A.

363

מיין ליבער פרוי רבקה

און מיינע

קינדער

אברהם, חנה און דאָבע

אויף
דער
וואַנשאָל

פ ר י י נ ט

אין סעפטעמבערדיקן ש ב ת־פארנאכט האט ביי דער זייט פון ברייטן שליאך אפגעשטעלט זיך א שנעלפארנדיקער אמניבוס, צעעפנט די טירן און עס איז ארויסגעקומען בלויז איין פאסאזשיר — מאיר מירסקי. א מענטש פון מיטעלן וואוקס, מיט א ברייטן מאסיוון פנים, וואס האט אויסגעזען אין די שפעטע פופציקער, שמייכלענדיקע בורשטין־קאליר אויגן, און שטארק אנזעעוודיקע ברעמען.

דער אמניבוס האט זיך באלד א ריס געטאן פון ארט און אוועקגעיאגט ווייטער איבערן געפלאסטערטן וועג. מאיר מירסקי איז געבליבן שטיין, ווי א פארבלאנדזשעטער: שייד־וועגן האבן זיך געצווייגט איבער הארבסטיקע פעלדער מיט פארגעלטע גראזן; ער האט געטראכט, אויף וועלכן פון די וועגן זיך צו פארנעמען, וואס וועט אים פירן צום נייעם הויז פון זיין פריינט מעני בענדער.

ער האט ארויסגעשטעלט לעבן זיך דאס איינגעפאקטע בילד — זיין נייסטע שאפונג, וואס ער פירט פאר די בענדערס א מתנה, און ארויסגענומען פון בוזים־קעשענע זיין אדרעסן־ביכל, אין וועלכן ער האט אויך געהאט פארצייכנט די אנווייזונגען, וואס מעני האט אים געגעבן איבערן טעלעפאן:

— ווי דו קומסט ארויס פון „באס", פארנעם זיך אויף רעכטס. — דאס איבעריקע, וואס ער האט אים אויסגעמישלט, געדענקט ער אויף אויסנווייניק: — אינגאנצן א צען־מינוטן גאנג. אויב דו ווילסט, קאן איך דיך אפווארטן מיט מיין קאר ביים „באס־סטאפ"; נאר פארנדיק, וועלן צו־גיך פארביילויפן די וואונדערלעכע נאטור־שיינקייטן פון דער געגנט. א שפאציר וועט זיין פאר דיר, ווי א קוואל פון פרישער אינספיראציע צו מאלן נייע בילדער און לאנדשאפטן.

ער איז געגאנגען לויט זיינע אנווייזונגען. דער וועג איז געווען, ווי א צופעליק־ברוקירטער מיט ניט־קיין־גלייכע שטיינער, רויע ערד און טיילווייז געפלאסטערט מיט אספאלט, ווי מיט שווארצע לאטעס. פוןביידע זייטן וועג — ראוועס מיט ווילדגראז, נידעריקע ביימלעך און דינע, בויגעוודיקע לאזעס. אין די זייטן פון די ראוועס האט זיך ארויסגעהויבן בערגיק לאנד מיט הויכע, אלטע ביימער.

וואס ווייטער ער איז געגאנגען, אלץ אפטער האט ער אנגעטראפן אויס־

מענטשן אין מיין לעבן

געלייגטעביימער מיט איבערגעשניטענע ווייסע שטאמען, אפגעבראכענע צווייגן, אויסגעקארינייעטע ווארצלען ; אויפגעריסענע ערד, בוי־מאטעריאלן און א גראב־מאשין אליין אין פעלד . . .

טיף האט ער איינגעאטעמט די פרישע פארנאכטיקע לופט און איבער־געגעבן זיך דעם מילדן ווינטל, וואס האט זיך פריי געשפילט מיט די צעעפנטע פאלעס פון זיין רעקל, מיט דער לויז־נאכהענגענדיקער בינדע און צעבלאזן זיינע ניט־זייער פינקטלעך־פארקעמטע האר, וועלכע זיינען געווען טרוקן אין די שפיצן און אפגעבליאקעוועט־בלאנד

ווייט, הינטער די ביימער, איז די זון פארגאנגען און געצונדן העל־רויט די טונקעלע בלויקייט פון שוועבנדיקע וואלקנדלעך. שאטנס האבן זיך גע־שפרייט אויף די בלעטער פון די ביימער, וועלכע זענען געווען אין פולן פארבן־בלי פון „אינדיאנישן זומער”, אמעריקאנער הארבסט, און האבן איצט גענומען פארגיין אין צארטע קאליר־שאטירונגען פון דער לעצטער אוונט־שיין.

א געזאנג איז אויפגעגאנגען אין זיין געמיט פון דער בין־השמשותדיקער שפיל פון ליכט און שאטן, וואס האט זיך געשפרייט אויף די פעלדער, אויף די ביימער און אויף דעם וועג, אויף וועלכן ער איז איצט געגאנגען מיט א פארטראכטן שמייכל וועגן זיין פריינטס באגייסטערונג : „א שפאציר וועט זיין פאר דיר, ווי א פרישער קוואל פון אינספיראציע צו מאלן נייע בילדער”.

אין געדאנק גיט ער זיין פריינט צו פארשטיין : „אינספיראציע האב איך. צייט פעלט מיר. איך האב אין זיך מער טעמעס צו געשטאלטיקן זיי אויפן לייוונט, ווי די צייט דערלויבט מיר. די געשטאלטן לעבן אין מיין געמיט. זיי רייסן זיך צו דער ליכטיקער וועלט, צו זיין אויף די ווענט פון א מוזיי, אויף די ווענט פון א קונסט־אויסשטעלונג און ברענגען גענוס צו מענטשן אין הויז, — פיר איך זיך גאר מיט זיי אין דער ענגשאפט פון סאבוועי, אינעם טומל פון מאשינען־גערויש. איך היט זיי און צערטל זיי, זיי זאלן ניט צעשטויבט ווערן פון וועלט־אויפברויז, אז אפילו פון די עוולות פון מענטש צו מענטש זאלן זיי ארוים געלייטערט. איך שטארק זיי קעגן דער לאסט פון דאגות־פרנסה און טרייסט זיי : באלד וועלן מיר זיין אין דער סטודיע, וואס אין מיט־מאנהעטן. אין די פענצטער קוקט ניט אריין דער הימל, נאר אלטע ציגל־ווענט. מיטן כוח פון פענזל, פארבן און לייוונט — וועט איר געבוירן ווערן . . . נאך א שווערן טאג, אין די אוונטן, ראנגלט זיך די פרייד פון שאפונג מיט דער מידקייט אין די הענט . . . אוי, ווי שווער, אוי, ווי ביטער, עס קומט־אן דעם צאפלדיקן בילד געבוירן צו ווערן ! טייל האלטן ניט אוים און פארגייען אויף אייביק . . . פריידיקע געשטאלטן, וועלכע עס איז נישט געווען קיין צייט צו ברענגען אויף דער וועלט” . . . יא, „אינספיראציע צו מאלן נייע בילדער” . . .

ער איז פּלוצים געבליבן שטיין, נאכגעקוקט דעם חיהלע, וואס איז שנעל אריבערגעלאפן דעם וועג, א וועוורקע, צי א העזל — און איז פארשוואונדן געווארן אין די ווילדע געוויקסן אויף דער צווייטער זייט פון וועג. ערשט איצט איז אים געקומען אויפן זינען, וואס מעני האט אים געבעטן: „זאלסט נישט לאזן ווארטן אויף זיך. קום אין צייט". און ווי פארבייגייענדיק באמערקט: „אין מיין נייעם הויז האב איך א באזונדער צימער פאר דיינע בילדער, ווי א קונסט־גאלעריי". ער האט אנגעהייבן צו גיין שנעלער.

מעני האט געהאלטן אין איין אפּקויפן זיינע שאפונגען: „די־א מאלעריי איז ווערט א פארמעגן! די וועלט איז נישט קיין מבין אויף עכטע קינסטלער. ווען כאפּט זיך די וועלט? נאך הונדערט־און־צוואנציק יאר, ערשט דאן הייבט מען אן צו זוכן זיינע מאלערייען מיט ליכט און מען צאלט פאר זיי אין טאג אריין. ביים לעבן האט מען אים געלאזט הונגערן. אמת, איך בין נישט מער, ווי א מאליארזש, א שמירער פון דער אלטער היים; מיר זיינען דאך געווען פון איין פאך. אי, איך האב זיך דא־הי ארויפגעארבעט, געווארן א באס־פעינטער און נעם נישט מער קיין בארשט אין האנט אריין . . . איז וואס האב איך דא געוואלט אויסברייען? . . . יא. אויף קיין קונסט־ארבעט קען איך זיך נישט קיין סך. אביסל א נאש־געטאן אין יענע גרינע בחורשע יארן, ווען איך פלעג מיטגיין מיט דיר אין די מוזייען צו קונסט־אויסשטעלונגען און אויסהערן לעקציעס. מילא, דו האסט טאקע געלערנט דערפון, נאר איך? אויפן שפּיץ־מעסער . . . אבער ליבע צו קונסט האב איך, און פארלאז זיך אויף מיין פארגעפיל וועגן דער ווערט פון דיין ארבעט. אלע מיינע יארן האב איך זיך פארלאזט מער אויף מיין פארגעפיל, ווי אויף מיין וויסן . . . איז וויפל ווילסטו פאר דער „פעינטינג"? זייער א שיינע לאנדשאפט".

ווערט מעני געוואר, אז זיין פריינט האט אן אויסשטעלונג אין א קונסט־גאלעריי, לאזט ער וויסן אלע באקאנטע: „גייט זעט מיט אייערע אייגענע אויגן, וויפל מענטשן עס קומען הנאה־האבן פון זיין טאלאנט! און צייטונגען שרייבן וועגן אים! ווער זאל וויסן? . . . געווען א פארחלומטער, געהאלטן אין איין ריסעווען און מאלן . . . היינט — גייט זעט!" . . .

נאר מאירן האכט זיך, אז מעני איז אויסן מיט זיין גרויסער פארערונג פאר זיין מאלן, אויסצוקויפן זיך פון אן אלטער זינד, וואס ער איז באגאנגען קעגן אים, נאך אין די גרינע יארן, וועגן וואס זיי האבן אויסגעמיטן צו ריידן. און מאיר האט זיך אפילו שטארק געהיט, ניט צו נוצן אין זייערע שמועסן דאס ווארט „געדענקסט?", ווייל ווען ער פלעגט ארויסריידן דאס ווארט, האט זיך מאירן אויסגעוויזן, אז מעני הייבט־אן, ווי א פארשולדיקט קינד צו פינטלען מיט די אויגן, ציט־אריין דעם קאפּ צווישן די אקסלען און דערווארט א

מענטשן אין מיין לעבן

קלאַפּ, וואָס מאַיר דאַרף אים דערלאַנגען מיטן וואָרט „גערעדנקסט?״

„גערעדנקסט, ווען איך האָב דיך געבעטן מיר לייען עטלעכע דאָלער. האָסט מיר געענטפערט: — איך וויל איצט ניט רירן דאָס געלט פון באַנק, ווייל איך וועל אָנווערן דעם פּראָצענט. געדענקסט?״

מעניס ענטפער האָט דעמאָלט פאַרטריבן זיין הונגער און די לעצטע האָפענונג אויף אַ באַלדיקן מאַלצייט. דאָס ערשטע מאָל האָט זיך איינגעקריצט אין זיין יונגן געמיט דער ביטערער באַדייט פון אַנטוישונג, ווייל ער האָט זיין פריינט געקענט, ווי אַ ברייטהאַרציקן און געטרייען חבר. הייסט עס: געמאַכט אַ טעות? . . .

זינט יענעם ענטפער האָט מאַיר געטראָגן אַ טיף־באַהאַלטענעם פאַרדרוס אויף מעניון, אָבער קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן אים. מיטן גאַנג פון יאָרן איז דער פאַרדרוס געוואַקסן אין אים און געזוכט אַ תיקון . . . אָט־אָ וועט עס געשען, ער וועט אים זאָגן: „כּסדר לויבן מיינע שאַפונגען איז נישט געזונט. איך ווייס, אַז האָסט חרטה אויף מיין הונגער און דיין פּראָצענט, און — דאָס איז גענוג פאַר מיר״ . . .

געשען איז דאָס אין די ערשטע יאָרן זיינע אין נייעם לאַנד:ביידע זענען געקומען אויף באַזונדערע עמיגראַנטישע כוואַליעס און שפּעטער זיך אָפּגעזוכט. ביידע האָבן געוואוינט אין באַזונדערע טיילן פון שטאָט, פונדעסטוועגן זייער אָפט זיך באַגעגנט און ווייטער געשפּונען זייערע חלומות צו אַנטוויקלען זייערע קינסטלערישע פעיִקייטן און ווערן באַרימט . . .

מאַירן האָט געצויגן צו קונסט־מאָלעריי, און מעניון — צו דער בינע. ביידע האָבן זיך באַטייליקט אין זייער היים־שטאָט אין עטלעכע טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון דער שטאָטישער אַמאַטאָרן־גרופּע, וואָס האָט געשפּילט לטובת נויט־באַדערפטיקע און מלחמה־קרבנות. מעני האָט געקראָגן אַ סך לויב פון די היימישע מבינים און געהאַלטן, אַז דאָס שטעטל איז צו־קליין פאַר זיין טאַלאַנט . . . מאַירן האָבן זיי באַוואונדערט: „וואו האָט ער זיך אויסגעלערנט מאָלן אַזעלכע שיינע דעקאָראַציעס?״

דאָ־הי האָט מעני זיך געהאַלטן פאַר אַ גוטן אַקטיאָר און באַלד געוואָלט אַרויף אויף דער בינע און — נישט אַרויף. ער האָט זיך געהאַלטן מיט אַקטיאָרישן „אַקצענט״, ווי ער האָט דאָס גערופן: די לאַנגע שוואַרצע האָר פאַרקעמט זיך אַזוי, אַז עס זאָל ציען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט. דאָס בורשטינענע ציגאַר־שפּיצל האָט ער אַזוי אונטערגעהאַלטן מיט דער האַנט אין מויל, אַז מען זאָל אָנזען זיין גאָלדענעם סיגנעט. גערעדט האָט ער מיט אָנשטעל און זשעסטיקולאַציעס, ווי ער וואָלט אויסגעשפּילט אַ גאַר גרויסע ראָלע.

אויך זיין גאַנג איז געווען מיט בינע־געשטעל. און כאָטש ער איז געווען

פון נישט הויכן וואוקס, האָט אים אָבער פיל אַרויסגעהאָלפן זיין אויסזען: אַ לענגלעך פּנים, אַ הויכער שטערן, אַ לענגלעכע נאָז, אויגן שיינע מיט אַ רואיקן בליק, — דאָס אַלץ האָט אים געמאַכט אויסזען אַביסל העכער, ווי ער איז געווען אין דערווירקלעכקייט. ביי יעדער באַגעגעניש מיט מענטשן האָט ער אַרויפגעצויגן אַ שמועס וועגן דעם, וואָס אים איז ליב געווען: טעאַטער, אָפּערע, אַקטיאָרן און מוזיק. אַפילו זיינע באַקאַנטע שוישפּילער האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע מיינונגען און באַזונדערס צו זיין אייגנאַרטיקער אויסטייטשונג פון אַ ראָלע.

ער האָט געגלויבט, אַז די טעאַטער־וועלט וועט אים דערזען און זיך דערפרייען מיט אים: „קום! שוין גענוג געוואַרט אויף אַזאַ אַקטיאָר ווי דו" . . . נאָר די טעאַטער־וועלט האָט אים נישט באַמערקט איז ער אַוועק צו זיין באַליבטן פאָטאָגראַפיסט און געלאָזט זיך פאָטאָגראַפירן מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, אין אַ ברייטער פעלערינע און מיט אַן אַנגעצונדן ליכט אין האַנט, ווי ער זוכט אַ מענטשן אינמיטן העלן טאָג און קאָן אים נישט געפינען. אויף דער אַנדערער זייט פון בילד האָט ער אָנגעשריבן פאַר מאירן אַ ווידמונג אין געפליגלטע גראַמען מיט אַ סך פינטעלעך און פּאַסיקלעך און פאַרענדיקט מיט אַ „פּ. ס.". „זאָלן זיי, די מענטשן, וויסן, אַז — איך לאַך פון זיי" . . .

— מעני, אַנטלויף נישט! לערן זיך די פּראָפעסיע. האָסט טאַלאַנט! — האָט מאיר זיך געבעטן ביי אים.

— לערנען? ניין. דאָס קאָן בלויז איבערפירן מיין איינגעבוירענעם טאַלאַנט. וואָס איך דאַרף, איז כאָטש איינמאָל באַטרעטן די בינע, וואָלט די וועלט געזען. נאָר, מילא, איך לאַך פון זיי . . .

מאיר האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט זיין פריינט מעני קאָן ער ווייטער נישט גיין. זייער געמיינזאַמער וועג איז פאַרענדיקט. מאירן האָט געצויגן אין דער אָפענער וועלט־אַריין, צו אומבאַקאַנטע ווייטקייטן, צו נייע איבערלעבונגען. האָט ער אַוועקגעוואַנדערט איבער די שליאַכן פון אַמעריקע: געאַרבעט צוביסלעך, געלערנט וואו נאָר ער האָט געקאָנט צו דערגאַנצן די טעכניק פון מאָלן. פון אַלץ, וואָס ער האָט געזען, געהערט און באַנומען, האָט ער אָפּגעקליבן דאָס וויכטיקסטע און דערציילט די מענטשן דורך פאַרבן אויף לייוונט . . .

שפּעטער, צוריק אין ניו־יאָרק, עס באַווייזט זיך לילי. ער האָט קיינמאָל נישט געדענקט, ווי אַזוי ער האָט זיך באַקענט מיט איר, נאָר פריש איז נאָך די פרייד פון ליבע, וואָס ער האָט דערשפּירט מיט איר באַווייזן זיך צו אים. אירע האָר — טונקל־זייד. דאָס פּנים מילד, ווי דורכגעלויכטן פון אינעווייניק.

מענטשן אין מיין לעבן

אויגן — די בלויקייט פון קארנבלימעלער, פינקלען־אויף מיט מיניענדיקע קאלירן, לויט דער שטימונג . . .

אז מעני שפילט־אויס א ראלע פון א פאפולערן אקטיאר מיט אייגענע הומאריסטישע באמערקונגען און גראטעסקע תנועות, לאכט זי הארציק און איר לויטער לייב ארום האלדז ווערט ראזעווע, די אויגן צעלייכטן זיך, ווי זי וואלט מיטאמאל אנטדעקט עפעס גאר וויכטיקס. מיט מאירן איז זי פאר־טראכט, ווי זי וואלט א פריידיקן סוד אין זיך באהאלטן. זי איז צארט און צוגעלאזט־געטריי. ער פארזיכערט איר: „לילי, ביסט מיין מיטשאפערין!"

טוליעט זי זיך נאך מער אין אים . . . די זומער־נאכט אין הייסן מאנ־העטן איז שוין געווען אן אפגעקילטע. איבער סענטראל פארק — א טונקל־בלויער הימל; מוזיק־קלאנגען פון ארקעסטער, וואס שפילט אין די זומערדיקע אוונטן, האבן זיך צעטראגן צווישן דיביימער. מילדע ווינטלעך האבן לייכט געוויגט די בלעטער. אלץ האט זיך באהעפט מיט זיין גרויסער פרייד, וואס א קונסט־מוזיי האט צום ערשטן מאל אנגענומען זיינס א מאלעריי. גליק פון אנערקענונג. א חלום אויף דער וואר . . . לילי אין זיינע ארעמס . . . „ביסט מיין מיטשאפערין" . . .

ער שוועבט אין וועלטן פון פארבן, פייזאזשן, בילדער, קונסט־ווערק. לילי רעדט שטיל, געטריי און פארטראכט: תכלית . . . ער דערשרעקט זיך פאר זיין זיג איבער מעניו . . . זי וועט נישט מיטפליען מיט אים אין זיינע וועלטן . . . זי וועט אים איינשפאנען אין לאסט פון עול־פרנסה, פאמיליע־פליכטן . . . ניין, זיין וועג מוז זיין פריי צום לייוונט, צו די קונסט־גאלערייען.

מעני ברענגט איר מתנות, גיט איר קאמפלימענטן מיט זיין אקטיארישן „אקצענט". זי רויטלט זיך און קוקט צו מאירן מיט געבעט: „ראטעווע מיך פון אים" . . . היינט . . . זי רעדט צו אים אויפן טעלעפאן: „יא, דאס בין איך, לילי, מיסעס בענדער. קום אין צייט, וועסטו נאך קאנען זען דעם גארטן ארום נייעם הויז מיט ביימער און בלומען" . . .

ער איז געבליבן שטיין, איינגעקוקט זיך אין דעם נומער פון הויז, צי עס שטימט מיטן אנגעגעבענעם אדרעס און באלד דערהערט פון דער אפענער טיר מענים שטים:

— יא! דאס איז דאס געסל, דאס איז די שטוב . . .

— ענדלער! — האט מאיר אויסגערופן, און באלד, אויך זינגענדיק, אים געענטפערט: — וואו איז דאס מיידעלע, וואס איך האב ליב?

— לילי? זי איז דא. קום אריין.

— נא, שטעל ערגעץ אוועק דאס בילד. אויספאקן וועסטו דאס שפעטער, — האט אים מאיר געבעטן, און זיי זענען אריין אין גאסט־צימער. די געסט

זענען געווען פרייליכע: מען האָט געהויבן גלעזלעך מיט משקה, געוואונטשן זיך, געטרונקען, גענאַשט און געזונגען. באַלד האָט זיך פון צווישן עולם באַוויזן לילי.

זי האָט זיך דערנעענטערט צו אים אין אַ העל־בלוי שיפאָן־קלייד, וואָס האָט האַרמאָנירט מיטן קאָליר פון אירע אויגן. פונעם דעקאָלטע האָט זיך אויס־געטיילט איר געלייטערט לייב אַרום האַלדז און טיילן פון די אַקסלען. אירע פריע מיטעלע יאָרן האָבן ניט פאַרמינערט איר גראַציעזע האַלטונג פון אַמאָ־ליקע יאָרן. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און אַ בלעטער געטאָן זכרונות פון ליבע, פון פרייד און פון פאַרגאַנגענער בענקשאַפט...

לילי האָט איבערגעריסן די בליקן־שפּראַך און געזאָגט: „קום, וועל איך דיך באַקענען מיט די געסט". זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און סודות־דיק געפרעגט: „פאַרוואָס קומסטו נישט אָפטער? שוין באַלד אַ יאָר, ווי מיר וואוינען אין נייעם הויז, ביסטו היינט דאָס ערשטע מאָל געקומען צו אונדז"...

נאָר איידער ער האָט איר באַוויזן צו ענטפערן, איז אויסגעוואַקסן לעבן אים טייבל, אַ לאַנדספּרוי, אַ קליינינקע, אַ רירעוודיקע, אַ געטאַקט פיגורקעלע אויף הויכע קנאַפּל מיט אַרויפגעקעמטע בלאָנדע האָר. אַ פרייליכע, מיט אַ הויך שטימעלע און ניין מאָס רייד. די ערשטע זאַך, וואָס זי וויל וויסן, ווען זי באַגעגנט אים, איז: „ביסט נאָך אַלץ נישט פאַרהייראַט?" איצט האָט ער נישט געענטפערט אויף דער פראַגע. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו איר און איר איינגערוימט אין אויער: „איך בין נאָך אַלץ נישט פאַרהייראַט".

— גוט! — האָט זי אויסגערופן און פאַר פרייד אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט. — איך האָב אַ שיינע כלה פאַר דיר!

באַלד איז אויסגעוואַקסן אַ גרופּע מענטשן אַרום זיי. מערסטע פון די געסט האָט ער געקענט. דאָס זענען בענדערס פריינט: שוישפּילערס, וועלכע שפּילן ניט צו־אָפט. שרייבער, וועלכע האָבן ווינציק פאַרעפנטלעכט פון זייערע שריפטן. זינגערס, וועלכע זינגען פאַרן פאָלק ביי קליינע לאָקאַלע אונטערנע־מונגען, — מענטשן מיט שעפערישן פונק, מיט טרוימען, וואָס גיבן זיי אַ זין אין לעבן... מיט זיי איז בענדערן גוט צו פאַרברענגען. פאַר זיי טוט אַמאָל בענדער אַ שפּיל־אויס אַ ראָלע. שפּעטער בלייבט ער אַן אויסגעלאָשע־נער, אַ פאַרטראַכטער און זאָגט אין דער וועלט אַריין: „עי, איך לאַד פון זיי"...

פון אַ ווייטן ווינקל אין זאַל האָט זיך דערהערט אַ שטימע: „לעידים און דזשענטלמען!" ס'איז געוואָרן שטיל. אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט צו מיסטער וואַכטעל, פון מיטליאַריקן אויסזען, שאַרפע געזיכט־שטריכן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט אַנטשלאָסנקייט. אַ סך פון די געסט האָבן געוואוסט, אַז

מענטשן אין מיין לעבן

ער איז אַן אַקטיאָר און שפּילט מיט אַן עקספּעריכּענטאַלער טרופּע ערגעץ אין אַ קליין טעאַטערל. דער פייערלעכער גלאַנץ אין זיינע שוואַרצע אויגן האָט ווי דערציילט אַ פּרייַלעכע בשורה דער וועלט: "מיר טרעטן־אויס אַ נייעם וועג פאַר בעסערן טעאַטער!" ער האָט איצט געלאָזט וויסן די געסט:

— מיסטער און מיסעס בענדער פייערן היינט די באַנייאונג פון זייער הויז אויף אַ גאַר אָריגינעלן אופן . . .

די באַלויכטונג אין זאַל איז טונקעלער געוואָרן. צוויי טירן, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט אויסגעזען, ווי אַ וואַנט, האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט, און ס'האָט זיך באַוויזן אַ צימער באַהאַנגען מיט מאָלערייען אונטער ריכטיק־צוגע־פּאַסטער באַלייכטונג.

מיסטער וואַכטעל איז אַריין אין זיין ראָלע: "מערסטע פון די קונסט־בילדער, וועלכע איר זעט דאָ, זיינען פון דעם קינסטלער מאיר מירסקי, וועמען אַ סך פון די געסט קענען. די וועלכע קענען אים נאָך נישט — באַקענט זיך מיט אים און זיינע בילדער".

בשעת די געסט האָבן אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די בילדער, האָט וואַכטעל באַנייט זיין רעדן: "אַ קינסטלער דערציילט מיט פאַרבן אויפן לייוונט די פריידן און פּיינען פון די מענטשלעכע נשמות; זעט — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף אַ בילד, — דעם גליקלעכן שמייכל אויף אַ מאַמעס פּנים, ווען זי קוקט זיך צו, ווי די קינדערלעך שפּילן זיך. און אָט איז אַ בילד פון אַ צווייטער מאַמע: זעט דעם צער און פּיין אויף איר פּנים, די שרעק אין אירע אויגן, ווען די נאַצים צווינגען זי צוצוזען, ווי די אַנגערייצטע הינט רייסן שטי־קער פון איר טעכטערל . . .

אַ ווייל האָט ער געלאָזט די געסט אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען און דערווייל אַ זופּ געטאָן פון גלאָז, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, אַ געמיש פון סאָדע־וואַסער מיט בראַנפן. טייבל איז אויסגעוואַקסן לעבן אים און אויסגערופן: "אָט־אָ דאָס בילד געפעלט מיר. עס איז אַזוי לעבעדיק!"

— אַ, דאָס? דאָס איז אַ פּיקניק. די פרייד פון גאַנצע משפּחות און פריינט, וועלכע קומען אין פרייען טאָג אין פּאַרק־אַריין פאַרברענגען, — האָט ער איר דערקלערט. — קוקט זיך איין אין דעם גרויסן בילד: אַ פאַבריק ברענט, אַרבעטער שפּרינגען פון די פענצטער פון אַלע גאָרנס, אונטן ליגן שוין טויטע. פון העכסטן שטאָק פאַלט אַ מיידל אין פלאַמען געהילט, נאָר איר פּנים שיינט פון גליק. עס דאַכט זיך איר, זי זעט איר חתן מיטן חופּה־קלייד אין זיינע הענט וואַרטן אויף איר" . . .

מאיר האָט געהאַלטן אָנגעשטרענגט זיין געהער אי צו וואַכטעלן, אי צו די געסט. צי וועלן זיי מאַכן זייטיקע באַמערקונגען וועגן אים, ווי ער האָט עס

שוין פיל מאָל ביי אַזעלכע געלעגנהייטן געהערט: — קיין פּיקאַסאָ, אָדער אַ מאַרק שאַגאַל, וועט ער שוין נישט ווערן...

נאָר וואַכטעל האָט זיך ווידער אַריינגעריסן אין זיינע געדאַנקען: „אָט־די אַלע בילדער זענען בלויז אַ טייל פון זיינע שאַפונגען. אַנדערע געפינען זיך אין פאַרשידענע מוזייען, און — אויך אין זיין אייגענער סטודיע"...

פון וואַכטעלס אָפּשאַצונג איז ביי מאירן שטאַרקער געוואָרן דער פאַר־דאַכט, אַז מעני וויל זיך טאַקע אויסקויפן פון זיין אַלטער זינד. זיין טיף־פאַרבאָרגענער פאַרדרוס האָט זיך געעפנט, ווי אַ פרישע וואונד... גוט וואָס מעני האַלט איצט אין אויספּאַקן דאָס בילד, זיין מתנה צו אים...

פאַרזיכטיק האָט מעני אַראָפּגענומען דאָס לעצטע פּאַפּיר פון בילד און אוועקגעשטעלט דאָס אויפן טיש. די פאַרזאַמלטע אַרום האָבן שווייגנדיק גע־קוקט אויפן בילד און געכאַפּט אַ בליק, אָט אויף מעניען, אָט אויף מאירן. עפּעס איז יאָ אַן ענלעכקייט און נישט קיין ענלעכקייט אויף זיי אין די צוויי יונגע מענטשן אויפן בילד, וואָס איינער זיצט ביי אַ פּולער שיסל, און דער צוויי־טער — מיט פאַרצווייפלטע הונגעריקע אויגן.

וואַכטעל האָט קיין ענלעכקייט אויף דעם בילד צו זיי נישט געזען און ער האָט אָנגעהויבן פאַרטייטשן:

— דאָ זעען מיר די האַרצלאָזיקייט פון די רייכע צו די...

— אַנטשולדיקט, פריינט וואַכטעל! — האָט אים מעני איבערגעשלאָגן, ווען דעם בילד האָב איך צו מאַכן אַ דערקלערונג.

מאיר איז געזעסן מיט אַ פאַרטראַכטן בליק, ווי ער וואָלט געזען יענעם אָוונט, ווען וועלכן עס רעדט איצט מעני: — ס'איז געווען דער צווייטער טאָג, ווי איך האָב געהונגערט. קיין האָפענונג ווען־עס־איז צו האָבן אַ זאַטן מאָלצייט האָב איך שוין נישט געהאַט. איך האָב באַשלאָסן נעמען זיך דאָס לעבן און אַ בריוול אָנגעשריבן צו דער וועלט, דאָס ריכטיקע בריוול... איך האָב אין בחורשן צימערל געהאַלטן פאַרשלאָסן די טיר, און נישט אַריינגעלאָזט די באַלעבאָסטע אויפצוראַמען. פאַרנאַכט האָט איר מאַן מיט שטורעם זיך אַריינגעריסן צו מיר, מיך גוט באַטראַכט און אָנגעהויבן צו דערלאַנגען: „דו גרינע חיה, מעגסט זיך שעמען אין דיין ווייטן האַלדז! דו וואוינסט דאָ צווישן מענטשן, ניין? דו נאַרישער יונג, וואָס דו ביסט! איך בין אויך אַמאָל גע־ווען אַ גרינער און געטאַפּט אַ וואַנט. זאָלסט זיך באַלד אָנטאָן און קום צום טיש! וואָס מיר וועלן עסן, וועסטו אויך עסן. דירה געלט וועסטו צאָלן, ווען דו וועסט אָנהייבן פאַרדינען. מאַד זיך היימיש! נו, טו זיך אָן, קום צום טיש, מיר וועלן וואַרטן אויף דיר"...

דעם זעלבן אָוונט נאָכן זאַטן מאָלצייט קומט צו מיר מיין פריינט מאיר

מענטשן אין מיין לעבן

פון די בראָנקס, אַזש קיין ברוקלין, איך דערפריי זיך: מסתמא האָט אים זיין האַרץ געזאָגט, אַז איך בין אויף געהאַקטע צרות. נאָר ער שווייגט, שווייג איך אויך; איך וועל ביי אים נישט בעטן קיין געלט, אַ פריינט דאַרף אַליין פאַרשטיין . . . מיטאַמאָל דערהער איך זיין קול:

— אפשר האָסטו עטלעכע דאָלער?

— עס האָט זיך מיר אַ מיש געטאָן אין קאָפּ. ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך מיט דער גאַנצער ביטערקייט פון אַנטוישונג און סאַרקאַזם געענטפערט אים מיט מיין אַקטיאָרישן „אַקצענט": „איך וויל נישט רירן מיין געלט פון באַנק, ווייל איך וועל אָנווערן פּראָצענט".

— אוי, מעני! ווי האָסטו געקאָנט רעדן אַזוי־אַ?! — האָט טייבל די לאַנדספרוי אויסגערופן.

נאָר מעני האָט פאַרגעזעצט: „עס האָט מיר באַלד באַנג געטאָן אויף מיינע באַרימערישע רייד, און מאיר האָט מיר קיין געלעגנהייט נישט געגעבן צו פאַרבייטן דעם הויכן טאָן אויף אינטימען אמת, ווייל ווי נאָר ער איז געקומען צו זיך פון מיין האַנדלונג, האָט ער, ווי גאַרנישט וואָלט פּאַסירט, געפרעגט: „ווען טרעפן מיר זיך ווידער?". אין אונדזערע שמועסן, וועגן געמיינזאַמער פאַרגאַנגענהייט, האָט ער אויסגעמיטן דאָס וואָרט „געדענקסט?". דאָס האָט מיר באַוויזן, אַז ער געדענקט.

לילי, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען צווישן מענין און מאירן, **האָט** געוואָלט וויסן: „אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט דעם בילד?"

— וואָס דאָס האָט צו טאָן? — האָט מעני איבערגעפרעגט. און אָנווייזנדיק אויפן בילד, האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין: „עס קאָן זיין, אַז קיין איינער פון די צוויי יונגע מענטשן אויפן בילד, איז נישט איך און נישט ער, נאָר דער הונגעריקער בליק אין איינעמס אויגן, וועלכע קוקן אויפן **אַנדערן** ביי דער פולער שיסל, דערמאָנט מיך אין מיין ענטפערט: „איך וויל נישט רירן דאָס געלט פון באַנק, ווייל איך וועל אָנווערן פּראָצענט" . . .

מאיר האָט געקוקט פאַרטראַכט אויפן בילד, און ס'האָט אים שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס ער האָט אַלע יאָרן געפּייניקט זיין פריינט פאַר אַ נישט־באַגאַנגענער זינד, אַ זינד, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון זיין שאַפונג־מאָטיוו — צו באַווייזן גוטס קעגן שלעכטס. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום בילד.

— לאָז דאָס, מאיר, — האָט מעני געבעטן.

— עס טויג נישט, עס וועט דיך שטענדיק דערמאָנען . . .

— דערמאָנען, — האָט מעני אונטערגעכאַפּט, — אַז האָסט, ווי אַן אמתער פריינט מיך ענדלעך באַפרייט פון יאָרן־לאַנגע פּיין . . .

שלמה וואַסערמאַן

מאיר האָט נאָכגעלאָזט דאָס בילד, געקוקט, אַמאָל אויף מעניז, אַמאָל אויף ליליז, באַלד אויף די פּאַרוואונדערטע געסט און געפילט, ווי זיין אַלטער פאַר־דרוס צעגייט זיך, גיסט זיך איבער אין שטאַרקער פרייד, וואָס באַפרייט אים פון שווערער לאַסט צו טראַכטן שלעכטס וועגן אַ אמתן פריינט, וואָס שטייט לעבן אים אַ געלייטערטער.

לילי האָט צוריק אַוועקגעשטעלט דאָס בילד אויפן טיש און מיט אַ רו־איקער שטים פון אַ מאַמע, וואָס ברענגט שלום צווישן קינדער, האָט זי זיך געווענדט צו וואַכטעלן: „איצט פאַרענדיקט אייער איבערגעריסענע אַפּשאַ־צונג וועגן דעם בילד".

— יאָ, יאָ! — האָט ער זיך אַ כאַפּ־געטאָן ווי פון אַ זיסן דרעמל, אַראָפּ־גענומען זיין האַנט פון טייבלס אַקסל, אַ צי־געטאָן פון כמעט־ליידיקן גלאָז, און אויסגערופן: „דאָס בילד באַווייזט, אַז קונסט האָט דעם כוח צו באַפרייען מענטשלעכע געמיטער פון שווערער לאַסט ... גיסט־אָן די גלעזער מיט ווייַן און לאָמיר טרינקען אַ לחיים צו דער עכטער פריינטשאַפט פון אַלטע פריינט!"

אויגן

שוין עטלעכע וואָכן, ווי מיסטער לינדער אָבזערווירט פון זיין באַלקאָן אויפן אכצנטן גאָרן דעם נייעם שכן פון דעם נאָענטסטן באַלקאָן, וואָס באַווייזט זיך פון צייט־צו־צייט ביים טישל, וואָס איז דאָרטן אויפגעשטעלט, און שרייבט עפּעס אַריין אין פּאַפּירן.

ער חידושט זיך: „קיינעם אויף די אַנדערע טעראַסן, פון די נייע הייזער אַרום, זעט ער נישט שרייבן. לייענען — יאָ. איז פאַרוואָס — ער? זאָל ער זיין אַ שרייבער?" . . .

איצט, אין סעזאָן פון ווינציק אַרבעט, האָט לינדער צייט צו זיצן אויפן באַלקאָן. די טעג זענען סוף־זומערדיקע. די זון וואַרעמט און גלעט גאָר מחיה־דיק. די לופט איז פריש, און די ווינטלעך — מילדע. אויך דער ציגאַר, וועלכן ער דרייט געמיטלעך אין זיינע ליפּן, שמעקט גוט, גאָר אינגאַנצן אַנדערש, ווי אין שאָפּ ביי דער אַרבעט, וואו ער דאַרף אים רויכערן בגנבה . . . און דאָס אינדזל מאַנהעטן, דאָס האַרץ פון דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק, שפּרייט זיך פאַר זיינע אויגן ברייט און ווייט מיט זון און שאָטנס אויף די הויכע טורעמ־דיקע געביידעס און פלאַכע דעכער; אויף פאַבריק־קוימענס און קלויסטער־שפּיצן און איבער דעם מיניעדיקן טייך האָדסאָן מיט שיפן, וועלכע קומען און גייען־אָפּ ערגעץ ווייט אַוועק.

דאָך לאָזט ער נישט אַרויס פון אויג דעם מענטשן פון דעם אַנדערן באַל־קאָן, וואָס איז אָפּגעטיילט פון זיינעם מיט בלויז עטלעכע ברייטע פענצטער. ער רעכנט אים אַריין אין דער וואונדערלעכער פּאַנאָראַמע אַרום, וואָס איז פאַר אים אַ שיינע אַנטפּלעקונג. „ס'איז גאָר אַ נייע וועלט", רעדט ער ממש אויפן קול אַרויס זיינע מחשבות. און ער האַלט זיך אין איין וואונדערן: „ווען נישט די אַלטע שול, וואָס איז געבליבן שטיין צווישן די נייע, הויכע מויערן, וואָלט ער נישט דערקענט וואו די גאַסן פון דער ,סלאָם'־געגנט זענען דאָ פריער געווען".

דאָ אין די „סלאָמס" — אָפּגעלאָזענע הייזער מיט איבערגעפירטער וואַסער־ליטונג, מיט שלעכטער באַהייצונג, מיט צעבויגענע ווענט, פאַר־פוילטע טרעפּ, פאַלנדיקע סטעליעס און שרעקלעך פאַרשטיקטע ריחות — איז ער געבליבן שטעקן צוליב פאַרשידענע סיבות. ערשט ווען ער האָט אויס־געגעבן זיין צווילינג — אַ ייִנגל און אַ מיידל — האָט ער מיט זיין פרוי באַ־

שלאסן: „,נא מאר!׳ נישט מער! גענוג! דא קאן מען שוין נישט אויס־האלטן״...

נאר איידער וואס־און־ווען, זענען זיי געוואר געווארן, אז די יוניאן, צו וועלכער ער געהערט, האט אפגעקויפט די געגנט מיט די „סלאמס״ און וועט אראפרייסן אלע חרובע הייזער און וועט בויען נייע, ליכטיקע, באקוועמע הייזער פאר טויזנטער מענטשן. האבן זיי זיך ארויסגעצויגן פונעם אלטן הויז אין א צווייטער געגנט, ביז די נייע הייזער וועלן פארטיק ווערן. און ווען עס איז געקומען די צייט אויסצוקלייבן אן אפארטמענט, האט ער מיט זיין ווייב שטודירט דעם „בלו־פרינט״, דעם פלאן פון די וואוינונגען, ביז ס׳איז געקומען צו אן אפארטמענט מיט א טעראסע, — האט ער געגעבן א שטעל־אוועק זיין וויוז־פינגער און געזאגט צו זיין ווייב:

„עטל, אט־א־דא וועלן מיר וואוינען״.

עטל האט דערווידערט: „אין צענטער פון ניו־יארק א באלקאן? ! א באלקאן וועט דא זיין א זאמלער פון רויך, פון שטויב, און ווינטער — פון שניי. איך בין נישט ביי די כוחות דאס אלץ אפצורייניקן. און פארשטיי, אז א באלקאן נוצט מען בלויז זומער, אבער צאלן צאלט מען א גאנץ יאר״.

„מיט א באלקאן וויל איך מיר זאלן וואוינען, עטל. מ׳וועט דארפן רייניקן, וועל איך רייניקן. דו ווייסט, אז איך קאן. כ׳האב אלע יארן געשטרעבט צו דעם. אין דער אלטער היים אין דער סוטערינע, — האט ער מיט א נידעריקן טאן פארגעזעצט זיינע רייד, ווי א סוד, וואס זי האט אים איצט געצוואונגען צו אנטפלעקן פאר איר, — די ווענט זענען דארטן געווען פייכט. דורך דעם פענצטערל, וואס איז געווען ביי דער סאמע ערד, פלעג איך זען בלויז די טריט פון מענטשן... רעב שמחהלע מיט זיין געזינדל איז זיך געזעסן ברייט אויף זיין באלקאן, געטרונקען טיי און אראפגעקוקט אויפן שטעטל. איך האב ארויפגעקוקט און מקנא־געווען... און דא, עטל, אין אמעריקע, האבן מיר זיך ווינציק אנגעפלאגט? נאר לאמיר בעסער נישט רעדן דערפון... איצט, אז די יוניאן בויט הייזער מיט באלקאנעס, שענערע ווי די גבירים האבן אמאל געהאט, וויל איך אויך זען די וועלט ארום זיך״...

געוויינלעך פירט עטל אלעמאל אוים ביי אים, כאטש ער האט א טבע זיך צו היצן, ווען זיי זענען נישט איינשטימיק וועגן עפעס. ער רעדט דאן גיך, כאפט איין ווארט פארן אנדערן, און זיינע קיילעכדיקע באקן הייבן־אן צו פלאמען, און זי — אזא רואיקע, מיט ווערטער געציילטע און גוט־געצילטע. אויב אין ציל נישט געטראפן, וועט זי שמייכלדיק שווייגן, ביז די ווערטער וועלן זיך ביי אים אויסברענען, ווי קוילן אין אן אויוון, און זי וועט לאנגזאם אים פארבייגיין, כמעט אים אנרירן מיט איר דינער פיגור, נאר אביסל

מענטשן אין מיין לעבן

ברונזלער, זי וועט זיך אבער באלד צוריקקערן און נעמען אויסגלייכן אויף אים די בינדע, וועלכע פארדרייט זיך אים אויף א זייט בשעת זיין האסטיקן רעדן. זיין פעטלעך'פנים הייבט־אן צו שמייכלען, נאר ער בייזערט זיך נאך אלץ:

„שווין, זי הייבט שוין אן מיט אירע כישוף־קונצן . . . נו, א דאגה . . . זאל מיינס אריבערגיין . . ."

אבער ביים אויסקלייבן דעם אפארטמענט האט ער געזאגט: „הער זיך איין, עטל, עס וועלן דיר גארנישט העלפן דיינע כישוף־טריקס; נישט דיין אויסגלייכן מיין ,טאי', נישט דיין פיקסן דאס טיכעלע אין מיין אויבערשטן קעשענקעלע, און נאך דארטן אזעלכע זאכן . . . ווייל איצט בין איך אזוי נאענט, מיט דער האנט צו דערגרייכן מיין אלטן טרוים — א באלקאן"

זי איז געבליבן עטוואס אנגעבויגן איבערן געצייכנטן פלאן פון די הייזער, אירע גרויסע, שווארצע אויגן — פול מיט חידוש, ווי זי וואלט דער־הערט א קול פון ערגעץ־וויים, וואס האט זי שטארק איבערראשט און זי האט ווי אן עכא צוריק געענטפערט: „מיין אלטן טרוים", „טרוים" . . .

אזא ווארט, דאכט זיך, האט זי נאך קיינמאל נישט געהערט פון איר מאן. עס האט זיך איר שטענדיק אויסגעוויזן, אז ער ווייסט נישט פון די פריידן און ליידן, וואס טרוימען ברענגען . . . ער איז קיינמאל נישט פאר־בלענדט געווארן פון די צויבער־קאלירן פון א טרוים . . . זיין פריילעכע נא־טור, — האט זי אלעמאל געטראכט, — דערלאזט נישט קיין טרוימען, און קיין חלומות . . . וועגן חלומות האט ער שטענדיק געשפאסט: „איך שלאף שנעל, און די נאכט איז צו־קורץ איך זאל האבן צייט צו חלומען" . . . איצט איז איר געקומען אויפן געדאנק, אז אויך זיינע טעג זענען געלאפן שנעל, איבערגעלאדענע מיט ארבעט און אלערליי דאגות . . . איצט: די קינדער אויסגעגעבן, דאס לעבן אביסל לייכטער, האט ער איר פארטרויט א סוד . . . „מיט דער האנט צו דערגרייכן מיין אלטן טרוים" . . .

„נו, וואס זאגסטו, עטל? — האט ער איר איבערגעשלאגן אירע מחשבות. זי האט לאנגזאם אויפגעהויבן דעם קאפ, געקוקט אויף אים, ווי זי וואלט אים נאך קיינמאל אזוי נישט געזען און געזאגט: „לאמיך דיר פיקסן דיין טאי" — און פארריכטנדיק זיין שטענדיק־פארדרייטע בינדע, האט זי געענטפערט אויף זיין פראגע: „וואס זאג איך, ווילסטו וויסן? יא, איך וועל דיר העלפן דער־גרייכן דיין אלטן טרוים".

און מיסטער לינדער האט זיך געפרייט מיט זיין „דערגרייכטן טרוים". באטש זיין נייע וואוינונג איז געווען איינגעארדנט באקוועם און מיט גוטן געשמאק, האט אים אבער געצויגן צום באלקאן. דא דערזעט ער די וועלט, ווי

ווייט זיין בליק קאָן גרייכן. און ער פילט מיט זיין גאַנצן וועזן, אַז די וועלט זעט אים אויך. און ער דערציילט דער וועלט: „פון דער סוטערינע אין מיין אַלטער היים, ביזן באַלקאָן אויפן אכצנטן גאָרן אין ניו־יאָרק איז אַ ווייטער מהלך געווען" . . .

ער וואָלט דאָס גערן געוואָלט זאָגן דעם שכן אויפן צווייטן באַלקאָן, וואָס איז אַלעמאָל אָנגעטאָן אַזוי לייכט און פריש, וואָס לייענט און שרייבט עפּעס אַריין אין פּאַפּירן. און זיין ווייב קומט אַלע ווײַלע אַרויס, גייט לאַנגזאַם מיט איר שיין־אויסגערונדיקטן קערפּער און שטאָלצן, נעט־פּאַרקאַממטן קאָפּ, שטעלט אַוועק אויפן טישל אַ נאַש צו דערכאַפּן דאָס האַרץ, און כאַפּט אַ בליק אין זיינע פּאַפּירן. עס ווילט זיך אים זייער שטאַרק אַריבערעדן צום שכן, נאָר זיין עטל האָט אים פּאַרזאָגט: „טו עס נישט! עס איז נישט דער אַמאָליקער דאָון־טאַון, וואו מען פלעגט אַריבערשרייען פון איין פענצטער צום אַנדערן אַריבער דער גאַס". אפשר איז זי גערעכט. נאָר ווען ער זאָל רעדן צו אים, וואָלט ער שוין אין איין וועגס אַ פּרעג־געטאָן, צי ער איז טאַקע אַ שרייבער, און אויב יאָ, האָט ער פאַר אים זייער גוטע זאַכן צו באַשרייבן . . . נאָר אַז עטל זאָגט, עס איז נישט שיין אַריבערצורעדן, וועט ער מוזן געפינען אַן אַנ־דער וועג.

צו באַקענען זיך מיט מענטשן קומט אים נישט אָן שווער. ער זאָגט אויף זיך: „אַז איך וויל עפּעס זאָגן — זאָג איך". כאָטש פאַר זיין „זאָגן" און פאַר זיין „פרעגן" האָט ער שוין נישט איינמאָל געכאַפּט אַ שנעל אין דער נאָז . . . נאָר ער האָט זיך געטרייסט: „נישט פון אַלעמען . . ." אויך מיט זיין „גלויבן וואָס מען זאָגט אים", איז ער שוין נישט איינמאָל אַריינגעפאַלן, דאָך גלויבט ער ווייטער, ווייל ער גלויבט נישט, אַז אַנדערע מענטשן זאָלן זיין אַנדערש פון אים, ווי ער זאָגט אויף זיך אַליין: „אַן אָפענער איין־און־דרייסיק" . . .

פונדעסטוועגן האָט ער מיט זיין גאַנצער דרייסטקייט און אָפנהאַרציקייט אָפּט זיך איבערגעלייגט אין געדאַנק, מיט וואָס פאַר אַן אויסרייד ער זאָל אָנ־קלאַפּן ביים שרייבער אין טיר. זאָל ער אים פרעגן: „איר זענט טאַקע אַ שרייבער?" אָדער זאָל ער אָנהייבן: „מען זאָגט . . . און מיין באַקאַנטער מיסטער מילער, וואָס וואוינט אויפן ערשטן גאָרן . . . איר האָט אים אוודאי געזען אַרויסקוקן פון פענצטער, מיט אַזאַ אומעטיק פּנים, ער קאָן מיט איין בליק אויף אַ מענטשן, באַלד דערקענען ביי וואָס דער מענטש אַרבעט. — אויך ער זאָגט, אַז איר זענט אַ שרייבער. און ער ווייסט, וואָס ער רעדט" . . . און אפשר זאָל ער זיך האַלטן אַן עצה מיט זיין פרוי? נאָר וועגן דעם האָט ער זיך געפילט אומבאַקוועם: זי וועט זיכער מיינען, אַז ער איז נישט מיט אַלע־

מענטשן אין מיין לעבן

מען און זי וועט זיך וואונדערן: „וואס האט דיך אזוי גענומען ציען צו א שרייבער?" זי וועט שוין נישט אפלאזן:

— וועגן וואס, אדער אפשר וועגן וועמען, ווילסטו, ער זאל דיר שרייבן?

— וועגן אויגן . . .

— וועמענס אויגן?

— וועגן מיין חבריל עליעס אויגן און וועגן דאינאס אויגן.

— וואס עפעס האסטו זיך פלוצים דערמאנט אין זייערע אויגן?

— נישט פלוצים. זיי גייען מיר נאך דאס גאנצע לעבן. אפילו אהער אויפן אכצנטן גארן גרייכן זיי מיך . . . וואונדערסטו זיך אויף מיר? . . . איך בין טאקע א פריילעכער, נאר אין הארצן איז דא א באזונדער ווינקעלע . . . דארטן האבן זיך א סך זאכן באזעצט און לאזט נישט צורו.

— פילסט אלרייט? — האט ער דערהערט עטלס שטים. ער האט זיך אומגעקוקט. זי איז געשטאנען אנגעשפארט אין לייסטל פון דער פארמאכטער טיר הינטער זיך. ער האט א טראכט-געטאן: „זאל איך האבן געטראכט אויפן קול?" נאר געענטפערט האט ער:

— איך האלט אין וואונדערן זיך אויף דער שיינער וועלט, וואס מען זעט דא ארום . . .

עטל האט פארשעריש א בליק-געטאן אויף אים, און שוין צום וויפלסטן מאל איז איר געקומען דער זעלבער געדאנק: „גאר א נייער מענטש, זינט ער האט דערגרייכט זיין טרוים — א באלקאן . . . קיינמאל פריער, דאכט זיך, נישט געהערט פון אים אזעלכע ווערטער, ווי: 'וואונדערן זיך אויף א שיינער וועלט'. . ."

א ווײַלע איז עטל געזעסן שווייגנדיק לעבן אים. די זון האט שוין געהאלטן אין פארגיין הינטער די הויכע מויערן, ווי צויבער־בערג, וואס מענטשן האבן אויסגעפורעמט. די רויט־ציגלנע ווענט פון די נייע הייזער ארום מיט זייערע ברייטע פענצטער זענען געווען איינגעטונקען אין די לעצטע שקיעה־פלאמען. אין די „טאלן" צווישן די „צויבער־בערג" איז אנגעגאנגען א געמיטלעכער שפיל פון ליכט און שאטן. עטל האט ארויפגעלייגט איר האנט אויף זיין האלב־אנטבלויזטן ארעם און דאס ערשטע מאל זיך מודה־געווען: „דעיוו, דיין דערגרייכטער טרוים, א באלקאן, איז טאקע ווערט א פארמעגן! גאר־נישט אפצושאצן!"

זיינע געדאנקען זענען געווען פארנומען מיט עפעס אנדערש. אנשטאט ענטפערן האט ער זי גאר געפרעגט:

— געדענקסט אונדזער אמאליקע שכנימס מיידעלע דאינא?

— יא, וואס איז דען?

— אַזוי . . .

— אַ, דער טעלעפאָן ! — האָט זי אויסגערופן און שנעל אַריין אין הויז.

לינדער האָט דערווייל ווייטער געוועבט זיינע מחשבות . . . אַ שרייבער איז מסתמא, ווי אַלע אַנדערע מענטשן . . . די טיר עפנט זיך פאַר אים און דער שרייבער בעט אים : „קומט אַריין !" „איך בין געקומען צו אייך" . . . „אַ, מיר וועלן נאָך צייט האָבן צו רעדן דערפון. זעצט זיך. אַ טרונק ? אַ נאַש ! נו, נעמט אַ גוטן ציגאַר". „אַ ציגאַר, יאָ . . . איך וועל נישט וועלן קיין פעני געלט. וואָס איר וועט מאַכן פון די געשיכטעס, וואָס איך גיב אייך צו באַשרייבן. אויך וועט מיך נישט אַרן, אַז איר וועט מיין נאָמען דאָרטן נישט דערמאָנען. מיר גייט נישט אין קיין כבוד און אין קיין געלט. מיר גייט נאָר אין דעם, אַז מענטשן זאָלן וויסן, וואָס עס קומט־פאָר אין זייטיקע ווינקלען פון געוויינלעכן מענטשנס לעבן . . . איך וועל אייך נישט דערציילן פון מיין לעבן, ווייל עס וועט פאַרנעמען צופיל צייט, און איר וואָלט געקאָנט אַזעלכע־אַ דיקע ביכער אָנשרייבן . . . די מעשה איז וועגן אַ שטיקל ברויט און מיין חבר עליע . . . נישט געווען וואָס צו עסן ביי אונדז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיין מאַמע איז אַוועק אין מאַרק אַריין, און איבערגעלאָזט פאַר מיר אַ שטיקל ברויט אויפן טיש. מיין חבר עליע האָט דאָס דערזען. ער איז געווען זיבן און איך — אַכט. זיין טאַטע איז געווען אין קריג, און מיינער — אויף יענער וועלט . . . שפּעטער מיט יאָרן, נאָכדעם ווי דאָס וואָס איך וועל אייך דערציילן, האָט פּאַסירט, האָב איך די גאַנצע סצענע דערזען אַזוי : דאָס שטיקל ברויט האָט, זעט אויס, ווי אַ מאַגנעט געגעבן אַ צי זיין דאַר קערפּערל צו זיך, נאָר זיינע פיס האָבן לאַנגזאַם זיך געשאַרט, איך זאָל נישט באַמערקן, ביז ער איז געבליבן שטיין, געקוקט מיט הונגעריקע, גרויסע, טרויעריקע אויגן צום שטיקל ברויט. האָב איך געגעבן אַ געשריי : ניטע ! ער האָט מורא געהאַט פאַר מיר, ווייל איך בין געווען שטאַרקער פון אים, און דערצו אַ שלעגער, האָט ער זיך פאַרענטפערט : „איך האָב נאָר אָפּגעיאָגט די פליגן פון ברויט". איך האָב געגעסן, און ער האָט די אויגן נישט אַראָפּגענומען פון מיר. אין יענע קינדערשע יאָרן האָט מיך די גאַנצע סצענע נישט געאַרט. נאָר שפּעטער, ווי נאָר איך האָב זיך צוגערירט צו ברויט, האָב איך דערזען מיין חברס איבערגעשראָקענע הונגעריקע אויגן. און אַזוי ביז היינטיקן טאָג . . . הלוואי וואָלט ער בעסער דעמאָלט געווען זיין אַ שלעגער און אַוועקגענומען מיין שטיקל ברויט... איר ווייסט, וואָס דאָס מיינט, צו זען, ווי עס קוקן אויף אייך הונגעריקע אויגן פון אַ קינד ?"

אַז אייגענעם וויסן האָט לינדער זיך אויסגעגלייכט אויפן שטול. ער האָט אויפסניי פאַררויכערט דעם אויסגעלאָשענעם ציגאַר . . . אין די פענצטער

מענטשן אין מיין לעבן

פון הייזער איז געוואָרן ליכטיק. דער אוונטיקער הימל איז געווען דאָ־און־דאָרטן באַלויכטן פון מיליאָנען עלעקטרישע ליכט פון דער שטאָט ניו־יאָרק. נאָר פון אומעטום קוקן אויף אים זיין חבר עליעס גרויסע אומעטיקע אויגן. דער אומעט פון זיינע אויגן גיסן זיך איבער אין דאַינאַס בלויע אויגן, און לעשן דאָרטן אויס איר קינדערשע פריילעכקייט . . . אָט־אָ־דאָ, וואו עס זענען געווען די „סלאַמס" און היינט שטייען דאָ די נייע הייזער, האָט זי געוואוינט מיט אירע עלטערן. אין אירע אויגן איז אויך געווען אַ גרויסער הונגער — אַ הונגער נאָך פריינט, וועלכע האָבן זי פּלוצים פאַרשטויסן, אויס־געשלאָסן פון אַלע קינדערשע שפּילערייען.

— איך רעד צו־שנעל? אַנטשולדיקט מיר. אַזאַ טבע ביי מיר. איך כאַפּ איינס אין אַנדערן . . . איך האָב שטענדיק מורא, אַז עפּעס וועט אַנטלויפן פון מיינע געדאַנקען, וואָס איך וויל אַרויסברענגען . . . יאָ, וועגן דעם מיידעלע דאַינאַ: זי איז געווען אין איין עלטער מיט מיין צווילינג, זיבן, צי אַכט יאָר... פרעג איך מיין בעריז:

— פאַרוואָס שפּילט איר זיך נישט מיטן מיידעלע דאַינאַ?

— ווייל קיינער, — זאָגט ער, — האָט זי מער נישט ליב.

— איך האָב זי ליב! — האָט אויסגערופן ברענדי, די אַנדערע פון צווי־לינג.

— איז פאַרוואָס שפּילסטו זיך נישט מיט איר?

— אויב איך וועל זיך שפּילן מיט איר, וועלן די אַנדערע קינדער נישט שפּילן זיך מיט מיר . . .

„טראַכט איך שוין, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק . . . איר ווייסט דאָך, אַז גאַנץ־פרי גיי איך אוועק צו דער אַרבעט און קום צוריק אין אָוונט. ווייס איך דאָך נישט, וואָס עס קומט־פאָר אין הויף צווישן די שכנים פרעג איך מיין עטלען, רופט זי מיך אוועק אין צווייטן צימער, פאַרמאַכט די טיר און רעדט שטיל:

— דאַינאַס פאָטער האָט מען אָפּגעזאָגט פון זיין אַרבעט. ער האָט געאַר־בעט אַלס מעכאַניקער ביי שיפן . . . ווייס דאָך, אין וואָס פאַר אַ צייט מיר לעבן . . . מען האָט געזוכט און געפונען, אַז עפּעס איז „נישט־כשר" . . . נישט אַזוי ער, ווי זיין טאַטע, וואָס איז אַמאָל געווען אין אַ סטרייק. מען האָט אים צעשלאָגן אויף דער פּיקעט־ליין. זיי האָבן די „פּיקטשע" פון דער סצענע. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ: שכנים רעדן, אַז ווען דער סטרייק האָט זיך פאַר־צויגן, זענען געקומען די פרויען פון די סטרייקערס העלפן פּיקעטן. די פרויען, וועלכע האָבן געהאַט קליינע קינדער, האָבן זיי געפירט אין די „קערידזשעס".

האבן זיי אויך די „פיקטשע“. ווי די מאמע פירט דאינאס פאטער אין קינדער־וועגעלע. דאס איז אויך „נישט־כשר“ . . .

— נישט כשר ? ! עס איז דאך געזעצלעך ! וואס שווייגן מיר אלע ? !

— שא ! — ווארנט מיך מיינע און זאגט גאר שטיל : — ווייל מען האט מורא. אלע שכנים צארענען אויף דער אומגערעכטיקייט, וואס מען האט אפ־געטאן דאינאס פאטער. מען בייסט די ליפן און מען שווייגט. שכנים ווילן נישט רעדן צווישן זיך וועגן דעם. און אז מען רעדט, איז מיט האלבע מיילער, ווייל מען ווייסט נישט היינטיקע צייטן ווער איז ווער . . . מען מיידט־אויס דאינאס טאטע־מאמע, ווייל רעדן צו זיי, קאן מען אליין ווערן „נישט־כשר“... די שרעק האט זיך איבערגעטראגן צו די קינדער. קינדער ווייסן נישט קיין חכמות, און באלד איז דאס ליבע מיידעלע דאינא געווארן ביי זיי, ווי א נישט־גוטס . . .

— עס קאן זיין, אז איר וועט נישט וועלן באשרייבן די אלע זאכן, כאטש היינט איז שוין די צייט א בעסערע . . . בעט איך אייך באשרייבן בלויז די אויגן. איר קאנט זיך פארשטעלן אליין אויגן פון א קינד, וואס שטייט אין א זייט, זעט ווי אלע קינדער שפילן זיך, צי שפרינגען איבער א שטריק און ציילן, אדער רעדן צום גראם, רעכענען שטעט און לענדער פון דער וועלט, און זי ציילט אויך, נאר שטיל — זיי זאלן נישט הערן . . . זי שטייט און וואַרט מיט אירע ליכטיקע בלויע אויגן און פארגליווערטן שמייכל אויף איר פנימל, אפשר וועלן אירע פריערדיקע פריינט בעסער ווערן און ארייננעמען זי אין דער שפיל . . . נאר ווען אירע אויגן פילן זיך אז מיטן הונגער נאך פריינט, ווערן זיי פארטונקלט פון טרויער. לויפט זי צו דער מאמען אין הויז אריין, נאר לאנג קאן זי זיך דארטן נישט אויפהאלטן, און ווען זי קומט ארויס, שיינען ווידער אירע אויגן, נאר דאס פנימל איז פארשמירט פון אויסגעווישטע טרערן . . . זונטיקס פלעג איך גיין שפאצירן מיט מיין צווילינג. איך קום־ארויס אין הויף — דאינא שפילט זיך אליין. איך ווארט, מיינע קינדער זאלן זי איינלאדן, ווי אלעמאל, מיטצוגיין, נאר זיי שווייגן. זי האט אויפגעהערט זיך שפילן און גע־קוקט אויף אונדז, און קיין ווארט נישט ארויסגערעדט, ביז זי האט שוין מער נישט געקענט שווייגן און ריזיקירט :

— מיסטער לינדער, מעג איך מיטגיין מיט אייך ? . . . — מיין צווילינג האט מיך א צי־געטאן ביי די הענט פון ביידע זייטן און אראפגעלאזט די אויגן . . . האב איך איר שוין געזאגט, אז איך בין ארויסגעקומען זאגן איר „האלא“. און מיר זענען אריין צוריק אין הויז אריין . . . ווען נישט מיין עטל, וואלט איך דעם צווילינג געוועז נגעגעבן, אז זיי זאלן האבן צו געדענקען דאס גאנצע לעבן, פאר אזא אויפפירונג. נאר דא איז נאך עפעס געשען : איך האב

מענטשן אין מיין לעבן

דערזען מיין חבר׳ל עליעס הונגעריקע אויגן, וועלכע האבן מיך דערמאנט: "דו ביסט דען געוועזן בעסער?" . . .

— אויב איר האט געדולד נאך עפעס צו פארשרייבן, וועל איך אייך דער־ציילן נאך עפעס: אויף קאלירן פון אויגן בין איך, אזוי צו זאגן, געוועזן בלינד. עס איז מיר נישט אנגעגאנגען, צי אויגן זענען שווארצע, ברוינע, גרינע, גרויע, בלויע, — וואס מיר איז אנגעגאנגען, איז ווי זיי קוקן. איך האב אויסגעפונען, אז ווען ס׳איז גוט אויפן הארצן, זענען די אויגן שיין . . . ווען איך האב זיך באקענט מיט מיין עטלען, האב איך נישט געקוקט אויפן קאליר פון אירע אויגן, איך האב אבער געוואוסט, אז אירע אויגן רעדן, זיי רעדן גלייך צו מיר אין הארץ אריין . . . און איצט ווייס איך שוין אויך פון טרוקענע אויגן. דאס זענען מיין שוועסטערס אויגן: זיי וויינען נישט מער אויף איר זון, וואס איז אומ־געקומען אין איינער פון די "קליינע מלחמות", וועלכע גייען־אן ערגעץ־ווייט אין דער וועלט. זי קאן שוין קיין טרערן נישט ארויסברענגען, נאר אין אירע טרוקענע אויגן זע איך, אז איר הארץ איז פארגאסן מיט טרערן . . . א סך מענטשן מיינען, אז מיר גייט אלץ אזן ביזן קנעפל, ווייל איך בין א פרייליע־כער, א געזונטער, איך רעד נישט קיין הויכע רייד, מאך אלץ אוועק מיט דער האנט. דאס איז אזא נאטור ביי מיר, נאר טיף אין הארצן ברענען די אלע בליקן פון הונגעריקע, עלנטע און באליידיקטע אויגן . . . יא, איידער איך גיי אהיים, מוז איך אייך זאגן, אז איך בין גליקלעך, וואס איך האב אין מיין נייער וואוינונג געקראגן א שכן, א שרייבער, וואס וועט דערציילן פאר דער וועלט, וואס עס קומט־פאר אויף די ענגע וועגן פון געוויינלעכע מענטשנס לעבנס . . .

ער האט זיך אויפגעכאפט, ווי פון איבערגעשלאגענע חלומות, ווען זיין פרוי איז צוריק ארויסגעקומען אויפן באלקאן און געזאגט:

— דעיוו, ווייסט ווער עס האט גערופן אויפן טעלעפאן? די שכנים פון דעם אנדערן באלקאן. זיי ווילן זיך באקענען מיט אונדז.

— דער שרייבער?

— ווער האט דיר געזאגט, אז ער איז א שרייבער? ער איז אן אינשור־רענס־אגענט.

לינדער האט שוין נישט געהערט, וואס די פרוי האט אים געענטפערט. ער האט בלויז געוואוסט, אז די אלע בליקן פון ביטערן הונגער, וועלכע זענען אים נאכגעגאנגען דאס גאנצע לעבן און אים געגרייכט אויך אהער אויפן באל־קאן אין דער פרידלעכער לבנה־נאכט, וועלן נישט פארלוירן גיין . . . די וועלט וועט דערזען די הונגעריקע אויגן . . .

„אוי, אַ נאַכט אַ שיינע"...

„אוי, אַ נאַכט אַ שיינע,
די נאַכט איז געווען אַזוי שיין,
אויף אַ בענקעלע זענען מיר געזעסן,
די לבנה האָט גענומען פאַרגיין . . . "

בײַ די דאָזיקע נאַכט, ווען די שילער פון מיטלשול האָבן אויף זייער יערלעכן קאָנצערט באַדאַרפט צו זינגען אויך דאָס פאָלקס־ליד, „אוי, אַ נאַכט אַ שיינע", איז גראָד נישט געווען אַזוי שיין. כאָטש ס'איז שוין געווען פורים־צייט, אָנהייב פרילינג, אויף ביימער האָבן שוין אָנגעהויבן שפּראָצן קנאָספּן, גראָזן האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויס־שטעקן גרינע קעפּלעך פון דער שוואַרצער ערד, דאָך האָט זיך אין דעם שבת־צו־נאַכטס פון קאָנצערט אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטאָט ניו־יאָרק אַ פראָסטי־קע קעלט מיט שווערע וואָלקנס, וועלכע האָבן זעלטן ווען דורכגעלאָזט די שיין פון דער לבנה. אָבער אינעם געמיט פון די שילער, וועלכע האָבן היינט געהאַט די לעצטע רעפּעטיציע פאַרן קאָנצערט, האָט זיך פאָרט געזונגען: „אוי, אַ נאַכט אַ שיינע" . . .

זיי, די שילער, וועלכע דאַרפן היינט אויסשפּילן אויך דעם נס־פורים, זיי האַלטן זיך שוין פאַר יונגע בחורים, און אין זייערע הערצער גייט שוין אויף אַזאַ מאָדנע־זיסער געפיל צו זייערע מיטשפּילערינס, די מיידלעך. און די מיידלעך, זיי האַלטן זיך שוין פאַר אָט־אָ באַלד כלה־מיידלעך. דערפאַר האָבן זיי אַלע באַשטימט איינשטימיק, אַז באַלד נאָכן קאָנצערט וועלן זיי זיך לאָזן וואוילגיין אין אַן אייזקרים־פּאַרלאָר מיט „באַנאַנאַ־ספּליט" מיט אַ „מילק־שעיק" אָדער מיט אַן „אייזקרים מאָלטעד" . . .

דעבים מאַמע האָט פּרובירט אָפּווענדן איר טעכטערל, וועלכע דאַרף היינט שפּילן די ראָל פון אסתר המלכה, אַז זי זאָל נאָכן קאָנצערט אין ערגעץ נישט גיין. זי האָט איינגעטענהט מיט איר: „טעכטערל, אינדרויסן איז אַ ביי־טערע קעלט, און פון קאָנצערט וועסטו אַרויסקומען אַ צעוואַרעמטע, וועסט זיך נאָר צוקילן און סיי־ווי ביזטו נאָך צו־יונג אויפצוזיין שפּעט בײַנאַכט".

מענטשן אין מיין לעבן

דעבים ברוינע אויגן האָבן זיך אָנגעפּילט מיט יוגנטלעכן רעוואָלט קעגן דער מאַמעס שטענדיקן וואָרענען זי: „וועסט זיך נאָך צוקילן!" „זאָלסט נישט אָהיימקומען שפּעט!" „דאַרפסט מאַכן דיין היים־אַרבעט פאַר סקול!" — אויך איצט וואָרנט זי . . . צי האָט זי פאַרגעסן, אַז היינט שפּילט זי די ראָל פון אסתר המלכה? און דער פעטער מרדכי, פאַר וועמען זי וועט זיך היינט אויס־ריידן איר שווער האַרץ אויף דעם נאַרישן קעניג אחשורוש, אָט־דער פעטער מרדכי, וועלכער וואַקסט שטענדיק אויס לעבן איר, וואו נאָר זי גייט און וואו נאָר זי שטייט, — מיט אים וועט זי היינט גיין אין „אייזקרים פּאַרלאָר" און ער וועט זי אָפּפירן אַהיים, אַזוי ווי אָפּגערעדט . . . דערפאַר האָט זי מיט אַ מער זיכערן טאָן ווי שטענדיק געלאָזט וויסן דער מאַמען: „מאַ, איך וועל דאַרטן נישט זיין אַליין, עס וועט דאָרטן זיין אחשורוש, דאָס איז מויש — קענסט אים. עס וועלן דאָרטן זיין עטלעכע מיידלעך, וואָס שפּילן זיינע ווייבער. עס וועט זיין המן, דאָס איז דזשערי, און זיין זון — ווי הייסט ער דאָרטן? — יאַ, ויזתא, דאָס איז מענדי. און מיין פעטער מרדכי, דאָס איז דעני, — אים קאָנסטו אויך. ער איז שוין געווען ביי אונדז אין הויז. און איך בין שוין נישט מער אַ „טעכטערל"!

דעבים טאַטע, אַ פעסט־געבויטער מענטש מיט אַ גוטמוטיקן בלאָנדן אויסזען און גרוי־ווערנדיקע האָר, האָט בשעת בינדן זיין קראַוואַט פאַרן שפּיגל, געלאַכט אין זיך אַריין פון הנאה, וואָס זיין טעכטערל רייסט זיך מיט אַזאַ אימפּעט צו ווערן אַ טאָכטער. און אַנשטאָט מישן זיך צווישן מאַמע און טאָכ־טער, האָט ער אַריינגעזונגען אַזוי זיך אין שפּיגל אַריין: „איך בין דאָך שוין אַ מיידל אין די יאָרן" . . .

די טאָכטער, וואָס האָט געהאַלטן אין גרייטן זיך צום קאָנצערט, האָט געכאַפּט דעם מיין פון טאַטנס געזאַנג. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים אינ־מיטן פון קעמען אירע האַניק־ברוינע האָר און אַ צופרידענע, וואָס זיין געזאַנג האָט אַרויסגערופן אַ שמייכל אויף דער מאַמעס פּנים, וואָס דאָס איז אַ סימן, אַז די מאַמע וועט איר שוין נאָכגעבן, האָט זי געזאָגט: „אויך דו מיינסט אַז כ'בין נאָך אַ בעיבי וואָס מען דאַרף ביים הענטל אַריבערפירן די גאַס!"

— שוירלי, — האָט דער טאַטע געווענדט זיך צו דער מאַמען, — זיי נישט קיין אַלטמאָדישע מאַמע! זעסט דאָך, אַז דיין „טעכטערל" איז שוין באַלד אַזוי גרויס ווי דו. אַ טאָכטער, אַ יונגע לעידי פון פופצן יאָר . . .

— ווייט אַריבער די פופצן! — האָט דעבי זיך אַריינגעמישט. — פופצן מיט פינף מאָנאַטן, שוין באַלד זעכצן יאָר! — זי האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ גליקלעכן טאָן, אַז טאַטע־מאַמע האָבן זיך איבערגעקוקט מיט באַהאַלטענעם שמייכל, וואָס האָט באַדייט: „ווי זי שטופּט דאָס די צייט פאַרויס, גלייך ווי

אויף יענער זייט זעכצן יאָר וואָלט געוואָרט אויף איר דער וואונדערלעכסטער פון אַלע חלומות".

מיט אַט־דעם איינגעהאַלטענעם שמייכל האָט די מאַמע זיך דערנענטערט צום טאַטן, ער זאָל איר העלפן פאַרהעקלען דעם פּערל־שנור אויף איר האַלדז, וואָס זי האָט צוגעפּאַסט צום קאָליר פון די אויר־רינגלעך און דעם נייעם קלייד, אין וועלכן זי האָט זיך יום־טובדיק אויסגעפּוצט צום קאָנצערט. און בשעת דער מאַן האָט זיך געפּאָרעט ביים פאַרמאַכן דעם שלאָס פונעם צירונג־שנור אויף איר האַלדז, האָט זי מיט דער האַנט אַ לייכטן פיר געטאָן איבער אירע טונקל־ברוינע האָר, ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרדעקן די עטלעכע גרויע האָר, וועלכע האָבן ווי איבער נאַכט זיך באַוויזן, און מיט אַן עטוואָס באַדויערנדיקן טאָן שטיל געזאָגט, ווי צו זיך אַליין: „יאָרן לויפן" . . .

די טאָכטער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די מאַמע האָט דאָ אינ־מיטן גרייטן זיך צום קאָנצערט עפּעס־וואָס ווי באַדויערט, האָט זי זי גע־טרייסט: „די צייט וועט אָוועקפליען, ווי אין אַן אויגנבליק; באַלד קומט דער זומער, אויס מיט גיין אין סקול, אויס מיט גיין אין שול, ווידער וועט זיך אָנ־הייבן דאָס לעבן אין קעמפּלאַנד און דאָרטן, אין קעמפּ, גייט די צייט זייער גיך, צו־גיך! . . . און איידער ווען זיך אַרומקוקן — בין איך שוין זעכצן יאָר אַלט" . . .

בלויז דער פאַרגאַנגענער זומער איז פאַר דעבין שנעל פאַרבייגעפלויגן און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל זינט זי פאָרט אין קעמפּלאַנד. און פאַרן פאָרט זי אַהין פון זינט זי געדענקט זיך. אין אָנהייב — בלויז אויף עטלעכע וואָכן, האָט זי זיי אָפּגעבענקט פון זונטיק ביז זונטיק, ווען טאַטע־מאַמע זע־נען געקומען צו איר פון שטאָט. זי האָט קיינמאָל פריער נישט געזען אַזוי שיין די ביימער אין קעמפּלאַנד, און אויך נישט דעם זילבער־לויטערן לעיק, וואוהין די „קאָנסלערס" פלעגן נעמען די קינדער צום שווימען, און קיינמאָל פריער האָט זי, דאַכט זיך, נישט באַמערקט דעניז ביים קעמפּ־פייער. און טאַקע מיט דעניז האָט זי פאַראיאָרן דאָס ערשטע מאָל אויף אַ שבת־צו־נאַכטיקן קאָנ־צערט פון יוגנט־כאָר אויסגעזונגען: „אוי, אַ נאַכט אַ שיינע" . . .

און יענע נאַכט איז טאַקע געווען זייער אַ שיינע: אַ זיסער ריח האָט זיך געשפּרייט פון די נאָדל־ביימער, צווישן וועלכע ס'איז געשטאַנען דער קאָנצערט־זאַל, פון וואַנען זי, דעבי און דעני, זענען נאָר־וואָס אַרויסגעקומען. מענטשן־רעדלעך זענען געשטאַנען, גערעדט, געלאַכט, געזונגען און נישט גע־וואָלט געזעגענען זיך מיט דער זומערדיקער נאַכט. דעבי און דעני האָבן זיך אויך נישט געוואָלט שיידן; זענען זיי אַזוי, אַן ווערטער, אַוועק מיט זייטיקע סטעזשקעס, ביז דער וועג האָט זיך אַ קערעווע געטאָן צום ברעג פון טייך,

און דארטן האבן זיי זיך געזעגנט: נישט „אויף בענקלעך", ווי זיי האבן היינט געזונגען אין דעם פאלקס־ליד, נאר אויף א בערגל הינטער א בוים. דער בוים איז געשטאנען אין א זייט פון אלע אנדערע ביימער, ווי ער וואלט זיך געשטרעקט צום הימל אזא באצויבערטער פון דער פולער לבנה.

זיי האבן געשוויגן. דאס געזאנג, וואס האט זיך געטראגן פון דער קאסינא, האט זיך געדאכט, קומט פון זייער ווייט, פון מענטשן מיטליאריקע און עלטערע, וועלכע זענען געקומען פארברענגען דעם סוף־וואך אויף דער פרישער לופט און זינגען דא אויס זייער בענקשאפט פון פארפלויגענע יונגע יארן, פון ווייטע לענדער, פון אויסגעשפילטע און נישט־דערשפילטע ליבעס . . . נאר זעט אויס, אז זיי איז דאס שפעט־ביינאכטיקע ווייטע געזאנג נישט אנגעגאנגען, ווייל דעני האט איבערגעריסן דאס שווייגן און געזאגט: „די לופט איז דא זייער גוט". און דעבי האט געענטפערט: „יא, זייער גוט".

ווייטער האט זיך דער געשפרעך נישט געבונדן. כאטש דעני האט זייער שטארק געוואלט וויסן און אפשר קאן זי אים געבן צו פארשטיין, פארוואס האט ער זי אין די אלע זומערן, זינט זיי פארן אין קעמפלאנד, ווי נישט באמערקט, נאר ערשט דעם זומער, ווען אויף זיין וועג צום עס־זאל האט זי זיך באוויזן פון איר באנגאלא צווישן די ביימער אין אירע „שארטס" — די קורצע הייזלעך מיטן געפאסטן גרינעם סוועטער, און אין געאייל געהאלטן אין פארנעמען די האר אויף ארויף, — ערשט דעמאלט האט ער זי דערזען און ער האט אויסגערופן: „לויף נישט, ווארט אויף מיר" . . . זי האט געווארט . . .

נאר עפעס רעדט זיך נישט. ער ווייסט נישט פון וואנען אנצוהייבן. אנשטאט ריידן, האט ער אנגעהויבן זינגען: „אוי, א נאכט א . . . " — ש־ש־ש — האט דעבי שטיל אויסגערופן, און מיט דער האנט פארשטעלנדיק זיין מויל, האט זי אים איינגערוימט א סוד אין אויער: „זע, דאכט זיך, מויש גייט דארטן".

פון צווישן די ביימער האט זיך געשפרייט א שאטן אויף דער ערד — א דינער שאטן מיט צעשויבערטע האר און לאנגע, וויגנדיקע ארעמס. „יא, זעט אויס, ווי מויש", האט דעני געזאגט מיט פארדראס, ווייל פון זינט ער האט דערזען דעבין, ווי עפעס א וואונדערלעכע אנטפלעקונג, איז אים זיין חבר מויש אין וועג . . . מויש האט אויך א צונאמען: „שארטי" — דער קורצער, צוליב זיין לאנגן און דינעם אויסזען. כאטש קיין סך העכער פון דענין איז ער נישט, נאר ווייל דעני איז ברייטפלייציק, מיט גלייכע אקסלען און א גוט־אנטוויקלטן ברוסטקאסטן, א רונד־פארמירטן קאפ און מיט א גלייכער קורצער נאז, זעט ער זיך מער אז אין דער ברייט אין פארגלייך מיטן דינעם מויש.

מויש ווייסט פון זיין צונאמען, און עס ארט אים נישט. פארקערט, ווען

מען טוט אים אַ רוף „שאַרטי”, שפּרייט זיך אַ שמייכל אויף זיין לענגלעכן און ערנסטן פּנים. מיט אַן ערנסטן טאָן דערציילט ער אַלערליי אַנעקדאָטן, שפּאַסן און וויצן — וועגן די קעמפּערס, וועגן די „קאַנסלערס” און די לערערס פון קעמפּ. די צוהערער לאַכן, נאָר נישט ער. בלויז אַ צופרידנקייט שפּרייט זיך אין די ווינקלען פון זיינע פיין־געשניטענע ליפּן. אַז דעבי לאַכט־מיט מיט אַלעמען פון זיינע וויצן, דאַכט זיך דעניז, אַז אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט גאָר אַ באַזונדער געפיל צו זיין חבר מויש. פאַרדריסט דאָס אים און ער רופט דער־פאַר זיין חבר אין גדאַנק: „פּעסט”, פאַרשלעפּטע קרענק, און — וואו מען וויל אים נישט, דאַרטן וואַקסט ער אויס . . .

דעבי און דעני האָבן זייער נישט געוואָלט, אַז „שאַרטי” זאָל זיי דאָ טרעפן, ווייל מאָרגן וואָלט מען אים שוין געזען שטיין אין אַ רעדל פון קעמ־פּערס און דערציילן מיט אַן ערנסט פּנים: „גיי איך מיר אַזוי איינער אַליין שפּעט ביינאַכט, זע איך אונטער אַ בוים זיצט זיך אַ פאַרליבט פּאָרל” . . . נאָכדעם וועלן שוין אַלע וויסן, אַז דעבי און דעני זענען אַ פּאָרל. כאָטש ביידע וואָלטן געוואָלט, אַז עס זאָל טאַקע זיין אַזוי, וואָגן זיי נישט צו רעדן וועגן דעם. ער האָט מורא אַנצוהייבן, ווייל טאָמער ענטפערט זי מיטן שרעקלעכן וואָרט „ניין”; און זי האָט מורא צו געבן אַנצוהערן, אַז זי האָט אים ליב, טאָמער זאָגט ער, אַז עס איז נאָך צופרי צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן . . . און קוים פאַרשפּרייט מויש דעם קלאַנג, אַז „יאָ”, ער האָט אַליין געזען, איז כאָטש נעם און אַנטלויף פון קעמפּ אינמיטן זומער . . .

און דער לאַנגער שאָטן רוקט זיך אַלץ פאָרויס. דעבי שרעקט זיך צו קוקן אַהין, צום שאָטן, און פון שרעק טוליעט זי זיך צו דעניזן. דאַכט זיך דעניזן, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל זיך נישט געפילט אַזוי גליקלעך, ווי איצט. און ער קאָן שווערן, אַז די שטערן אין הימל, די לבנה אין דעם שטילן טייך, און דאָס ריט־מישע פּליוסקען פון אַ וואַסער־שטראָמעלע, וואָס פליסט צווישן די בערגלעך אוןביימער, בעטן זיך ביי אים: „נעם אָרום דעבין; זי האָט מורא” . . .

— אפשר אַנטלויפן? — האָט דעני אַ מורמל געטאָן. „צו־שפּעט” — האָט דעבי געענטפערט, און געבליבן זיצן מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם, באַק־צו־באַק, און געטוליעט זיך שטאַרקער צום בוים, ווי זיי וואָלטן געוואָלט ווערן אַ טייל פון שטאַם, וועט זיי מויש נישט באַמערקן, וועט ער וועט דאָ פאַרביי־גיין . . . זיי הערן שוין דאָס שאָרן פון זיינע פיס איבער די בלעטער און גראָזן: „אַ האַ! ?”

— דעני, ער קומט? — האָט דעבי געוואָלט וויסן.

— ששש. — האָט דעני געענטפערט. און מיטאַמאָל האָט דער שאָטן

מענטשן אין מיין לעבן

געגעבן זיך א ווענד־אפּ אויף א זייט, און פארשוואונדן צווישן דיביימער אויף דעם וועג צו די באנגאלאס.

פון זינט יענער נאכט זינגט זיך אין זייערע געמיטער: „אוי, א נאכט א שיינע" . . . עס איז דאס געזאנג פון בענקשאפט צום פארגאנגענעם זומער א געזאנג פון האפענונג אויף דעם נייעם זומער צו פארברענגען אין קעמפּ־לאנד. און היינט צום קאנצערט האבן זיי פון דער בינע אויסגעזונגען אין כאר פאר א גרויסן עולם זייער פרייד, וואס עס איז פאראן אזא שיין געזאנג, ווי „אוי, א נאכט א שיינע" . . .

נאר מיטאמאל האט זיך א שווערקייט געלייגט אויף זייערע יונגע הער־צער: זי, דעבי, דארף שפּילן די ראל פון אסתר המלכה, און ער, דעני — פאר מרדכי הצדיק, איך פעטער. זיי ביידע דארפן ראטעווען פון טויט אלע יידן, וועלכע וואוינען אין הונדערט און זיבן און צוואנציק מדינות, איבער וועלכע עס קעניגט אחשורוש. און אט־דער נארישער קעניג האט זיך געלאזט איינרעדן פון דעם שונא פון יידן, המן דער רשע, אז מען זאל אלע יידן אויס־הרגענען און ווי די לערערס פון שול האבן זיי געגעבן צו פארשטיין, איז המן און היטלער איינס. און אז היטלער האט אומגעבראכט זייערע פעטערס און מומעס אויף יענער זייט ים, דאס ווייסן זיי פון זייערע טאטעס און מאמעס, און פון די שול־ביכער האבן זיי געלערנט, אז אין ווארשעווער געטא האבן קינדער געשלאגן זיך ווי די גרויסע קעגן די מערדערס, די נאצים. איז דערפאר וועלן זיי זיך היינט אפּרעכענען מיט דעם המן הרשע. זיי מוזן ראטעווען די יידן!

פונדעסטוועגן פארדריסט אביסל דעני־מרדכין אויף זיין פלימעניצע דעבי־אסתר, וואס זי טאנצט אזוי שיין פאר דעם „פעסט" מויש־אחשורוש. זי טאנצט אזוי לייכט און צוריקגעהאלטן. אט איז זי נאענט, אט ווייט. ער האט זי נאך קיינמאל פריער נישט געזען אזוי ארומשוועבן אויף דער בינע. איז וואס־זשע טראכט ער, די פארשלעפטע קרענק? מויש־אחשורוש? עס קלאפט זיין הארץ פון שרעק, טאמער געפעלט זי אים נישט, זענען אלע יידן פארשפּילט . . .

נאר ווען אחשורוש האט אסתרן געגעבן א כאפּ־אן ביי דער האנט און צוגעצויגן זי צו זיך, איז דעני גרייט געווען אראפּצוּווארפן פון זיך די בארד, מיט דעם כאלאט פון מרדכי, און געבן א געשריי: „העי, שארטי! נעם אוועק דיינע הענט פון איר!" — האט ער אבער דערפילט אזויפיל בעטנדיקע אויגן פון די מענטשן אין זאל, וועלכע האבן געמאנט ביי אים: — ראטעווע דאס פאלק! איז ער שוין געווען צופרידן, וואס פון אלע מיידלעך האט אחשורוש אויסגעקליבן אסתרן.

און ווען אסתר כאַפּט זיך אַרויס פון דעם קעניגס הויף, און רעדט זיך אויס איר ביטער האַרץ פאַר דעם פעטער מרדכי: „פעטער, איך האָב אים פיינט, דעם קעניג!" גלעט ער זי צערטלעך. היינט מעג ער, ווייל אַזוי האָט אים געהייסן דער רעזשיסער פון דער פּורים־שפּיל. און ער רעדט צו איר מיט דער חכמה פון אַ קלוגן פעטער. זיינע ווערטער און באַוועגונג שאַפן די אַט־מאָספערע, וועלכע געווינט דעם צוטרוי פונעם פּובליקום און עס העלפט איר נישט איר יונג־מיידלשער טוליען זיך צו אים און אירע אָפנהאַרציקע רייד: „פעטער, איי העיט די קינג!" יאָ, איך האָס אים, ער איז אַלט. ער איז נאַריש און ער איז נישט קיין שיינער. איך וויל נישט דעם קעניג!"

דעני־מרדכי פריידט זיך אין האַרצן פון אירע דערקלערונגען, ווייל ער האָט דערפילט אין אירע רייד, אַז דאָס מיינט זי נישט נאָר דעם קעניג אחשורוש, נאָר אויך זיין חבר מויש. אירע ווערטער רירן אים, ער הייבט אָן שפּאַנען איבער דער בינע אַ פאַרצווייפלטער. ער האָט רחמנות אויף זיין יונגער פּלימעניצע, ער וואָלט זייער נישט געוואָלט, זי זאָל אַריינפאַלן צו דעם שוטה, דעם „פול" אחשורוש, אָבער דאָס פאָלק שטייט אין קאָן, מען מוז אָפּ־ראַטעווען דאָס פאָלק, און די הערצער פון די מענטשן אין זאַל זענען ווי אויף דער וואָגשאָל: וואָס וועט דאָ מרדכי טאָן?

ער קערט זיך אום צו אסתרן. זי פאַלט אין זיינע אָרעמס מיט געוויין: „פעטער, איך וויל בעסער שטאַרבן, איידער חתונה האָבן מיטן אַלטן אידיאָט!" און ער ענטפערט איר: „דו דאַרפסט לעבן! דו דאַרפסט זיך איינשטעלן ביים קעניג פאַר דיין פאָלק, מיר מוזן ראַטעווען די יידן פון המן הרשע! גיי, מיין קינד, צוריק צו אחשורושן און וועגן דיין פאָלק" . . .

שפּעטער, ווען זיי זענען געזעסן אין „אייזקרים־פּאַרלאָר" ביי אַ טישל און געזופּט דורך אַ שטרוי די אייזקרים־סאָדע, האָט זי אַריינגעלייגט איר האַנט אין זיינער און געזאָגט: „ער איז אַ נאַר!"

— ווער? — האָט דעני געוואָלט וויסן. זי האָט אָנגעוויזן מיט אַ הייב פון אַ ברעם אויף אַ טישל, ביי וועלכן ס'איז געזעסן מויש־אחשורוש מיט עטלעכע פון אירע שול־פריינדינס, וועלכע האָבן היינט געשפּילט אַלס זיינע געליבטע און ווייבער פון האַרעם.

— ווער, מויש? — האָט דעני געוואָלט וויסן אויף זיכער.

— יאָ, האָט זי געענטפערט. איר ענטפער איז פאַר אים געווען אַזוי גוט, ווי אַ ליבע־דערקלערונג. דער „יאָ" האָט אים געהאַלטן וואַרעם אויפן וועג אַהיים, כאָטש אַ קאַלטער מערץ־ווינט האָט שטאַרק צעשויבערט זיינע זייער נעט־פאַרקאַמטע האָר. און ווען דעבי האָט געזאָגט: „לאָמיר גיין גיכער, וועסט נאָך פאַרפרוירן ווערן", האָט ער זיך געחידושט:

מענטשן אין מיין לעבן

— פארפרוירן ווערן? איך וואלט געקאנט מיין רעקל אויסטאן קעגן דעם ווינט, און עס וואלט מיר קאלט נישט געווען! . . .

— וואס וואלט דיין מאמע געזאגט?

— א, די מאמע, נאר זי האלט אין איין שרעקן זיך: „גערעדנק, וועסט זיך פארקילן!"

— אלע מאמעס זענען אזוי, — האט אים דעבי פארזיכערט . . .

און ווען דעבי איז אויף די שפיץ־פינגער אריינגעקומען אין הויז, איז געווען שטיל. און כאטש זי האט געהערט דאס רעגלמעסיקע אטעמען פון טאטע־מאמע, ווי פון א טיפן שלאף, האט זיך איר דאך אויסגעוויזן, אז זיי מאכן נאר אזא אנשטעל. זי ווייסט, אז זיי שלאפן נישט איין ביז זי קומט אהיים. זי האט ליב אלץ אויסצודערציילן פאר זיי, נאר די מאמע שלאגט אלעמאל איבער: „צייט צו גיין שלאפן".

אבער היינט מוז זי רעדן. זי האט אזויפיל גוטע זאכן צו דערציילן, און האלטן אין זיך קאן זי דאס נישט . . . „דעדי?" — האט זי שטיל געפרעגט.

— יעס, דערצייל, טעכטערל . . . כ'מיין, טאכטער, דערצייל שטיל. די מאמע שלאפט שוין. וואו ביסטו געווען נאכן קאנצערט?

— אין אייזקרים־פארלאר, פא.

— און שפעטער?

— שפאצירט אין גאס ביז אהיים.

— מיט וועמען, טעכטערל?

— מיט מרדכי־דעני.

— איז אזא כמורנער און קאלטער נאכט גייט מען ארום אזוי לאנג אין גאס?

— א, דעדי, וואס פאר א כמורנע, וואס פאר א קעלט? „די נאכט איז געווען אזוי שיין . . ."

דער טאטע האט איר נאכגעקוקט, ווי זי גייט אויף די שפיץ־פינגער צו זיך אין צימער אריין, און מיט שטילער פרייד געטראכט: זי וועט דארטן נאך שטיין לאנג פארן שפיגל, פונאנדערלאזן די האר און זינגען שטיל: „אוי, א נאכט א שיינע" . . .

אויף דער וואָגשאָל

ערשט נעכטן פרי איז אַלץ אַנדערש געווען: דער איין־און־צוואַנציקיאָריקער יודזשין — הויך, ציכטיק, מיט טונקל־געלאָקטע האָר, און פּלייצעס — געלאָדן מיט ענערגיע, גרייט צו העלפן זיין אַנטשלאָסענעם פּנים בייצוקומען שוועריקייטן אין לעבן, — האָט אַ נעם געטאָן די „קאַלעדזש״־ביכער אונטערן אָרעם, דעם צוגעגרייטן מיטיק, פאַרפּאַקט אין אַ ברוינעם פּאַפּיר־בייטל און אויסגערופן: „גוד־ביי, מאַ!״

— גייסט שוין? וואַרט אַ ווײַלע, יודזשין! — האָט די מאַמע געבעטן. זי האָט געלאָזט דאָס געשיר אינמיטן וואַשן, שנעל אָפּגעווישט די הענט און מיטן טאָן פון אַ כלומרשטער טענה געזאָגט:

— אַזוי־אַ גייט מען אַוועק?

מיט דער האַנט אויף דער קליאַמקע, איז יודזשין געשטאַנען ביי דער טיר און געוואַרט, ביז די מאַמע וועט זיך דערנעענטערן צו אים, און ווי יעדן פרימאָרגן אַרומקוקן זיך, צי ער האָט גאָרנישט פאַרגעסן און שפּעטער פאַררייסן איר האַנט צו זיין אַקסל, אַ גלעט געבן אים און זאָגן: „גוד־ביי, גיי געזונט און גיב אַכטונג אויף זיך!״

דער אַנזאָג: „גיב אַכטונג אויף זיך״, איז דער מאַמעס תפילה, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט יודזשינס ערשטע טריט... ס׳איז געווען אַ פאַרנאַכט, ווען דאָס קינד האָט קריכנדיק אויף אַלע פיר זיך אַנגעכאַפּט אין דער מאַמעס פאַרטוך, אויפגעשטעלט זיך אויף די פיסלעך און באַלד מיט אַ צעשראָקן, איבערראַשט פּנימל, שנעל, אַן אָטעם, אַוועקגעשפּאַנט צום טאַטן.

דעם טאַטנס פּנים האָט אויפגעלויכטן. מיט איינגעהאַלטענער פרייד האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע גרויסע, פאַראַרבעטע הענט אויפן קינדס צאַרטע הענטלעך, וועלכע האָבן זיך געקלאַמערט אַרום זיינע פיס, און אים באַגריסט: „פון היינט־אָן, יודזשין, ביסטו אוים שקלאַף! געווּנג געקראָכן אויף אַלע פיר! איך דערקלער פאַר דער גאַנצער וועלט, און פאַר דיין מאַמען, אַז דו ביסט אַ פרייער און שטאָלצער מענטש וואָס גייט זיין אייגענעם וועג. איז פאַר אַט דעם גרויסן אויפטו — קום צו מיר אויף די הענט!״

פון דאַן אָן איז דער שטח פאַרן באַפרייטן מענטש געוואָרן צו־קליין און פול מיט געפאַרן: אין הויז — וואַזעס, לאָמפּן, טישלעך, גלאָזוואַרג, עלעק־

מענטשן אין מיין לעבן

טרישע דראטן, און אומעטום דער מאמעס געבעט: „היט זיך! ,בי קעירפול!' גיב אכטונג אויף זיך!"

און שפעטער אויפן וועג אין סקול אריין: „קריך נישט איבער קיין פלויטן, קלעטער נישט אויף קיין בערג, היט זיך ביים אריבערגיין דעם וועג!"

איינדרויסן אין שפיל מיט קינדער, איז: „יאג זיך נישט נאכן באל! ביסט פארשוויצט, טרינק נישט קיין קאלט וואסער. ס'איז קאלט, טו זיך אן ווארעם, — גיב אכטונג אויף זיך!"

און שפעטער, ווען די מאמע האט שוין באדארפט פארדייסן דעם קאפ ארויפצוצורעדן צו אים: „נו, מילא, גייסט מיט א מיידל, איז אויך די זעלבע מעשה — גייסטו... דאס עפעלע פאלט נישט ווייט פון ביימעלע; דיין טאטע איז אפשר נישט געווען עלטער פון דיר, ווען מיר האבן זיך באקענט... יודזשין, ס'איז גוט א ליבע צו פירן... אבער קום נישט שפעט אהיים, ווייל א יינגל אין דיינע יארן דארף גיין שלאפן אין צייט... געדענק — היט דיין געזונט!"

און נעכטן פרי, אויפן וועג אין קאלעדזש אריין, האט אין זיין באאומרואיקט געמיט פון דעם באשלוס, וואס ער האט קיינעם נישט דערציילט און טראגט מיט זיך א סך מעגלעכע פאסירונגען, — האט זיך אים אויסגעוויזן, אז אין דער מאמעס געבעט „גיב אכטונג אויף זיך" איז געווען א נייער ציטער, א שטילע אנצוהערעניש: היט זיך „היינט", דו האלטסט ביים סוף פון דיין שטודירן, שטעל נישט אין קאן אונדזער לאנג־געגארטן חלום... זון, היט זיך „היינט"!...

דאס אויסגעדאכטע נייע געבעט „היינט" וויברירט שנעל אין זיין יונגן געמיט, און ער ענטפערט: מאמע, „היינט" וועל איך לאזן הערן מיין שטים... „היינט" איידער עס ווערט שפעט. „היינט", מאמע, זאג איך דיר, ווי דער טאטע זאגט אפט: „אויב נישט איצט, ווען דען?"

ווערטער, פראזן, צייכענען ליבע געשטאלטן... מאמע מיט אפענער פרייד: „עס זאל מיר נאר נישט פארשטערט ווערן מיין גליק!" דער טאטע מיט געלאסענער שטים: „אין בויען און אין שאפן פאר מענטשלעכן גליק, איז פאראן גליק פאר דיר..." זיין טאן איז ווי א צארטער האנט־באריר... א באריר, וואס פארוועבט אים מיט ווייטע צייטן, מיט פארגאנגענע דורות, וועמעס שענסטע געדאנקען ער דארף ירשענען...

די טריט זענען יונג, די לעבנס־וועגן נישט באקאנט און דער פראפעסאר ביים אויספרעג, ווען מ'האט אים אנגענומען אין קאלעדזש, וויל וויסן:

— פארוואס גראד אינזשענירונג?

— ווייל כ'האב ליב צו בויען.

— וואָס צום ביישפּיל?

— בריקן, טונעלן, איריגאַציע, דאַמבעס, הייזער און...

— מיינסט, מיר האָבן נישט גענוג אינזשענירן?

— כ׳ווייס נישט, נאָר איך וויל זיין איינער פון זיי.

— פיין! נאָר ווער וועט דיך אויסהאַלטן אין צייט פון לערנען?

— אַביסל מיינע עלטערן און אַביסל וועל איך צואַרבעטן און פאַרדינען אין צייט פון מיינע וואַקאַציעס.

— זייער גוט! נו, דיין נאָמען... דיין נאָמען איז?... אַ, יאָ, יודושין גאָלדבערג...

— „יעס, סער!"

— זיי ווייסן, אַז דער וועג איז אַ לאַנגער און נישט קיין גלאַטיקער... אָבער אונדזער לאַנד איז געבויט געוואָרן פון מענטשן מוטיקע, מיט גלויבן אין זיך. און דו, זע איך, האָסט גלויבן, דאָס וועט דיר שטאַרק צוניץ קו־מען... איך ווינטש דיר גליק!

שווער איז דער גאַנג אויפן נייעם וועג, נאָר מיט אַ סך אַנטפּלעקונגען: ביכער מיט גרויסע מענטשלעכע געדאַנקען; לעקציעס, וועגן דער וויכטיקייט פון די געדאַנקען; עקספּערימענטן, ווי אַזוי זיי צו פאַרווירקלעכן. שאַרפט ער דעם מוח, ביז עס לויכט אויף אין דער שפּעטער נאַכט אַ ליכטיק פּייערל אין די אַנגעשטרענגטע אויגן, אַ פייערל פון נצחון, אַ נייעם סוד דערגאַנגען — אַ העכערע שטופע דערגרייכט.

און ווען צו די אַלע אויסגעלערנטע נאַטור־עלעמענטן איז צוגעקומען אַ גאָר נייער עלעמענט — ליבע, און זיך צעבליט אין אַלע שענסטע, נאָך ביז־איצט נישט געקאַנטע קאָלירן, האָט זיך פאַר אים אַ גליקלעכער סוד אַנטפּלעקט, אַז ליבע איז אומעטום: אין וואָג פון צעמענט, אין קראַפט פון שטאָל, אין שוואונג פון ענערגיע; אין די צייכענונגען פון גלייך־ליניע, דרייעק און אין סקווער — איז דאָ די שיינקייט פון זיין מיידל העלען... אין קאַלעדזש לערנט מען אים וועגן דריי דימענסיעס: ברייט, טיף און לענג, נאָר אים פאַרשאַפט פרייד, וואָס ער ווייסט דעם סוד פון נאָך אַ דימענסיע — ליבע.

אין אַלע זיינע דינסטע געמיט־ענדערונגען זעט ער זיין געליבטע: אַמאָל ערנסט, אַמאָל שטיפעריש. האָר — אַ זוניקער פלאַטער און אַמאָל אַ צאַרטער הויך פון אוונט־שאָטן איבער זיי.

רוימט ער איר איין אַ סוד אין אויער: — העלען, דאָס האָט צו טאָן מיט רעלאַטיווער טעאָריע; יאָגן געדאַנקען וועגן מלחמה, וועגן מענטשן־פאַר־ניכטונג — ווערן דיינע אויגן טרויעריק, ווי אַ שרעקלעכע פינצטערניש וואָלט זיך געשפּילט אין זיי. חלומען מיר אָבער פון שלום, פון ווייטע רייזעס איבער

מענטשן אין מיין לעבן

בערג, טייכן און טאָלן; וועגן שליסן פריינטשאַפט מיט פרעמדע מענטשן, — דאָן שפּילן זיך אין דיינע אויגן צויבער־קאָלירן פון ליכטיקער זון אין לויטערן ים. און טראַכטן מיר וועגן בויען נייע וועגן, בריקן, באַוואַסערן מדבריות און אַן אייגן הויז צווישן ביימער, בלומען און קינדערלעך, ווערט דיין פּנים נאָך לויטערער און די הויט נאָך צאַרטער און . . .

צוליב דעם שטאַרקן באַגער די שיינע חלומות צו פאַרווירקלעכן, געפינט ער זיך היינט אין געריכט: ער, דער באַשולדיקטער קעגן דער נאָך לײדיקער ריכטער־שטול, אויף דער צווייטער זייט, צווישן די נייגעריקע באַזוכער אין זאַל — טאַטע־מאַמע און זיין מיידל העלען.

די מאַמע מורמלט: „ערשט נעכטן פרי איז ער אַוועק אַזאַ זויבערער, אַ געזונטער, אַ גאַנצער . . . זע וואָס זיי האָבן פון אים געמאַכט איבער נאַכט אין „דזשעיל״! זיי האָבן דען אַ רעכט דאָרטן צו שלאָגן?״

דער טאַטע באַרואיקט זי:

— געטראָפן ביי וועמען יושר צו זוכן . . . אָבער פאַרלאָז זיך אויף אונדזער זון. ער איז יונג און קאָן פאַרנעמען אַ קלאַפּ.

העלען כאַפּט אויף יודזשינס בליק. זי באַמיט זיך אויסבאַהאַלטן איר ווייטיק וועגן זיין צעקלאַפּט פּנים און באַגריסט אים מיט אַ שמייכל:

— האַלט זיך! ביסט נישט אַליין און פאַרטיידיק אונדזערע חלומות היינט אַזוי מוטיק ווי נעכטן . . .

ער ענטפערט איר מיט אַ שמייכל, צעקרימט דער שמייכל זיין געשוואָלן פּנים; אָט, באַלד, ווילן, דאַכט זיך, פּלאַצן די קוים־פאַרצויגענע וואונדן. ציינדט דער ווייטיק פון זיינע וואונדן צאַרנדיקע פלאַמען אין אירע אויגן, פלאַמען וועלכע זענען גרייט צו פאַרברענען אַלע שטערונגען אויפן וועג פון זייער גליק.

יודזשין האָט אָפּגעווענדט זיין בליק פון איר און פאַרקוקט זיך אויף דער לײדיקער ריכטער־שטול. ער האָט פּרובירט האַלטן פריש אין זיין זכרון די אַלע מעגלעכע ענטפערס, וועלכע ער האָט אין זיין שלאָפלאָזער תפיסה־נאַכט צוגעגרייט פאַר דעם ריכטער. ער וועט קאָנען באַווייזן זיין גערעכטיקייט . . .

— הער ריכטער, אין די ביכער פון פּאָבליק־סקול און פון היי־סקול, ביז מיין לעצטן טערמין קאָלעדזש, האָב איך געלערנט וועגן פרידן צווישן פעלקער. איך האָבן געלערנט, אַז „אַלע מענטשן ווערן געבוירן גלייך״. איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך דעם שלום־רוף פון אונדזער גרויסן שרייבער לאָנגפעלאָו דורך זיין פּאָעמע „דער אַרסענאַל אין ספרינגפיעלד״, האָט אין מיר אויפגעברויזט דער פאַרלאַנג פאַר שלום, אַז עס זאָל דער מענטש מער נישט דאַרפן מורא האָבן . . . „ווען דער מלך פון טויט וועט באַרירן די שליסלען פון אַרסענאַל . . . וואָס פאַר אַ קולות און פאַרצווייפלט געבעט וועט זיך מישן מיט דער שוידערלעכער

סימפאָניע!" די היינטיקע אַרסענאַלן פון אַטאָמישע באָמבעס זענען פיל גע־פערלעכער. ווען מען זיי אויפרייסן, וועלן מיר אַלע צעשטערט! און איך האָב ליב דאָס לעבן, איך האָב ליב די וועלט, איך האָב ליב די מענטשן, איך האָב ליב צו שאַפן, צו בויען! איך טראָג אין זיך די פרייד פון וואַלט וויטמאַנס ליד „איך הער אַמעריקע זינגען", דאָס פאָלק זינגט ביי פרידלעכער אַרבעט. דאָס פאָלק וויל שלום צווישן פעלקער! און אָט פאַר דעם פאַרלאַנג האָט מען מיך נעכטן צעשלאָגן און אַרעסטירט . . .

די פּלוצימדיקע שטילקייט אין זאַל האָט איבערגעריסן זיינע פאַרטיידי־קונגס־מחשבות. ס'איז אַריינגעקומען דער ריכטער — הויך, מיט אַ רונד און רויק פּנים, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט מענטשלעכן גורל. באַלד האָט זיין ברוסטיקע שטים צעטראָגן איבערן זאַל די באַשולדיקונג:

— יודזשין גאָלדבערג, האָסט זיך באַטייליקט אין אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג נעכטן פאַרנאַכט?

— „יעס, סער!"

— די פאַרזאַמלונג איז געווען קעגן די אינטערעסן פון אונדזער רעגי־רונג.

— נישט קעגן, נאָר פאַר פרידן צווישן פעלקער.

— דיין באַשעפטיקונג?

— סטודענט.

— ווי אַלט ביסטו?

— איין־און־צוואַנציק יאָר.

דער ריכטער האָט אַ זייטיקן בליק געטאָן אויף יודזשינס צעשלאָגענעם פּנים און באַלד איינגעגראָבן זיינע אויגן אין די באַשולדיקונג־פּאַפּירן, ווי ער וואָלט דאַרפן געזוכט שטאַרקע באַווייזן קעגן אים, נאָר אין מוח ביי אים האָבן זיך געקייקלט יודזשינס ענטפערס מיט זיין געוועזענעם איך . . . ערשטע וועלט־מלחמה, ער איז דאַן אין יודזשינס עלטער, אויך אַ סטודענט, לאָזט זיין שטים הערן קעגן קריג, נאָר ווערט גענומען אין דער אַרמיי. אויף די שלאַכט־פעלדער: טויט, פאַרניכטונג, יונגע וועלטן מיט שענסטע חלומות כאַרכלען אויס דעם לעצטן אָטעם . . . ווען ער בלייבן לעבן, וועט ער שטענדיק דינען דעם שלום . . . נאָר איצט? איצט איז ער פעטלעך און פויל, די ריכטער־שטול איז באַקוועם און פאַרנעמט אַז אַנגעזעענע אָרט אין דער הויכער געזעלשאַפט, פון וועלכער ער איז דאָס ציגל פון דער וואַנט־גשאַל . . .

ער וועגט זיינע יוגנט־חלומות, פאַר וועלכע ער דאַרף איצט משפּטן יודזשינען. אויף יודזשינס זייט לייגט ער צו: „פרייהייט פון געדאַנק, פריי־הייט פון רעדע, פרייהייט פון פאַרזאַמלונג . . ." אָבער אויף דער צווייטער

מענטשן אין מיין לעבן

זייט פון וואגשאל ליגט זיך דער צייט־גייסט פון זיין געזעלשאפט: בייזע ווינטן, פינצטערע כמארעס, האס צו פעלקער, האס צו פרידן... אבער פאר־זאמלען מעג מען זיך! ס'איז גאראנטירט דורך דער קאנסטיטוציע! — טוט זיך א צאפל די וואגשאל... עס טויג נישט! קריצט מיט די ציין דער צייט־גייסט. דו זיצסט אין מיין שטול, משפט ווי איך באפעל! מאכט נישט אויס, אביסל פאלשע וואג, וועט אויפהאלטן די מאראל פון דער צייט...

דער ריכטער האט מיטאמאל אויפגעהייבן דעם קאפ, אוועקגעלייגט די הענט אויף די פאפירן און געזאגט:

— יודזשין גאלדבערג, ווערסט באשולדיקט אין ברוטאלער האנדלונג קעגן פאליסמאנס פערד.

פון דער באשולדיקונג האבן בליץ־שנעל געגומען יאגן אין יודזשינס געדאנקען בילדער און געשעענישן פון נעכטיקער דעמאנסטראציע... מענ־טשן פון פארשידענע קאלירן און אויסזען, שטראמען פון אלע זייטן מיט איין געזאנג — „פרידן אויף דער וועלט!" „קיין ראסן־האס!" — די פאליציאנטן זענען ווילד געווארן און רציחהדיק א לאז געטאן זיך מיט שטעקנס, מאטאר־ציקלען און פערד אויף דער מענטשן־מאסע. די מאסע טוט זיך א וואקל, א בייג צוריק, ס'הערן זיך געשרייען פון געטראמפלטע מענטשן. א מהומה, באלד וועלן בלייבן דא בלויז די פאליציאנטן און פערד... און פון ערגעץ אומבאקאנטע טיפענישן אין אים רייסט זיך דער מאמעס געבעט: „היט זיך מיין קינד היינט", און באלד דעם טאטנס אנזאג, „אויב נישט איצט, ווען דען?" און מיטאמאל ווערן אלע פארגאנגענע צייטן און די צייטן, וועלכע דארפן קומען, צוזאמענגעפרעסט אינעם „היינט", אינעם „אויב נישט איצט, ווען דען?" פון וועלכן עס שאלט אויף — „מיר ווילן שלום צווישן פעלקער!" כאפט זיך אז די מענטש־מאסע מיט טויזנט אויסגעבענקטע הענט אין דעם אייביק מענטשלעכן וואונטש און טוט זיך א הייב, א בייג פארויס, א שטייג מיט באנייטע כוחות און א שטויס צוריק די פאליציאנטן מיט א שטורעמדיקן אנזאג: „מיר ווילן נישט לאזן פארניכטן אונדזער וועלט!"

דער ריכטער האט אומגעדולדיק איבערגעפרעגט:

— דו גיסט צו, אז ביסט באפאלן דעם פאליסמאנס פערד?

פון דער באנייטער פראגע איז יודזשין געקומען צו זיך און געענטפערט:

— ניין, ס'איז געווען פארקערט...

— האסט נישט דערלאנגט מיט דיינע קאלעדזש־ביכער דעם פערד?

— ווייל דער פאליסמאן האט געטריבן זיין פערד... ער האט זיך א ווילע פארהאקט, זיך ארומגעקוקט, טאטע־מאמע זאלן דאס נישט הערן. אין זאל איז געווארן א געשפאנטע שטילקייט, האט ער מיט א גאר נידעריקן טאן,

שלמה וואַסערמאַן

וואָס זאָל הערגרייכן בלויז דעם ריכטער, ווייטער דערציילט:

— כ׳האָב זיך הינטערווייַלעכס צוריקגערוקט נאָר דער פּאַליסמאַן האָט ברוטאַל געבריקעט מיט די שפּאָרן דעם פערד אין די זייטן, אַזש אַ ווייסער שוים האָט געזעצט פון פערדישן מויל, און ער טרייבט דאָס אַלץ אויף מיר, איך בין שוין צוגעדריקט צו אַ וואַנט . . .

— רוצחים! הערסט? זיי האָבן דאָך געוואָלט אומברענגען אונדזער קינד! — האָט די מאַמע מיט פאַרשטיקטן צאָרן אַ מורמל געטאָן צום טאַטן. מענטשן אין זאַל האָבן זיך אַ ריר געטאָן אויף די בענק, געווענדט זייערע בליקן צו טאַטע־מאַמע, דעם ריכטערס העמערל האָט מיט אַן איידעלן קלאַפּ גערופן צו אָרדענונג און ווייטער געפאָרשט:

— ביסט זיך מודה אין שלעכטער אויפפירונג?

יודזשין האָט זיך נישט געאיילט מיט קיין ענטפער. די מאַמע האָט געזען זיין קלוגן שמייכל, וואָס שפּרייט זיך אויף זיין געשוואָלן פּנים. זי האָט דערפילט אַ ווייטיק פון דעם, וואָס דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן קאָן זי נישט צוקומען צו איר זון צו היילן זיינע וואונדן . . .

דער טאַטע האָט געווישט די פאַרלאָפענע אויגנדעקלעך און געקוקט צום זון, ווי ער וואָלט מיט זיינע בליקן געוואָלט אים דערמאַנען: זון, האָסט איינגעזאַפּט אין דיין נשמה די שיינקייט פון פרייע, מוטיקע אַמעריקאַנער פּערזענלעכקייטן, באַנוץ זיך איצט מיט זייער גייסטיקער ירושה . . . געדענק, די וועלט איז אויף דער וואָגשאָל פון שלום און קריג, פון לעבן און טויט. דו ווייסט, אַז די וועלכע ווילן מלחמה שטעלן גאָרנישט איין — די וועלט איז נישט זייערע . . .

יודזשין האָט דערפילט דעם ריכטערס מאַנענדיקע בליקן, האָט ער אים געענטפערט קורץ:

— ניין, נישט איך האָב זיך שלעכט אויפגעפירט, נאָר דער פּאַליסמאַן.

דער ריכטער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק, נאָר זיין פּנים האָט זיך אנגעגאָסן מיט בייזקייט.

העלען, יודזשינס מיידל, האָט דאָס באַמערקט און זי האָט גענומען טראַכטן: ער ווערט אין כעס, ער קאָן אים פאַרשיקן אין תפיסה . . . יודזשין וועט זיין אָוועקגעריסן פון מיר . . . וועט ער זיין נאָכגעביק, העלפט ער די מלחמה־מאַכער . . . שיקט מען אים אין פרעמדע לענדער מענטשן הרגענען . . . יודזשין וועט בלוט פאַרגיסן? און אויב דו וועסט צוריקקומען . . . צוריקקומען, ווי מיין ברודער, — אַן אומבאַהאָלפן שטיקל קערפּער אין אַ וויגלקויש . . .

מענטשן אין מיין לעבן

זי האָט ווייטער אירע געדאַנקען נישט געקאָנט ציִען און געווען צופרידן, וואָס דער ריכטער האָט אויפסניי אָנגעפאַנגען:

— דו, אַ קאַלעדזש סטודענט, ווי קומסטו צו דער דעמאָנסטראַציע?

— איך וויל מיין לאַנד זאָל נישט פירן קיין קריג.

— ווייסטו ווער ס'האָט פאַררופן די פאַרזאַמלונג?

— זיכער! דער גייסט פון אייבראַהעם לינקאָלן, פון טאָמאַס דזשעפער־סאָן און...

אַ געלעכטער אין זאַל האָט פאַררויטלט דעם ריכטערס פּנים. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער און שטרענג געוואָרנט — מער נישט צו לאַכן. און מיט קוים־איינגעהאַלטענעם צאָרן זיך געווענדט צו יודזשינען:

— אין די ביכער, מיט וועלכע דו האָסט געשלאָגן דאָס פערד, איז זיכער געווען געשריבן וועגן מענטשלעכער מאָראַל, וועגן געזעץ און אָרדענונג, אָבער דו האָסט נישט אַרויסגעוויזן קיין רעספּעקט פאַר די ביכער און נישט פאַר דעם אומשולדיקן פערד... דעריבער...

— הער ריכטער! — האָט זיך יודזשין אַריינגעריסן. דער ריכטער אָבער האָט געקלאַפּט אין טיש און פאַרגעזעצט:

— דעריבער ביסטו שולדיק!

— איך וויל מאַכן אַ דערקלערונג! — האָט יודזשין געפאָדערט. די געריכט־וועכטער האָבן אים אַ נעם געטאָן, און זיינע ווערטער האָבן אָפּגע־קלונגען איבערן זאַל: „איך בעט נישט צו פאַרשרייבן אין די געריכט־ביכער דעם ריכטערס אורטייל, ווייל עס איז אַ פלעק אויף דער געשיכטע פון מיין לאַנד..."

טאַטע־מאַמע און העלען זענען שווייגנדיק אַרויס פון געריכט־זאַל.

ערשט אויפן וועג האָט די מאַמע איבערגעריסן דאָס שווייגן און געזאָגט:

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס האָט יודזשין באַדאַרפט טאָן, זיך לאָזן דערקוועטשן פון פּאָליסמאַנס פערד? ווי אַזוי וועגן זיי דאָס גערעכטיקייט?

העלען האָט זיך געטוליעט צווישן טאַטע־מאַמע און צוגעהערט זיך צו די טרייסט־ווערטער, וואָס יודזשינס טאַטע האָט מיט איינגעהאַלטענעם טאָן געזאָגט צו דער מוטער:

— ס'איז בלויז אויף דערווייל, וואָס דעם פּאָליסמאַנס פערד האָט אי־בערגעוואויגן די וואָגשאָל פון דער גערעכטיקייט...

ניי־געבוירן

דאָס שיפל האָט געשניטן דעם האָדסאָן קיין ניו־יאָרק. אויפן הינטערשטן דעק פון שיפל איז געשטאַנען מיטן פּנים צום ברעג פון ניו־דזשוירזי דער יונגער מלחמה־וועטעראַן סטיוו סאָוויצקי. פאַר זיינע אויגן האָט זיך געצויגן אַ צעבויטעטער וואַסער־פּאַס, וואָס האָט אין ליכט פון פרימאָרגן־זון געבלענדט מיט צעברעקלטן זילבער־בליאַסק פונעם בלוי־גרינעם טייך, נאָר זיינע בליקן זענען גאָר געווענדט געווען צום היימשטעטל און דער פאַבריק, וואו ער האָט שוין איצט באַדאַרפט זיין, אָבער איז נישט דערגאַנגען אַהין.

וואָס ווייטער דאָס שיפל איז אַוועק פון ברעג, אַלץ שאַרפער האָבן געווייעט די פרישע סעפּטעמבער־ווינטלעך און געשויבערט זיינע טונקל־בלאָנדע האָר איבערן שטערן. זיין יונגער שטערן וואָס איז געווען פאַרשאָטנט מיט אַ שווערער זאָרג און פיינלעכער אומרו, האָט היינט־פרי אויפסניי זיך איינגעגעסן אין זיין געמיט און גענומען מאַטערן אים אויפן וועג צו דער אַרבעט: „צווישן די פאַבריק־ווענט איז צו ענג . . . באַפריי זיך! כאַפּ די שיף קיין ניו־יאָרק! . . .‟

„קיין ניו־יאָרק‟, האָבן זיינע אַנגעדראָלענע ברעמען זיך אַ צאַפּל געטאָן פון דעם געדאַנק און פון שרעק געצויגן זיך איינע צו דער אַנדערער, ווי אויף אַ באַראַטונג:

— וואָס טוט מען? ער פירט אונדז ווידער קיין ניו־יאָרק!

— ווידער כאַפּן קלעפּ?

— איז נישטאָ קיין עצה? . . .

ער האָט אַ ציטער געטאָן פון פּלוצימדיקן פייף פונעם שיף־קוימען. ער האָט זיך אויפגעוועקט פון זיינע פאַרטראַגענע געדאַנקען. ער האָט זיך אַ קער געגעבן מיטן פּנים צו ניו־יאָרק און דערזען, אַז ער שטייט אין ענגשאַפט צווישן אַ סך מענטשן, וואָס וואַרטן מיט איינגעהאַלטענער איילעניש אַ לאָז צו טאָן זיך צום אַרויסגאַנג.

פון די פּאַסאַזשירנס געשפּאַנטן אימפּעט האָט ער דערפילט אין זיך אַ געפאַלנקייט: „אַלע מענטשן, — האָט ער געטראַכט, — פאָרן מיט אַ ציל; ווער צו עפענען די טירן פון אַ פאַבריק, ווער צו לאָזן אַ מאַשין אין גאַנג, און

מענטשן אין מיין לעבן

ווער צו אַז אַנדערער מענטשלעכער מי, — אויף אים אַבער וואָרט קיין זאַך נישט, נישט קיין פריינט און נישט קיין אַרבעט". אים טרייבט אַהער אַז אומרו : דאַ, אין דער טומלדיקער שטאָט, ווייסט ער, וועלן אים נישט באַגעגענען קיין אייגענע און נישט קיין באַקאַנטע, וואָס זאָלן אים נאָכקוקן און גאַפן : „זע נאָר, פריש און געזונט, פּלייצעס ווי מויערן און דרייט זיך אַרום אין די גאַסן, ווען אַלע אַרבעטן. גאָר נישט דער זעלבער, וואָס פאַר דעם קריג !"

פון קריג איז ער געקומען אין עלטער פון דריי־און־צוואַנציק יאָר. געקומען אַ גאַנצער, אַז וואָונדן און אַוועק אַרבעטן אין דער זעלבער פאַבריק, וואָס פאַר דער מלחמה, אַבער אָפּאַרבעטן אַ גאַנצע וואָך, ווי אַמאָל, האָט ער שוין נישט געקאָנט, ווייל אין מיטן דער אַרבעט באַפאַלט אים אָפט אַ מאָדנע צערודערונג, וואָס טרייבט אים פון פאַבריק, פון הויז, פון טאַטע־מאַמע, פון פריינט און אויך פון שענק.

זיין מאַמע, אַ מיטליאַריקע, מיט אַ שווערן טראָט, איז שטענדיק פאַראַרבעט אַרום דער הייזקע, וואָס קוקט אַרויס פון הויף מיט עטלעכע ביימער צום זאַמדיקן דורכפאַר־וועג, — זי, די מאַמע, האָט אין אָנפאַנג פון זיין אַהיימקומען געקוקט אויף אים מיט אירע קליינע בלויע אויגן און געפרייט זיך : „דער זון איז געזונט, ווי גוט איז צו זען אים אַ גאַנצן פון מלחמה !" שפּעטער האָט זיך באַוויזן אַ פאַרדראָס אין אירע אויגן : „עפּעס פירט ער זיך אויף נישט לייטיש גאָר, ווי אַז איבערגעפירטער !". ביסלעכווייז איז איר פאַרדראָס איבערגעגאַנגען אין אַ שווערער זאָרג, די זאָרג האָט זי אָנפאַרטרויט איר מאַן : „איך שרעק זיך, אונדזער זון איז אַ פאַרענטערטער, נישט דער זעלבער וואָס געווען. כ'האָב מורא, אַז דער דאָקטאָר איז גערעכט. מען דאַרף, זאָגט ער, אַכטונג געבן אויף אים !".

דער טאַטע, אַ פעסטגעבויטער בריטפּלייציקער טרייבער פון אַ לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט יאָרנלאַנג צעפירט מעבל פון אַ פאַבריק צו קונים, האָט אויסגעהערט דער ווייבס רייד און לאַנגזאַם געענטפערט :

— זאָל ער אַרבעטן שווער, ווי איך, וועט ער צוריקקומען צו זיך.

— ער איז קראַנק, — האָט די מאַמע געענטפערט מיט טרערן אין איר קול.

— נישט קראַנק, נאָר אַ פוילענצער איז ער געוואָרן ! — איז דער טאַטע באַשטאַנען אויף זיינס.

די מאַמע שוויגט. זי מאַכט זיך נישט הערנדיק, ווען דער טאַטע רעדט זיך דורך מיטן זון : „ביסט איבערגעקומען די מלחמה, אַרויס מיט גאַנצע ביינער, איז דאַנק גאָט פאַר דעם און פאַרגעס אַז אַלץ, וואָס האָסט דאָרטן איבערגעלעבט. ס'איז נאַטירלעך — גיט ער אים צו פאַרשטיין, — אַז אין

מלחמה זאל איין מענטש הרגענען דעם אנדערן, אז נישט וואס פאר א זין וואלט געהאט מלחמה? איצט ביסטו אויס סאלדאט. שווערע ארבעט וועט דיך אויסהיילן פון יענע איבערלעבונגען".

פון טאטנס רייד גייען־אויף אין סטיווס זכרון לאנג־פארגעסענע בילדער פון שלאכטפעלד. מיט די בילדער קומען פאסירונגען און רופן ארויס אויפסניי אין זיין געמיט שרעק, געפאלנקייט, פארצווייפלונג און ווילדער צארן צו הרגענען, פון וואס עס באפאלט אים א שרעקלעכע נישטגוטקייט און עס הייבט אים אן צו איבלען. גיט ער זיך א האסטיקן קער צום טאטן און רופט אויס:

— גענוג!

זיין דערווידערונג ברענגט דעם טאטן ארויס פון די כלים, הייבט ער אן צו רעדן העכער און גיכער. פון גיכקייט מישן זיך אין זיין ענגלישער שפראך שארפע פוילישע ווערטער, און דעם זון טוט א שפאר דאס בלוט אין פנים אריין און אין קאפ הייבן זיך אן צו דרייען מלחמה־פאסירונגען. אין האלדז שטיקט, ער וויל די שטיקעניש צערייסן מיט א ווילדן רעווען, מיט א פארצווייפלטן געוויין, נאר ערגעץ אין אים דרייט זיך נאך א ליכטיקער פונק, וואס בעט זיך ביי אים: „זיי שטארק! גיב נישט נאך דיינע הפקר־געווארענע הענט". בלייבט ער שטיין מיט פארביסענע ליפן, קוקט אויף דער מאמען, וואס האט זיך געשטעלט צווישן אים און טאטן, לייגט ער אריין זיינע פארביילטע פויסטן אין די קעשענעס אריין און שפאנט ארויס פון הויז.

אינדרויסן גייט ער ארום אן א ציל. עס פארטראגט אים אמאל אין סאלון אריין, זיצט ער א פארטראגענער ביי א שארפן טרונק און א ווילע שפעטער וואנדערט ער אין דער געגנט, וואו עס וואוינט זיין מיידל, וואס וויל אים שוין מער נישט באגעגענען. ער דרייט זיך נאך אלץ ארום און האפט, אז זי וועט אים אנטקעגנגעקומען. נאר זי קומט ניט. ער ווערט מיד און אומרואיק, שפאנט ער אוועק צום ברעג פון האדסאן און כאפט א שיף קיין ניו־יארק.

אין ניו־יארק בלאנקעט ער ארום אויף „די קרייץ־וועגן פון דער וועלט" — טיימס־סקווער און אויף די ארומיקע גאסן. דא שימערירן די עלעקטרישע רעקלאמעס מיט דער שנעלקייט פון זיינע אומרואיקע געדאנקען. ער האט א געפיל, ווי פון דעם האסטיקן ריטם פון מענטשן־מאסע און רוישיקן געאייל פון אויטא־מאשינען וועט קומען עפעס א גרויסע געשעעניש, וואס וועט פאר־טרייבן זיין אומרו.

ער דרייט זיך דערווייל ארום א פארטועגער אין זיך אליין; די אויגנ־אפלען געוועגדט אויף ארויף צו די ברעמען, ווי זיי וואלטן געוואלט אריינקוקן אינעווייניק אין זיך צו דערזען דארטן די, צו וועלכע עס רעדן אפט זיינע ליפן . . . זיין געבויגענער קאפ הערט זיך צו צום געשפרעך; איז עס גוטע

מענטשן אין מיין לעבן

נייעס, באַווייזט זיך אַ פריידיקע איבערראַשונג אויף זיין פּנים; אויב שלעכטע נייעס, פאַרשווינדט דער קינדיש־גליקלעכער אויסדרוק פון זיין געזיכט און עס ביילן זיך זיינע פויסטן אין גרייטקייט צו שלאָגן. ער אַליין דערשרעקט זיך פאַר דעם הפקר אין זיינע הענט, פאַרשטופּט ער זיי אויף שנעל אין די קעשענעס אַריין.

אין זיין אינערלעכער וועלט הילכן אַלץ שיסערייען, עס טראָגן זיך מענטשלעכע קרעכצן און שרייענדיקע באַפעלן, — פאַרויס! לויפט ער קעגן שונא. ער לויפט דורך רויך, דורך פלאַמען און פון די פלאַמען — אַנבליקן פון אייגענע, פון ליבע. פון אַלע קולות — פאַרויס! הרגע! ... הערט ער אויך די שטים פון זיין מאַמע: — היט דיין לעבן! ראַטעווע זיך! ...

אַז אויטאָמאָביל האָט אַ קוויטש געטאָן און האַסטיק געבליבן שטיין, סטיוו האָט פאַרהאַלטן זיין טראָט און דערהערט אַ בייזע באַמערקונג: „פּלאָנטערט זיך אינמיטן גאַס ווי אַ שיכור!" — ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן מענטשן אין מאַשין ביים רעדל. ער וויל אָנכאַפּן און פאַרהאַלטן די פליענדיקע געדאַנקען צו באַזינען זיך: זע נאַר, וועז בין איך דאָס אַוועק פון טיימס־סקווער און פאַרקראָכן אַהער? ... וואָס האָט ער דאָרטן געזאָגט, אַז כ'בין אַ שיכור? ... זיינע פויסטן גיבן זיך אַ פאַרשטייף. ער קוקט אויף זיי מיט אַ וואָרענונג: „איר זאָלט זיך אַפּגעוואוינען פון הרגענען!"

די מאַשין איז אַוועקגעפאָרן, די הענט זענען געבליבן פאַרביילט מיט טענות צו אים: מען באַליידיקט אונדז: „ער דרייט זיך ווי אַ נאַר אַרום דער מיידלס הויז!" „אַט איז דער ליידיקגייער!" „ער פּלאָנטערט זיך ווי אַ שיכור!" — איז לאָז אונדז זיך אָפּרעכענען מיט די מענטשן פאַר די באַליידיקונגען.

און די הענט האָבן געקראָגן די אייבערהאַנט איבער אים: ס'איז געווען אין אַ מיטיק־שעה אויף אַ זייטיקער גאַס, אין דער געגנט אַרום טיימס־סקווער, וואוהין די פיס האָבן אים פאַרטראָגן. מענטשן האָבן זיך דאָ געאיילט, נישט געהיטן קיין טרעפיק־סיגנאַלן, שטופּ־וועגעלעך און לאַסט־אויטאָס, — געגאַנגען איינער קעגן אַנדערן און געפּלאָנטערט זיך, ווי אין אַ בהלה.

סטיוו סאַוויצקי האָט געוואָנדערט אַ פאַרטראַכטער און זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט איינעם, וואָס איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט האַסטיקן אימפּעט. ביידע האָבן דערפילט אַ ווייטיק, דער ווייטיק האָט אַ פּלאַץ געטאָן מיט באַמערקונגען:

— דרייט זיך אום נישט אַהער, נישט אַהין!

— וואָס שטופּסטו מיך פון וועג?

— איך האָב דיך געשטופּט? ווייסט נישט וואָס דו רעדסט!

שלמה וואסערמאן

סטיוּום פויסטן האָבן זיך געביילט פון באַליידיקונג און ער האָט אויס־געשריגן:

— ביסט אַליין אַ צעמישטער!

— איך האָב דיר נישט געזאָגט, אַז ביסט אַ צעמישטער און רוף מיך נישט אַזוי! . . .

ביידע זענען געבליבן שטיין איינער קעגן אַנדערן, דורכגעשפּיזט זיך מיט די בליקן און אָפּגעמאָסטן זיך. ביידע מוסקולירטע און ביידע גרייט צו באַ־ווייזן מיט די פויסטן, ווער ס'איז דער גערעכטער . . . זיי האָבן דערשפּירט דעם איינגעהאַלטענעם אָטעם פון אויסגעוואַקסענעם מענטשן־ראָד ארום זיי, וואָס וואַרט צו זען, ווער ס'וועט ארויס דער זיגער. דער ראָד איז געוואָרן ענגער, העלדזער האָבן זיך געצויגן העכער און העכער, קעפּ האָבן אַריבער־געקוקט איבער קעפּ און מ'האָט זיך נאָכגעפרעגט:

— איבער וואָס שלאָגט מען זיך?

— איבער גאָרנישט!

— סתם אַזוי־אָ?

— בייזע בלוטן היינטיקע צייטן ביי מענטשן.

— מען דאַרף זיי פונאַנדערנעמען.

— זייטיקע דאַרפן זיך נישט מישן . . .

זינט יענעם געשלעג האָט סאַוויצקין געצויגן צו דער גאַס, פונוואַנען ער און זיינע קעגנער זענען אַוועק צעקיילטע. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָרטן וועט ער געוואָר ווערן, צי הפקר־געוואָרענע הענט האָבן יענעם נישט צו־געפּערלעך צעהרגעט. נאָר געקומען איז ער ערשט אויף דער דריטער וואָך, ווען די ברוין־און־בלויע צייכנס פון זיין לייב זענען שוין טיילוויז געווען אָפּגעגאַנגען, בלויז די ברעמען האָבן נאָך צייטנווייז דערפילט דעם ווייטיק פון די קלעפּ. — דעמאָלט האָט ער אין איינעם אַ פרימאָרגן, אויפן וועג צו דער אַרבעט, אַ קער געטאָן זיך צום ברעג פון האַדסאָן און געכאַפּט די שיף קיין ניו־יאָרק.

דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער, אַ וואַרעמער, די זון האָט געבריט, איז ער געגאַנגען אויף דער שאָטנדיקער זייט פון גאַס און געוואָרפן זייטיקע בליקן צום אָרט, וואו ס'איז פאָרגעקומען דאָס געשלעג. פון דאָרט איז אויסגעוואַקסן דער אַנבליק פון יענעם, וואָס מעסט אים אָפּ מיט האַס אין די אויגן, גרייט אים צו באַפאַלן. ס'האָבן אויפסניי אַ קלונג געטאָן אים אין די אויערן די באַליי־דיקונג: „ווייסט נישט וואָס דו רעדסט!" . . .

זיינע פויסטן האָבן זיך אַ ריר געטאָן . . . ער האָט דערהערט געשרייען

מענטשן אין מיין לעבן

הינטער זיך און מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו לויפֿן. ס'האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין מוח, — מ'האָט מיך דערקענט! אפשר איז דער קעגנער שטערבלעך צעשלאָגן? . . . איצט איז נישטאָ קיין באַהעלטעניש, ער וועט לויפֿן . . . ער באַנעמט די שפּראַך פֿון זיינע פֿויסטן: „זעסט שוין, ווי מ'האָט אונדז פֿיינט? אַלע מענטשן זענען קעגן אונדז. מ'יאָגט אונדז מיט אַ ליאַרעם, מיט געפּייף . . . גלעקער קלינגען . . . אַ שׂריפֿה . . . פֿלאַמען . . . שרעק . . .

ס'טוט זיך אים אַ מיש אין קאָפּ: עפּעס ענלעכס איז שוין פֿאַרגעקומען מיט אים . . . ווען? וואו? . . . גיכער! פֿאַרויס! אַ, עס איבלט שוין ווידער . . . פֿאַרויס אין די פֿלאַמען! ווער וויינט דאָס דאָרטן אין די פֿלאַמען? מען דאַרף ראַטעווען, שנעלער! . . . דאָס געוויין פֿון די פֿלאַמען שניידט דאָס האַרץ און רופֿט: „ראַטעוועט!"

ער האָט פֿאַרריסן דאָס פּנים צו די פֿלאַמען, אַז עפּן געטאָן די פֿאַרביילטע פֿויסטן, ווי ער וואָלט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיי דעם אָנגעזאַמלטן צאָרן אויף מענטשן און — דער טומל אַרום איז מיטאַמאָל פֿאַרגליווערט געוואָרן אין אַ טויבער שטילקייט, ביז אַ קינד האָט זיך צעוויינט אין זיינע אָרעמס. אויפֿן קינדס געוויין האָט דער אַנגעלאָפֿענער עולם געענטפֿערט מיט אַ פֿריידיקן אויסגעשריי:

— עס לעבט!

דאָס קינד האָט מיט צעשראָקענע אייגעלעך אַ קוק געטאָן אויף סאַוויצקין און פֿאַרגאָנגען זיך אין אַ צאַפּלדיקן הילף־רוף: — מ־אַ!

אינעם נייגעריקן עולם האָט זיך אַ רודער געטאָן:

— וואָס איז מיט דער מאַמען?

— פֿאַרחלשט.

— זעט אויס פֿון רויך.

— אפשר גאָר פֿון גליק! . . .

פֿון דעם קינדס געוויין האָט אַ וואַרעמער שטראָם אַ פֿלייץ געטאָן אין זיין געמיט און צעוואַרעמט אַ פֿאַראייזטע כמאַרע, וואָס איז דאָרטן פֿאַרבליבן זינט דער מלחמה. איצט האָט ער געפֿילט, ווי די כמאַרע צעגייט, זי וועפּט זיך אויס, זי ווערט דורכזיכטיק . . . און צוויי לויטערע טוי־טראָפּנס האָבן זיך צעפֿינקלט אין זיינע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט מיט חידוש: איז דאָס שלעכטס ביז איצט בלויז אַ בייזער חלום געווען? און די הענט—צוריק לייכט? אַ צאָרן־געוויכט? . . .

און ווען ער האָט איבערגעגעבן דאָס געראַטעוועטע קינד צו דער שנעלער הילף, האָט אַ צייטונג־רעפּאָרטער דורכגעשלאָגן זיך אַ וועג צו אים און געפֿרעגט:

— איז דיר ווען עס איז אויסגעקומען צו ראטעווען א מענטשן ?

— יא. אונדזערן א זעלנער אויפן שלאכטפעלד ! ווען ער האט זיך געראנגלט מיטן שונא.

— און ?

— כ׳האב דעם שונא דערשטאכן !

— ווי אזוי האסטו דאן געפילט ?

— געפילט ? כ׳האב געוויינט, געלאכט און געשטיקט זיך מיט איבל, מיט נישט גוטקייט. כ׳האב אויף מיינע הענט נישט געקאנט קוקן . . . פרעגט מיך נישט מער . . .

— נו, גוט. און ווי פילסטו זיך איצט, נאכדעם ווי דו האסט געראטעוועט דאס קינד ?

— ווי איך פיל ? ניי געבוירן ! . . . דאס אלץ . . . יא, ניי־געבוירן ! . . .

אַ שטאָט, אַ קאַלענדאַר און אַ זאַמלער

גאָר אומגעריכט האָב איך דער־הערט די פראַגע: „אפשר ווייסט איר, וואו איך קאָן קריגן דעם יזכור־בוך פון אייער שטאָט?"

די פראַגע האָט זיך אַריינגעריסן אין מיינע רעיונות וועגן דעם רעגנבויגן, וואָס האָט זיך געצויגן אין אַ האַלבן רונד אויפן גרויען הימל איבער די קעטס־קיל־בערג.

עס איז געווען נאָך אַ גוס־רעגן. די וועגן און סטעזשקעס אַרום האָטעל, אין וועלכן איך בין איינגעשטאַנען אויף מיין זומער־וואַקאַציע, זענען געווען פאַרפּלייצט; הויכע גראָזן און בלומען אויף לאַנגע שטענגלעך זענען געווען געבויגן צו דער ערד. דינע צווייגלעך מיט בלעטער זענען אַראָפּגעהאַנגען פוןביימער איבערן שווערן וואַסער־געוויכט. די געסט פון האָטעל זענען געבליבן שטעקן אויף דער וועראַנדע און פּרובירט באַווייזן איינער דעם אַנדערן, אַז דער הימל וועט שוין אַזוי אָפּוויינען דעם גאַנצן טאָג.

נאָך ערגעץ־ווייט האָבן זון־שטראַלן זיך געריסן דורך די וואָלקנס און גענומען מאָלן אויפן וואַסערדיקן הימל אַ רעגנבויגן. איך האָב געקוקט אויף דעם רעגנבויגן און געטראַכט וועגן דעם גליקלעכן אַמאָל פון די קינדער־יאָרן, ווען אַ רעגנבויגן איז פאַר מיר געווען דער סימן פון געטלעכן צוזאָג, אַז מער וועט קיין מבול נישט זיין . . . איז מעג רעגענען, מעג גיסן פון הימל טאָג־און־נאַכט, אָבער קיין תיבה וועט מען נישט דאַרפן בויען: דער רעגנבויגן זאָגט־עדות אויף דעם הייליקן וואָרט . . .

אָבער היינט האָבן די וואונדערלעכע קאָלירן פון רעגנבויגן אַרויסגערופן אין מיר פיינלעכע געפילן, וועלכע האָבן זיך געראַנגלט מיטן געדאַנק, וואָס האָט געטענהט צום געמיט: „לאָז צורו, ס'איז דאָך זומער־וואַקאַציע; ווייט פון גרויסשטאָטישן טומל, פון פאַרהאָוועטע מענטשן, וועלכע האָבן קנאַפּע געלעגנהייט אַרויסצואווייזן מענטשלעכקייט. דאָ איז מענטש צו מענטש — מענטשלעך. דאָ, צווישן בערג און טאָלן, קאָן מען דערהערן אַ פרידיקע שטיל־קייט, וואָס שמעקט מיט זיסע ריחות פון סאָסנע־ביימער, פון גראָזן און קריי־טעכצער אין די גרינע פעלדער. איז אָט אין דער אייביקער נאַטור־סימפאָניע,

ווילסטו גאָר אַריינוועבן טרויער־טענער פון שרעק פאַר נייע מבולס פון פייער, פון בלוט, פון מלחמה, פון גאַז־אויוונס ? . . .

— פון מיין שטאָט דעם יזכור־בוך ? — האָב איך נאָך אַלץ אַ פאַר־טראַכטער איבערגעפרעגט דעם מענטש, וואָס האָט מיט זיין פראַגע אַריינגע־ריסן זיך אין מיינע מחשבות.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט.

איך האָב זיך לאַנגזאַם אויסגעדרייט צום מענטש, פון וועלכן ס'איז גע־קומען דער ענטפער. ער איז געזעסן אויף איינעם פון די שטולן, וועלכע זענען געווען צוזאַמענגערוקט צוליב דער ענגשאַפט אויף דער וועראַנדע. איך האָב דערזען אַ מענטש פון אַ יאָר עטלעכע־און־פופציק מיט אַ עטוואָס־לענגלעך פנים פון מאַטן קאָליר, מיט אַ הויכן שטערן, שוואַרצע ברעמען און ערנסטע אויגן מיט אַזאַ היימישן, נאָר נייגעריקן בליק אין זיי, פון וועלכן ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך קען אים פון ערגעץ. קיין לאַנדסמאַן — האָב איך גע־טראַכט — איז ער נישט, ווייל ער האָט געפרעגט אויפן יזכור־בוך „פון אייער שטאָט". קאָן אָבער זיין, ער זאָל זיין פון אַ דערבייאיקן שטעטל, וואָס איז ווי אַ סך אַנדערע שטעטלעך אַריין מיט זייער חורבן אין איין גרויסן יזכור־בוך פון מיין שטאָט . . .

זעט־אויס, אַז דאָס וואָס כ'האָב אים נישט געענטפערט באַלד אויף זיין פראַגע, האָט אים געפירט צום געדאַנק, אַז ער דאַרף מיר געבן צו פאַרשטיין. ער האָט אָנגעהויבן :

— קיין בן־עיר אייערער בין איך נישט. אַפילו נישט פון פוילן. איך קום פון אוקראַינע. — נאָך דער דערקלערונג איז ער געבליבן שטיל, געקוקט אויף מיר מיט אַ שמייכל, וואָס האָט געקאָנט מיינען : „וואָס דאַרפסטו זיך וואונ־דערן אַזוי לאַנג ? ווילסט עפּעס וויסן ? טאָ פרעג, וועל איך דיר זאָגן". איך האָב געפּאָלגט זיין שמייכל און געפרעגט :

— איז פונוואַנען ווייסט איר, פון וואָס פאַר אַ שטאָט איך קום ? און פאַרוואָס זענט איר אַזוי זיכער, אַז מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ יזכור־בוך ?

— פון וואַנען איך ווייס ? דעם בוך האָב איך דאָך געלייענט אין ביבליאָ־טעק ! און פון אייער בילד אין דעם בוך, האָב איך אייך איצט דערקענט. כאָטש צוריקגערעדט, קען איך אייך שוין, דאַכט זיך, פון לאַנג . . . אַ מענטש מיט אַ מענטש קומט זיך צוזאַמען, אַפילו אין דעם גרויסן ניו־יאָרק : מען גייט, מען קומט, אַהער, אַהין, דאָ־דאָרטן . . . אַ לעקציע, אַ קאָנצערט, מען הערט זיך אייז, וואָס עס קומט־פאָר אויף דער בינע ; פון צייט־צו־צייט וואַנדערן די אויגן איבער די פנימער פון די צוהערערס. איינמאָל, צווייימאָל, אַ פנים ווערט היימיש, נאָר מען איז נישט באַקאַנט, ווייל מען האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט

מענטשן אין מיין לעבן

איינער פארן צווייטן. איצט, ביי דער געלעגנהייט, וועל איך זיך טאקע פאר־שטעלן. מיין נאמען איז שלום. פון אייער בילד אין דעם יזכור־בוך ביז איך געוואר געווארן אייער נאמען און פון וועלכער שטאט איר קומט . . .

— נו, אט וועט זיך עס אנהייבן ! — האב איך א טראכט געטאן. — באלד וועט ער אנהייבן מיט דער סדרה „טריעסט” : „א, נישקשה, איר האט זיך נישט וואס צו שעמען מיט אייער שטאט ! מאלע־וואס מענטשן טראכטן אויס. גלייבט מיר, אז פון אנדערע שטעט האב איך שוין געטראפן גרעסערע נאראנים” . . .

איך בין געווען גרייט, ווי אלעמאל, איינצושטעלן זיך פארן כבוד פון מיין שטאט און זאגן : „ווייזט מיר נאך איין יידישע שטאט, וואס זאל זיין ווי מיינע, א ריינער קוואל פון גוטמוטיקן געלעכטער צוליב די אריגינעלע איינ־פאלן פון מיינע לאנדסלייט ! זעט : אפילו נאכן גרויסן חורבן פון דער שטאט, וואס איז געבליבן אן יידן, פארמערט זיך דער פאלקסטימלעכער הומאר איר־רער. בלויז דערמאנענדיק איר נאמען, ווערט פריילעכער דאס געמיט”.

נאר מיין נייער באקאנטער האט מיר נישט געגעבן קיין געלעגנהייט אנ־צונעמען זיך פארן כבוד פון מיין היימשטאט. ער האט בלויז איבערגעחזרט דאס זייניקע :

— איז וואו־זשע קאן איך קויפן דאס יזכור־בוך פון אייער שטאט ?

כ'האב געוואלט טרעפן אין גדאנק, פארוואס ער וויל אזוי שטארק דאס בוך : זאל ער האבן געווען אמאל ביי אונדז אין שטאט אויף ארבעט ? אדער מיט עפעס א געזעלשאפטלעכער שליחות צו איינער פון די פיל פארטייען ? זאל אים האבן אזוי שטארק געפעלן די שטאט ? — לעבעדיק און פארבנרייך, איז זי טאקע געווען. און אפשר גאר האט ער זיך פארליבט אין א מיידל ? — ווארום א סך שיינע מיידלעך זענען דארטן געווען . . . און אין דעם בוך האט ער דערזען איר בילד און געלייענט וועגן איר העלדן־טויט, — ווייל אין מיין שטאט האבן יידן געגעבן א ווידערשטאנד די נאציס — וויל ער איר בילד צום אנדענק, ווייל דאס מיידל איז אים געבליבן איינגעבאקן אין הארצן . . .

נאך אזא רעכענונג האב איך געוואלט וויסן, ווער די מיידל איז געווען, אפשר א באקאנטע, א נאענטע צי גאר א קרובה ? וועלן מיר רעדן וועגן איר, דא אין די קעטסקיל־בערג, ווייט פון דער אלטער, אומגעבראכטער היים און באטש מיט ווערטער הייליקן איר אנדענק . . . איך האב מיט נייגער געפרעגט :

— דאס בוך האט איר דאך שוין געלייענט, איז צו וואס דארפט איר א יזכור־בוך פון א פרעמדער שטאט ?

פון מיין פראגע האט זיך זיין שטערן עטוואס פארקנייטשט, און אין די אויגן האט זיך באוויזן א בליק, ווי ער זאל זיך האבן אנטוישט אין מיר. נאר

איידער ער האָט באַוויזן צו ענטפערן, האָט זיך אַריינגעמישט זיין פרוי, וואָס האָט אין צייט פון אונדזער שמועס, דערוויייל באַקענט זיך מיט מיין פרוי. איצט האָט זי געבעטן:

— לאָמיר אַ ביסל שפּאַצירן. די זון האָט זיך שוין באַוויזן. דער הימל ווערט ווידער בלוי, דאָס וואַסער פון די וועגן איז שוין אַפּגעלאָפן. איר האָט אַפילו נישט באַמערקט, אַז די מענטשן פון דער וועראַנדע זענען שוין אַוועק, און מיר זענען געבליבן אַליין.

דער וועג איז געווען נישט קיין ברייטער, און ביי די זייטן זענען די גראָזן געווען נאַס, זענען די פרויען געגאַנגען פאָרויס אויסמיידנדיק קליינע קאַליוזשעס צווישן די בערג און טאָלן האָט זיך באַוועגט אַ געדיכטער דאַמף און געהאַלטן אין איין צעטיילן זיך און צוריקבאַהעפטן זיך, נאָר שוין אין אַנדערע פאָרמען און פיגורן. די זון האָט זיך נאָך געטוקט פון צייט־צו־צייט, און ווען זי האָט זיך באַוויזן, האָט זי וואָרעם געגלעט, ווי בעטנדיק דעם דאַמף ער זאָל זיך צעגיין אין דער ווייט און ברייט פון דער זיסער לופט, און באַרג און טאָל . . . און פונקט ווען מיין פרוי, וואָס איז געגאַנגען מיט דער נייער באַקאַנטער, האָט מיט באַגייסטערונג אויסגערופן: „זעט נאָר די נאַטור־שפּיל אויף די בערג!" האָב איך אין דער זעלבער צייט דערהערט זיין ענט־פער אויף מיין פראַגע.

— איר זאַמלט־איין אונדזער טראַגעדיע?

— איך זאַמל אויך אַנדערע ביכער. איך זאַמל פּראָקלאַמאַציעס, סטרייק־רופן, צירקולאַרן וועגן וואַלן, פּראָגראַמען פון טעאַטער־פאָרשטעלונגען, פון קאָנצערטן, — אַלץ וואָס ס'האָט אַ שייכות צום יידישן לעבן זאַמל איך.

— אַ זאַמלער, הייסט עס? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— כ'וויים? . . . פּרנסה צי איך פון אַרבעט אין שאַפּ . . .

פון יענעם טאָג־אָן האָבן מיר זיך אָפט באַגעגענט: אַמאָל צווישן אַלע געסט פון האָטעל, און אַמאָל בלויז זאַלבעפיר אויף שמאָלע, געדרייטע וועגן אין די בערג. די פרויען — פאָרויס אין זומערדיקע קורצע הייזקעס, אין לייכ־טע דעקאָלטירטע בלוזקעס, פּאַרטיפט אין אַ געשפּרעך, אָדער זינגענדיק אַ ניי ליד, וואָס זיי האָבן זיך דאָרט אויסגעלערנט; און מיר — הינטער זיי, האָבן זיך געאַמפּערט וועגן יושר, וועגן תכלית פון דער וועלט, וואָס וויל נישט ווערן קיין לייט . . . ביידע האָבן מיר אַנגעדרייט די אויערן דער וועלט, ביידע האָבן מיר נישט איינמאָל אַריבערגעלייגט די וועלט איבער די קני און דערלאַנגט איר אַזוי, אַז זי זאָל האָבן צו געדענקען . . . אָבער ער — פאַר גאָר אַנדערע זינד, ווי איך . . .

צום סוף פון אונדזער וואַקאַציע, האָבן מיר זיי איינגעלאָדן צו קומען צו

מענטשן אין מיין לעבן

אונדז, ווען מיר האָבן אַ יזכור־בוך פון אונדזער שטאָט גרייט פאַר זיי.

סוף זומער זענען זיי געקומען צו אונדז. דער טיש איז געווען געגרייט מיט ווייַן, מיט פרוכטן פון אַלערליי קאָלירן און אויבן־אָן — דער יזכור־בוך פון מיין שטאָט. איידער מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש, האָט ער פריער אַ זוך געטאָן צווישן די ביכער אין הויז. נישט געפינענדיק עפּעס נייעס, האָט ער אָנ־געהויבן גיין צום טיש. אויפן וועג האָט זיך זיין בליק פאַרהאַלטן אויפן קאַ־לענדאַר, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט מיטן בילד פון שלום־עליכם. ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען די אויפשריפט פון קאַלענדאַר אויפן קול:

„אַלוועלטלעכער שלום־עליכם־יאָר 1959. קולטור־הויז און יידיש־וועלט־לעכע שול י. ל. פּרץ, דעוואָטאָ־לינטש, סאַן מאַרטין".

— פון אַרגענטינע? — האָט ער געוואָלט וויסן.

— יאָ, פון אַרגענטינע.

— דער קאַלענדאַר איז דאָך שוין אַ פאַרעלטערטער. זעט־אויס, פאַר־געסן אַראָפּצונעמען פון דער וואַנט? וואַרפט אים נישט אַוועק, גיט אים מיר...

ער איז אַפּנים געווען זיכער, אַז איך וועל אים געבן דעם קאַלענדאַר, האָט ער אָן ווייטערדיקע רייד אָנגענומען מיין איינלאַדונג צום טיש. איידער מיר האָבן באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם לחיים, זענען די פרויען שוין געווען פאַרטאָ־מען אין אַ געשפּרעך וועגן דיעטע, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט עסן פון דעם אָנגעגרייטן אויפן טיש, אויב מען וויל אָנהאַלטן אַ קאָרעקטן אויסזען פון דער פיגור.

איך האָב גראָדע געוואָלט אָנטיילנעמען אין דעם שמועס, נאָר מיין נייער פריינט האָט נישט דערלאָזט. ער האָט מיר אָנגעהויבן צו דערציילן מיט אַ נידעריקער שטים, נישט צו שטערן זיי.

— איר ווייסט, איך האָב אַנטדעקט אַן אוצר.

— קאָנען מיר זיך אפשר טיילן מיטן אוצר? . . .

— זיכער! נישט נאָר מיט אייך, נאָר מיט אַלעמען, ווייל דעם אוצר האָב איך שוין אַוועקגעגעבן אין דער „איוואָ" . . . אַנומלטן בין איך געקומען צו אַ ייד אין הויז אַריין, טאַקע אייערער אַ שכן, וואָס וואוינט דערבײַ. אַ מענטש וואוינט אַליין, אָבער זעט אויס נישט איינזאַם, ווייל ביכער און זשורנאַלן האָט ער פון דער גאַנצער וועלט! זעלטענע עקזעמפּליאַרן! טייל ביכער זענען פון אַלטקייט זיך צעפאַלן, האָט ער זיי אַליין איבערגעבונדן, ער קאָן די מלאכה. אַמאָל, איידער ער ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער אַר־בעט, איז ער געווען אַן איינבינדער. ער איז גרייט אַ סך פון די ביכער אַוועק צו געבן, אָבער עס פעלן אויס נעמערס . . .

— איר האט גענומען ביי אים ביכער?

— נייז, נאר א קאפיטל פון א שוידערלעכער צייט נאך בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז געווען טעטיק צווישן די אוקראינער יידן אין אמעריקע צו העלפן די געליטענע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים . . . איך אליין האב דאך דורכגעמאכט יענע שוידערלעכע מלחמה־יארן פון הונגער, פאגראמען, שחיטות, וואגלענישן, אויסבאהאלטן זיך. נאר אז מען בלייבט לעבן, לעבט מען נישט אלע יארן מיט יענעם אומגליק פאר די אויגן . . . דער ייד האט געהאט א חוש פאר געשיכטע: ער האט פארשריבן ווען און וואו די היגע לאנדסלייט האבן אפגעהאלטן פארזאמלונגען צו העלפן די געליטענע. ער האט פארשריבן זייערע נעמען און וואס זיי האבן גערעדט . . . א סך פון די פארזאמלונג־זאלן זענען שוין אראפגעריסן געווארן, א סך פון די מענטשן זענען שוין אויף דער וועלט נישטא, אבער זייערע רייד, זייער אופן פון רעדן, זייערע אויפטואונגען זענען געבליבן אויף שטענדיק און דאס איז א דאנק דעם פשוטן פאלקס־מענטש, וואס האט איינגעזאמלט און אפגעהיט די עשירות פון די הילף־רופן, פון צער, פון געוויין און די געטרייע הענט פון הילף פון די היגע יידן. יא, אונדזערע אוצרות . . .

עס קאן זיין, אז ער וואלט נאך געווען גערעדט, ווען איך זאל אים נישט געווען אנמערקן, אז אונדזערע לעידים האבן אויך עפעס צו זאגן.

— א דאנק, איר זענט גערעכט, — האט ער זיך אנטשולדיקט און דערביי מיר פארזיכערט: — מיר וועלן זיך נאך אומקערן צו אונדזער געשפרעך, שפעטער.

נאך צום טרויעריקן געשפרעך האבן מיר זיך שוין נישט צוריקגעקערט, מיר האבן גאר אנגעהייבן צו רעדן וועגן דעם קאלענדאר אויף דער וואנט און אנגעפאנגען האט ער:

— גוט וואס איר האט פארגעסן ארויסצוווארפן דעם אלטן קאלענדאר, פאר מיר איז ער א קרוין.

— נישט פארגעסן. איך האב אים דווקא שטארק אפגעהיט.

— אזוי גאר? — האט ער זיך געחידושט. — וואס פאר א ווערט האט ער פאר אייך?

— ער דערמאנט מיר זייער א סך.

— א שטייגער?

— ער דערמאנט מיך אין דעם ווייטן לאנד, וואוהין מיר זענען געפארן, דארטן טאקע האב איך געקראגן דעם קאלענדאר אלס מתנה. ווען נאר איך גיב א קוק אויף אים, דערזע איך אויפסניי א פארווירקלעכטן חלום: באגעגעניש מיט ברידער, מיט שוועסטער, מיט אומבאקאנטע קרובים, מיט לאנדסלייט

און מיט יידן, וועלכע האבן פאר מיר געעפנט די טירן צו זייערע קולטור־דערגרייכונגען: טעאטער, ביבליאטעקן, קינדער־שולן, לערערס, שול־טוערס... גיב איך א קוק אויף דעם „פארעלטערטן" קאלענדאר, דערזע איך די י. ל. פרץ שול. איך זע די קינדערלעך אויף די שול־בענקלעך און זיי פרעגן אזעלכע שיינע פראגעס:

— רופט מען אויך ביי אייך אין נארט אמעריקע די יידן רוסא?

— ווען עס פאלט ביי אייך א שניי, גייען די קינדער אין שול אריין? . . .

זעט אויס, אז מיין נייער באקאנטער איז גאר א דערפארענער זאמלער, האט ער מיך רואיק אויסגעהערט און פון צייט־צו־צייט אפילו מסכים געווען מיט מיר, נאר אז איך האב זיך אויפסניי צעלאזט מיט מיין לויבן דעם קאלענדאר, ווי: „איך זעט, צוועלף בלעטלעך האט דער קאלענדאר, איז יעדעס בלעטל פול מיט היסטארישע דאטעס, מיט ציטאטעס פון שרייבערס, פון שטאטסמענער, פון פילאזאפן, — מיט אייןווארט — א קליינע אנטאלאגיע. און די גאר וויכטיקסטע דאטע, וואס דער קאלענדאר איז ארויסגעגעבן געווארן צום אלוועלטלעכן שלום־עליכם־יאר, דאס יאר, ווען מענטשן פון אלע לענדער און פעלקער זענען זיך צוזאמענגעקומען און אויסגעקליבן אונדזער יידישן קלאסיקער פארן סימבאל פון וועלט־שלום . . .

— איז צוליב דעם, — האט ער אנגעפאנגען ערנסט און שטיל, — דארפט איר האבן אזן אלטן קאלענדאר, וואס ווערט מיט יעדן טאג מער פארגעלבט? שלום־עליכמס ביכער האט איר דאך. און אז איר וועט וועלן א קוק טאן אויפן קאלענדאר, וועט איר צוגיין אין יידישן מוזעאום, וואוהין איך וועל אים אוועקגעבן, דארטן וועלן אים זען א סך מענטשן . . . איר פארשטייט, אזא זעלטנקייט טאר נישט בלייבן קיין פערזענלעך אייגנטום . . .

— איך וועל א טראכט טאן וועגן דעם, — האב איך אים פארזיכערט.

פארן אוועקגיין האט ער מיך געבעטן: — היט אפ דעם קאלענדאר, ווייל ער באלאנגט צו אלעמען . . .

איך האב אים געהיט, אבער בלויז פאר מיינעטוועגן אליין, ווי איך האב געהיט אלע אנדערע מתנות, וואס איך האב אהיים געבראכט פון די וויטע לענדער. נאר מיין נייער באקאנטער דער זאמלער, האט אים אויך געהיט . . . ער האט אפט געדעדט צו מיר אויפן טעלעפאן, מכלומרשט וועגן אנדערע זאכן, מערסטנס וועגן נייע אנטדעקונגען, וועגן מיין היימשטאט, וואס ער האט געמאכט:

— איר ווייסט, איך האב אנומעלטן געקראגן א זייער אינטערעסאנט בוך מיט מעשיות און אנעקדאטן וועגן אייער שטאט. איך וועל אים אייך צושיקן.

— גוט. וויפל קאסט ער?

— נישט אייער עסק וויפל ער קאָסט. עס איז אַ מתּנה פאַר אייך . . . אַ, איך האָב אינזינען געהאַט אייך עפּעס פרעגן און פאַרגעסן וואָס . . . נו, מילא, מסתּמא נישט וויכטיק . . . יאָ, אַט איז עס ! איך האָב זיך דערמאָנט.
— וואָס הערט זיך מיטן קאַלענדאַר ? . . .
אַז אַנדערש מאָל רעדט ער צו מיר אויפן טעלעפאָן :
— איך קען שוין באַלד בעסער די געשיכטע פון אייער שטאָט, ווי פון מיינער. איר מעגט זיך באמת גרויסן מיט איר, איך מיין נישט דערפאַר, וואָס די מעשיות וועגן איר מאַכן אַלעמען צו לאַכן . . . איך מיין, צי ווייסט איר, אַז נאָך אין דעם יאָר 1789 איז געווען ביי אייך אַ רב צבי הערש יאַסעפּאָוויטש, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ בראַשור אויף פּויליש, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן אין פּוילן ?
— יאָ, איך ווייס, — האָב איך אים פאַרזיכערט.
ער האָט אַ זיפץ געטאָן אויף יענער זייט טעלעפאָן, וואָס האָט באַדייט : „נישטאָ קיין מזל״, און אַפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט ער געפרעגט : „איז ווי לאַנג איז דער שיר דער קאַלענדאַר זאָל זיך עלטערן אויף דער וואַנט ?״
— אַבי געזונט, וועט ער האָבן לאַנגע יאָרן . . . וואָס עלטער ער וועט, אַלץ טייערער וועט ער מיר, — האָב איך אים געגעבן צו פאַרשטיין . . .
דער ווינטער איז געקומען און ווי אַלעמאָל צעבליט זיך אין ניו־יאָרק אויפסניי : טעאַטער־פאַרשטעלונגען, קאָנצערטן, אָפּערע — מיט לאַנגע רייען מענטשן אָנגעשפּאַרט אין די קוויטקע אָפּערע־ווענט, וועלכע וואַרטן פון גאַנץ פרי ביזן אָוונט צו קאָנען אַריינגיין צו דער אָפּערע־פאַרשטעלונג. ווינטער־צייט אין ניו־יאָרק איז דער זמן פון איינזאַמלען גייסטיקע פאַרגעניגנס . . . איז פּונקט ווען די אַקטיאָרן שפּילן אויס פון דער בינע שלום־עליכמס „מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט״, ווען עס גייט אַז די ערשטע וועלט־מלחמה און דער „זוואַדנע״ צעשרייט זיך אויף דעם יידישן סאָלדאַט יחיאל :
— „פּשאַ קרעוו״ אַהין ! אַהין זאָלסטו שיסן, וואו אַלע שיסן, ניט אין הימל אַריין ! . . .
און יחיאל מאַכט צו אים גאַנץ געלאַסן :
— אַהין ? דאָרט זענען דאָך מענטשן ! . . .
די רייד פון יחיאלן קלינגען מיר אַזוי באַקאַנט און אַזוי שכלדיק, פון וועלכע עס קומט מיר אויפן געדאַנק מיין היימשטאָט מיט אירע מעשיות . . . פון דאָרט טוט מיך דער געדאַנק אַ טראָג אַוועק אין ווייטן לאַנד אַרגענטינע צו אייגענע . . . אין דעם ווייטן לאַנד שפּילט מען אויפסניי, צוליב דעם אַל־וועלטלעכן שלום־עליכם־יאָר „טביה מיט זיינע טעכטער״. שלום־עליכם — סימבאָל פון שלום אויף דער וועלט און די מתּנה, דער קאַלענדאַר אויף דער

מענטשן אין מיין לעבן

וואנט, דערמאַנט מיך אַלעמאָל אין דעם . . .

און פונקט דאָן איז מיר געקומען אויפן זינען מיין נייער באַקאַנטער, דער זאַמלער. איך האָב אים אַ זוך געטאָן מיט די בליקן צווישן עולם און זיך באַגעגנט מיט זיינע בליקן. אויפן וואונק האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט צו טרעפן זיך נאָך דער פאָרשטעלונג.

ביים אַרויסגאַנג האָבן מיר זיך באַגעגנט און אַוועקגעשפּאַצירט איבער דעם פּריש־אַנגעפּאַלענעם שניי. די שיין פון גאַסן־לאָמפּן האָט זיך קוים דורכגעריסן דורך דעם געדיכט־פאַלנדיקן שניי און שוואַך באַלויכטן די וועגן. ביי דער ערשטער סאַבוועי־סטאַנציע האָבן מיר זיך אָנגעהייבן געזעגענען, ווייל זיי זענען געפאָרן אין אַ צווייטער ריכטונג. ער האָט פאַרהאַלטן מיין האַנט אין זיינער און געזאָגט:

— איך האָב אַן אַלבאָם פון אַ באַוואוסטן מאָלער, וואָס האָט קינסטלעריש געשטאַלטיקט דורך בילד די מעשיות און אַנעקדאָטן, וועלכע זענען פאַרשפּרייט ביים פאָלק וועגן אייער שטאָט. גיב איך אייך דעם אַלבאָם און איר מיר — דעם קאַלענדאַר. גוט?

דאָס מאָל האָט מיך פאַרדראָסן זיין צודרינגלעכקייט: צי פאַרשטייט ער נישט וואָס עס מיינט אַ מתנה? אַז אַנדענק? איז וואָס האָט ער זיך פאַרלייגט אויף דעם?! . . . עס האָט מיך פּלוצים דערמאָנט אין דער געשיכטע מיט אויסנאַרן די בכורה, וואָס איז מיר קיינמאָל נישט געווען צום האַרצן . . . איך האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן צו זאָגן אים איינמאָל פאַר אַלעמאָל דעם הארבן „לא מיט אַן אלף", עס איז נישט צום אויסבייטן! . . .

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים און געקאָנט זען אינעם פאַרשנייטן שיין פון די לאַמטערנס, זיין ממש־בעטנדיקן אויסדרוק אויפן פּנים, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, מיינט: צי פאַרשטייט איר נישט, אַז איך בעט נישט דעם קאַלענדאַר פאַר זיך? פאַרוואָס זאָלט איר גאָר איינגאַנצן דערלאָזן צו אַזאַ מין דינגעניש? . . .

איך האָב געווענדט מיינע בליקן אויף מיין פרוי און אויף זיינער, וועלכע האָבן זיך נישט געמישט אין אונדזער שמועס, און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אין זייער שווייגן רעדט אומגעדולד. וואָלטן זיי דאָס געזאָגט אין ווערטער, וואָלט דאָס מסתמא געגאַנגען אַזוי: — אַן עק, אַ סוף! יאָ, צי ניין, אָבער אַ סוף זאָל נעמען! . . .

נאָר מיין פרוי האָט גאָר אויסגערופן: „עס ווערט קאַלט צו שטיין אויף איין אָרט". זיין פרוי האָט איינגעשטימט מיט מיינער און באַלד באַמערקט: „ווייסט איר גאָר וואָס? לאָמיר דאָס איבערלאָזן אויף זומער. דער זומער איז

נישט ווייט און מיר וועלן זיך ווידער טרעפן אין די בערג אויף וואַקאַציע, וועט זיין באַקוועמער צו רעדן וועגן דעם, ווי דאָ־אָ".

איך בין געווען צופרידן פון איר עצה, ווייל זי האָט אויפגעלייזט אין מיר דעם פּאַרדרוס, וואָס האָט געקאָנט אין אַן אויגנבליק ווערן אַ באַמערקונג אָנגעלאָדן מיט רוגזה . . .

דער ווינטער איז אַוועק, דער פרילינג האָט זיך צעבליט און איידער ער האָט אָפּגעבליט, זענען געגעבן אַ קום־אָן די זומערדיקע היצן. מיר זענען אַוועק אויף אָפּרו אין די בערג, אינעם זעלבן האָטעל, ווי פאַראַיאָרן און דאָרטן גע־טראָפן דעם נייעם פריינט, דעם זאַמלער מיט זיין פרוי.

די גאַנצע צייט פון פאַרברענגען צוזאַמען האָט ער מיך נישט געפרעגט אויפן קאַלענדאַר. דאָס האָט מיך אָנגעהויבן צו אַרן, ווייל ווי אַזוי פאַרגעסט מען דאָס אַזוי גיך אַ זאַך, וואָס מען האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט האָבן? עס האָט מיר אָנגעהויבן באַנג טאָן אויפן קאַלענדאַר, וואָס חוץ מיר איז מער קיין בעלן נישטאָ אויף אים . . .

עס איז געווען נאָך מיטיק. דער הימל — הויך און העל, און די זון אַ ווייס־צעגליטע. אַרום האָטעל זענען די ביימער געשטאַנען ווי פאַרחלשט, די בלעטער האָבן זיך נישט גערירט, די גראָזן האָבן זיך נישט באַוועגט און די מענטשן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט גיין צום קילן טייך, האָבן געדרעמלט אין שאָטן פון ביימער.

מיר, זאָלבעפירע, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ שיפל אויפן טייך, אַהינצו וואו עס זענען שוין געשטאַנען שיפלער, איינס לעבן אַנדערן מיט מענטשן, וועלכע האָבן אָנגעפילט די הייסע לופט מיט געזאַנג.

דער פריינט, דער זאַמלער, האָט ווי שטענדיק, אויך איצט געהאַט מיט זיך אַ „טעקע" אין וועלכער ער האָט געהאַלטן צייטונג־אויסשניטן, זשורנאַלן און ביכלעך מיט לידער, ווייל ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָל זיין וואָס צו טאָן: אויב נישט זינגען איז פאַרלייענען און שפּעטער רעדן וועגן דעם געלייענטן.

היינט האָט ער נישט געעפנט די טעקע, צוליב מיינער אַ פאַרבייגייענדי־קער באַמערקונג, וועגן אַ נייער נאָוועלע פון זיין לאַנדסמאַן, וואָס וואוינט אין קאַליפאָרניע. ער האָט געהאַלטן די הענט אויף דער פאַרמאַכטער טעקע און גערעדט מיט שטאָלץ וועגן זיין בן־עיר דעם שרייבער מיטן זעלבן שטאָלץ גערעדט וועגן אַנדערע לאַנדסלייט זיינע, באַגאַבטע שרייבער, אַנגעזעענע מענטשן און אַלץ איז ביי אים געגאַנגען אויפן אַדרעס פון זיין היימשטאָט אין אוקראַינע. זיין שטאָט — אַ יחוס־שטאָט.

איך האָב גערודערט דאָס שיפל נאָענט ביים ברעג, וואו ביימער האָבן גע־שפּרייט שאָטנס איבער אונדז. אָפּטמאָל האָב איך פאַרלייגט די וועסליעס

מענטשן אין מיין לעבן

אויפן שיפל. דאס שיפל האט זיך קוים באוועגט און מיר האבן זיך אלע איינגע־הערט ווי ער וואנדערט מיט זיינע לאנדסלייט, פון זינט זיין היימשטאט איז געבוירן געווארן, ער שפאנט מיט אלע דורות איבער אלע עקן וועלט און פירט זיי אריין אין דער אייביקייט . . .

— יא, די אלע שטאמען פון מיין שטאט. — און עס האבן זיך העלער צעשפילט די בורשטין־קאלירן אין זיינע אויגן . . . מיטאמאל האבן זיינע שווארצע ברעמען עטוואס זיך פארצויגן, ווי ער וואלט זיך אין עפעס דערמאנט און קוקנדיק אויף מיר האט ער מיט א קוים־מערקנדיקן שמייכל געזאגט: „אייער שטאט איז מיר אויך נישט פרעמד".

— די וועלט ווייסט מער וועגן מיין שטאט, ווי אירע בירגער האבן ווען עס איז געוואוסט . . .

— איך גלייב אויך אזוי, — האט ער מסכים געווען. און עפענענדיק די טעקע האט ער ווייטער גערעדט: „איר ווייסט, אז אין אייער שטאט האט אמאל, מיט א דריי הונדערט יאר צוריק, געלעבט א רב ר' אליהו בעל־שם, און לויט לעגענדעס, זאל ער האבן באשאפן א גולם? . . .

— וואס מען זאל נישט אויסטראכטן אויף אונדזער שטאט, גלייבט מען.

— האט זיך מיין פרוי ארייננגעמישט און נישט אן פראטעסט. נאר דעם זאמ־לערם פרוי האט זי געטרייסט: „צי מען גלייבט, צי מען גלייבט נישט, אבער די מעשיות וועגן אייער שטאט זענען שיינע, מיט א טעם".

נאר דער זאמלער האט זיך נישט געלאזט אראפפירן אויף זייטיקע שמועסן און ער האט פארגעזעצט: „אט פון דעם בעל־שם שטאמט דער בא־רימטער ר' יעקב עמדין, וועמעס אייניקל, צי אפשר אור־אייניקל וואוינט אין ניו־יארק און איך קען זיך מיט אים".

זעט אויס, אז מיין נייער פריינט האט געהאט דורכגעלייענט דעם יזכור־בוך פון מיין שטאט און גוט פארגעדענקט אלץ וואס עס איז דארטן פאר־שריבן. ער האט דערציילט וועגן צייטן און געשעענישן; וועגן פארטייען און ארבעטער־פירער; וועגן שרייבער און קינסטלער. און וואס מער ער האט גע־רעדט, כאטש אלץ איז מיר געווען באקאנט, דאך האט זיך מיר אויסגעוויזן, אז פון זיינע רייד וואקסט אויס מיין שטאט אין א גרויסער פערזענלעכקייט, מיט כאראקטער־שטריכן, וואס קיין אנדער שטאט אויף דער וועלט האט זיי נישט . . .

און אזוי רעדנדיק האט ער פון דער טעקע ארויסבאקומען דעם אלבאם אין וועלכן א מאלער האט אין בילדער אויסגעדריקט זיין באגייסטערונג פאר די מעשיות און לעגענדעס וועגן מיין שטאט. מיר האבן געבלעטערט דעם אלבאם, אט איז א בילד, ווי מיינע לעגענדארע לאנדסלייט כאפן די לבנה

איז אַ פּאַס וואַסער אַריין . . . און אַט שטופּן זיי אוועק דעם באַרג פון שטאָט . . . נאָר באַלד אַרבעטן זיי שווער ביים אויפשטעלן אַ מויער אַרום דער שטאָט, וואָס וועט ווינטער נישט אַריינלאָזן דעם פראָסט אין שטאָט אַריין . . .

מיר האָבן געמישט די בלעטער פון אַלבאָם און ערגעץ אין אַ קעמערל פון זכרון האָב איך געזען אַ שטאָט מיט לעבעדיקע מענטשן, מיט אייגענע, מיט נאָנטע . . . די ביימער ביים ברעג פון טייך האָבן מיר אויסגעזען אַזוי היימיש, ווי דער וואַלד הינטער מיין שטאָט. איך דאַרף זיך נאָר אַוועקלאָזן אין וואַלד אַריין, וועל איך געפינען די אַלטע וועגן צו מיין שטאָט, צו מיין גאַס, צו דער שטוב, צו דער הילצערנער שוועל — צו מיינע קינדער־יאָרן . . .

הינטער די ביימער איז די זון שוין פאַרגאַנגען. דער בלויער הימל האָט זיך געשפּיגלט אין טייך. פון ווייטן האָט זיך נאָך געהערט געזאַנג פון יענע שיפלעך. און איך האָב געפירט דאָס שיפל אַן אַ ציל . . . אין דמיון בין איך איצט געלאָפן פון מיין שטאָט, אויף וועלכער איך האָב נאָר־וואָס אַ קוק געטאָן און קיינעם מער דאָרטן נישט געטראָפן. בלויז חורבן . . . אָ, ווען אַלע מענטשן זאָלן האָבן דעם זעלבן שכל פון שלום־עליכמס יחיאל און זאָגן: „שיסן אהין? דאָרט זענען דאָך מענטשן!" — וואָלט דאָך די שטאָט געווען געבליבן שטאָט, און די מענטשן — מענטשן . . . אַזוי — בלויז אַ נאָמען פאַר דער וועלט . . .

— דאָס זאָג איך דאָך, — האָב איך דערהערט דעם זאַמלערס שטים. — דער אַלבאָם איז אַ זעלטענער אָנדענק פון די פּערל־אַנעקדאָטן פון אייער שטאָט, אַ דערגאַנצונג צו דעם יזכור־בוך. און דער קאַלענדאַר אויף דער וואַנט ביי אייך אין הויז . . . עס איז נישט קיין יושר, ווייל . . .

איך האָב אָנגעהויבן שטאַרקער צו רודערן מיט די וועסליעס, ווייל איך האָב נישט געוואָלט הערן דאָס וואָס עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער גייט זאָגן: „ווייל איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר . . . די קינדער וועלן אַ קוק טאָן און זאָגן: פאַרגעסן אַראָפּ צו נעמען . . . אָדער: טאַטע־מאַמע זענען געווען סענטימענטאַל . . ."

ניין, דער זאַמלער האָט עס נישט געזאָגט, אומזיסט חושד געווען . . . וועלן די קינדער אַמאָל וויסן, אַז איך האָב געהאַלטן דעם קאַלענדאַר, ווי אַ דערמאָנונג, ווי אַ טרייסט, אַז עס איז פאַראַן אַ וועלט, וואָס וויל שלום, אַז מיר זאָלן נישט בלייבן בלויז נעמען אויף חרובע שטעט און מצבות — יזכור־ביכער . . .

מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס שיפל. די זון איז שוין געווען פאַרגאַנגען הינטער די בערג. אַ טונקעלע, גרינע קילקייט האָט זיך געשפּרייט אין דער לופט.

מענטשן אין מיין לעבן

און ארויפגייענדיק מיטן בערגל צום האָטעל, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט כאַפּן דעם אָטעם. אין טייך האָבן זיך איצט אָפּגעשפּיגלט די רויטע און גרינע און געלע קאָלירן פון די שיפלעך. אַרום איז געווען אַזוי רואיק, אַזוי שלומדיק, אַז אַלע דערפאַרונגען פון מלחמה האָבן אויסגעזען ווי אַ בייזער קאָשמאַר . . .
מיין נייער פריינט, דער זאַמלער, האָט מיר דערלאַנגט דעם אַלבאָם: — אַ מתנה פון אייער שטאָט, — האָט ער געזאָגט.
— איז וואוהין ווילט איר אָוועקגעבן דעם קאַלענדאַר? — האָב איך גע־וואָלט וויסן.
מיר זענען געגאַנגען זאַלבעפיר מיטן באַרג צוריק צום האָטעל. מיר האָבן נישט גערעדט, ווי מיר וואָלטן זיך צוגעהערט צו אַ געזאַנג, וואָס קומט פון ערגעץ ווייט, וואָס טראָגט זיך נאָך פון אייביקייטן און פילט אָן מענטשלעכע געמיטער מיט שטילער פרייד.

צוויי מענטשן — איין שטול...

.1

ער האָט געעפנט די טיר פון שאַפּ, און אַ גלעקל האָט זיך צעקלונגען. פון פרעס־טיש האָט אַ פרעסער געגעבן אַ הייב אויף דעם קאָפּ, אַ בליק געטאָן צו דער טיר און אויסגערופן: „דעיוו, עמעצער וויל דיך זען!"

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך באַוויזן דעיוו, דער פאָרמאַן פון שאַפּ, אַ מיטליאָריקער מענטש מיט אַן אימפּעטיקן גאַנג. ער האָט זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ און אין גרוים געאײַלט אַ פרעג געטאָן: „ווער האָט דיך געשיקט אַהער?"

דער מענטש ביי דער טיר האָט אים איבערגעפרעגט: „ווהאַט?" (וואָס). דעיוו האָט זיך געחידושט: דאַכט זיך געגוג הויך גערעדט? ער האָט אים געגעבן אַ באַטראַכט: אַ מיטל־וואוקסיקער יונגערמאַן, שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן, אַן אַליוור־טונקל פּנים. נו, אפשר טאַקע נישט קיין ייד. וועט ער אים שוין פרעגן אויף ענגליש, ווער ס'האָט אים רעקאָמענדירט אַהער. און איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין פראַגע, האָט אים יענער דערלאַנגט אַ קאַרטל פון דער אַרבעט־ביוראָ. האָט דער פאָרמאַן אַ וויַיז געטאָן מיט דער האַנט, ער זאָל אים נאָכגיין.

איז ער אים נאָכגעגאַנגען. דער וועג האָט זיך געדרייט צווישן טישן, שטולן, שאַפעס, און שטאַנגען מיט אויסגעפּאַרטיקטע קליידער. פון אומעטום האָבן זיך געזען מענטשן, וואָס האָבן געכאַפּט אַ בליק אויף אים און צוריק פאַרטאָן זיך אין זייער אַרבעט. ווען דער פאָרמאַן מיטן אַריינגעקומענעם האָבן זיך דערנענטערט צו די ניי־מאַשינען, האָבן די אָפּערעיטאָרס אויסגעדרייט די קעפּ און מאָדנע באַטראַכט דעם פרעמדן, ווי נישט געגלייבט זייערע אייגענע אויגן, טייל פון זיי האָבן מיט איבערראַשונג שטיל גערעדט צווישן זיך.

בשעת דער פרעמדער האָט באַטראַכט זייער אומרו, האָט דערווייל אַן אָפּערעיטאָר געגעבן אויף שנעל אַ צי אַראָפּ אַ שוואַרצן טרויער־צודעק פון אַ דערבייאיקער מאַשין. דער פאָרמאַן האָט באַטאַפּט מיט זיינע בליקן די אַנטבלויזטע מאַשין, צי ס'איז אַמאָל נישט געבליבן עפּעס אַ סימן . . . און ווען ער האָט געזען, אַז ס'איז גאָרנישט געבליבן, וואָס זאָל זיין אַן אָנצוהערעניש וועגן דעם מענטשן, וואָס איז דאָ אויסגעגאַנגען אינמיטן דער אַרבעט, האָט ער זיך געווענדט צום נייעם אַרבעטער:

מענטשן אין מיין לעבן

— דאָס איז אַ מאַשין פאַר דיר! מאַך זיך גרייט, כ׳וועל באַלד צו־ברענגען אַרבעט!

דער פאָרמאַן האָט דערפילט אויף זיך די בליקן פון די אַרבעטער, די בליקן האָבן געמאָנט:

— שוין־אַ? די מאַשין האָט זיך נאָך נישט אָפּגעקילט! זיין לעצטער קרעכץ: „זון . . . איך גיי צו — ד״ר!״, שוועבט נאָך אַרום אין שאַפּ און שוין אַן אַנדערער אויף זיין שטול?

דעיוו, דער פאָרמאַן, האָט געגעבן אַ הייב די אַקסל און אַ צעשפּרייט די הענט, וואָס פון דעם איז קלאָר געוואָרן, אַז: „גלייבט מיר, ס׳איז נישט מיין שולד. ס׳איז אין ברען פון סעזאָן, דער באָס האָט פיינט שטומע מאַשינען . . . כ׳קאָן זיך נישט העלפן . . .״

דער נייער אַרבעטער האָט דערוויל אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַ שער און אַוועקגעלייגט זי אויף דער מאַשין, ער האָט אויפגעהאָנגען זיין רעקל אויפן רונדן אָנלען פון שטול, אַרומגעווישט דעם שטויב פון מאַשין און אויספּרובירט איר געניי; זי האָט זיך אַ יאָג געטאָן מיט גלייכע, פּערלדיקע שטעך, און מיט אַ ווייכן קלאַנג, ווי נאָך אַ יום־טוב, ווען די מאַשין איז אויס־גערוט און דער אויל אין איר איז נאָך נישט פאַרצערט.

דער פאָרמאַן האָט אים געבראַכט אַרבעט מיט אַ „סעמפּל־דרעס״ און געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז איצט גייען זומערדיקע קליידער פון ליכטיקע קאָלירן, וואָס קאָנען לייכט כאַפּן פלעקן, אויב מען גיט נישט אַכטונג. און טאָמער וועט ער נישט וויסן עפּעס ווי צו מאַכן, מעג ער פרעגן זיין שכן „נאָמבער״ 28, ער אַרבעט אויך אויף דער זעלבער „סטאַיל״ און זאָל ער גע־דענקען, אַז ער איז „נאָמבער״ 29.

ווען דער נייער אַרבעטער האָט פונאַנדערגענומען די געשניטענע אַרבעט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די אַרומיקע סודען זיך ווענן אים, נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן דעם. דער עיקר האָט ער איבזינען געהאַט צו מאַכן גוט די אַרבעט, כדי צו בלייבן דאָ אַרבעטן.

אַלע ווײַלע האָט ער געכאַפּט אַ בליק אויפן „סעמפּל־דרעס״, אַראָפּצו־לערנען, ווי אַנצוגייען מיטן געניי. נאָר באַלד האָט זיך אַריינגעמישט דער שכן נומער 28 און געזאָגט:

— מיסטער, די־אַ שטיקלעך דאַרף מען צופּרעסן „ביפאָר״ מען נייט זיי אויס, ווייל זיי „שרינקען״, איז גייט צו די פּרעסערס, זיי וועלן אייך דאָס באַלד מאַכן!

דער נייער אַרבעטער האָט ווי נישט באַנומען דעם שכנס עצה און אַ פרעג געטאָן, „וואָהאָט?״. דער שכן האָט אַנגעשטעלט זיינע גרויסע ברוינע

אויגן פול מיט חידוש, נאָר באַשלאָסן, אַז ווי די זאַך זאָל נישט זיין, וועט ער אים שוין געבן צו פאַרשטיין אויף ענגליש, וואָס ער דאַרף צו טאָן. און ווי יענער איז אַוועק פון דער מאַשין, זענען די אָפּערעיטאָרס באַפאַלן דעם שכן 28.

— פאַרוואָס האָט איר אים געשיקט צו די פרעסערס, אַז פרעסן דאַרפן זיי ערשט שפּעטער?

נאָר היימי, דער שכן נומער 28, אַ ייִד מיט אַ גרויסע קאָפּ און אַ ברייט, גוטמוטיק פּנים, האָט נאָכגעקוקט דעם נייעם אַרבעטער, ביז יענער איז גע־ווען ווייט אַוועק, איז ער שנעל צוגעגאַנגען צו יענעמס מאַשין, אַ צי־אַרויס געגעבן דעם שופלאָד און צונויפנעמענדיק דאָס פאַרבליבענע אַרבעט־געצייג, האָט ער זיך פאַרענטפערט:

— איר האָט שוין פאַרגעסן, אַז מיט אַ ווײַלע פריער האָט איר זיך גע־סודעט, ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען די „טולס", ער זאָל זיך נישט אָנשטויסן, אַז ער פאַרנעמט אַ טויטנס־פּלאַץ! איז מיר איינגעפאַלן אַוועקצושיקן אים צו די פרעסערס, וועלן מיר דערוויילע אַרויסקריגן די „ירושה"...

אַ זיפץ האָט אַדורכגעשניטן דאָס גערויש פון די מאַשינען: „משטיינס געזאָגט אַ ירושה! עטלעכע מאַשין־פּיסלעך, צייגערס, „באָבינס" (ציוועקעס), אַ „סקולדרייווער" (שרויפּנציר) און אַן אויסגעשלייפטע שער..."

אַלע זענען געוואָרן שטיל און געקוקט אויפן שכן נומער 28, ווי ער שטייט אומבאַהאָלפן, אין די הענט האַלט ער אַ טיי־לעפעלע, אַ פלעשל מעדיצין און אַ סלאָיעקל מיט קליינע רונדע פּילן, וואָס דער פריערדיקער אָפּערעיטאָר נומער 29 פלעגט כאַפּן אונטערן צונג, ווען ס'איז אים געוואָרן שווער צו אָטעמען.

זיי האָבן געקוקט אויף דער מעדיצין און געשוויגן, פּונקט ווי זיי האָבן געשוויגן, ווען ער איז אינמיטן דער אַרבעט געבליבן זיצן מיט אַזאַ פּילכל אין מויל און געוואָלט ס'זאָל צעגיין, דערביי האָט זיך פאַרענדערט דער קאָליר פון זיין פּנים; די אויגן פול מיט שרעק, ווי זיי וואָלטן געציילט דאָס שנעלע, אומרעגלמעסיקע קלאַפּן פון האַרץ און אין דער זעלבער צייט געקוקט פאַר־טראָגן אין אַ פרעמדער וועלט...

און אַז ער איז צוריקגעקומען צו זיך, האָבן זיי אָפּגעאָטעמט פריי און געפרייט זיך, וואָס ער האָט ווידער צערוישט די מאַשין. איצט איז דאָס שווייגן איבערגעריסן געוואָרן מיט אַ טאָן פון פאַרדראָס:

— איך זאָג אייך, אַז אַלע „מעדיסינס" האָבן די „ווערדע" אַז אויסגע־בלאָזן איי! איז וואָס שטייסטו דאָרטן מיט די שמאַכטעס? וואַרף זיי אַוועק! נומער 28 האָט דערקענט די שטים פון דעם אָפּערעיטאָר, ביי וועמען די

מענטשן אין מיין לעבן

הענט פלעגן אנהייבן צו ציטערן, ווען דער קראנקער האט זיך דערפילט שלעכט. היימי האט איינגעגראבן די מעדיצין אינעם מיסט פון שאפ. ער האט דאס געטאן מיט אזא צער אויפן פנים, ווי ער וואלט ארויפגעלייגט די לעצטע לאַ־פעטע ערד אויפן קבר פון א פריינט, וואס אי ס׳איז אפשר א מצווה צו טאן אזא זאך, אי ס׳איז א ווייטיק, וואס מ׳דארף דאס טאן און דערביי נאך אינזינען האבן: „זיי מיר מוחל. ס׳איז נישטא קיין ברירה . . . דאס לעבן רופט, — כ׳מוז צוריקגיין צו דער ארבעט . . .״

ווען היימי האט זיך צוריקגעזעצט צו דער מאשין, האט זיך אויפסניי פארבונדן א גערייד וועגן דעם טויט, וואס איז באלד איבערגעריסן געווארן, ווען דער נייער ארבעטער איז צוריקגעקומען פון די פרעסערס. געקומען איז ער א ברוגזלעכער, ווייל ווי נאר ער האט ביים פרעס־טיש געגעבן אונטערצופרעסן די טיילן פון זיין ארבעט, האבן די פרעסערס אנגעהויבן זיך איבערצוקוקן; פריער מיט חידוש, — שפעטער — מיט חוזק. נאכדעם האט זיך געמישט געלעכטער מיט פארע פון די פרעס־אייזנס, וואס האבן ווי געטאנצט אין זייערע הענט און צוגעקלאפט צו זייערע רייד:

— וואס „גערגעלער״ קאנען אפטאן! (גערגעלער — א צונאמען ביי די פרעסערס פאר אפערעיטארס). — היט זיך דארטן, זיי ווילן דיר אונטער־שטעלן א פיסל, פארשטייסט? זעסט? די־א שטיקלעך ווארע פרעסט מען שפעטער צוזאמען מיטן גאנצן „באנדל״. נאר גארנישט, ביסט דאך שוין דא, וועל איך דיר געבן זיי א גלעט־אויס.

איז דער נייער ארבעטער אוועק פון די פרעסערס מיט א בייז הארץ אויף זיין שכן, נאר פירווארפן וועט ער אים איצט גארנישט. קודם וועט ער זען צו מאכן גוט זיין ארבעט און אז ער וועט דא בלייבן, וועט ער נישט פאר־געסן אמאל צו דערמאנען אים וועגן דעם שפיצל . . .

.2

ס׳איז אוועק א טאג, און אויף אלע פרואוון פון די שכנים צו פארפירן מיט אים א געשפרעך אויף יידיש, האט ער געענטפערט מיט א „ווהאט?״ אין יעדן נייעם שאפ האט ער אזוי אויסגעמיטן צו רעדן יידיש אין די ערשטע עטלעכע טעג; טיילווייז צוליב זיין שטארקן פוילישן דיאלעקט, וואס ווי נאר מ׳האט דערהערט זיין אויסשפראך, זענען גלייך געקומען באמערקונגען:

— וואי איז מיר, א גאליציאנער, נעבעך!

— פראיעם יאסלס א לאנדסמאן! (פראיעם יאסל, פארייִדישט דעם נאמען פון עסטרייכישן קייזער פראנץ יאזעף).

— שטאַיץ גלאַר, דער קייזער גאַיט!

און עס גייט אוועק אַ סדרה־גאַליציע מיט אַלע קיבעץ־חכמות. לכתחילה האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער קומט גאָר פון קרויז־פּוילן, נאָר ס'האָט נישט געהאָלפן, ביז ער איז מיד געוואָרן צו איבערצייגן און ער איז שוין גע־בליבן אַ גאַליציאַנער . . .

אויך טיילווייז צוליב דעם, וואָס ער קאָן זיך נאָך אַלץ נישט פאַרגינען צו פאַרבייטן זיין היימישן יידיש אויפן היגן שאַפּ־יידיש, ווי אַ שטייגער: אַרבל אויף „סליוו", נאָט אויף „סיעם", שטאָך אויף „סטיטש", אָדער: זיכער אויף „שור", קיינמאָל אויף „נעווער" און נאָך אַזעלכע ווערטער, וועלכע ער האָט גראָד אין די ערשטע צייטן פּרובירט נאָכצורעדן, נאָר ס'איז ביי אים אַרויסגעקומען נישט אַזוי גלאַטיק, ווי ביי די אַמעריקאַניזירטע יידן און דאָס האָט אים גלייך פאַרמסרט:

— אַ גרינער, אַ פּליכטלינג, אַ „רעפיודזשי", אַ גראַטעוועטער.

וויבאַלד אַ גראַטעוועטער, וויל מען שוין וויסן, צי ס'איז עמעצער גע־בליבן פון זיין פאַמיליע, צי איז ער די גאַנצע צייט פון מלחמה געווען ביי די נאַצים, און צי איז אמת, אַז עס זענען געווען אויך יידן, וואָס האָבן געהאָלפן די נאַצים אומצוברענגען אייגענע שוועסטער און ברידער. — פריער פלעגט ער ענטפערן אויף אַלע פראַגעס, אָבער וואָס ווייטער איז אים אַלץ שווערער געוואָרן איבערצודערציילן די פיינלעכע איבערלעבונגען פון די גרויליקע יאָרן. ער האָט גענומען פילן, אַז מיט יעדער פראַגע וואָלט מען ווי אַדורכגע־שטאָכן דאָס הייטל, וואָס די צייט האָט פאַרצויגן איבער זיינע וואונדן.

צוליב דעם איז ער געקומען צום געדאַנק, צו באַנוצן זיך מיט דעם ענג־ליש, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט זינט ער איז אין אַמעריקע. אָבער דאָס טוט ער בלויז, ביז ער ווערט היימיש מיט די מענטשן און דערפילט, אַז ער וועט שוין באַשטיין זיין שטעטל מיט זיין יידיש.

און דאָס וואָס ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די שכנים ווילן אים אונ־טערשטעלן אַ פיסל, האָט ער זיך נאָך מער געהיט נישט אויסצוגעבן זיך, ביז ס'וועט קומען די פּאַסיקע צייט. און די שכנים האָבן געוואָרט: וועט ער בלייבן דאָ אַרבעטן, וועט מען זיך שוין דערוויסן, צי ער איז אַ ייד און פאַרוואָס ער רעדט נישט קיין יידיש.

צווישן אַלע אַרבעטער אַרום איז נומער 28 גראָד געווען דער פריינטלעכ־סטער צו אים, אָבער ווען דער נייער באַלמעלאָכע האָט זיך דערוואוסט, אַז ער בלייבט דאָ אַרבעטן, האָט דער פריינטלעכער שכן זיך אָנגעברוגזט אויף אים. און געשען איז דאָס, ווען נומער 29 האָט געגעבן אַ פאַרקאַטשע די אַרבל אַריבער די עלנבויגנס, כדי נישט צו פאַרשמירן זיי ביים פאַרריכטן

מענטשן אין מײַן לעבן

דעם לויז־געוואָרענעם פּאַס פֿון מאַשין, האָט דער שכן דערזען אויף זײַן אָרעם אויסגעקריצטע נומערן פֿון נאַצישע מאָרד־לאַגערן. ער איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטער פֿון פּאַרדראָס, וואָס אַ ייִד מיטן נייסטן סימן־ייִד, וויל זיך פֿאַרלייקענען.

נאָך מיטיק האָבן שוין נאָך עטלעכע אַרבעטער געוואוסט דערפֿון, נאָר פֿון פֿאַרדראָס געשוויגן. נומער 28 האָט קיין ברוגז נישט געקאָנט פֿירן און זיך געווענדט צום נײַעם שכן אין ייִדיש:

— מיסטער נײַן־און־צוואַנציק, ס'איז שוין צײַט . . . די העכסטע צײַט, דו זאָלסט אויפֿהערן צו זײַן אַ ציפֿער . . . אַ מענטש האָט אַ נאָמען. אָט נעם מיך, איך הייס היימי, איז ווי אַזוי הייסטו?

דער נומער 29 האָט לאַנגזאַם אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט יאָ און נישט געהערט, וואָס מ'רעדט צו אים. נאָר איצט איז אין זײַנע אויגן געווען אַ צופֿרידענער גלי פֿון דעם, וואָס פֿון הײַנט־אָן וועט ער אָנהייבן צו באַשטײַן זײַן שטעטל מיט זײַן היימישן ייִדיש, נאָר נישט מיט אים, דעם שכן, וואָס האָט אים געוואָלט אונטערשטעלן אַ פּיסל, מיט אים וועט ער זיך נאָך אַ שפּיל טאָן און ער האָט אים גאָר איידל אַ פֿרעג געטאָן:

— „פֿאַרדאָן מי?"

פֿון דעם „פֿאַרדאָן מי?" איז היימי געבליבן זיצן ווי אַן אויסגעפּאַטשטער. דער אַרבעטער האָט דאָס באַמערקט. ער האָט אויך דערזען, אַז אַלע אַרומיקע האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ נידעריקער צו דער אַרבעט. ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זײַן לעצטער „פֿאַרדאָן מי" איז געווען אַן איבעריקער. אַ שטראָם פֿון חרטה האָט אַ שפּאַר געטאָן אין זײַן פּנים. שנעל האָבן די געדאַנקען גענומען אַרבעטן: זאָל ער זאָגן: ברידער, הערט זיך אײַן, — אַזוי און אַזוי, איך פֿאַרשטיי דאָך . . . נישט געוואָלט, מ'זאָל מיך קיבעצן . . . יאָ־גאַליציאַנער, נישט־גאַליציאַנער, אָבער ברידער זענען מיר . . . ניין, אַזוי רעדן וועט זײַן אומגעלומפּערט . . . אפֿשר גאָר שווײַגן, ביז עס וועט פֿאַרגעסן ווערן? . . .

די שכנים אָבער האָבן נישט געשוויגן. זיי האָבן גענומען לאָזן הערן זייער פֿאַרדראָס אויף אים מיט אַזאַ לײַכט הוסטל, וואָס איז זיי פּלוצים באַפֿאַלן, אַ הוסטל, פֿול מיט ביטול, וואָס האָט געקאָנט מיינען: „זעט נאָר דעם גרויסן אַמעריקאַניעץ! עט!" — און אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיי מיט חוזק־שמייכל גערעדט, ווי צו די מאַשינען:

— געזען? אַזאַ גרינער אַגרעס!

— אַ, איז דאָס אַ יונג מיט אַן אוירינגל!

— שוין איינמאָל אַ פֿעפֿערל!

דערנאָך איז שטיל געוואָרן, גלייך דער גאַנצער כעס אויף אים וואָלט שוין געווען אויסגעלאָדן. ווידער האָבן געראַוישט די מאַשינען, האַסטיק און הויך, ווי זיי וואָלטן באַהערשט אי די מענטשלעכע מוחות, אי די מענטשלעכע שפּראַך. נאָר מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קול, ווי פון אַ פאַרשפּעטיקטן, וואָס האָט געגעבן אַ רוף אויס:

— ס'וועט שוין אַ רוח אין טאַטנס זון אַריין!

אַלע האָבן געוואוסט, וועמעס „טאַטנס זון" ער מיינט. נאָר זיי האָבן געשוויגן פון שרעק, ס'זאָל נישט פירן צו קיין קריגערייִ. ס'איז אַוועק אַ לענגערע ווײַלע אין שווייגעניש און ווען ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דעם שכנס קריגערישע באַמערקונג איז געווען בלויז אַ באַרימערייִ, האָט ער זיך אויפסניי צעלאַכט:

— מענטשן, איך חלש־אַוועק! איר האָט דאָ גאָרנישט געזען?

די מענטשן האָבן שנעל אויפגעהויבן די קעפּ פון דער אַרבעט, זיך אַרומגעקוקט און געפרעגט פאַרחידושטע:

— וואָס? ווער? ווען?

— איך קאָן שווערן, אַז כ'האָב געזען דעם טויטן ווילין אַרומדרייען זיך ביי זיין מאַשין...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, נאָר נומ' 28 האָט אַ וואונק געטאָן, מ'זאָל נישט דערמאָנען מער דעם טויטן. דער נייער אַרבעטער האָט זיך נישט ווײַסנדיק געמאַכט און געטראַכט, אַז די רייד שטאַמען אוודאי פון עפּעס אַ קאָמישער פּאַסירונג, מיט וועלכער זיי ווילן אים באַקענען, אַז נישט, וואָס־זשע וואָלטן זיי אַזוי געקוקט אויף אים?...

נאָר יענער האָט ווידער געגעבן אַ געשריי:

— איך גלייב אין תחית־המתים! מיין זיידע פלעגט דערציילן, אַז אין זיין שטעטל זענען מתים געקומען ביינאַכט דאַווענען אין שול אַריין... יאָ, איך האָב געזען דעם טויטן ווילין...

— דריי נישט קיין ספּאַדיק און פאַרמאַך דיינע לעפּצן! — האָט היימי נומער 28 אים איבערגעשלאָגן, נאָר יענער האָט ווייטער געצויגן די רייד:

— איר גלייבט דאָך נישט אין גאָרנישט. איך גלייב, דערפאַר זע איך מער... אָט האָט ער זיך ווידער באַוויזן! האַלאָ, ווילי! ווי שיין דו האָסט זיך „געפּיקסט!" ערשט עטלעכע טעג, ווי דו „באַקסט בייגל און עסט ערד" און קוקסט שוין, קיין עין־הרע, אויס אַזוי גוט; פריש און געזונט. איז וואָס־זשע ביסטו מיט אַזאַ פּנים צוריקגעקומען אין שאַפּ אַריין? געמיינט, די מאַשין וואַרט אויף דיר? שוין פאַרנומען!...

ערשט איצט האָט דער נייער אַרבעטער אָנגעהויבן באַנעמען, פאַרוואָס

מענטשן אין מיין לעבן

די שכנים קוקן אויף אים, ווען יענער רעדט. ער האט אבער נישט פארשטאַנען, פאַרוואס יענעם גייט עס אין לעבן, ער זאל זיך דערוויסן, וואס ס'האט דאַ פּאסירט ביי דער מאשין. אים האט איצט אנגעכאפּט אַ באַגער צו זען דייטלעך דעם מענטשן, וועמען ער האט די גאנצע צייט באַמערקט, ווי דורך אַ לייכטן רויך . . .

פון צייט־צו־צייט האט ער געקערעוועט זיינע אויגן צום מענטש קעגן־איבער זיין מאשין און ס'האט זיך אויסגעטיילט פון לייכטן רויך אַ קליינער רונדער קאפּ, אַ גרוי־גלאַטיק פּנים, באַהעלט אַרום די אויגן און אייבערשטע טיילן פון די באַקן, מיט אַן אפּגלאַנץ פון די אויגנגלעזער, געפּאַסט אין זילבערנע דינע רעמלעך . . . און ווען יענער האט געהאַלטן אין רעדן, האט ער אים באַטראַכט: אַ פּרצוף אַן קנייטשן, פון אומבאַשטימטער עלטער. אין דער רעכטער זייט פון מויל, אַרום די ליפּן — אַ בייזקייט, וואס שרייט אַריבער צו דער לינקער זייט פון די ליפּן־ווינקלען: „שמייכל זיס, שטער! . . . ” שמייכלט די לינקע זייט פון מויל מיט אַ שמייכל פון שאַדן־פרייד . . .

דער שמייכל פון שאַדן־פרייד האט מיט יעדן טאָג זיך מער צעבליט און גיפטיקער געשטאַכן: „אַ, ווילי, מיין פריינט! דרייסט זיך נעבעך אַרום, ווי אַ נע־ונדניק, אַן אַ בענקל, אַן אַ מאשין צו דער אַרבעט. קיינער וויל זיך נישט אומקוקן אויף דיר . . .”

זיינע רייד רופן אַרויס זיפצן, געמישט מיט געלעכטער און אַפּטמאָל אַ וואָרענונג:

— הער אויף!

און ער פאַרענטפערט זיך מכלומרשט: „ער פאַרשטייט דאָך נישט קיין יידיש! צווייטנס, רעד איך צו מיין פריינט ווילין: הער זיך איין, ווילי, האָסט געטאָן אַ נאַרישקייט, וואס ביסט געקומען פון אַזאַ רואיקן קבר צוריק אין טומלדיקן שאַפּ אַריין, נאָר פאַרפאַלן, ביסט דאָך שוין דאָ, פאַרנעם־זשע צוריק דיין שטול . . . זיי נישט קיין נעבעכל! מיט כוח פאַרנעם צוריק דיין אָרט!

— דער מענטש איז משוגע געוואָרן, צי וואָס? — האָט היימי געשטוינט, נאָר יענער האט דאָס געטייטשט, ווי אַ קאָמפּלימענט און דערפון זיך נאָך מער צעוואָרעמט, זיין צונג איז נאָך לויזער געוואָרן און ער האָט זיך צעלאָזט:

— ווייסט מיין פריינט, ווען דיין נשמה איז דיר, נישט היינט געדאַכט, געגעבן אַ פלי אַרויס, איז דיין פּוס נאָך געשטאַנען אויפן טרעטער, און די מאשין האט נאָך האַסטיקער געניית, נאָר דאָך האָב איך געטראַכט, אַז דאָס איז שוין דיין לעצטער גענייי . . . קיינער האט זיך נישט געריכט, דו זאָלסט נאָך ווען עס איז צוריק קומען . . .

— מענטשן, ער איז אראפּ פון זינען! — האָט זיך צעשריגן זיינער אַ שכן פון דער רעכטער זייט. גראָד אַ שטילער מענטש, וואָס האָט אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ בליק מיט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן אויפן שכן און געוואָלט פאַרשטיין, וואָס עס קומט דאָ פאָר. די אַרומיקע האָבן נאָך מער הנאה געהאַט פון דעם שפּיל און יענער האָט ווייטער געשטאָכן:

— הער זיך איין, ווילי, זאָלסט מיר מער נישט קרעכצן און זיפצן — היט דיין געזונט, ווייל נאָכמאָל וועל איך נישט גיין צו דיין „פיונערל". איין מאָל פאַרלוירן אַ האַלבן טאָג, איז גענוג . . . ווייסט, ווילי ביסט עפּעס אַזוי אויסגעפּוצט, אַז ס'איז דיר שווער צו דערקענען; פריער, איידער ביסט אַוועק אויף יענער וועלט, ביסטו קיינמאָל נישט געזעסן ביי דער אַרבעט אין אַ ווייס, געפּרעסטן העמד מיט שטייפע מאַנקעטן, וואָס עס שטייט דיר נישט אַן צו פאַרקאַטשען . . .

דער נייער נומער 29 האָט דערשפּירט אויף זיך די בליקן פון די אַרומיקע, ווי זיי וואָלטן געהאַלפן דעם מענטש מיטן שאַרן־שמייכל, אַרויפציען אויף אים דעם טויטנס געשטאַלט . . . ער האָט גענומען פאַרשטעלן זיך דעם פריער־דיקן אַפּאַרעיטאָר ווילי אויף זיין שטול, ביי דער זעלבער מאַשין . . . ער האָט האַסטיק צערוישט די מאַשין צו פאַרטויבן יענעמס רייד. און ווי פון גאַר ווייט האָט זיך דערטראָגן צו אים אַן אויסגעשריי:

— גענוג דערגאַנגען אים די יאָרן!

— סטאָפּ! לאָז צורו דעם טויטן!

ער טראַכט: הייסט עס, מ'נעמט אים אַן פאַר ביידע איניינעם . . . פאַר אים און דעם טויטן ווילין . . . ער איז גאָר נאָענט פון אים . . . ער מורמלט, דאַכט זיך, עפּעס, נאָר יענער שרייט אים איבער:

— מיך וועסטו, ווילי, נישט נאַרן . . . איך דערקען דיך לויט דיין סיס־טעם פון אַרבעט און לויט דיין שווייגעניש, וואָס האָלסט אַז זינט דיין זון איז פאַרלוירן געוואָרן אין קריג. פון דאָן אַן ציטערן דיינע הענט! . . .

פון צווישן די מאַשינען האָבן זיך אַ הייב געטאָן שטימען:

— פאַרמאַך דאַרטן דיין צעבראָכענע פיאַנאָ! — אַזאַ אויסגערויכערטע ליולקע!

אין האַרצן דאַנקט דער נייער אַרבעטער די מענטשן, וועלכע דערווידערן יענעמס רייד . . . ער שפּילט נאָך אַלץ די ראָל פון נישט פאַרשטיין, וואָס עס קומט דאָ פאָר. זיי דאַרפן נישט וויסן, אַז ביי דער אַרבעט אויף זיין מאַשין, פּלאָנטערן זיך שוין צוויי פּאָר הענט; איין פּאָר — דאַרע, מיט קנאָכיקע, קאַלטע פינגער. די צווייטע פּאָר הענט — פרישע, קרעפּטיקע און רירעוודי־קע . . . פון ביידע פּאָר הענט פּלעכטן זיך די פינגער אין אַ געראַנגל, די אַר־

מענטשן אין מיין לעבן

בעט ווערט צוריקגעהאלטן. עס ווערן געמאכט טעותן . . . יענעמס הענט טענהן: „כ'בין שוין צוריק אלרייט . . . גיב־זשע מיר צוריק מיין מאשין. לאז מיך צוריק אויף מיין שטול! לאז! . . . א, הא, שוין ווידער געמאכט א טעות אין דער ארבעט! . . .

דער נייער נומער 29 ווישט דעם שוויים פון זיין שטערן. ער שטארקט זיך און ציט ארויף אויף זיך א שטארקן זעלבסט־קאנטראל, וואס איז אים בייגעשטאנען אין א סך שווערע מאמענטן פון זיין לעבן. און ווי אלעמאל אויף צו פארטרייבן פיינלעכע געדאנקען און צו בארואיקן זיין געמיט, באמיט ער זיך ארויסצורופן אין זיך א שטילן געזאנג. ביסלעכווייז האט זיך פון זיין תוהו־ובוהו־געמיט אויסגעטיילט א ניגון. דער ניגון האט ארויפגעצויגן ווערטער און ס'האט זיך אין אים צעזונגען: „ . . . אמאל איז געווען א מלך, דער מלך האט געהאט א מלכה" . . . מלכה, ווערסט שטענדיק בלייבן מיין געזאנג . . . כ'ווייס, די נאציס האבן דיך אומגעבראכט, כ'האב דאס אליין געזען . . . מלכה, ביסט אומעטום מיט מיר . . . מיט דיר זענען מיינע שענסטע יארן . . . איך וועל נישט פארגעסן" . . .

נאר ווידער האט זיך ארייננגעמישט די שטים פון דעם מענטש מיטן שמייכל פון שאדן־פרייד:

— מיר וועלן שוין זען, ווער ס'וועט אויספירן! דער כוח פון א מת איז גרויס! . . . — די שטים האט זיך אויסגעוויזן דעם נייעם ארבעטער, איז ענלעך אויף דער שטים פון זיין פייניקער אין א נאצישן לאגער. ס'האבן זיך ביי אים פארביילט די פויסטן . . .

אינעם געדיכטן טומל פון שאפ האט זיך ארייננגעריסן דער צוועלף אזייגער ווארענונג־סיגנאל פון די סירענעס, וועלכע צעטראגן שרעק צו די מענטשן פון שטאט, מען זאל זיך ראטעווען פון כלומרשטע באמבעס, וואס פאלן פון אן אויסגעטראכטן שונאס עראפלאן. איז — אנטלויף! לויפט ער אויך איבער ברייטע תבואה־פעלדער, עס לויפט קינד־און־קייט. ער לויפט מיט מלכהן. דער בלויער הימל איז פארזייט מיט נאצישע עראפלאנען, זיי האגלען טויט. די פעלדער ווייקן זיך אין מענטשלעכן בלוט. מלכה צאנקט, נאר ער לויפט אלץ מיט איר. ער קלאמערט איר קאלטן גוף אין זיינע ארעמס — מלכה! מלכה! הערסט? . . . „איך וועל נישט פארגעסן", געדענקסט, מיר האבן געשווארן? . . . ער לאזט נישט ארויס אירע קאלטע הענט פון זיינע . . . נאר ניין, דאס זענען נישט אירע הענט! פרעמדע הענט פלאנטערן זיך אין זיינע און מאנען:

— גיב אפ מיין מאשין! . . .

ווען דער ווארענונג־סיגנאל פון די סירענעס איז שטיל געווארן, האט

שוין דער נייער באַלמעלאָכע געהאַט איינגעפּאַקט זיין אַרבעט־געצייג. דער פּאַרמאַן האָט איינגעטענהט מיט אים:

— וואָס עפּעס אינמיטן דרינען? דיין אַרבעט געפעלט אונדז. אַ האָסט אפשר נישט גוט פאַרדינט, איז עס ווייל ביסט נאָך נישט צוגעוואוינט צו דער מאַשין. עס נעמט צייט ביז מען געוואוינט זיך צו אַפילו צו אַ שטול . . .

— צו דער שטול וועל איך זיך שוין נישט צוגעוואוינען. — האָט ער גע־ענטפערט און מיט פאַרביילטע פויסטן אַריבערגעקוקט צו דעם מענטשן מיטן שמייכל פון שאָדן־פרייד אויפן פנים, וואָס האָט אים דערמאָנט אין זיינעם אַ פייניקער . . .

דער פּאַרמאַן האָט זיך געווענדט צו די אַרבעטער אַרום מיט אַ פאַר־וואורף:

— איך האָב דאָך אייך געבעטן, איר זאָלט אים נישט דערציילן. איר ווייסט דאָך, אַז נישט יעדער איינער וואָס ווייסט, וויל זיך זעצן אויף אַ טויטנס אָרט.

— מיר האָבן בלויז געקיבעצט, — האָט זיך פאַרענטפערט דער מענטש מיטן שמייכל פון שאָדן־פרייד, — און וועמען זאָל איינפאַלן, אַז ער פאַר־שטייט יידיש? טאַקע, ווער זאָל וויסן?

עס זענען אים צוהילף געקומען נאָך עטלעכע אַרבעטער:

— אַז מען איז אַ ייד, באַדאַרף מען זיך צו שעמען?

— וואָסי? שטייט אים נישט אָן דער יידישער יחוס?

— עט, אויך מיר אַ ייד! — האָט שוין גאָר זיגעריש אויסגערופן דער מענטש מיטן שמייכל פון שאָדן־פרייד.

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך באַוויזן אַ נייער אַרבעטער. אַלע אין שאָפּ זענען באַלד געוואָר געוואָרן, אַז ער איז אַ פריינט פון דעם מענטשן מיטן שמייכל פון שאָדן־פרייד, און אַז זיי וועלן באַנייען זייער אַלטע שותפות ביי דער אַרבעט. זיי האָבן זיך אויך דערוויסט, אַז דער אַרבעטער האָט שוין פון לאַנג געהאַט אַן אויג אויף דעם שאָפּ, נאָר מורא געהאַט צו זיין דער ערשטער אויפן טויטנס שטול . . .

פון דעם אַלעם האָבן די אַרבעטער דערפילט זיך אָפּגענאַרט און געשוויגן פאַרשעמט. בלויז הײמי נומער 28 האָט אַריבערגערעדט צום מענטשן מיטן שמייכל פון שאָדן־פרייד:

— נעם דיר אין זינען! ערשט איצט וועט ווערן ענג פאַר צוויי — דעם מת און לעבעדיקן אויף איין שטול . . .

צוזאַמענברוך

.1

דיינט איז פעדראַ געקומען אין שאַפ אַריין פריער ווי אַלע טאָג צוליב אַ מאָדנעם חלום: עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מענטשן לויפן צווישן פאַלנדיקע הייזער, זיי ווילן זיך ראַטעווען, זיי זוכן באַהעלטענישן און ער לויפט מיט זיי. מיטאַמאָל גיבן זיך אויף אים אַ לאָז די מיסטקאַסטנס, אין וועלכע ער נעמט צונויף דאָס אָפּפאַל יעדן טאָג אין שאַפ, און אויף די קאַסטנס איז מער נישטאָ זיין אויפשריפט: „זאָלסט נישט נעמען! פעדראַ".

די קאַסטנס רוקן זיך אויף אים, פרעסן זיין ברוסט, ער וויל שרייען: „העלפט!", נאָר דאָס קול בלייבט שטעקן אין האַלדז און שטיקט אים. ער איז פאַרביי, נאָר מיט די לעצטע כוחות טוט ער אַ שטויס פון זיך די קאַסטנס און בלייבט ליגן מיט צעטומלטע בליקן און פאַרשטיקטן קרעכצן. אַ ווײַלע האָט אים אויסגעוויזן, אַז דאָס רוישן און קלאַפן פון די ברעד־און־בוי־מאַשינען, וועלכע לייגן אַ פונדאַמענט פאַר אַ נייער געבײַדע, קעגנאיבער דעם אָפּגעלאָזענעם האָטעלכל וואו ער וואוינט, — איז נאָך אַלץ אַ טייל פון דעם בייזן חלום.

דורך די פאַרשטויבטע פענצטער פון זיין צימערל האָבן זיך געלייגט קרומע זון־פלעקן אויף די טונקעלע גרינע ווענט. ווי דורך אַ נעפל האָט ער געזען אויף די טשוועקעס אין דער פאַרמאַכטער טיר, הענגען אַ העמד, אַ פאָר הויזן, אַ רעקל און אַ האַנטוך. אין זיין נאָך־פאַרשלאָפענעם מוח האָט אַ פיק געטאָן: „דאָס איז שוין די וואָר!". און ער האָט גענומען אויסווישן זיך די אויגן.

שפּעטער האָט ער אויסגעשטרעקט די מידע האַנט צום נאַכט־טישל, נאָכן פותר־חלום־ביכל, צו געפינען דאָרטן דעם באַשייד אויף זיין חלום. פעדראַ גלייבט, אַז אַלץ וואָס עס איז געשריבן אינעם ביכל וועגן חלומות, איז ריכטיק. ער גלייבט, אַז דעם מענטשנס מזל איז געווענדט אינעם גאַנג פון די שטערן. ער גלייבט, אַז שפּילן אין נומערן, אָדער שטעלן אין קאָן אויף אַן אַנדער אופן, פּרוּווט מען אויס דאָס אייגענע מזל. פאַרשפּילט מען, איז דאָס אַזוי באַשערט, לויט דעם גאַנג פון די שטערן . . .

איצט אָבער האָט ער נישט געקאָנט אַריינפרעסן דעם מאָדנעם חלום אונטער אַ באַשטימטן נומער אין ביכל. דאָס האָט אים געשראָקן, אַז עפּעס

שלעכטס וואָרט אויף אים. נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, איז אים פּלוצים קלאָר געוואָרן, אַז עס מיינט פֿאַרלירן דעם דזשאָב. דאָס האָט אים אַ טראָג געטאָן פֿון בעט. ער האָט אָנגעהויבן זיך אָנטאָן, און ווי אַלעמאָל האָבן זײַנע אויגן אויפֿגעכאַפּט אינעם אָפּגעריבענעם שפּיגל פֿון אַלטן קאָמאָד, טיילן פֿון אייגענעם געשטאַלט: קנייטשן אויף אַ טונקל פּנים, וואָס איז קוים איבער זעכציק יאָר אַלט, גרויסע שוואַרצע אויגן מיט אַן אומעט אין זיי. געוויינלעך רעדט ער צו דעם פּעדראָ, וואָס אין שפּיגל: „וואו זענען דײַנע שטאַרקע מוסקולן, דײַנע מעכטיקע פֿויסטן, מיט וועלכע דו האָסט זיך אַמאָל פֿאַרמאָסטן אין ‚רינג׳? וואו זענען יענע האָפֿענונגען: פּעדראָ אַ טשעמפּיאָן־פֿײַטער . . . ער שטאַמט פֿון העלדישן אינדיאַנער־שבט, זײַן אמתער נאָמען איז גאָר . . . — פֿון יענעם טרוים איז געבליבן אַ צעפּלאַטשטע נאָז" . . .

הײַנט האָט ער קיין צײַט נישט געהאַט זיך צו באַדויערן. ער האָט אָוועקגעאײַלט אין שאַפּ אַרײַן ראַטעווען זײַן דזשאָב . . . אויפֿן וועג זענען אים געקומען פֿאַרשידענע מחשבות אין קאָפּ אַרײַן: אַט האָט דער באָס אויפֿגעגעבן דעם שאַפּ, דאַרף ער אים נישט. נאָר באַלד זעט ער אַן אַנדער בילד: דער באָס באַגעגנט אים בײַ דעם אַרײַנגאַנג פֿון קאָרידאָר און זאָגט צו אים: „פּעדראָ, איך דאַרף דיך נישט מער, כ׳האָב שוין אַ בעסערן פֿון דיר!". און ער ענטפֿערט אים: „מיסטער גוירטלער, כ׳האָב געאַרבעט אַזוי געטרײַ, איז פֿאַר וואָס קומט עס מיר?" . . . ניין, — האָט ער באַלד חרטה, — ער וועט זיך נישט בעטן בײַ אים, ער וועט אים וואָרענען: „מיסטער גוירטלער, וואַרט, מיר וועלן נאָך האָבן אַ יוניאָן, ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער פֿון דײַן שאַפּ, וועסטו מיך נישט קאָנען אַרויסוואַרפֿן! יעסער!" . . .

2.

אין קאָרידאָר, וואו עס שטייען די מיסטקאַסטנס, האָט ער געטראָפֿן אַלץ ווי געוויינט: פּעסלעך מיט פּאָודער צו רייניקן די וואַש־צימערן, אָנגעוואָרפֿענע פּודלעס, אַלטע מאָדע־זשורנאַלן און די מיסטקאַסטנס מיט זײַן אויפֿשריפֿט: „זאָלסט נישט נעמען! פּעדראָ". דאָך האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז פֿון ערגעץ־וואו לויערט אויף אים אַ געפֿאַר, ווײַל אַזאַ חלום, וואָס ער האָט געהאַט מוז האָבן אַ מיין . . .

זײַנע טראַכטענישן זענען איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ קלאַפּ פֿון שאַפּ־טיר. עס איז אַרויסגעקומען איירין, די עקזאַמענעריז. זײַנע אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן; ער ווייסט, אַז זי האָט אַ נײַ פֿותר־חלום־בוך, פֿון אַ באַרימטן פּראָפֿעסאָר, — זאָגט זי, — וועמען זי קען פּערזענלעך, זייער אַן ערלעכער

מענטשן אין מיין לעבן

מענטש, מען מעג אים אַלץ גלייבן וואָס ער שרייבט . . . אויך ווייסט פּעדראָ, אַז איירין קלייבט זיך זייער שנעל פונאַנדער אין חלומות.

איירין האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים וואַסער־קראַן, גענומען אַ פּיל אין מויל אַריין, אַ זופּ געטאָן וואַסער, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף צוריק אַראָפּצו־שלינגען די פּיל. פּעדראָ האָט געזען פון זיין ווינקל, ווי אירע קורץ־געשוירענע שוואַרצע האָר האָבן זיך צעבלאָזן, די קנייטשן פון האַלדז האָבן זיך אויסגע־גלייכט און איר פולער בוזעם האָט זיך אַ וויג געטאָן. האָט פּעדראָ רחמנות געקראָגן אויף זיך, וואָס ער האָט נישט גענוג געלט אויף אַרויסצוקריגן אַ גט פון זיין ווייב און מוז אַלץ אָפּלייגן די חתונה מיט איירין.

ער איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו איר. זי איז געווען אומצופרידן פון זיין אומגעריכטן באַוויזן זיך, ווייל טאָמער האָט ער באַמערקט, אַז זי נעמט איין מעדיצין, קאָן דאָס נאָך שאַטן צום שידוך; ער דאַרף נישט וויסן פון איר רו־מאַטישע ווייטיקן, האָט זי אָנגעהויבן דערציילן, וואָס ס'האָט ביינאַכט פּאַסירט אויף איר גאַס: „אַ הויז איז אַוועק אין פלאַמען צוזאַמען מיט אַן אַלט פּאָר־פאָלק. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך שוין נישט געקאָנט איינשלאָפן, זעט אויס, דערפאַר האָב איך אַ קאָפּ־ווייטיק. איך נעם קיינמאָל נישט קיין מעדיצין, נאָר אַן אַספּירין, וואָס איז נישט שעדלעך" . . .

פּעדראָ איז נישט אָנגענאַגען איר פאַרענטפערן זיך. ער האָט איצט גע־וואָלט וויסן דעם נומער פון דעם הויז, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן מיט צוויי אַלטע מענטשן, נאָר זי האָט אויסגעמיטן אַן ענטפער, וואָס האָט געמיינט, ער זאָל זיך נישט נאַריש מאַכן, ווייל אויף אַזאַ גוטן נומער, איז זי אַליין אַ בעלן. און כדי ער זאָל פאַרגעסן אַן דעם, האָט זי אַ פאַרוואונדערטע, ווי זי וואָלט אים ערשט איצט דערזען, אויסגערופן: „העי, פּעדראָ, וואָס ביסטו געקומען אַזוי פרי?"

— אַ, כ'האָב אַ מאָדנעם חלום געהאַט.

— אַ חלום? וועגן וואָס?

— וועגן אַ סך זאַכן, איירין עפּעס אַ גאַנצער פּלאָנטער, וואָס איך קאָן אים נישט פונאַנדערנעמען, און דאָס שרעקט מיך.

— דערצייל כאָטש איין זאַך, — האָט זי אים געבעטן.

פּעדראָ האָט געוויזן אויף די מיסטקאַסטנס און אָנגעהויבן דערציילן: „ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז די מיסטקאַסטנס זענען געווען אַז מיין נאָמען און זיי האָבן מיך געשטיקט. כ'האָב אין מיין ביכל נישט געקאָנט געפינען דעם טייטש אויף דעם".

— הם, מאָדנע! — האָט זי זיך געחידושט און אַרויסגענומען פון קע־שענע פון איר ברייטן אַרבעט־פאַרטוך, אַ פּותר־חלום־ביכל און שנעל געמישט

די בלעטלעך און אויף איין בלעטל געבליבן שטיין. זי האָט מיט נייגער גע־קוקט אַט אויף אים, אַט אויף דעם געשריבענעם און באַלד ווידער אויף אים, נאָכדעם האָט זי געפרעגט: „זענען די קאַסטנס געווען פולע, צי ליידיקע?"

ער האָט געענטפערט שטאַמלענדיק: „דאַכט זיך... כ'וויים... וואָס איז דען דער אונטערשייד?"

— שוין גאָר אַ גרויסער אונטערשייד.

פעדראַ האָט זיך געישובט: זאָגן ליידיקע? זאָגן פולע? וועלכעס וואָרט איז דאָס מזלדיקע? און פון צונג האָט זיך גענומען קייקלען — ליי־די...

זי האָט אים איבערגעשלאָגן: „ביסט זיכער, אַז לייד..."

— אַ, וואָרט, וואָרט! — האָט ער אַ דערשראָקענער אויסגערופן, — כ'האָב נישט געמיינט צו זאָגן ליידיקע, כ'האָב זיך בלויז געוואָלט דערמאָ־נען... איצט געדענק איך קלאָר; פולע קאַסטנס מיט אַזוי הויך מיסט.

— אויב פולע קאַסטנס, ווייסטו כאַטש, וואָס דאָס מיינט?

— איך זע שוין אין דיין פנים, אַז כ'האָב נישט קיין מזל. עפּעס אַן אומ־גליק רוקט זיך אויף מיר, — האָט ער געענטפערט אַ דערשלאָגענער.

— וויין נישט, פעדראַ, זיי פריילעך! — עס מיינט — חתונה האָבן!

אַן אומעטיקער האָט ער געקוקט אויף איר טונקל־הויטיקן פנים מיט די זומער־שפּרענקעלעך אויף יעדע זייטן פון איר עטוואָס פלאַכער נאָז. און ווי פון ערגעץ זייער ווייט האָט ער געהערט איר צעשפּילטע שטים מיט דעם וויכן אַקצענט פון אַ געבוירענער אין בריטיש־קאָלאַמביאַ. די שטים האָט אים געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן: „יאָ, פעדראַ, אַט איז שוואַרץ אויף וויים — פולע קאַסטנס מיינט חתונה האָבן"...

איירין איז אַ פריילעכע אַוועק צוריק אין שאַפּ אַריין. ס'האָט אים אויס־געוויזן, אַז איר גאַנג איז נישט מער דער געשטעל פון אַ גוטער הויז־באַלע־באָסטע, וואָס דערמאָנט אין אַ באַקוועמער היים מיט ריחות פון געפּרעגלטע עסנס, אַ ווייכע שטול און אַ געטרייע פרוי, — איצט וויגט זי אַזוי אומגע־לומפּערט איר פעטלעכן קערפּער, מיט געמאַכטער יוגנטלעכקייט, ווי זי זאָל זיך רייצן מיט אים: אַ, וועסט שוין חתונה האָבן!...

און ער ענטפערט אין געדאַנק: „ניין! אויך דו ביסט אַ פאַלשע; האָסט אַ נומער פון אַ פאַרברענטן הויז און דו ווילסט אים נישט אויסזאָגן, — האָב איך צייט מיט דער חתונה... אַה, ער האָט גאָר פאַרגעסן צו קוקן אין איר ביכל אונטער וואָס פאַר אַ נומער זיין חלום געפינט זיך! עס קאָן זיין אַ „לאַקי נאַמבער"...

מענטשן אין מיין לעבן

.3

ער האט זיך צוריקגעקערט אין דער טיפקייט פון קארידאר, וואס ציט זיך פון דער הינטערשטער טיר פון שאפ, לענגאויס די פראכט־עלעוועיטארס. ער האט זיך געזעצט אויף דעם איינציקן בענקל, וואס איז אמאל געווען א שטול מיט אן אנשפאר־ווענטל. ער האט פארצויגן זיין ליולקע און געשפיגלט זיך אין דעם אויפשריפט אויף די מיסטקאסטנס: „זאלסט נישט נעמען! פעדרא".

פעדרא האט איצט דורכגעלעבט די פרייד פון אפגעפינען א טייערע זאך. און אט־דער פרייד האט ביסלעכווייז אנגעהויבן זיך אויפלייזן די פארבלי־בענע שרעק פון חלום און דער פארדרוס אויף איירין. ער האט זיך צוריק דער־פילט היימיש און זיכער אויף זיין בענקל און איז געווען גרייט, ווי שטענדיק, אויפצונעמען קאמפלימענטן פון באקאנטע פארבייגייער:

— האי, קינג!

— האלא טשיף פון קארידאר מיט אוצרות אין די קאסטנס! ...

ער לאכט גליקלעך פון דעם כבוד, וואס מען טיילט אים צו. און די פאר־בייגייער, וועלכע קענען אים נאך נישט, וואלט ער זיך גערן פארגעשטעלט פאר זיי: „איך בין פעדרא, און דאס איז מיין אויפשריפט אויף די קאסטנס. איך שטאם פון העלדישן אינדיאנער שבט, וועמען די שפאנישע איינדרינגער האבן געמארדעט און געשענדט און מיינע בלוטן אויף אייביק פאראומרייניקט. עס וועט נאך קומען דער טאג פון נקמה!" ...

אז ער רעדט אזוי־א צו די מענטשן אין שאפ, זעט ער אין זייערע אויגן אן איינגעהאלטענעם שמייכל, וועלכן זיי באמיען זיך צו פארשטעלן מיט טרייסט־ווערטער: „פעדרא, ערגער זיך נישט, ס'איז דאך שוין הונדערטער יארן און פאסירט האט דאס צו דיינע אור־אור־עלטערן, איז מאך שלום מיט זיך, זיי דאס וואס דו ביסט!"

ער שפאנט אוועק פון זיי. ער זעט, אז זיי פארשטייען אים נישט, נאר אין געדאנק טענהט ער זיך אוים מיט זיי: „זיי דאס וואס דו ביסט; וואס בין איך? ווער בין איך? ביי די אייגענע, דארטן אין די רעזערוואציעס, בין איך א פרעמדער לויט מיין אויסזען. דאס הארץ איז עכט־אינדיאניש, וואס ווייר־טיקט פון די פארברעכנס, וועלכע מ'האט אפגעטאן מיינע פארוואנדעטע, און הייסן הייס איך פעדרא — א פרעמדער נאמען".

צום קארידאר טראגט זיך א טעמפער גערויש פון מענטשן און מאשינען, וואס רייסט זיך אריין אין זיינע מחשבות און דערמאנט אים אין דעם צופאל, צוליב וועלכן זיין נאמען האט זיך באוויזן אויף די קאסטנס ... א ווינטערדי־

קער אוונט. די אַרבעטער פֿון שאַפּ זענען שוין אַוועק אַהיים. אַ וואַיענדיקער ווינט באַדעקט די פֿענצטער מיט שניי; דער באַס, מיסטער גוירטלער, אַ קליינער, אַ מאָגערער, דרייט זיך איבערן שאַפּ, ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער און וואַרט אויף עמעצן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין אַלטמאָדישן זייגער, מיט וועלכן ער שיידט זיך קיינמאָל נישט, ווייל ער גלייבט, אַז דער זייגער איז מזלדיק. און ווי פּעדראָ האָט געהערט פֿון טייל מענטשן אין שאַפּ, האָט אים דער זייגער געשטעלט אויף די פֿיס, געראַטעוועט אים פֿון אַ סך נויטן . . .

מיט אַ קנאַק האָט מיסטער גוירטלער פֿאַרמאַכט דאָס גאָלדענע דעקל פֿון זייגער, צוריק אַריינגעלייגט אין קליינעם קעשענקעלע פֿון די הויזן, און זיינע בליקן זענען געפֿאַלן אויף אים, פּעדראָן, וואָס האָט צעוואָרפֿן גרינעם „זאַמד" אויפֿן דיל, אַז דער שטויב זאָל זיך נישט הייבן, בשעת ער קערט אויס דאָס מיסט און דאָס צונויפֿגעשאַרטע, שטופּט ער אין די קאַרטאָנענע קאַסטנס, אויף וועלכע ס'איז אָנגעשריבן: „זאָלסט נישט נעמען! מאַרווין ס. גוירטלער".

— ווער האָט דאָס אויפֿגעשריבן? — האָט געפֿרעגט מיסטער גוירטלער.

— איך, סער!

— צוליב וואָס?

— ווייל דו באַצאָלסט פֿאַר די קאַסטנס, נאָר מענטשן פֿון די אַנדערע שעפּער שלעפּן זיי אַוועק. מיט אַ נאָמען, טשעפּען זיי נישט.

— גוט געטאָן, פּעדראָ! — האָט דער באַס אים קאָמפּלימענטירט, נאָר אין מוח האָבן זיך אַ יאָג געטאָן בילדער: זיין נאָמען אויף די מאַטע גלאָז־טירן פֿון „שאָו רום", זיין נאָמען אויף די טראָפּייען פֿאַר זיינע אָריגינעלע מאָדע־קרעאַציעס; זיין נאָמען אין זשורנאַלן, צייטונגען, טעלעוויזיע, אויף די רשימות פֿון אינסטיטוציעס, און זיין נאָמען אויף — די מיסטקאַסטנס . . .

בשעת דער באַס איז געשטאַנען אַ פֿאַרטראַכטער, האָט פּעדראָ זיך גע־וואונדערט אויף אים, וואָס ער זעט גאַרנישט אויס פֿון אַזאַ וויכטיקן פּאַרנעס, ווי מענטשן רעדן וועגן אים: עפּעס פּאַרט זיך נישט זיין בלאָנדער פּנים, זיינע מילדע בלויע אויגן, מיט באַפֿעלערישקייט און עקשנות, צו זיין שטענדיק דער געווינער, נישט אַנדערש, ווי דאָס איז דער כּוח פֿון זיין „לאַקי" זייגער . . .

מיסטער גוירטלערס מילדער שמייכל האָט אָנגעהויבן פֿאַרשווינדן פֿון דעם שטייענדיקן ווידערגעפּיל צו זען זיין נאָמען אויף די ברודיקע קאַסטנס. אָבער אַז אַ נאָמען טויג דאָך נישט, מען צעשלעפּט זיי, באַדאַרף מען דאָס באַ־וואָרענען. ער האָט אַרויפֿגעלייגט זיין האַנט אויף פּעדראָס אַקסל און גוט־ברודעריש גערעדט צו אים:

— ווי וואָלט געווען מיר זאָלן ווערן פּאַרטנערס?

— וואָס מיינסטו, מיסטער גוירטלער ? — האָט פּעדראָ געפּינטלט מיט די אויגן פון חידוש.

— כ׳מיין, מיין מיסט, מיינע קאַסטנס און דיין נאָמען אויף זיי . . .

.4

פון דעמאָלט אָן איז פּעדראָס נאָמען אויף די קאַסטנס, וועלכע שטייען אין טונקעלן קאָרידאָר, וואָס ציט זיך פון דער הינטערשטער שאָפּ־טיר, לענג־אויס די פּראַכט־עלעוועיטאָרס און די וואַש־צימערן. אָט דאָ, אַהער קומט דער „בוקי" פּאַרקויפן נומערן. ער קומט מיט אַ פּייף, און עס הייבן אָן צו קומען אַרבעטער פון די שעפּער, פון די אָפיסעס. עס קומען אויך באַלעבאַטים, פּאַר־קויפערס, שיק־יינגלעך, — אַלע פּרובירן זייער מזל.

סודותדיק זאָגט מען דעם „בוקי" אַ נומער. מען שטופּט אים געלט אין האַנט אַריין און ער שרייבט שנעל אויף קליינע שטיקלעך פּאַפּיר, פּאַרוויקלט זיי אויף כמעט גאַרנישטלעך און פּאַרשטופּט זיי אין לעכער פון ווענט, אין שפּאַרעס פון קאַסטנס און פּודלעס. בשעת דער „בוקי" גייט אָן מיט זיין אַרבעט, שטייט פּעדראָ אין קאָרידאָר, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן עלעוועי־טאָר, נאָר אַז עס קומט איינער אַרויף, דאַרף פּעדראָ פאָרן אַראָפּ ; פּאַרט איינער אַראָפּ, דאַרף פּעדראָ פאָרן אַרויף . . . פון די צעעפנטע טירן כאַפּט ער אויף סיגנאַל־בליקן פון די עלעוועיטאָר אָפּערעיטאָרס, אַז די געזעץ־היטערס זענען נישט קיין געפאַר . . .

פּעדראָ ברענגט אויך נייעס אין שאָפּ אַריין וועגן געוואונענע נומערן. די מענטשן, וועלכע פּרובירן זייערע מזלות אין דער שפּיל, דערשנאַפּן אין זייער גרעסטער פּאַרנומענקייט, אַז פּעדראָ איז דאָ. ער לאָזט זיי וויסן דורך אַ באַוועג מיט די פינגער פון אַן אויפגעהויבענער האַנט, וואָס פּאַר אַ נומער עס איז אַרויס. אָדער ער גייט זיך אַדורך צווישן די מאַשינען, קלאַמפּערשט צו־נויפנעמען די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן פון דיל און זינגט אויס, וואו מען דאַרף אויף אַ פּאַרשטעלטער שפּראַך : „פינפטע עוועניו", „זיבעטע עוועניו", אַמאָל : „42טע גאַס", אָדער עפּעס אַן אַנדער נומער, און די שפּילערס פּאַרשטייען שוין דעם באַדייט . . .

אין שאָפּ האָט פּעדראָ עטלעכע נאָענטע פריינט, מיט וועלכע ער סודעט זיך וועגן פערד־געלויף, וועגן „לאַקי־ווינערס" אין די צייטונגען און מען זוכט אין חלומות־ביכלעך דעם זין פון אַ חלום. איינער פון זיינע גאָר נאָענטסטע פריינט איז שמחה דער אומעטיקער. זיין האַרץ נעמט נישט אויף קיין פרייד ; אַז מען זאָגט אים, „אַך, וואָס פאַר אַ שיינער וועטער ס׳איז היינט !", ענט־

פּערט ער: „וואָס־זשע האָב איך דערפון?" ברענגט מען אים אַ בשורה: „עס קומט מיר אַ מזל־טוב, אַ יינגעלע איז ביי מיר געבוירן געוואָרן!", גיט ער אַ בורטשע: „אַ סימן אויף מלחמות!"...

שמחה איז אַריבער זעכציק יאָר, מיט אַ ווייב, קינדער און אייניקלעך, דאָך זעט ער אויס אַלט־בחוריש: אַן אָפּגעזונדערטער פון אַלעמען, אַן איינגע־שלאָסענער אין אייגענעם געהיימען וועלטל פון נומער־קאָמבינאַציעס. בלויז אין פּריימיקס טרעפט, ער זאָל זיך אָנהייבן דערנענטערן צו מענטשן אין שאָפּ. דאַן קאָן ער נישט איינשטיין ביים פּרעס־אייזן; ער גייט קלאָמפּערשט נעמען ביי עמעצן אַ סיגאַרעט און טוט שוין אין איינוועגס אַ זאָג: „זע נאָר, וואָס האָב איך דאָס געוואָלט פרעגן? ... אָ, יאָ, כ'האָב זיך דערמאָנט! אויף דער עלטער הייבט מען אָן צו פאַרלירן דעם זכרון ... איז יאָ, — ביסט עפּעס רייך אין געלט?"

5.

דער איינציקער, וואָס זאָגט אים נישט אָפּ, איז מיסטער לינדער. לינדער איז אַ מענטש פון עטלעכע און פופציק יאָר, מיט אַ רואיק פּנים, מיט געלאַ־סענע רייד, ווי ער וואָלט געטראַכט ביי יעדן וואָרט, כדי ער זאָל שפּעטער נישט דאַרפן חרטה האָבן. אַז שמחה קומט צו צו לינדערס מאַשין, בייגט ער זיך אַראָפּ נידעריקער ווי ער באַדאַרף, ווי ער זאָל זיך וועלן אויסבאַהאַלטן פון פרעמדע אויגן, אַזוי, אַז עס זעען זיך בלויז זיינע ברייטע פּלייצעס און גרוי־צעשויבערטער קאָפּ האָר, וואָס איז גלייך מיטן טישל פון לינדערס מאַשין. לינדער נעמט זיך באַלד צו דער קעשענע און זאָגט: „געדענק, אַז נישט אויף ,געמבלינג' גיב איך דיר!" שמחה הייבט זיך אָן צו שווערן: „איך זאָל אַזוי דערלעבן ... " „ניין!" — שלאָגט אים איבער לינדער, — שווער נישט! איך גלייב דיר אויפן וואָרט" ...

נאָר העלען, וואָס זיצט קעגן לינדערן, פילט ווי אויסצושרייען: „געמ־בלער! הער אויף צו פאַרפינצטערן דיין ווייבס יאָרן!" ווייסט זי אָבער, אַז ס'וואָלט איר שוין מער נישט געפעלט. „גבאיטע", וואָלט ער אַ גלאָץ־געטאָן מיט זיינע גרויע אויגן אויף איר, און ס'וואָלט געוואָרן אַ טומל אין שאָפּ. גייט זי פון פאָרדראָס אַוועק פון מאַשין. איר גאַנג איז אַ שטאַלטנער, אַ גראַציעזער. און כאָטש זי איז שוין אין די שפּעטע פופציקער, ציט זי נאָך די בליקן אויף זיך פון די מענער. דער ערשטער איז רובין דער „אָלד טיימער", וואָס איז שוין נאָענט צו זיבעציק יאָר און פון זינט ער איז אין אַמעריקע האָט ער אויף די ארומיקע געשפּרייט זיין מורא: „געדענקט, אַז די מוידן, די ווייבער, די

„אינטעליגענערקעס", וועלן אַרויסשטויסן די מענער פֿון די שעפֿער". און הײַנט וואָרנט ער: „געדענקט, וואָס אַז „אַלד טײַמער" זאָגט אײַך: די פּאַרטײ־ריקאַ־נערינס וועלן פֿאַרכאַפּן אַלע שעפֿער און אונדז מענער אַרויסשמײַסן . . ."

ער, אַז ער דערזעט העלענען, הייבט ער אָן צו שטורכען זײַנע שכנים: „זעט נאָר אַ פֿיגורקעלע! אַ רעגעלע אַקטריסע! כ'בין מקנא איר מאַן!" . . . נאָר העלענען גייט איצט נישט אָן די מענערשע רייד און זײַערע צערודערטע געמיטער. איר פֿאַרדריסט שטאַרק אויף לינדערן. און ווען זי קומט צוריק צו דער מאַשין, גליט נאָך אַלץ אין אירע גרוי־בלויע אויגן אַ פּראָטעסט און זי לאָזט אים דאָס וויסן: „מיט אײַער גוטהאַרציקייט לייגט איר דעם געמבלער מיט דער ווײַב אין דער ערד אַרײַן". און לינדער ווערט נישט מיד צו געבן איר צו פֿאַרשטיין: „ער קומט דאָך צו מיר נאָר אין פּריוואַטיקס, אַ סימן, אַז ער דאַרף אויף שבת. שבת וויל איך קיינעם נישט פֿאַרשטערן! . . ."

פֿון מאָנטיק ביז פֿרײַטיק ווערט אינעם געררויש פֿון שאַפּ געוועבט אַ מעשה פֿון מענטשנס לעבן. אַ מעשה פֿון פֿרייד און פֿון אומעט; אַ מעשה פֿון טרויער און געלעכטער; אַ מעשה פֿון געזאַנג און טענות. און שמחה דער אומעטיקער האָט געהערט טענות פֿון די אַרבעטער ביי די מאַשינען. ס'האָט געררעדט העלען:

— דער סטאַיל נומער 969 איז געוואָרן שווערער. ס'איז צוגעקומען אַר־בעט אויפֿן גאַרמענט; וואָס שווייגט מען?

ס'האָבן זיך אָפּגערופֿן נאָך אַרבעטער:

— מאַלע וואָס דער באָס זאָגט, ער לייגט צו געלט צו דעם גאַרמענט, אַז אַלטע מעשה!

— איך זאָג, אַז מען פֿאַרדינט נישט, דאַרף מען נישט אַרבעטן!

— ס'איז אַ מזלדיקער נומער פֿאַר דעם באָס. אויך מתושלח איז געווען מזלדיק, דערפֿאַר האָט ער געלעבט נײַן הונדערט מיט נײַן און זעכציק יאָר . . .

וועגן דעם, וואָס דער אַרבעטער מיט די גרויסע גרויע ברעמען, מיט דעם שטענדיקן גלאַנץ אין די שוואַרצע אויגן פֿון באַגײַסטערונג, האָט אַ טבע אין יעדן ערנסטן געשפּרעך אַרײַנצוּוואַרפֿן עפּעס אַ טשיקאַווע וואָרט, — וועגן דעם האָט מען זיך גענומען איצט דינגען:

— כ'האָב קיינמאָל נישט געהערט פֿון אַזאַ נאָמען. ווי הייסט ער דאָרטן?

— מתושלח פֿון דער „בײַבל". ער האָט געלעבט 969 יאָר יאָר.

— ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט! עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל לעבן אַזוי לאַנג! אַלץ ווייסט ער, דער גרויסער געלערנטער!

— סעי, וואָס האָסטו צו אים? הערסט דאָך, אַז די בײַבל זאָגט אַזוי.

— מאַלע וואָס די בײַבל זאָגט, דאַרף ער נאָכזאָגן?! . . .

פּעדראָ האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעהערט צו דער היציקער שפּאַרעניש, ביז ס'איז אים געוואָרן פאַרשטענדלעך פון זייערע אַריינגעמישטע ענגלישע ווערטער און זיין פאַרשטיין אַביסל יידיש, אַז עס רעדט זיך וועגן אַ וויכטיקן נומער פון דער בייבל. ער וויל נאָר נישט, אַז שמחה זאָל וויסן פון דעם נומער. ער איז אַוועק צו אים געוואָר ווערן וועגן דעם:

— איז דאָס אמת, אַז די „בייבל" דערציילט פון אַ מענטש, — כ'האָב שוין פאַרגעסן זיין נאָמען, — אַז ער האָט געלעבט, דאַכט זיך, 999 יאָר? . . .

פּעדראָ האָט אונטערגערוקט שמחהן אַ פאַרדרייטן נומער און דעם ריכ־טיקן געהאַלטן פאַר זיך צוליב אַ רעכענונג: דער „סטאַיל" איז אַ „סוקסעס" פאַרן באָס, שוועך פאַר די אַרבעטער, — שטייט ער צווישן צוויי מזלות . . . דער נומער ווערט דערמאָנט אין דער „בייבל", און די „בייבל" איז הייליק . . . יאָ, ער וועט אַליין שפּילן אויף דעם נומער 969 . . .

און שמחה דער אומעטיקער האָט זיך גראָד געפרייט מיט פּעדראָס טעות. ער האָט ליב צו שפּילן אויף טעותן, אויף צופאַלן; אויף נומערן פון צעשמע־טערטע אויטאָמאָבילן, אויף געקראָכטע עראָפּלאַנען, אויף דער צאָל פון אומ־געקומענע מענטשן און אויף בייזע חלומות. ער מישט אויך אויס נומערן, ער שטעלט זיי איבער, און אַזוי, גלייבט ער, וועט ער אָפּנאַרן דאָס שלעכטע מזל און אָנטרעפן אויף אַ ביסל גליק . . . ער, פּעדראָ, האָט נישט געוואוסט, אַז שמחה שפּילט שוין לאַנג אויף דעם נומער 969 און נישט געוואונען. ער וועט שוין מער אויף אים נישט איינשטעלן. ער וועט שוין בעסער שפּילן אויף פּעדראָס טעות, אויף דעם העכסטן נומער, וואָס איז פאַראַן אין דער שפּיל, — 999.

.6

היינט, ווען פּעדראָ איז געקומען אין טונקעלן קאָרידאָר פריער ווי אַנדע־רע טעג, צוליב דעם מאָדנעם חלום, וואָס איירין האָט אויסגעטייטשט, אַז ער וועט חתונה האָבן, איז ער געזעסן אַ ברוגזער אויף זיך, אויף דעם מאָדנעם חלום; אַ בייזער אויף איירין, אויף גווירטלערס גוטהאַרציקייט און אויף זיין נאָמען, וואָס אויף די מיסטקאַסטנס. אין קאָפּ האָט זיך אים געדרייט זיין אַנט־לאָפּענע ווייב, זיין דורכפאַל אין „רינג", זיין צעפלאַטשטע נאָז; דער שטענ־דיקער צאָרן אויף די שפּאַנישע אַריינדרינגער, וועלכע האָבן מיט געוואַלד פאַראומרייניקט די אינדיאַנער בלוטן און אים אויף אייביק פאַרשעמט . . . ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט, זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט געזוכט אַן אויסוועג צו אַנטלויפן פון טונקעלן קאָרידאָר, צוריק צו די פרייע פעלדער, וועלדער, ברייי־

מענטשן אין מיין לעבן

טע שליאַכן און הויכן הימל. און אַז אייגענעם וויסן גלאָזט זיך גיין נאָך די פריילעכע שטימען, וועלכע האָבן זיך געטראָגן פון שאַפּ.

אין שאַפּ האָט ער געזען פונוויטן, ווי אַרום געגרייטע טישן ציען זיך הענט אינדערהייך מיט גלעזלעך משקה און גליק־וואונטשן דער כלה. די כלה אַ קליינע, אַ טונקל אַליוו פּנים, הויכע באַקן־ביינער, אַז עטוואָס פּאַרריסן נעזל, שיפּע אויגן־דעקלעך און אויגן־אַפּלען — אַ געמיש פון פעלקער־קרייציקונג: ווען זי איז פריילעך שפּילן זיך אין אירע אויגן ליכט־קאָלירן, ברוין, גרין, גרוי, בלוי, בושטין. אַז זי לאַכט, לאַכט זי אי שעמעוודיק, אי אַרויסרופנדיק. זי קומט פון די פּיליפּינען, נאָר אין שאַפּ איז פאַר אַלע פון דעם אויסזען פאַראַן איין נאָמען: פּאָרטאָריקאַנער . . .

איירין איז געשטאַנען נעבן דער כלה און באַשיצט זי, ווי אַז אַלטע פרוּ־מע מומע, פון אַ מענערשן קוש. פעדראָ האָט געכאַפּט דעם ערגסטן אָפּשניט פון איר. זי האָט זיך צעשריגן אויף אים: „אַוועק, דו אַלטער נאַר! גיב אים כלה־מיידלעך!” דערפון איז דער שוין־בגילופינדיקער עולם נאָך פריילעכער געוואָרן. דזשאָזעפין, דאָס איטאַליענישע מיידל, וועמעס חתן איז קיינמאָל נישט צוריקגעקומען פון דער קאָרייער מלחמה, האָט מיטאַמאָל זיך אויסגע־טאָן פון איר שווייגנדיקן טרויער און אַוועק אין אַ טאַנץ מיט פעדראָן. נאָר פעדראָ האָט שוין געהאַט היפּשלעך געטרונקען, האָט ער אומגעלומפּערט גע־דרייט מיט די פיס און נאַריש געשמייכלט, ביז ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער הערט אַ פייף פון קאָרידאָר. ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט, ווינקענדיק צו שמחהן ער זאָל מיטגיין.

אין קאָרידאָר האָט דער „בוקי”, אַ יונג מיט ברייטע פּלייצעס און זייער העפלעכע מאַניערן, אויסגעטיילט געוואונענע געלטער און שטיל אין דער זייט פון פעדראָן אַ זאָג געטאָן: „969”.

שמחהן האָט גענומען מישן אין קאָפּ און שווינדלען פאַר די אויגן מיט די נומערן . . . אַט דריי גלייכע ניינער, באַלד זעקס, ניין, ניין; ניין זעקס ניין. און אַט קלאַפּן די נומערן אין מוח, ווי האַמערס, די אויגן קוקן אָנגעשפּיזטע אויף די דאָלאַרן, וועלכע וואַקסן אין פעדראָס האַנט. און די דריי גלייכע ניינער האָבן, ווי האַמערן, געקלאַפּט אין האַרץ פון חרטה: נאַר! נישט באַ־דאַרפט איינשטעלן ווי ס'איז געשריבן אין דער „ביבל” . . . מאָרגן איז שוין ווידער פרייטיק . . . עט, צופיל געטרונקען . . . וואָס איז דאָרטן אַזוי טומל־דיק? ווער זינגט דאָרטן אַזוי? . . .

ער האָט זיך געשלעפּט צוריק אין שאַפּ אַריין. אין קאָרידאָר ביי דער געעפנטער טיר פון די פייער־טרעפּ, איז געשטאַנען פעדראָ אַ באַרוישטער פון בראַנפן, פון געווינס און פון איירין, וואָס שטייט לעבן אים און זינגט: „קאָם

אז איז מאַי האוז, אַיי עם גאָאינג טו גיוו יו קענדי" (קום צו מיר איז שטוב, וועל איך דיר געבן צוקערקעס) און נישט געהערט, אַז איז שאַפּ ראַטעוועט מען שמחהן מיט קאַלטן וואַסער און מיט האַרבשטאַרק, און ווען ער קומט צו זיך, רעדט ער מיט פאַרשטיקטן געוויין: „אַיי עם נאָ גוד!" איך טויג אויף כפּרות! אַ ווייב, אַ שטילע נשמה, וואָס האַלט זי זיך מיט מיר? ! זעסט דאָך, „אַיי עם נאָ גוד!" אַ געמבלער, אַ נאַר, אַ פערד, אַן אייזל! צו וואָס האָב איך באַדאַרפט איבערדרייען דעם נומער? כ'בין קיינמאָל נישט געגאַנגען אויף אַ גלייכן וועג! כ'וועל שוין בלייבן אַ בהמה... מיין האַרץ בלוטיקט פאַר דיר! ביסט אַזאַ שטילע נשמה...

און דורך דער געעפנטער טיר פון די „פּייער־עסקעיפּס" ציט אַ פרישע ווינטל, וואָס קילט די צעוואָרעמטע געמיטער פון איירין און פּעדראָ. די מויערן פון מאַנהעטן זענען איינגעטונקען אין פרי־האַרבסטיקן זונשיין. דאָרטן וויים ציט זיך דער טייך האַדסאָן. פון יענער זייט טייך — גרינע בערג, ביימער, טאָלן. פּעדראָ יאָגט זיך דאָרטן אויף זיין ווייסן פערד, ער איז אינדיאַנער „טשיף", ער וועט כאַפּן זיין ווייב, ברענגען אַהער אין קאָרידאָר אַריין. זע, איך בין קעניג פון דעם קאָרידאָר, מיין נאָמען שיינט אַראָפּ פון...

— העי, פּעדראָ, וואָס איז דאָרטן אין שאַפּ אַזאַ טומל? — האָט איירין איבערגעשלאָגן זיינע צעהיצטע פאַנטאַזיעס.

שפּעטער האָבן זיי ביידע געזוכט אין חלומות־ביכל דעם באַדייט פון דעם וואָרט, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט וועגן שמחהן: „צוזאַמענברוך", עס קאָן זיין אַ מזלדיקער נומער...

צוליב אַ „שעיפּ"...

ווען מען האָט דען געקאָנט איינ־
פאַלן, אַז צוליב אַ פאַסאָן — אָדער ווי
מען רופט עס דאָ: „שעיפּ" — פון אַ
אַ רעקל, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אין אַ שוי־פענצטער אויף זיבעטער עוועניו, זאָל מען ראובנען אוועקפירן אין שפּיטאָל אַריין און שמעונען — אין פּאָליציי־סטאַנציע? אפילו אַ מינוט פאַר דער געשעעניש האָבן די מענטשן, וועלכע האָבן דאָס צוגעזען נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז די צוויי גוטע באַקאַנטע „אָלד טאַימערס", ברידער פון איין יוניאָן, וועלכע האָבן געפּאַקט און געמאָזלט אין זייער פאַך, ביז מען האָט איינגעפירט אַביסל מענטשלעכ־קייט אין די שעפּער, אַז דעם אַרבעטערס לעבן זאָל האָבן אַ ווערט און זיין מענטשלעכער כבוד זאָל ווערן אָפּגעהיט, — אַז גראָד איצט זאָלן זיי פאַרמישן אַזאַ קאַשע, אַז דער גאַנצער מאַרקעט פון נאָדל־פאַך זאָל קאָכן מיט זיי . . .

וואָס־זשע האָט פּאַסירט? אַ קליינִיקייט איז געווען די סיבה. ווי אַ קליין שטיינדל, וואָס מען וואַרפט אין אַ שטילן טייך, ווערן רינגען אַרום, וואָס ווייטער פון צענטער, אַלץ גרעסערע רינגען, און ווען דאָס שטיינדל איז שוין אויפן אָפּגרונט, זעט מען נאָך די קרייזן אויפן וואַסער, — אַזוי איז געווען מיט די צוויי אַלטע באַקאַנטע: ווען זיי זענען אַריין אין אַ היציקן קריג, האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרגעסן די סיבה דערפון. און ווען זיי האָבן זיך גענומען בויקערן אינמיטן גאַס, איז דאָס שוין געווען דער רעזולטאַט פון זידלערייען . . .

נאָר לאָמיר נישט פאַרלויפן דעם וועג און אָנהייבן דערציילן מיטן נוסח פון אַ געוויינטלעכער מעשה: „עס איז געשען אין אַ שיינעם פרימאָרגן", נאָר דער דאָזיקער פרימאָרגן איז באמת געווען פון יענע געבענטשטע סעפּטעמבער־פרימאָרגנס, וועלכע שפּרייטן אויס איבער ניו־יאָרק אַ לויטערן בלויען הימל, און די שאָטנס, וועלכע הויערן אויף די גאַסן צווישן די הויכע מויערן, וועלכע קומען מיט דער אויפגייענדיקער זון, זעען אויס ווי איידעלע, פאַנטאַסטישע אוזאָרן. די לופט איז אַ טרוקענע, אַ פרישע מיט עפּעס אַזאַ ליבן ריח און גוטן טעם, וואָס פילט־אָן דאָס מענטשלעכע געמיט מיט צאַרטקייט, מיט ליבע צו אַלץ אַרום און צו די מאַסן מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער און קאָלירן, וועלכע שפּאַנען דאָ אין אַ סעפּטעמבער פרימאָרגן, ווי מיט געזאַנג אין זייערע טריט צו זייער טעגלעכער באַשעפטיקונג. אין אָט אַזאַ פרימאָרגן, ווען עס האָט

זיך אויסגעוויזן, אז עס ווייעט די לופט מיט שלום און שלווה, איז שמעון אנגעקומען אויף זיבעטער עוועניו און געטראפן זיין לאנג־יאריקן באקאנטן, ראובנען, ביי א שויפּענצטער פון מענער־קליידער. זיי האבן זיך באגריסט:

— גוט מארגן, ראובן.

— גוט מארגן, שמעון.

— וואס הערט זיך עפּעס?

— וואס זאל זיך הערן? און ביי דיר?

— אויך דאס זעלבע...

— זע נאר, ווי געפעלט דיר דער נייער „סטאיל"? (מאדע) — האט ראובן, ווייזנדיק אויף אן אנצוג אין שויפענצטער, געפרעגט שמעונען. און נישט ווארטנדיק אויף אן ענטפער, האט ער מיט באגייסטערונג אויסגערופן:

— ביסט כאטש א מבין אויף דער מלאכה? זע נאר א „שעיפ"! (פאסאן) מיט גאלד־צו־גלייך!...

ראובן און שמעון האבן זיך ליב צו קליידן אין די נייעסטע מאדעס. כאטש ביידע קאפן אמאל איבער די מאס אינעם געשמאק פון קליידן זיך, וואס שטימט נישט מיט זייערע יארן, נאר זיי אליין באמערקן עס אפילו נישט... ביידע האלטן זיך פאר גוטע פאכמענער, דערפאר האט שמעון נישט געאיילט זיך מיט זיין מיינונג, איידער ער וועט גוט באטראכטן דעם אנצוג. ער איז צוגעגאנגען נאענט צום פענצטער, כמעט מיט דער נאז אנגערירט דאס גלאז און געבליבן שטיין מיט זיין געפאקטן קערפער, רונדן פנים און בלאס־בלויע אויגן איינגאנצן פארטאן אין דעם געבוי פון אנצוג... ווי שטענדיק, איז אויך איצט נישט געווען אין זיינע אויגן קיין סימן פון באגייסטערונג, צי פארוואונדערונג, אדער חידוש און אויך נישט קיין פארדראס. דאס איז צוליב זיין אינערלעכן „פאנצער", וואס האט זיך ביי אים אויסגעארבעט פון לאנגע יארן דערפארונג אין די שעפּער, אז איינמאל פאר אלע מאל, „נא מאר"! נישט מער! ער האט מער נישט קיין כוח צו ערגערן זיך! ערגערן זאל זיך עמעץ אנדערש! ער האט איצט געענטפערט לאנגזאם אויף ראובנס באגייסטערונג: — דער לינקער „סליוו" (ארבל) שטייט פארריסן צום פראנט, דער קאפ פון ארבל בלאזט זיך. דער „שעיפ", איך מיין, די לאצן מיטן קאלנער, איז נישט גוט אויסגעארבעט: איין שפּיץ קוקט קיין בויבעריק, דער אנדערער — קיין פּיטשוטש. און ווי נאר זיי וועלן דערשמעקן א פייכטן וועטער, וועלן זיי קריגן קרעמפּס און זיך נעמען דרייען אין אלע זייטן...

שמעונס מבינות האט געטראפן ווי א שטארקער שנעל אין נאז אריין ראובנען. ער האט זיך געהאלטן פאר אן ערשט־קלאסיקן באלמעלאכע, האט אויסגעקליבן דעם אנצוג און באשלאסן צו קויפן אים אויף יום־טובים. קומט

גאר ער, שמעון, און גיסט אים אפ מיט א שעפל קאלט וואסער . . . דאס האט אים פארדראסן. ראובן איז א מענטש, וואס א ליאדע־וואס פארדריסט אים באלד. ער איז אין די זעלבע יארן וואס שמעון, נאר עטוואס העכער און קרעפטיקער. ער האט שארפע גזיכט־שטריכן, שווארצע אויגן מיט א שטענדיק ברוגזלעכן בליק אין זיי. דער ברוגזלעכער בליק האט זיך ביי אים אנטוויקלט צוליב זיין שנעלקייט אין דער ארבעט: די שנעלקייט האט אים געפירט צו צוזאמענשטויסן מיט אנדערע ארבעטער; די פירערשאפט פון די ארבעטער אין די שעפער האט אן אלגעמיינעם חשבון פון איינטיילן די ארבעט יושרדיק, נאר ער האט אן אייגענעם חשבון: „ביי יענעם ליגט די ארבעט, איך וואלט דאס שוין געהאט פארטיק . . . אויף יענעםווארט די ארבעט, און איך — ווארט אויף דער ארבעט . . . ”

זיין באוואוסטער, ברוגזלעכער בליק האט ווי געטענהט, „מ׳פארגינט מיר נישט . . . מען וויל מיר אונטערשטעלן א פיסל” . . . און איצט האט זיך אים אויסגעוויזן, אז שמעון האט זיך אנגעשטויסן, אז ער וויל זיך קויפן דעם אנצוג אויף יום־טוב, און ער פארגינט אים נישט. דאס האט אים געערגערט: „פארוואס זאל ער מיר נישט פארגינען?” — דערפאר האט ער מיט קוים־איינגעהאלטענעם פארדראס געענטפערט:

— דער „שעיפ”, זאגסטו, וועט זיך איבערדרייען? ווי קאנסטו גאר זאגן אזא זאך?! זע נאר ווי גוט די לעצלעד זענען אויסגעארבעט! ביידע שפיצן גלייך, ווי א ווירע, קיין איינס נישט אנדערש פון צווייטן, אפילו נישט אויף קיין ה־א־ר־ע־ל־ע! אויף אזא פיינער ארבעט דארף מען, פארשטייסטו מיך, אן אויג פון א גוטן שניידער . . .

אט־די באמערקונג האט א ריר געטאן פון ארט שמעונס „פאנצער” פון „עס ארט מיך נישט”.

— זע נאר, — האט ער זיך געטראכט, — ווער עס זאגט וועמען „מען דארף האבן אן אויג פון א גוטן שניידער”. די ביטערסטע באלעבאטים קווענקלען דאך אן פון זיין ארבעט. ער ווייסט די סודות פון זיין פאך, ער קאן דאך די אייגנשאפטן פון יעדן מין סחורה. אין „יוראפ” האט ער געפירט אן אייגענע „מאסטערסקאיע”, געהאט די רייכסטע קונדן, — איז נאדיר אזא שפילקע: „מען דארף האבן אן אויג פון א גוטן שניידער” . . . פאר אזא זאג איז ער ווערט מען זאל אים דערלאנגען א גאב. נאר גארנישט, זאל זיינס איבערגיין . . . ער וועט שוין געפינען וואס צו זאגן, אז עס זאל אריין אין דער זיבעטער ריפ . . . און ער האט אנגעהויבן לאנגזאם:

— זעט אויס, ראובן, אז איידער ביסט אריבער צו קלאוקס, האסטו קיינמאל נישט געארבעט ביי גוטער מענער־שניידעריי, ווי איך? . . .

דאס האט גראד א שניט געטאן, ווי מיט א מעסער, זיין פאכמענערישן שטאלץ און ער האט מיט א ביטולדיקן טאן אנגעהויבן אפצוענטפערן:

„הע, שיינע צייטן זיך דערלעבט, אז הינער קרייען שוין אויך. איך האב מיינע צוויי אויפגעגעסן ביי מענערשע קאסטיום שניידעריי! און דו, גרויסער צעלייגער, ביסט דאך נישט מער ווי קאלאמבוסעס א באלמעלאכע! דא אין אמעריקע האסטו זיך אויסגעלערנט שטעפן . . . ״

שמעונען איז נישט געווען צום הארצן ראובנס הויכער טאן, וואס האט געגרייכט אזש די זייטיקע מענטשן, וועלכע קומען זיך צוזאמען אין די פרימארגנס אביסל פריער ווי מען דארף ארויפצוגיין צו דער ארבעט, כדי א טאפ טאן דעם דופק פון מארקעט, געוואר צו ווערן וואו עס איז פאראן ארבעט און וואר־נישט, ווער עס האט זיך צוריקגעצויגן פון דער ארבעט, און ווער עס האט געביטן דעם „דזשאב״. אט דאס געזעמל, אז עס האט דערהערט ווי צוויי „אלד טאימערס״ ווערטלען זיך איבער אזוי „שיין״, האבן זיי אנגע־שטעלט די אויערן און איצט שוין צוגעהערט זיך צו שמעונס שניידערשן יחוס־בריוו: „זע נאר ווער עס רעדט! נישטא ווער עס זאל לאכן! איך — קא־לאמבוסעס א באלמעלאכע?! — איך האב דאך געארבעט אין ווארשע אין די בעסטע ווארשטאטן, די מייסטערס זענען די כפרה געווארן פאר מיר! נאר אין ווארשע? און דא? אין די בעסטע קלאוק־הייזער געארבעט מיט די גרעסטע „דיזאינערס״ ביי סעמפלס! איז ווי געפעלט אייך, איך—א קאלאמבוסניק?...״

— דו האסט געארבעט אין ווארשע? „גאי וואיס״ — האט ראובן גע־שפעט פון שמעונס פוילישן דיאלעקט, — דו רעדסט דאך ווי א גאליציאנער, וואס קומט פון א שטעטל גרויס ווי א גענעץ, און לויט דיין גאנצן געשטעל דערקענט מען, אז דו האסט געפירט קעלבלעך אויף ירידים... איז „גאי וואיס״, אז ער האט גאר געארבעט אין ווארשע און נאך ביי דער בעסטער שניידעריי דערצו! . . .

דער מענטשן־ראד ארום האט געלאכט געשמאק און הויך. און כאטש שמעון האט גוט געהערט דאס געלעכטער, האט ער פונדעסטוועגן אנגעהויבן צו ענטפערן מיט זיין געוויינלעכן נוסח:

— הע, נישטא ווער עס זאל לאכן; איך — א גאליציאנער? און זעט נאר ווער עס רעדט — א געבראטענער ליטוואק, וואס קאן קיין קלאר ווארט נישט ארויסרעדן: משה קומט ביי אים ארויס מעיסע. שלמה איז ביי אים סלעימע, און פון שבת נאך שבועות ווערט ביי אים סאבעס נאך סוואועס . . . דאס איז איינמאל אוועק. צווייטנס, דערקענט מען אין דיינע גראבע לאפעס, אז ביסט געווען א האלצהעקער אין דער אלטער היים. נאר דא אין אמעריקע שיסט א בעזים אויך; דא רעדסטו פון אזעלכע איידעלע זאכן, ווי גוטע שניי־

מענטשן אין מיין לעבן

דעריי, דערציילסט מעשיות פון טויזנט און איין נאכט און ווילסט מען זאָל דיר גלייבן, אז אַ קו איז געפלויגן איבערן דאך! הע, נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן! . . .

ראובן האָט זיך ארומגעקוקט מיט אַזאַ קאַרגן שמייכל אויף זיין פּנים, וואָס האָט אָבער געלאָזט וויסן: „וואַרט אַ ווייל, וועט איר זען, ווי איך וועל דעם צעלייגער געבן אַ צי אויס, אַז ער וועט ווערן גרין־און־געל" . . . און ער האָט אַנגעהויבן דערלאַנגען:

—דו, גרינער, ווער איז לענגער אין אַמעריקע? איך צי דו? איך. איז ווער ווייסט בעסער? ווען דו זאָלסט געווען קומען קיין אַמעריקע אין יענע יאָרן ווען איך בין געקומען, ווען מען האָט געטאַפּט אַ וואַנט אין די שעפּער, וואָלט מען דיך געווען אַנגענומען ביי דיינע לאַנגע אייזל־אויערן און אַרונטער־געשליידערט פון אַלע טרעפּ! דיין מזל וואָס ביסט געקומען שוין צום גרייטן. ביסט געקומען צו אַ פּאַרטיקער יוניאַן, וואָס איך האָב מיט מיין בלוט געהאָלפן בויען, כדי מען זאָל קאָנען פּראַטעקטן (באַשיצן) אַפילו אַזעלכע ווייסטע חצי־באַלמעלאָכעס, ווי דו ביסט! . . .

— העי, מיסטער באַרימער; „האָלד דהי האָרסעס!" — האָלט איין דיי־נע סוסים! וועסט נאָך אַראָפּ פון גלייכן וועג! — האָט שמעון אויסגערופן אויף אַ הויכן קול, אַז אַלע אַרום זאָלן הערן: — קוק מיר נאָר גלייך אין די אויגן אַריין; ווער אַרבעט ביי סעמפּלס, איך צי דו? אַ יאָ, איך? איז וואָס טויג מיר דאָרט וואָס ביסט לענגער פון מיר אין אַמעריקע? אַ פערד מעג אויספאָרן די גאַנצע וועלט — בלייבט דאָס אַלץ אַ פערד . . .

ראובנען האָט אויסגעוויזן, אַז אַלע אַרום קוקן אויף אים ווי אויף אַ געשלאָגענעם פון יענעמס רייד. דאָס האָט אים שטאַרק וויי געטאָן. ער וועט אים איצט אַזוי אַריינזאָגן, אַז עס זאָל אים טרעפן אין דער זיבעטער ריפּ אַריין:

— אַ, דיינע סעמפּלס, — האָט ער אויסגערופן, — שטייען מיר פאַר די אויגן! אויך מיר אַ סעמפּל־מאַכער! וויפל מאָל איבערן יאָר הייסט מען דיר גיין וויטער? ווי לאַנג האַלטסטו זיך אויף אַ דזשאָב? זאָג דעם אמת, זאָלן די מענטשן דאָ אַרום אויך וויסן! . . .

מען האָט זיך אַלץ מער באַליידיקט. מען האָט זיך פאַרגעוואָרפן זאַכן, וואָס זענען נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן, אַבי צו דערנידעריקן איינער דעם אַנדערן. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געהערט פון דער מידה נישט מבייש־זיין קיין מענטשן. און אפשר האָבן זיי נאָך ווי־עס־איז יאָ געהאַלטן פון דער מידה, נאָר איצט האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער יצר־הרע פון אפלאַכן און אפחוזקן איז אַריין אין זייערע צינגער. און דער עולם אַרום

האָט גראָד שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם . . . דאָס איז געווען ווי אַז אַפּלאָז פאַר אַקטיאָרן אויף דער בינע. שמעון האָט געגעבן אַ שריי־אויס:

— זעט נאָר ווער עס האָט זיך געוואָלט אויספוצן אין דעם „סוט" — ווייזנדיק מיטן פינגער צו דעם שוי־פענצער. — ער וואָלט אויסגעזען אין אים ווי אַ חזיר אין אַ שטריימל!

ראובנען האָט זיך איצט אויסגעוויזן, אַז שמעון האָט שטאַרק אויסגע־נומען ביי די אַרומיקע און אַז אַלע זענען קעגן אים. דאָס האָט אין אים דער־וועקט דאָס געפיל פון דעם שטענדיק באַוואוסטן און אַ כעס האָט אין אים אָנגעהויבן שטייגן. די ליפּן זענען אים ווייס געוואָרן. פון אַלע זידל־ווערטער מיט וועלכע ער האָט געוואָלט באַפאַלן זיין קעגנער, איז געוואָרן איין קנויל און איז אים געבליבן שטיין אין האַלדז. דאָס האָט שמעון אויסגענוצט און זיגעריש אַ זאָג געטאָן:

— דו ביסט אויף גוטער אַרבעט אַזאַ מבין, ווי אַ קאַץ אויף הייוון! — און ער האָט אָנגעהויבן אַוועקצוגיין. מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַ שטויס פון אַ עלנבויגן. ער האָט זיך אומגעקוקט און זיך דערשראָקן פאַר ראובנס ווילדן אויסזען. ער האָט זיך גענומען אַפּרוקן. נאָר זעט אויס, אַז זיין מורא האָט נאָך מער צעקאָכט דעם צאָרן אין ראובנען, וואָס האָט איצט אויסגעשיפּעט צווישן די ציין: „וועסט נישט אַנטלויפן פון מיינע הענט!"

און איידער שמעון האָט באַוויזן עפּעס צו ענטפערן, האָט ער שוין גע־כאַפּט קלעפּ. עס האָט זיך אים געוואָלט זאָגן: „דו נאַרישע בהמה! ביסט אַראָפּ פון זינען, צי וואָס? מען האָט זיך דאָך בלויז געקיבעצט" . . . נאָר די פּעטש וואָס ער האָט געכאַפּט האָבן אים איבערצייגט, אַז ער דאַרף שלאָגן צוריק און שטאַרק, אַז יענער זאָל אים האָבן צו געדענקען . . . נאָר „יענער" איז געווען קרעפטיקער און צאָרנדיקער. און באַלד האָט זיך אים אָנגעהייבן מישן אין קאָפּ, אַז אָט־אָ וועט ער אַוועקפאַלן . . . עס איז אוודאי דער הוי־כער בלוט־דרוק זיינער . . . נאָר זאָל זיין וואָס עס וויל, ער מוז אים אָבער אָנלערנען . . . ער ווייסט, אַז זיינע הענט הייבן זיך און לאָזן זיך אַראָפּ, נאָר עפּעס קאָנען זיי נישט טרעפן אַהין וואו ער וויל . . . אָט־אָ איצט דערלאַנגט ער אים גלייך אין נאָז אַריין! נאָר די פיס טאַמלען. ערגעץ אין מוח בליצן־אויף פונקען פון זעלבסט־פאַרהיטונג. ער טאָר נישט פאַלן, נישט צו דער וואַנט, נישט אויף דעם האַרטן טראָטואַר. עס קאָן זיין אַ טויטפאַל . . . אַזוי פיל מענטשן אַרום און קיינער קומט נישט ראַטעווען, קיינער שטעלט זיך נישט איין פאַר אים . . . נייז, ער וועט נישט אַנטלויפן פון דאַנען. נישט אָפּטרע־טן . . . אין קעשענע איז פאַראַן אַ מעסערל, וואָס העלפט אים אין זיין שניי־דעריי, אויף צעעפענען אַ שלעכט־צוגענייטע נאָט . . . מיט איין האַנט פאַר־

מענטשן אין מיין לעבן

שטעלט ער זיך דאָס פּנים, די אַנדערע ציטערט ביי דער קעשענע: אַרויסנעמען דאָס, צי נישט? עפּעס אַ באַקאַנטע מחשבה... יאָ, אַזוי טראַכט ער אָפּטמאָל וועגן דעם נייעם פאָרמאַז, וואָס דערגייט אים די יאָרן... וואָס איז אַזאַ גרויסער טומל? ווער שרייט אַזוי „בלוט!", „געשטאָכן!?" וואָס איז אים אַזוי פינצטער געוואָרן אין די אויגן?...

שפּעטער, ווען מען האָט ראובנען געפרעגט אין שפּיטאָל די סיבה פון דעם געשלעג, האָט ער זיך נישט געקאָנט דערמאָנען... ווען די פּאָליציי האָט אויסגעפרעגט שמעונען וועגן דער סיבה פון געשלעג, האָט ער נאָך אַ לאַנגן נאָכטראַכטן געענטפערט, אַז ער געדענקט נישט אַקוראַט. ער ווייסט נאָר, אַז מען האָט זיך געקיבעצט...

אין אָוונט איז שוין ראובן געווען ביי זיך אין דער היים אין ברוקלין, און שמעון ביי זיך אין דער היים אין די בראָנקס —ביידע אַרומגערינגלט פון זייערע פאַמיליעס. אַלע — מיט רחמנות־געפילן, וואָס מענטשן אין די יאָרן און מיט אַלסערס אין די מאָגנס, מיט אַ הויכן בלוט־דרוק, מוזן זיך נעבעך נאָך אַלץ שלאָגן... — איז דאָס געווען קעגן סקעבס? צי צוליב אַ דזשאָב? אָדער צוליב פּרנסה? — האָבן די משפּחות געוואָלט וויסן.

— צוליב אַ — — שעיפּ... — האָט געענטפערט ראובן.

— צוליב אַ — — שעיפּ... — האָט געענטפערט שמעון.

— צוליב אַ שעיפּ?! — האָט זיך געחידושט ראובנס משפּחה און פאַר־שעמטע זיך איבערגעקוקט.

— צוליב אַ וואָס? אַ שעיפּ?! — האָט זיך געוואונדערט שמעונס משפּחה און פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט די קעפּ...

און אַז זייערע שכנים, באַקאַנטע, פריינט, און די מענטשן פון זייער פּאַד אין מאַרקעט זענען געוואָר געוואָרן די סיבה פון זייער געשלעג, האָבן זיי גע־הויבן די אַקסל און זיך געוואונדערט: „אַז איינפאַל פון מענטשן! גראָד איצט, ווען דער גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט הענגט אויף אַ האָר, ווען די גאַנצע וועלט שטייט אין קאַז, שלאָגט מען זיך צוליב אַ שעיפּ"... —

— און די מענטשן אַרום האָבן געשוויגן?

— ניין, געלאַכט...

פרימאָרגן אין סאָבוועי

מיטן באַגינען אויף טאָג הייבן מענטשן אָן צו ציען צום צענטער פון מיט־מאַנהעטן אינדזל. זיי קומען אָן פון פאַרשטעט און שטעטלעך אַרום ניו־יאָרק; זיי קומען דורך טונעלן און איבער בריקן, זיי קומען מיט שיפן איבער די טייכן האָדסאָן און איסט־ריווער; זיי קומען מיט באַנען, מיט אויטאָס און סאָבוועיס צו די סטאַנציעס. פון דאָרטן שפּאַרן זיך אַרויס געדיכטע מענטשן־כוואַליעס פון פאַרשידענע פעלקער, — יונגע, עלטערע, מענער און פרויען; מונטערע און מידע, שטאַרקע און שוואַכע, — אַלע טראָגן מיט זיך די אָנגעזאַמלטע כוחות פון אַ נאַכט רו צוריק אין די אָפּיסעס אַריין, געשעפטן און פאַבריקן.

מיט איינער אַזאַ מענטשן־כוואַליע, וואָס האָט געשטייגט אויף אַרויף פון אַן אונטערערדישער סאָבוועי־סטאַנציע, איז געווען מיסטער אַטלאַס, אַ ייד פון אַ יאָר עטלעכע און זעכציק, עטוואָס העכער פון מיטלוואוקס. זיין שוואַרץ־גרויער קאָפּ מיטן ברייטן, גוטמוטיקן פּנים איז געשטרעקט אַביסל פאָרויס, ווי ער וואָלט נאָכגעפאָלגט די שטענדיק נייגעריקע בליקן אין די שוואַרץ־מילדע אויגן, וועלכע האָבן גרויס הנאה פון דעם וואָס ער האָט ליב צו טראַכטן וועגן אַלץ וואָס זיי זעען. און אַלע טאָג, ווי נאָר ער עפנט די אויגן, דאַכט זיך אים, אַז אַלץ וואָס זיי זעען איז איבער נאַכט באַנייט געוואָרן מיט פרישע קאָלירן און נייעם באַדייט . . .

די טראַכטענישן האָבן אַריינגעוועבט אין די דינע קנייטשן אַרום זיינע אויגן און אַרום די מויל־ווינקלען אַזאַ שפּילעוודיקן שמייכל פון אַ גליקלעכן סוד, וואָס אָט־אָ וועט ער אָפּשטעלן אַ מענטשן אין גאַס און אַנטפּלעקן פאַר אים דעם סך־הכל פון זיין נאָכדענקען: אויב די וועלט האָט אויסגעהאַלטן פון אַלע מינים אָנשיקענישן ביז היינט, וועט זי שוין לעבן. ס'איז אַ פּשוטער חשבון: מענטשן וועלן נישט נעמען נישט־מיר, נישט־דיר און אַוועקלאָזן אַ וועלט מיטן ווינט . . . נישטאָ וואָס צו זאָרגן! . . .

זיינע פריינט רופן אים דערפאַר „דער בעל־בטחון".

סתם באַקאַנטע זאָגן אויף אים: „אַ האַלבער נביא . . . "

זיין פרוי עטל האַלט, אַז „ער איז אַ גוטהאַרציקער פילאָזאָף".

דער איינציקער זון זיינער, וואָס איז געווען אין מלחמה־פייערן, טענהט:

מענטשן אין מיין לעבן

„פאפא איז צופיל אפטימיסט. ער קען נישט דעם מענטשן. ער איז נישט פראקטיש! . . . ”

און כאטש ער איז היינט געקומען דאון־טאון נאך עטלעכע חדשים קראנק זייז, האט אבער די קרענק נישט אפגעשוואכט זיין איינגעבוירענעם באגער נאכצוטראכטן וועגן זאכן, מענטשן און פאסירונגען. טראכטענישן — זענען זיין שטארק־געהיטענער אוצר, וואס לייכט־אויף פאר אים, ווען שאטנס שפרייטן זיך צווישן מענטש און מענטש. און ווען ער האט דערהאלטן די מעלדונג פון דער פירמע, אז מ'וועט אינגיכן אנהייבן ארבעטן אויפן נייעם סעזאן, האט ער דאס באטראכט ווי אן איינלאדונג צוריקצוקומען צום אקטיוון לעבן... ער וועט ווידער אונטערהאלטן א געזאנג ביי דער ארבעט, ווידער וועט זיין וואכער יושר־געפיל שטעלן זיך קעגן עוולות, און אויפסניי וועט מען זיך גוטברודעריש אריינזאגן איינער דעם אנדערן, נאר מיטיק־צייט — ווי גלייך גארנישט האט פאסירט, — וועט מען גיין עסן צוזאמען . . .

זינט אטלאס איז, צוליב זיין קראנקן פוס, געבליבן זיצן אין הויז און געזען דורכן פענצטער ווי מענטשן אין גאס גייען פרי וואוהין עס פאלט זיי נאר איין, ווי דער גאנג וואלט זיך גארנישט געווענדט אין די פיס, די פיס קומען זיי אפילו נישט אויפן זינען, — דאן האט ער געטראכט, אז אויב דער פוס וועט אים צוריק אנהייבן צו דינען, וועט ער מיט פרייד גיין איבער די גאסן, וואו יארן פון זיין לעבן זענען דארטן פארוועבט צווישן די שאפ־ווענט פון די הויכע מויערן. זיצנדיק אין הויז האט זיך פאר אים גענומען אויסמאלן די רוישיקע געגנט אין אלע שיינע יום־טובדיקע קאלירן, וואס ער האט קיינמאל פריער דארטן נישט געזען . . . זיין בענקשאפט איז געוואקסן מיט יעדן טאג, ווי צוריק צו אן אלטער היים, וואוהין ער וועט געבן א קום אראפ אלס גאסט און מיט א ברייטן שלום־עליכם באגעגענען דעם, יענעם, פריינט, באקאנטע און זיי וועלן אים באגריסן מיט א „גוט וואס ביסט צוריק געקומען צו אונדז! גוט...”

מיט אט אזא יום־טובדיקער שטימונג איז ער אוועק צוריק צו דער ארבעט, נאר אויף דער לעצטער סטאנציע פון סאבוועי, בשעת ער איז געגאנגען מיט די טרעפ אויף ארויף צום דרויסן, זענען שוין זיינע גוטע שטימונגען היפשלעך געווען פארבלאסט און זיינע געדאנקען זענען געווען פארנומען מיט נאכטראכטן וועגן די פאסירונגען פון זיין סאבוועי־רייזע. ער האט זיך איצט נאך אלץ געזען זיצן אין וואגאן אויף א לאנגער שטרוי־געבעטער באנק, איינגעפרעסט צווישן נאך פאסאזשירן. צו זיין רעכטער האנט — א וויים־מעטאלענער שטאנג, וואס ציט זיך פון דיל ביזן סופיט אנגעלענט אן שטאנג איז א מיטליאריקע פרוי. איז איין האנט האלט זי א שנירל הייליקע פאטשערקעס, מיט דער אנדערער האנט פארשטעלט זי זיי, ווי זי וואלט זיך געשעמט פאר די

ארומיקע מענטשן. זי ציילט די פּאַטשערקעס און באַוועגט שטיל מיט די ליפּן.

— וועגן וואָס אַשטייגער בעט זי? — האָט אַטלאַס זיך געחידושט, — בעט זי אויף פּרנסה? געזונט? צי אויף פּאַרגעבונג אויף עפּעס אַ זינד? און אפשר ליידט זי גאָר פון אַ שטענדיקן שולד־געפיל פאַר גאָט?

דערווייל איז דער צוג אָנגעקומען אויף אַ נייער סטאַנציע. די טירן האָבן זיך געעפנט, און מענטשן האָבן זיך געגעבן אַ שפּאַר־אַריין מיט אַזאַ האַסט, ווי גזלנים וואָלטן זיי נאָכגעיאָגט, און אַטלאַס האָט דערפילט דאָס אומרואיקע שטיין פון עמעצן קעגן אים אויפן „הענגער". ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַ היץ האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין פון פאַרדראָס: ער האָט דערזען אַ פרוי פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, וועמען ער קען פון זיינע סאַבוויי־רייזעס און ווייסט, אַז זי האָט אַ טבע צו חלשן פאַר אַ פּלאַץ צו זיצן.

זי איז געווען גוט איינגעקריצט אין זיין זכרון צוליב אירע קינסטלעך־צעשויבערטע האָר, איר היטעלע פון אַ פאַרעלטערטן פאַסאָן, וואָס האָט איר געגעבן דעם אויסזען פון אַן אָפּגעקומענער גבירנטע און מיט איר גרויסהאַל־טערישער מינע אויף בייז־פאַרשלאָסענע ליפּן, וואָס לאָזן וויסן, אַז — דאָ שטייט אייך נישט אַבי־ווער, איינע פון דער סאַבוועי־מאַסע, וואָס לאָזט זיך שטויסן פון איין אָרט צום צווייטן. דרך־ארץ! מיר קומט אַ „סיט" . . . מיט שנעל־פאַרשנדיקן בליק זוכט זי דעם איינדרוק אויף די שכנים פון איר גאווה־דיקער האַלטונג.

נאָר איידער עס קומט צו עפּעס אַן איבעררייד, ציילט זי דערווייל די פּאַסאַזשירן פון דער באַנק ביי וועלכער זי שטייט. זי רעכנט: אַ באַנק פון זיבעטער עווענין סאַבוועי האָט עלף זיץ־פּלעצער, איז עלף קעפּ. פעלט אַ קאָפּ — איז נישט איר שולד, וואָס מענטשן זענען צו פעט און פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַ קאָפּ, זייט מוחל, — רוקט זיך צונויף . . . זי זאָגט דאָס אָן ווער־טער, נאָר מיט אירע בליקן און מיט אירע קלאָמפּערשטע אונטערדריקטע אויס־רופן פון אומצופרידנקייט, „אַ!" און „אַ־וו!", וואָס זי קאָן נישט איינהאַלטן. נאָר די זיצנדיקע, ווי געניטע סאַבוועיניקעס, ווייסן ווי נישט צו דערהערן און נישט צו דערזען דאָס וואָס לוינט זיך זיי נישט. פאַרטיפן זיי זיך נאָך מער אין אַ צייטונג, אַ בוך, אָדער מען פאַלט גאָר אַריין אין אַ טיפן שלאָף און — נישטאָ קיין יחסנים אין די אייל־־שטונדן אין אַ ניו־יאָרקער סאַבוועי! דאָ זענען אַלע גלייך . . .

נאָר די יחסנטע הייבט אָן אַלץ אָפטער צו לאָזן זיך הערן: „אַ, ווי שלעכט ס'איז דאָ צו שטיין!" — זי טוט דאָס אַזוי, אַז אַנדערע זאָלן זיך דערפילן שולדיק אין איר לאַגע. די אַרומיקע, וועלכע קאָנען זי נאָך נישט, קוקן זיך איי־בער מיט אַ שמייכל, וואָס באַדייט: „זעט אויס נישט קיין היגע! . . ." זי,

אבער, לאזט נישט נאך, און זי הייבט אן: „אזוי פיל מענטשן ארום, דאך קאן מען אויסגיין, עלנט, ווי אין א מדבר...״ זי וועט אויך נעמען אטעמען שווער און ווישן זיך דעם שווייס פון פנים; זי וועט אלע ווײַלע פארווארפן דעם קאפ אויף א זייט, דערמאלט וועלן זיך דערהערן איבערגעשראקענע שטימען:

— זי חלשט!

— עפנט די פענצטער! מער לופט!

— א „סיט״! גיט איר א „סיט״! זיכער!...

אטלאס ווייסט, אז אויך היינט קאן אזוי פאסירן, און דאס האט אים פארדראסן, ווייל צו פארן שטייענדיק האט ער נישט בארארפט אויפהייבן זיך גאנץ פרי, נעמען די לאקאל־באן אויף צוריק, צו דער ערשטער סטאנציע פון עקספרעס־צוג, וואו ס׳איז מעגלעך צו קריגן א פלאץ צום זיצן. ער האט ליב די פרימארגן־רייזע דורך די ערשטע עטלעכע סטאנציעס: אין וואגאן איז גראם, די מענטשן זענען רואיק, געמיטלעך; טייל זענען פארטיפט אין לייענען א צייטונג און אנדערע זענען פארטיפט אין טראכטן.

אטלאס האט אלע ווײַלע געכאפט א בליק אויף דער יחסנטע. ער האט זי, ווי זיין טבע, „שטודירט״, געוואלט דערגיין פארוואס עס גייט איר אזוי אין לעבן צו חלשן פאר א פלאץ צום זיצן, אז זעען זעט זי אויס געזונט. זי מעג שטיין, — האט ער באשלאסן. שוואכערע פון איר שטייען. איי זי שפילט די ראלע פון א „לעידי״, איז זאל זי וויסן, אז אין א ניו־יארקער פרימארגן אייל־שטונדן — איז ווער עס קומט פריער, דער פארכאפט דעם ליידיקן פלאץ.

דערווייל איז דער צוג אנגעקומען אויף א נייער סטאנציע. די טירן האבן זיך ברייט געעפנט, און ווי איינגעלאדן די ווארטנדיקע מענטשן פון דער פלאטפארם: קומט אריין! מאכט זיך היימיש! כאטש ס׳איז שוין דא קאפ אויף קאפ, פיס אויף פיס, נאר צו סאבוועי־ענגשאפט איז דען פאראן א שיער?

— קומט אריין!... און ווי כוואליעס פון אן אויפגעריסענער דאמבע, האבן די מענטשן געגעבן א פלייץ און פארטראגן די פריערדיקע פאסאזשירן פון זייערע ערטער, פון זייער אנהאלט. עס האבן זיך געביטן הענט אויף די „הענגערס״, עס האבן זיך געביטן הענט אויף די שטאנגען, הענט האבן געזוכט אן עפעס זיך אנצוכאפן, נישט פארטראגן צו ווערן פון די שטראמען, צו קריגן אייגענעם גלייכגעוויכט, און עס האבן זיך דערהערט קורצע קרעכצן, זיפצן און שפאסן:

— קומט אריין, העלפט אונדז צעשפארן די ווענט!

— העי, מ׳האט מיר אפגעריסן א קנעפל פון ראק!

— גיי לאך „סיטי האל״!

— זאל ער דאס ארונטערעבענען פון די טעקסעס...

שלמה וואַסערמאַן

— מיר זאָלן כאָטש אָנקומען אין צייט אין סקול . . .

דאָס האָבן אַזוי יונגע מענטשן און סטודענטן, פאַרנדיק אין סקול, זיך דורכגערעדט. די רייד האָבן אויף אַ ווײַלע פאַרטריבן דעם עול און ערנסט פון די עלטערע מענטשנס געזיכטער. די רייד פון דער סאָבוועי־מאַסע האָבן זיך אויסגעמישט מיטן קלאַפּן און סקריפּען און קריצן פון די רעדער. און אַלץ אינאיינעם האָט געהודזשעט און גערוישט, ווי אַ מעכטיקער וואַסערפאַל. נאָר ווען די באַן האָט אינמיטן וועג געגעבן זיך אַ שטעל־אָפּ און געבליבן שטיל, האָבן די מענטשן איינגעהאַלטן דעם אָטעם און אין די אויערן האָט געקלאַפּט אַ טויבע פּוסטקייט. אין די אויגן איז אָבער געבליבן דער אימפּעט, מיט וועלכן מ׳האָט זיך אינדערפרי אַרויסגעלאָזט פון די היימען, צו קומען אין צייט צו דער אַרבעט.

ווען די באַן האָט, דורך אונטערערדישע, עלעקטרישע פאַרבינדונגען, צוריק באַקומען לעבן, איז דאָס לעבן געווען שלאַבעריק און געשלעפּט זיך אָן כוח, ווי נאָך אַ שווערער קראַנקייט; אָט אָפּגעשטעלט זיך צו כאַפּן דעם אָטעם, געשיוּבט זיך — גיין, צי נישט גיין? — און ווידער אַוועקגעקראָכן, ווי אַ טשערעפּאַכע. דאָס האָט אָפּגעטעמפּט דעם איילן בליק אין די מענטשנס אויגן און געשפּרייט מידקייט און רעזיגנאַציע אויף די פּנימער, וואָס האָט געלאָזט וויסן: מיר קאָנען זיך דען העלפן? וואָס ס׳וועט זיין מיט אַלע, וועט זיין מיט מיר! . . . אין צייט וועט מען שוין נישט אָנקומען . . . זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין . . . און מ׳געגעצט אַריין אין דער שטילער ענגשאַפט . . .

אַטלאַס האָט דערפילט, ווי די געדיכטע לופט דאַמפּט פון זיך אַרויס אַלערליי ריחות: פון אָדעקאָלאָן און פיש־גערוך, פון לעדערנע רעקלעך; פון פּאָמאָדע, פון טאַלקום־פּאַודער און פון וואורשט; פון פּאַרפיום, וואָס שפּרייט דעם דופט פון בלומען . . . און אַלע צוזאַמען גיבן אַרויס ביי־גערוכן, וועלכע טשאַדיען און שלעפערן איין. מיסטער אַטלאַס ראַנגלט זיך מיטן טשאַד, עס איז אים אָנגענעם צו האַלטן די אויגן אָפן און קוקן אויף די צוויי יונגע מענטשן, וואָס אַ מענטשן־שטראָם האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט: ער — באַלאָדן מיט קאַלעדזש־ביכער און זי — באַלאָדן מיט קאַלעדזש־ביכער. זיי כאַפּן זייערטיקע בליקן איינע אויף די אַנדערע. און באַגעגענען זיך די בליקן — פאַררויטלען זיך זייערע פּנימער.

מיט אַ צופרידענעם שמייכל לאָזט ער זיי אָפּ פון אויג און פאַרקוקט זיך אויף די רעקלאַמעס פון די וואַגאָן־ווענט. פון די ווענט רעדן אַראָפּ צו די מענטשן די גרעסטע מציאות. זיי דערציילן דאָס אין ראַשיקע קאָלירן, אין אַלערליי פּאָזעס און אין שענסטע ווערטער — מ׳דאַרף נאָר וועלן נעמען! . . . און עס מישט זיך אין אַטלאַסעס געדאַנק דער מענטשן־שטראָם, דער שרכן,

מענטשן אין מיין לעבן

וואָס האָט פּאָרטראָגן צוויי פרעמדע מענטשן אין דער גרויסער ענגשאַפט אַזוי נאָענט, אַז זייערע הענט, וואָס האַלטן די ביכער, רירן זיך אָן . . . פון די רעד־קלאַמעס טאַנצן אַראָפּ געשמאַקע מאכלים, מען סערווירט זיי אויף טאַצן . . .

די באַן האָט פון ערגעץ צוגעקראָגן אַ פרישן כוח און אַ שטאַרקן צי געטאָן פאָרויס. דער עולם האָט געגעבן אַ פאַל אויף צוריק און געבליבן שטיין אויסגעקרומט, ווי זאַנגען אין פעלד נאָך אַ שטורעם. באַלד האָבן זיך דערהערט טענות:

— ליג נישט אויף מיר! שטיי אויף אייגענע פיס!

— נעם אוועק דיין עלנבויגן פון מיין האַרץ, כ׳קאָן נישט אָטעמען!

— מיסטער, נעם אוועק די צייטונג, דו נעמסט מיר אַרויס די אויגן! דו קריכסט מיר אין די אויגן!

— געפעלט דיר נישט? פאָר אין אַ טאַקסי!

— אין טאַקסי קאָן פאָרן אַזעלכער ווי דו. נאָר אין סאַבוועי פאָדערט זיך מער מענטשלעכקייט!

קעפּ און אויגן נייגעריקע האָבן זיך אַ ווענד־געטאָן צו די צוויי מענטשן אין קריג, וועלכע זענען געשטאַנען איינגעפרעסט צווישן עולם. צווישן זיי, — האָט אַטלאַס געשפּירט, — איז אַ וואַנט פון האַס, מיט פאַרביסנקייט אין די ליפּן, וועלכע צאַמען קוים דעם צאָרן, וואָס האָט פאַרביילט זייערע הענט אין פויסטן צום שלאָגן. אַטלאַסן האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס די פּנימער פון צוויי שיינע, יונגע מענטשן האָבן זיך אַזוי שנעל איבערגעביטן און אָנגענומען דאָס אויסזען פון ווילדע באַשעפענישן.

— אַ, ס׳איז היים! היים צום חלשן! — האָט פּלוצים דער יחסנטעס קול זיך אַריינגעריסן אין דער געשפּאַנטער שטילקייט.

ביידע סאַבוועי־שונאים האָבן זיך שנעל אומגעקוקט צו איר, גרייט צו העלפן איר. איינער האָט אויסגערופן: „עפנט מער די פענצטער!" און אַטלאַס האָט דערפילט, אַז מער קאָן ער נישט זיצן. „זאָל מיינס אַריבערגיין!", האָט ער אַ טראַכט געטאָן און געגעבן זיך אַ הייב־אויף. צום אָפּגעליידיקטן פּלאַץ האָט זיך געגעבן אַ יאָג די לעידי מיט דער חלשות־טבע און די פרוי מיט די הייליקע פּאַטשערקעס. ביידע האָבן זיך פאַרשטעלט דעם וועג איינע דער אַנ־דערער און פאַרכאַפּט דעם פּלאַץ האָט — אַן עלטערער מאַן מיט אַן אויפגע־שניטענעם שוך, פונוואַנען ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ באַנדאַזשירטער פוס.

גראָד איז די פרוי מיט די הייליקע פּאַטשערקעס געבליבן שטיין, ווי פריער און מיט אַ מינע, וואָס האָט באַדייט: נישט, איז — נישט, אַ מענטש דאַרף אָבער פּרובירן דאָס מזל! . . . און די לעידי, די יחסנטע, איז באַלד גע־קומען צו זיך, נישט געמאַכט דעם חלשות־אָנשטעל. דער מאַן מיטן אויפגע־

שניטענעם שוך, פונוואנען ס׳האט ארויסגעקוקט ווייסע מארליע, האט מיט ביידע הענט אונטערגעהאלטן דעם פוס. זיין פנים האט אלע ווײלע געגעבן א ווייטיקלעכן צוק, ווי עס וואלט אים דארטן געצויגן א געשוויר. און ווען אטלאס האט זיך אנגעהויבן מאכן א וועג צווישן עולם ארויסצוגיין אויף דער קומענדיקער סטאנציע, האט אים דער עלטערער מאן באגלייט מיט ברכות:

— גאט זאל דיך בענטשן! האסט מיך דערהאלטן ביים לעבן! א דאנק!

ווען אטלאס איז ארויף מיטן לעצטן טרעפל, האט זיך אים נאך אלץ אויסגעוויזן, אז ער זעט אינעם סאבוועי פון די ניו־יארקער טיפענישן די מענטשן־קנוילן, וואס ראנגלען זיך פאר אן ארט צום שטיין, פאר אן ארט צום זיצן, פאר אן אנהאלט, פאר אביסל לופט צו אטעמען. און דארטן — וואו איין מענטש איז איבעריק דעם אנדערן, פון דארטן, דאכט זיך אים, הערט ער די רייד פון זיין איינציקן זון, וואס האט דורכגעמאכט מלחמה־פייערן: „פאפא איז נישט פראקטיש! פאפא קען נישט דעם מענטשן, פאפא איז צופיל אפטימיסט!...״

אט־די רייד זענען אים נאכגעגאנגען, ווען ער האט שוין געשפרייזט אין דער געגנט, נאך וועלכער ער האט געבענקט אין די עטלעכע מאנאטן, וואס ער האט געקרענקט אין הויז. דער פרימארגן־הימל איבער מיט־מאנהעטן־אינדזל איז געווען בלוי און מילד. די זון, וואס איז נאך געווען אויף יענער זייט איסט־ריווער, צווישן בערג אוןביימער, האט מיט אירע שטראלן שוין באלויכטן דעם שפיץ־טורעם פון דער קראיזלער־געביידע און געבלענדט אין מיליאנען שויבן. די פאן אויף דער „טאימס״־געביידע האט געווייעט אין לייכטן ווינטל און ווי באגריסט די טויזנטער מענטשן, וועלכע זענען געקומען אהער צו זייער טעגלעכער ארבעט. אויף אטלאסעס פנים האט זיך צעשפילט דער גליקלעכער שמייכל פון א גרויסן סך־הכל, וואס האט זיך אים אנטפלעקט, ווי אן ענטפער אויף זיין זונס רייד... — אין די טיפענישן פון די ניו־יארקער סאבוועיס האלט דאך אויף דער מענטש די מענטשלעכקייט... פארשטייסט: ס׳איז בלויז שולדיק די גרויסע ענגשאפט....

דערציייל מיר אַ מעשה...

פון קינדערשן שלאָפצימער האָבן זיך נאָר געהערט אויסרופן:

— איך וויל נישט שלאָפן!

— עס איז מיר קאַלט, — איך מיין, היים!

— דערציייל מיר אַ מעשה!

דאָס קלענסטע, וועמענס שפּראַך בלויז די מאַמע אַליין פאַרשטייט, האָט זיך אויך געלאָזט הערן אויף בעיבי־לשון, אונטערטאַנצנדיק אין בעטל.

די „בעיבי־סיטערס”, זיידע־באָבע, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען היינט אַכטונג־צו־געבן אויף די אייניקלעך, זענען געווען אין צווייטן צימער, מיט אַ געדולד — צום פּלאַצן, נאָר זיי האָבן געשוויגן, לויט דער באָבעס באַשלום: „מער לאָזן מיר זיך נישט פירן פון זיי ביי דער נאָז!”

דער זיידע איז געזעסן אַ אַנגעדרודלטער, ווייל לויט זיין מיינונג דאַרף מען נישט באַפעלן די קינדער צו שלאָפן, נאָר מען דאַרף זיי איינשלעפערן מיט אַ מעשהלע. דערפאַר האָט די באָבע געהאַלטן אַן אויג אויף אים, ער זאָל זיך ווידער נישט אַריינכאַפּן צו זיי און ווייטער וועבן דאָס איבערגעריסענע מעשהלע . . .

ער האָט געשוויגן ברוגזלעך, נישט אַזוי פון דער באָבעס טענות, ווי צוליב דעם וואָס ער קאָן איצט נישט באַווייזן, אַז זי איז אומגערעכט . . . מיט אַ ווייל פריער איז ער געווען מיט די אייניקלעך און דערציילט זיי אַ מעשהלע; געוועבט דאָס אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דאָס געוועב איז געוואָרן דינער און שוואַכער, דער מות — מיד, דער גומען — טרוקן. די אויגן קלעפּן זיך און די קינדער — שאַ, שטיל . . . אַ זיסער דרעמל שפּרייט זיך אין אַלע זיינע אברים . . . זאָל די באָבע זען, אַז זיין מעטאָד איינצושלעפערן קינדער איז אַ בעסערער . . . פון ערגעץ ווייט דערטראָגן זיך צו אים אַזעלכע צאַרטע שטימעלעך און זיי בעטן . . .

— „קאָם אַן, גרענדפּאַ!” — זיידע, גיי־אָן מיט דער מעשה! שלאָף נישט איין! . . .

אַז די באָבע האָט דאָס דערהערט אין צווייטן צימער, איז זי אַריינגעקומען און איבערגענומען דאָס רעדל: „נו, שיינער מעשה־דערציילער, וועמען האָסטו איינגעשלעפערט, די קינדער, צי זיך אַליין? די שמד וואָלט ער זיי

נאכגעגעבן! . . . קינדערלעך, „נא מאר" מעשיות! צייט צו שלאפן! . . . און דו, בעיבי, גענוג דיר ארומגעטאנצט! וועסט צעברעכן דאס בעטל.

שפעטער האט די באבע ארויסגעבעטן דעם זיידן אויף א גאנץ שטרענגן אופן פונעם קינדערשן שלאפצימער און אים פארזאגט: „זאלן זיי רעדן און רופן ביז זיי וועלן מיד ווערן און איינשלאפן. האב נישט קיין ווייך הארץ צו זיי און מאך זיך נישט־ווייסנדיק. איך בין די „בעיבי־סיטעריז", און דו ביסט בלויז מיין באגלייטער".

זענען זיי ביידע געבליבן זיצן אין צווייטן צימער מיט אומרואיקע גע־מיטער און געשוויגן. פון יענער זייט פארמאכטער טיר פון קינדערשן שלאפ־צימער האבן זיך נאך געהערט די קינדערשע, שלעפערדיקע שטימעלעך. דורך די אפענע פענצטער האט זיך דערטראגן צו זיי דאס גערויש פון זומערדיקן דרויסן: א קלינגעריי פון אייזקרים־וועגענער, וועלכע לאזן וויסן, אז זיי קו־מען־אן מיט פרישע, קאלטע, זיסע נאשערייען פאר גרויס און קליין; קולות פון באל־שפילער אינמיטן גאס; דאס טרובען פון אויטאמאביל־הארנס, וואס איז אן אנזאג פון א בחור צו א מיידל ערגעץ אויף א הויכן גארן פון דער עט־לעכע־און־צוואנציק־שטאקיקער געביידע, אז ער איז דא, ער ווארט אויף איר..

עס האט זיך דערהערט די שבת־נאכטיקע זומער־פרייד פון דער אונטער־וואקסנדיקער יוגנט, וואס גייט נאך נישט אוועק ווייט פון הויז, נאר האלטן זיך אין גרופעס אויף די טראטוארן, ארום אן אויטאמאביל פארן הויז, לעבן א ניי־פארפלאנצט ביימל, לעבן א בריוו־קעסטל, — זיי שטיפן מיט אומגעצאמ־טער פרייד פון נייע, נאך נישט קלארע געפילן, וועלכע גייען־אויף אין א מילדן זומערדיקן אוונט.

דער זיידע האט א ווייז געטאן מיט דער האנט צום דרויסן, ווי א טענה צו דער באבען: „נו, ווי אזוי זאלן קינדער קאנען איינשלאפן אין אזא טומל?"

די באבע האט זיך פארענטפערט: „וואס־זשע האסטו צו מיר? איך הייס זיי דען טומלען? צי קאן איך זיי דאס פארווערן? טשעפעסט זיך צו מיר אומזיסט־און־אומנישט. און אונדזערע אייניקלעך זענען דען די איינציקע אין ניו־יארק, וועלכע דארפן איינשלאפן? האב געדולד, זיי וועלן איינשלאפן...

ער האט איר נישט געענטפערט, ווייל ס'האט זיך אים אויסגעוויזן, אז א קינדעריש בעטל האט א סקריפע געטאן. ער האט זיך אויפגעשטעלט, געוואלט צוגיין, צולייגן דאס אויער צו דער טיר, טאמער וועט זיך דער סקריפ ווידער־האלן, וועט ער אריינגיין זען וואס דארטן טוט זיך. די באבע האט מיט מיד־קייט אין דער שטים געבעטן: „גיי נישט אריין" . . .

ער האט זיך געכאפט, אז אזוי איז דאך טאקע זייער באשלוס: „נישט צו לאזן זיך פירן ביי דער נאז" — איז ער געבליבן שטיין און זיך פארענטפ־

פערט: „וואס דיר קאן אלץ איינפאלן! ווער גייט דען אהין? איך וויל בלויז נעמען די צייטונג פון טיש, צו זען וואס ס'הערט זיך אויף דער וועלט...״

די באבע, א בארואיקטע פון זיין ענטפער, האט אים געבעטן, ער זאל איר דערלאנגען פון קינדער־וועגעלע די וואל מיט די שפיזלעך צום שטריקן. „איך וועל זיך נאר אביסל אפרוען — האט זי געזאגט — וועל איך נעמען פאר־ענדיקן דאס סוועטערל״. נאר זי האט קיין כוח נישט געהאט צו דער ארבעט: די אנגעשטרענגטע וואכזאמקייט צו געבן די קינדער עסן, וואשן זיי און אריינ־קריגן זיי אין די בעטן אריין, האט איבערגעלאזט א בלייענע מידקייט אין אלע אירע אברים. אירע הענט זענען די ערשטע איינגעשלאפן אויף איר שוים. שפעטער האט איר גרויער קאפ גענענט צום אנלען פונעם ווייכן שטול. זי האט נאך א וויילע געהאלטן אפן אירע אויגן, נישט געוואלט זיך אונטערגעבן דער מידקייט, דאך — איינגעשלאפן. די באבע־זארגן אויף איר פנים האבן אנגע־הויבן פארגייען, און א מילדער שמייכל האט זיך באוויזן ארום אירע ליפן.

דער זיידע האט געטראכט: אזוי שמייכלט זי, ווען די אייניקלעך שפילן זיך, זענען פארטאן אין זייער קינדערשן וועלטל, און דאס קלענסטע, ווענען די עלטערע נעמען נאך נישט אריין אין זייערע שפילערייען, שלעפט דערוויי־ל אוועק זייערע שפילעכלעך צו זיך אין ווינקל, ביז די גרעסערע כאפן זיך און עס ווערט א געוואלד:

— עס איז מיינס!

דאן מישט זיך אריין די באבע: „עס איז טאקע דיינס, איז וואס? זי האט דען אויפגעגעסן דעם טעדי־בער?״

— און די באן האט זי אויך נישט איינגעשלונגען.

— גרענדמא, מאכסט מיר צום לאכן. קיינער אין דער גאנצער וועלט קאן נישט איינשלינגען א באן מיט די רעדער, — אפילו נישט דער „סופער־מען״!

— איז וואס־זשע וויינט איר? און וואס שרייט איר אויף דער בעיבי? זי וועט זיך אנשפילן, וועט זי דאס צוריקגעבן.

— איך וויל נישט! עס איז מיינס!

— יא, איך וויל מיינס און שוין!

און די בעיבי ווייסט דאך נישט דעם חילוק פון מיינס און דיינס, זי ווייסט נאר, אז אלעמענס איז — „מיין!״, און זי האלט די הענטלעך אויסגע־שפרייט איבער די אנגעשלעפטע זאכן און שרייט: „מיין!״

די באבע האט זיך פלוצים א כאפ געטאן, געעפנט די אויגן, ארומגע־קוקט זיך און א מורמל געטאן: „אוי, מען דארף יונגע כוחות צו אייך, קינ־דערלעך״... זי האט ברייטער געעפנט די אויגן, ווי זי וואלט זיי דא געזוכט.

דערזען דעם „בעיבי סיטער", האָט זי געפרעגט: „זיי שלאָפן שוין?"

— זיי שלאָפן שוין פון לאַנג, — האָט דער זיידע געענטפערט.

אַ באַרואיקטע איז זי צוריק איינגעשלאָפן. אַ גליקלעכע צופרידנקייט האָט זיך געשפּרייט אויף איר גאַנצן פּנים. אַזאַ צופרידנקייט ווייזט זיך אויף איר פּנים, ווען זי גייט אין גאַס מיט די אייניקלעך, וועלכע זי היט־אָפּ מיט איר גאַנצן וועזן, און זיי ווייסן שוין צו וואַרטן ביים אַריבערגיין אַ וועג, מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך אויף דער באַבען. זי אײַלט צו זיי, און אַז אַ באַ־קאַנטע גיט זיי אַ פרעג אין איר אײַלעניש: „דאָס זענען אײַערע אייניקלעך?", דאַן באַווייזט זיך אויף איר פּנים אָט־דער־אַ גליקלעכער שמייכל, און זי ענטפערט: „יאָ, מײַנע אוצרלעך קיין עין־הרע", און זי אײַלט אַוועק צו זייערע אויסגעשטרעקטע, וואַרטנדיקע הענטלעך.

פון דער באַבעס ענטפער, „מײַנע אוצרלעך", ווערט דעם זיידנס געמיט אָנגעפילט מיט גרויס הנאה. מיט אָט דעם פרײַדיקן געפיל האָט ער גענומען אַרײַנקוקן אין צײַטונג, געזוכט דאָרטן עפּעס גוטס, פריילעכס, וואָס זאָל אונ־טערהאַלטן זײַן געהויבענע שטימונג, אָבער וואָס מער ער האָט געלייענט, אַלץ מער איז זײַן פרייד פאַרשאָטנט געוואָרן, אַז נאָר מען קריגט זיך און מען שלאָגט זיך אויף דער וועלט . . .

ער האָט אַוועקגעלייגט די צײַטונג, זיך אויסגעגלײַכט, ווי ער זאָל וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך די שווערע נײַעסן, און איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער. אינדרויסן איז שוין געווען שטיל; ווינציק מענטשן זענען פאַרבײַגעגאַנגען. אין דער שטילקייט האָבן זיך געהערט טענער פון ראַדיאָ, אָדער פון טעלעוויזיע, וואָס איז געקומען פון אַן אַפּאַרטמענט אין דער גרוי־סער געביידע. עס האָט מסתּם אַ מענטש אין דער שפּעטער שעה געוואָלט פאַר־טומלען אומרואיקע מחשבות פון אַ שלאָפלאָזער נאַכט. די טענער האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם זשומען פון די קיל־אַפּאַראַטן אין די פענצטער פון די וואוינונגען. אָפט האָט זיך פון קאָרידאָר געהערט אַ קלאַפּ פון דער מעכאַנישער „קור־מאַשין", וואָס האָט פאַר אַן איינגעשלונגענעם „קוואָדער" אַרויסגעוואָרפן פון זיך אַ „קאַנטעינער" מילך.

אַקעגן פענצטער, אויף אַ ליידיק שטיק פעלד, האָט געפינקלט אַ לעמפּל פון אַ וואַך־שטיבל, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן פון אָנגעהויפטן ברוכוואַרג, — שטיינער, ערד, זאַמד און אויסגעריסענעביימער. און פון דעם אַלעם האָבן זיך אַרויסגעהויבן ווענט, וועלכע האַלטן זיך אין בויען. אַרום זענען געשטאַנען מאַשינען: ברעך־מאַשינען, גראָב־מאַשינען, צעמענט־מאַשינען און אַזאַ הייב־מאַשין, וואָס קאָן זיך קערעווען אין אַלע זײַטן און אויסציִען זיך אַזוי הויך, ווי עס פאָדערט נאָר די אַרבעט.

מענטשן אין מיין לעבן

איצט איז די הייב־מאשין געשטאנען אויסגעשטרעקט הויך צום אויס־געשטערנטן הימל, ווי אן איינזאמע האנט אין נאכטיקן פעלד און דערציילט דער פארחידושטער לבנה: ווען דו קומסט אן, זענען שוין אוועק די ארבע־טער, וועלכע בויען דא בייטאג א נייע און גרויס הויז. אונטער זייערע הענט וואקסן די ווענט גיך; באלד וועט מען שוין לייגן דעם דאך. פון פיל פענצ־טער וועלן אין די נעכט פינקלען א סך לעמפלעך. דאס וועלן די באוואוינער זיך פרייען מיט דער מענטשלעכער דערגרייכונג . . . נאר איצט וועל איך דיר, לבנה, א סוד פארטרויען: אז דו וועסט זיך אויף דיין וואנדער־וועג אויף א ווייל איינקוקן אויף איינער פון די נייע ווענט, וועסטו זען א שילדל, וואס לייענט זיך: „פאלאוט שעלטער" — די מענטשן אויף דער ערד ווייסן, אז דאס מיינט, מען זאל זיך ריכטן אויף אן אטאמישער מלחמה: ווען די אטא־מישע באמבעס וועלן אנהייבן פאלן, זאל מען לויפן ראטעווען זיך אין קעלער...

די לבנה, א בלאסע, א צארטע, שפרייט א פרידלעכקייט אין איר פאר־טראכטן שוועבן; די יינגעביימער פארן פענצטער כאפן־אויף דאס לייכטע ווינטל און שארכען פארחלומט מיט די גרינע בלעטער. א פרוי פירט א הינטל אויף א ביינאכטיקן שפאציר. א מענטש פארט לאנגזאם מיט זיין אויטאמאביל און זוכט א ליידיק שטיקל פלאץ וואו אפצושטעלן זיך. פון ערגעץ־ווייט דער־טראגט זיך דאס יאמערלעכע געשריי פון אן אמבולאנס, וואס זאגט־אן דער שלאפנדיקער וועלט: א מענטשנס לעבן איז אין סכנה! מיר איילן צו ראטע־ווען א מענטש! . . . און עס דאכט זיך, אז די לבנה וואנדערט אהין צו א ווייטן לאנד, וואו מענטשן קריכן אויף זומפיקן באדן פארטייעט, שטיל, מיט ליכט זוכט א מענטש א — מענטשן, כדי צו הרגענען . . .

דער זיידע האט זיך א קער געטאן פון פענצטער. ס'האט זיך אים אויס־געוויזן, אז ער הערט א קינדס געוויין פון שלאפצימער. ער האט זיך געלאזט אהין אויף די שפיצפינגער, נישט אויפצואוועקן די באבע, נאר זי איז שוין געווען וואך און האט אים פארהאלטן: „ווארט־צו, מסתמא האט א קינד א קרעכץ געטאן פון א חלום".

ווען עס איז צוריק שטיל געווארן, זענען די „בעיבי־סיטערס" געבליבן שטיין אין דער עטוואס־געעפנטער טיר און ביי דער שיין פון צווייטן צימער האבן זיי באטראכט די שלאפנדיקע אייניקלעך. אויף זייערע פנימלעך האט געשוועבט א גליקלעכע רואיקייט. דאס קלענסטע איז געלעגן פאפערעק אין קינדערשן בעטל, דאס קישעלע פון צוקאפנס — אויף איר בייכל, די נאקעטע פיסלעך פארריסן, אנגעשפארט אויפן זייטיקן ווענטל.

מיט שטילע טריט זענען זיידע־באבע אוועק פון דער טיר. די באבע האט געמורמלט: „א געזונט אויף זיי! האסט כאטש געזען ווי שיין זיי שלאפן?

איך מיין, צי ביסט כאָטש אַ מבין?" און דער זיידע האָט צוגעגעבן: „וואָס דען, נישט קיין מבין?... מיר דוכט זיך, אַז ס'איז גאָרנישט פאַראַן קיין בעסערע מוזיק ווי דאָס רעגלמעסיקע אָטעמען פון קינדער"...

שפּעטער איז אַלץ צוריק שטיל געוואָרן. די „בעיבי־סיטערן" האָט אויפּ־סניי אַנגעהויבן דרעמלען, און דער זיידע האָט דערפילט, אַז עס רוקט זיך אויף אים דער שלאָף, נאָר ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט זיך נישט אונטער־געבן... אין אַזאַ שפּעטער שטילקייט איז גוט צו לייענען. ער וועט בלויז אַביסל צוואַוואַרטן, ביז די באָבע וועט גוט איינשלאָפן, וועט ער צוגיין צום ביכער־שראַנק נאָר אַ בוך. ער וועט לייענען עפּעס פריילעכס, עפּעס גוטס, פון וואָס ער זאָל קאָנען וועבן אַ מעשהלע פאַר די אייניקלעך. זיי האַלטן דאָך אין איין מאָנען: „גרענדפּאַ, טעל מי עי סטאָרי"... דער זיידע וועבט אין זיין דרעמלענדיקן געדאַנגל מיטן שלאָף אַ מעשהלע: „אַמאָל איז געווען אַ... נייז, עס איז נישט קיין פריילעכער סוף"... און ער שפּינט אין זיין מוח אַן אַלטן חלום: „איז געווען אַ שפּיז, און מענטשן האָבן געדאַרפט פון דער שפּיז מאַכן אַן אַקעראייזן. אַן אַקעראייזן, וואָס זאָל אַקערן די ערד. מענטשן וועלן זייען זאָמען, וועט וואַקסן אַ סך שפּייז: עס וועט בליען קאָרן און ווייץ, עס וועלן וואַקסן ראָזשינקעס און מאַנדלען... מענטשן וועלן מער נישט זיין הונגעריק... אָבער די שפּיז האָט נישט געוואָלט ווערן קיין אַקעראייזן. האָבן אַלע גוטע מענטשן זיך צוזאַמענגענומען און געזאָגט: „שפּיז, ווער אַן אַקעראייזן! מיר דאַרפן נישט קיין שפּיז!" און די שפּיז האָט געענטפערט:

— וויל איך נישט!... איצט וואַרטן אַלע מענטשן, אַז איר, קינדערלעך, זאָלט אויסוואַקסן געזונטע, גוטע מענטשן. און ווען איר וועט ווערן גרויס, וועט איר העלפן מאַכן פון דער שפּיז אַן אַקעראייזן... זיידע, זיידע, נעם מיך אַרום, איך וויל זיך נישט באַהאַלטן אין „פאַלאַוט שעלטער"!... האַלט זיך, קינדער, צוזאַמען! ווען מיר וועלן מאַכן פון שפּיז אַן אַקעראייזן, וועלן מער נישט זיין קיין שעלטערס, און אַלץ וועט זיין אַזוי שיין — ווי... ווי, יאָ, אַ רעגנבויגן...

„גרענדפּאַ, דערציייל מיר אַ מעשהלע פון אַ רעגנבויגן... אַ ניי מעשהלע!"...

אַ רייזע
אַרום
מיין הויז

דער גאָלד אוצר

דער ערשטער טאָג נאָך אַ יום־טוב זעט אויס ווי אַ מאָנטיק: שווער־געמיטיק און וואָכעדיק. דאָס איז קעגן מיין טבע, באַמי איך זיך אַריינצוזעגבן שבתדיקייט אינעם מאָנטיק, ביז עס נעמט דאָס מאָנטיקדיקע זיך לייטערן און ווערט לייכטער . . .

די געגנט אין וועלכער איך וואוין שוין אַ סך יאָרן, איז מיר אַזוי נאָענט און באַקאַנט, אַז עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מער קאָן זיך דאָ גאָרנישט אַנטפּלעקן פאַר מיר, עפּעס אַזוינס אויף וואָס איך זאָל נאָך קאָנען זיך חידושן. און אַן נייעם חידוש איז דאָך שווערער מאָנטיק . . .

נאָר ווען איך בין צוריקגעקומען פון אַ לאַנגער רייזע איבער ווייטע לענדער, וואו איך האָב זיך געוואונדערט אפילו אויף די שטעכיקע קאַקטוסן אינעם זאַמדיקן מדבר, — איז ערשט דעמאָלט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אין מיין אַלטער געגנט נייע נאַטור־שיינקייטן און די גוט־באַקאַנטע מענטשן, ווי איך וואָלט זיי אַט־ערשט איצט דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט. דערפון איז מיר קלאָר געוואָרן דער באַטייט פון אַלטן פאָלקסווערטל, אַז „נישט נאָר דאָרטן איז גרין דאָס גראָז . . .״

איך האָב, דאַכט זיך, דערזען דאָס ערשטע מאָל גרין גראָז פאַר מיין פענצטער. אין דעם גראָז האָבן זיך געשפּילט קינדער. נישט קיין נייעס. זאָלן זיי זיך שפּילן געזונטערהייט. איין מיידעלע האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע, ווייל זי האָט געגראָבן מיט איר קינדערישן רידל די ערד אין גאָרטן. דאָס האָט מיך אַביסל פאַרדראָסן, ווייל וואָס עפּעס מאַכן אַ תּל פון גלייכער ערד? אַ גאָרטן דאַרף מען אָפּהיטן.

בין איך אַרויס פון מיין הויז מיטן געדאַנק צו האַלטן אַ לעקציע פאַר איר. זאָל זי וויסן, אַז איצט איז פרילינג, אויף די ביימלעך עפענען זיך שוין די קנאָספּן, באַלד וועלן זיי זיך צעבליִען; עס שפּראָצן שוין גרינע גראָזן, זיי דאַרפן די ערדישע זאַפטן, נעמסטו און דו צעגראָבסט גאָר זייער ערד און צעשטערסט די איינגעשטעלטע באַלעבאַטישקייט . . . אויפן וועג, גייענדיק צו איר, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: אַזאַ לעקציע וועט זיין פאַר איר ווי אַ פרעמדע שפּראַך. איך וועל איר זאָגן פּשוט: „מען טאָר נישט!״

מענטשן אין מיין לעבן

נאר איידער איך האב באוויזן עפּעס צו זאגן האט זי פאררויסן איר קאָ־טשערעווע קעפּל צו מיר און איך האב דערזען אַ פּנימל מיט זומער־שפּרענ־קעלעך. דאס נעזל איז געווען פאַרשוויצט פון שווערער אַרבעט. זי האט אַוועק־געשאַרט די האָר פון די אויגן און מיט אַן ערנסט שטימעלע געפרעגט:

— מיסטער, ווי טיף דאַרף איך נאָך גראָבן צו געפינען אַ „טרעזשורע״?

— אַזוי, דו זוכסט גאָר אַן אוצר? — האָב איך זיך געוואונדערט און געטראַכט, אַז דאס מיידעלע פון אַ יאָר זעקס גראָבט נישט סתם אין דער וועלט אַריין, זי זוכט. און מיין פאַרדראָס אויף איר האָט אָנגעהויבן אַפּצו־גיין. מיינע פעסטע פּרינציפּן, אַז „מען טאָר נישט״, האָבן זיך גענומען וואַק־לען פאַר איר שטאַרקן טרוים צו גראָבן טיף צו געפינען אַן אוצר . . .

— מיסטער? ! — האט זי אויסגערופן מיט אַן אומגעדולדיק שטימעלע.

— איך וואַרט אויף אַן ענטפער.

איך האב זיך אַראָפּגעבויגן צו איר און געזאָגט: „ווי טיף דו דאַרפסט צו גראָבן ווייס איך נישט, אָבער ווער נישט מיד, ווייל עס איז אַ זיכערע זאַך, „אַז מען זוכט געפינט מען . . .״

— יעס? ! — האט זי מיט פרייד אויסגערופן און צוריקגענומען זיך צו דער אַרבעט.

איך בין געבליבן שטיין און געפרעגט: „וואָס פאַר אַן אוצר ווילסטו געפינען?״

— אַן אוצר פון גאָלד.

— ווייסטו כאָטש ווי אַזוי גאָלד זעט אויס? — בין איך אַ בעלן געווען צו וויסן. און זי, אַ שטאַרק־פאַרנומענע מיט איר אַרבעט, האט געענטפערט:

— נישט קיין דיפערענץ ווי אַזוי עס זעט אויס, אַבי עס איז גאָלד.

די קינדער פון הויף זענען זיך צונויפגעלאָפן, געשטעלט זיך אַרום איר און געוואַרט ביז זי וועט אויסגראָבן דעם גאָלד־אוצר. איך בין אַוועק, נישט געוואָלט זען זייער אַנטוישונג.

נאָכן זומער, קינדער האָבן אָנגעהויבן צו גיין צוריק אין סקול אַריין, פלעג איך זי באַגעגענען יעדן פרימאָרגן, די גאָלד־גרעבעריןן, מיט סקול־בי־כער אין די הענט. ווען מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן, האט אַ מאָדנע שמייכל זיך באַוויזן אויף איר פּנים, און ווי נאָר מיר זענען זיך פאַרבייגעגאַנגען, האט זי זיך גענומען סודען מיט אירע סקול־חברטעס, זיי האָבן אויסגעדרייט די קעפּלעך, מיר נאָכגעקוקט און געלאַכט.

שפּעטער איז אַוועק אַ לאַנגע צייט און איך האָב זי נישט באַגעגנט. איך בין געוואָר געוואָרן, אַז זי גייט שוין אין היי־סקול, וואָס איז אין אַן אַנדער ריכטונג, וואָס איך גיי אויף מיין וועג צו דער אַרבעט.

אַזוי זענען אַוועק עטלעכע זומערן און עטלעכע ווינטערס און ביז איינמאָל אין אַ פרילינגדיקן זונטיק, איך בין געזעסן אויף אַ באַנק פאַר דעם קינדערישן שפּיל־פּלאַץ אין מיין געגנט. דיביימער פון ביידע זייטן גאַס זענען שוין געווען צעבליט; די צווייגן מיט גרויסע, גרינע בלעטער האָבן זיך געגרייכט פון ביידע זייטן, ווי זיי וואָלטן זיך געגעבן שלום־עליכם, נאָך די ווינטערדיקע קעלטן.

פון אַקעגנאיבער די בענק איז אַרויסגעקומען די „גאָלד־זוכערין”. איך האָב זי דערקענט, כאָטש זי איז שוין געווען אַ דערוואַקסענע, אַ כלה־מיידל. **זי איז געווען אָנגעטאָן אין לייכטע פרילינג־קאָלירטע קליידער.** איך האָב געזען, אַז זי האָט מיך באַמערקט. אויף איר פנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, ווי זי וואָלט געווען צופרידן וואָס זי זעט מיך ווידער. איך האָב געזען, אַז אַלע ווײַלע כאַפּט זי אַ זייטיקן בליק גלייך זי וואָלט געוואָלט וויסן צי איך דערקען זי.

מיר האָט זיך זייער געוואָלט רעדן מיט איר, אָבער זי איז דאָך שוין אַ כלה־מיידל, נישט מער קיין קינד, נאָר מיין נייגער האָט איבערגעוואויגן און אונטערגעזאָגט: וואָס דאַרפסטו זיך אַזוי צערעמאָניען? דו ביסט דאָך שוין אַ זיידע און זי . . . ווי לאַנג דען, ווען זי האָט געזוכט דעם גאָלד־אוצר? גיי צו און פרעג פּראָסט און פּשוט: „נו, מיידל, האָסט שוין געפונען דעם גאָלד־אוצר, אָדער דו זוכסט אים נאָך אַלץ?”

נאָר באַלד איז אָנגעקומען אַן אויטאָ, אַן אַלטע מאַשין, וואָס מען רופט געוויינלעך „אַן אַלטע קאַטערינקע”, פון איר איז אַרויס אַ בחור, אַ קרעפּטיקער, מיט אַ פרייש און ליכטיק פנים און גלאַט־פאַרקעמטע האָר. ער איז געבליבן שטיין לעבן איר אַביסל אומבאַהאָלפן, נאָר געקוקט האָבן זיי איינס אויפן אַנדערן, ווי פאַרליבטע איבער די אויערן — אויף דעם האָב איך געקאָנט שווערן מיט אַ זיידעשער שבועה . . .

שפּעטער האָט זי אים גענומען אונטערן אָרעם, זיך צאַרט צוגעטוליעט צו אים, לאַנגזאָם אים אָנגעבויגן צו זיך און עפּעס אַ סוד איינגערוימט אים אין אויער. נאָך דעם האָט זי פּאַמעלעך אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געכאַפּט אַ זייטיקן בליק צו מיר. ער האָט נאָכגעפאָלגט איר בליק. אויף זיין פנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. איך האָב געזען ווי אויף זייערע יונגע פּנימער האָט זיך אויסגעשפּרייט די פרייד פון פרילינג חלומות . . . פון דעם אַלעם איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז איך דאַרף שוין נישט פרעגן: „נו, מיידל, דו זוכסט נאָך דעם גאָלד־אוצר?”

ווייל פון דעם אופן ווי זיי האָבן זיך געהאַלטן אַרומגענומען איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט אויף אַן אמת געפונען איר „גאָלד־אוצר . . .”

דער לערער

שמואל קאָרן געווידמעט

איך בין אַרויס אויף מײַן אָונט־שפּאַציר. איך שפּאַציר נישט ווײַט, בלויז עטלעכע מאָל אַרום הויז, און דאָס אויך מיט אַן איבעררײַס: מען שטעלט זיך אָפּ מיט אַ שכן, מיט אַ פֿרײַנט, אַ וואָרט מיט דעם, אַ וואָרט מיט יענעם, און איך אײַל זיך שוין צוריק אין הויז אַרײַן: אַזויפֿיל אַרבעט וואַרט אויף מיר בײַם שרײַב־טיש! און דער זייגער מיט זײַן קלאַפּן האַלט אין איין דערמאָנען: „צי נישט איבער דאָס שטריקל! מאָרגן פֿרי וואַרט אויף דיר דער שאַפּ”...

ס'איז געווען אַן ערבֿ־פֿרילינג אָונט. די לופֿט איז געווען פֿריש און קיל. די לבֿנה האָט זיך שוין באַוויזן פֿון הינטער דעם הויכן, נײַ־צוגעבויטן פֿליגל פֿון בית אַבֿרהם שפּיטאָל, וואָס זעט־אויס אין דער לבֿנה־שײַן, ווי אַ רײַכער האָטעל. אַמאָל, איידער מען האָט אויפֿגעשטעלט די נײַע געבײַדע, איז דאָ געווען אַ שילד מיט אַן אויפֿשריפֿט: „שפּיטאָל פֿאַר אומהיילבאַרע”; די שילד איז מער נישטאָ. זעט אויס, די פֿאַרוואַלטונג איז געקומען צום געדאַנק, אַז מען דאַרף נישט זאָגן אַזעלכע נבֿיאות...

אין די פֿענצטער קעגנאיבער דעם שפּיטאָל איז געווען ליכטיק. פֿון אייניקע פֿענצטער האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פֿון שרײַב־מאַשינקעס, בײַ וועלכע סטודענטן האָבן צוגעגרייט זייערע היים־אַרבעטן. פֿון אַנדערע פֿענצטער האָבן זיך געהערט מוזיק־טענער, טעלעוויזיע־שפּראַך, און פֿון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן דאָס געוויין פֿון אַ קינד, וואָס וויל אוודאי נישט גיין שלאָפֿן — אַלץ געוויינלעכע אָונט־קלאַנגען פֿון אַרום מײַן הויז.

פֿון פּאַרק קעגנאיבער די הײַזער האָבן זיך געטראָגן ריחות פֿון ערבֿ־בליאונג. איך האָב זיך געלאָזט מיט דער עוועניו צום פּאַרק. פֿאַרויס פֿון מיר האָט זיך געשפּרייט אַ שאָטן פֿון אַ מענטש. איך האָב אים נאָכגעקוקט ביז די סאַמע פֿוס־טריט און געזען ווי זיי טרעפֿן זיך צונויף מיטן געמאָסטענעם שפּאַן פֿונעם מענטש וואָס גייט גלײַך מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און אַ טעקע אונטערן אָרעם. איך האָב אים דערקענט: דער יידישער לערער און דירעקטאָר פֿון מיטלשול.

איך האָב פֿאַרלאַנגזאַמט מײַן גאַנג, נישט אָנצוזאָגן אים, ווײַל היינט איז די וועכנטלעכע פֿאַרזאַמלונג פֿון דער שול־פֿאַרוואַלטונג מיט די עלטערן פֿון די

שילער, זענען זיינע געדאנקען זיכער פארנומען מיט פלענער וועגן דער ווייטערדיקער שול־ארבעט; וויל איך אים נישט שטערן. און עס קאן אויך זיין, אז זיינע מחשבות זענען גאר פארנומען מיט דערינערונגען וועגן יענע גוטע צייטן, ווען די קלאס־צימערן זענען געווען איבערגעפילט מיט שילער פון עלעמענטאר־שול ביז מיטלשול . . .

ניין, איך וועל אים נישט איבערשלאגן די זכרונות וועגן זיין אנגעזאמלטער קולטור־ירושה, וואס ער האט מיט אזויפיל ליבע איבערגעגעבן דעם הייגעבווירענעם דור. איך וויל אויך נישט, ער זאל מיך באמערקן; אויב יא, וועט ער זיך אפשטעלן און ווארטן אויף מיר. כאטש ס'איז א פארגעניגן צו פירן מיט אים א שמועס, וואס איז אינטים, פריינטלעך און באזונדער אינטערעסאנט, ווען ער דערציילט וועגן אומגעריכטע באגעגענישן מיט זיינע געוועזענע שילער, ווי א שטייגער:

„איך געדענק נישט, צי איך האב אייך שוין דערציילט, אבער איך וויל איר זאלט דאס הערן. איך ווייס, איר וועט האבן הנאה דערפון . . . פאר איך אזוי אין סאבוועי, קיין סך מענטשן זענען נישט געווען אין וואגאן און איך טראכט. וועגן וואס טראכט זיך היינטיקע צייטן? וועגן תכלית פון דער וועלט, וואס איז אויף דער וואגשאל פון קריג און פרידן. און מיט די טראכטענישן גייט אויף א גאנצע גאלעריי געשטאלטן פון מיינע געוועזענע שילער, אלע נאך גאר יינגע מענטשן: וואו זענען זיי? ווי אזוי נעמען זיי אויף די וועלטלאגע? איז עפעס געבליבן ביי זיי פון דעם אייביק־מענטשלעכן, פון די נביאים, וואס מיר האבן זיי געלערנט אין אונדזערע שולן? אנטקעגן וואס דערצייל איך דאס אייך? טא הערט זיך גוט איין, ווייל ס'איז א פאסירונג, וואס טרעפט זיך זעלטן ווען, — דעריבער — שווער צו גלייבן, נאר איך בין זיכער, איר וועט מיר גלייבן אויפן ווארט . . .

— געוויס! — פארזיכער איך אים. און עס לייכטן־אויף זיינע אויגן און ער ציט ווייטער: „איז . . . וואו האב איך געהאלטן? יא: אזוי ווי איך זיץ אזוי פארטיפט אין מיינע געדאנקען, קומט צו מיר צו א יונגע פרוי מיט א מיידעלע ביי דער האנט; זי שמייכלט צו מיר. איך האב זיך געחידושט: זי מאכט א טעות, האב איך געטראכט. נאר ווען זי האט מיך געפרעגט: „חברלערער, איר פארט אויך צו דער שלום־דעמאנסטראציע?" — האב איך זי גלייך דערקענט: דער זעלבער ליבער שמייכל, וואס קומט פון א ריין מענטשלעך הארץ, וואס האט אלעמאל באלויכטן איר פנים, נאך ווען זי איז געווען מיין שילערין . . . מילא, נו, מיין פרייד פארשטייט איר שוין אליין . . . איך וואלט אייך געקאנט דערציילן פון א סך ענלעכע באגעגענישן מיט מיינע געוועזענע שילער, נאר איך וויל נישט כאפן איינס פארן אנדערן . . . איך האף,

אַז עס וועט זיך מאַכן אַ געמיטלעכע געלעגנהייט צו רעדן וועגן דעם אַלץ ... איז — יאָ, וועגן מיין שילערינס טעכטערל: זי האָט געפרעגט: „מאַ, ווער איז דער מענטש?" וואָס די מאַמע האָט איר דערציילט וועגן מיר, ווייס איך נישט, ווייל די באַן איז אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע, און איך האָב זיך גע־זעגנט און בין אַרויס . . . "

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער לערער האָט די מעשה נישט פאַר־ענדיקט. נאָר איצט, ווי אַלעמאָל, פירן זיינע שמועסן אַוועק אויף ברייטע שליאַכן פון לעבן, וועלכע צעוואַרעמען מיין פאַנטאַזיע און הייבן־אָן אַליין אויסצומאָלן פאַר זיך דעם סוף פון דער מעשה. אויך אַצינד האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, ווי די געוועזענע שילערין דערציילט איר טעכטערל — אויף איר אייגענעם שטייגער — וואָס דער לערער האָט אַמאָל געלערנט מיט איר, וועגן דעם שענסטן פון אַלע טרוימען, „אַז אַ פאָלק זאָל קעגן אַ פאָלק נישט לערנען קיין מלחמה" . . . און איך האָב שוין געזען דעם צוג, אין וועלכן די מאַמע מיטן טעכטערל זענען געפאָרן צו דער שלום־דעמאָנסטראַציע — ס'איז נישט די וואָכעדיק פאַרשטיקטע סאַבוועי, נאָר אַ צוג מיט הייליקער שליחות, וואָס יאָגט זיך צו דער פאַרווירקלעכונג פון אַלט־נייעם טרוים: שלום . . .

יאָ, איך האָב ליב צו הערן דעם לערער דערציילן פון אַזעלכע באַגעגענישן, אָבער נישט אַצינד. איצט וויל איך אים זען אַזוי ווי איך זע אים — אין צענ־טער פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָט איז דער לבנה־שיין, ווי ער גייט אַזוי ווייטלעך פאַרויס פון מיר, זע איך אים זייער קלאָר אין מיין זכרון, אין שול־צימער ביים שרייב־ברעט אויף דער וואַנט. פאַר אים אויף די שול־בענקלעך — מיידלעך און יינגלעך, מיט פנימלעך, וועלכע האַלטן אין אויסשיילן זיך פון קינדערישקייט. די קינדער האָבן זיך נאָך נישט איינגעשטילט. דער לערער פאַרשטייט קינדערשע אומרו, וואַרט ער און קוקט מיט אַ לערערישן בליק, וואָס פאָדערט־אויף: „קינדער, גענוג געשטיפט! צייט צו לערנען!"

נאָר אָט האָט דער לערער זיך פאַרקערעוועט אויפן וועג וואָס ציט זיך צווישן דעם פאַרק און די הייזער. איך האָב זיך אויך פאַרקערעוועט: איך האָב אים נישט געוואָלט פאַרלירן פון אויג, ווייל וואָס מער איך זע אים, אַלץ מער דערמאָן איך זיך אין דעם קולטור־לעבן, וואָס האָט געבליט אין מיין געגנט. און מיט אים פאַר מיינע אויגן, זע איך ווידער די געשטאַלטן פון גע־טרייע שול־טוערס, פון וועלכע עס זענען געבליבן נישט קיין סך . . .

מיטאַמאָל איז ער געבליבן שטיין ביי די צעלויכטענע פענצטער פון אווידיטאָריום. ער האָט זיך אָנגעבויגן, אַריינגעקוקט אין די נידעריקע פענצ־טער, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דאָס געזאַנג פון נייעם כאָר — פון „ריטאַיערטע" מענטשן. אַ סך פאַרבייגייערס זענען געבליבן שטיין און גע־

קוקט אין די פענצטער, און צוגעזען ווי דער דיריגענט — אויך פון דער געגנט — ווערט נישט מיד אָנצוהייבן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל מיט די זינגער אַ טאָן, ביז עס באַקומט זיך אַ האַרמאָניש געזאַנג.

דאָס געזאַנג טראָגט זיך דורך די אָפענע פענצטער און פילט־אָן די פרישע אַוונט־לופט מיט דער פרייד פון די זינגער, וועלכע האָבן אַלע זייערע יאָרן געשטרעבט צו אָנטפּלעקן פאַר דער וועלט די וואונדערלעכע מתנה, וואָס די נאַטור האָט זיי געגעבן: געזאַנג. נאָר עול־פרנסה האָט געיאָגט און אָפּגעלייגט אויף שפּעטער . . . צום גליק איז דער שפּעטער געקומען — נישט צו־שפּעט . . . די קעפּ זענען גרוי, נאָר דאָס געזאַנג, ווי דער חלום: יינג.

עס קאָן זיין, אַז דער לערער האָט איצט געטראַכט דאָס זעלבע וואָס איך — ווייל ער, ווי איך, קען די אַלע זינגערס; זייער פיל פון זיי האָבן געהאָלפן בויען די יידישע קינדער־שולן אין דער געגנט. זיי האָבן געהאָלפן צוגרייטן דעם אַודיטאָריום, אין וועלכער זיי זינגען היינט פאַר די שילער, וועמען מען האָט דאָ געלערנט זינגען אַ יידיש ליד. און געלערנט זיי טאַנצן, געלערנט זיי שפּילן טעאַטער. דאָס האָבן די שול־בויערס, וועלכע זענען איצט אויסגעזעצט אין כאָר, צוגעגרייט גראַדואיר־באַנקעטן. און אין זייער אַרומפּאָרן זיך מיט טאַצן, טעלער און גאָפּלען, זענען זיי געבליבן שטיין אינמיטן דרינען און מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געקוקט אין די יינגע שטימעלעך, וועלכע זינגען־אויס אַ ליד: „קינדער קומט, דער פרילינג רופט! בלוי דער הימל, קלאָר די לופט, עס שמעקן זיס די פרישע בלומען . . .״

אין דעם אַודיטאָריום זענען פאַרגעקומען בעלער פון די מיטל־שולניקעס. דער לערער האָט געוואַכט איבער זיי. ער האָט געוואוסט וועלכע שילערין וועט זיין וועמענס באַשערטע, נאָר ער האָט דאָס געהאַלטן בסוד. ערשט ווען עס איז געוואָרן „אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד״, האָט ער געשמייכלט, ווי איינער רעדט: „שוין אַן אַלטע ליבע ביי זיי . . .״

איך ווייס נישט גענוי, צי האָט וועך פון די מענטשן ביי די פענצטער אָנגעהויבן זינגען: „די רעדער דרייען זיך, די יאָרן גייען זיך . . .״, צי האָט דער כאָר פון „ריטאַיערטע״ געזונגען דאָס פאָלקס־ליד, — איך ווייס נישט, ווייל ווען די ווערטער האָבן מיך דערגרייכט, איז דאָס געווען, ווי עס וואָלט מיך ווער אויפגעוועקט פון אַ חלום און געזאָגט: „שטיי אויף! מיר זענען שוין אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע . . .״

איך האָב זיך אַרומגעקוקט און געזען פון ווייטן, ווי דער לערער האָט אויסגעגלייכט זיין גרויען קאָפּ און אָנגעהויבן צו שפּאַנען צו דער שול, וואָס אויפן ראָג פון דער גאַס. ער איז אַראָפּ מיט די עטלעכע טרעפּלעך, וועלכע

מענטשן אין מיין לעבן

פירן אין שול אריין, און איבער וועלכע עס הענגט א שילד שוין א סך יארן מיט אן אויפשריפט: „יידישע קינדער־שול".

אין שול־צימער איז געווען יום־טובדיק: אינמיטן פון טיש האבן גע־ברענט ליכט. נישט ווייט פון די ליכט — ביכער. איך בין זיך משער געווען, אז היינט וועט דער לערער רעדן וועגן דעם מחבר און זיין בוך, ווייל דאס איז א טייל פון זיין באליבטער קולטור־ארבעט. די שול־בענקלעך זענען געווען בא־זעצט מיט שול־טוערס, מיט עלטערן פון שילער. אויף א זייטיק טישל איז גע־ווען אנגעשטעלט ווייז און צובייסעכץ — א סימן, אז היינט וועט דא זיין א שמחהלע.

איך בין נישט אראפגעגאנגען אין שול אריין. דורכן פענצטער האב איך געזען, ווי דער לערער האלט א רעדע. אזוי האב איך אים פיל מאל געזען רעדן צו א גרויסער שול־פארוואלטונג, וועגן „קענטעסן" קינדער פאר דער שול. „מיר דארפן נישט מיד ווערן צו בויען אונדזער שול־וועזן. מען דארף אויפ־קלערן די עלטערן, וועלכע שיקן נאך נישט זייערע קינדער אין א יידישער שול, ווי וויכטיק א יידישע דערציאונג איז פאר זיי"...

נאך מאדנע: אין מיינע מחשבות האבן זיך ווידער אריינגעריסן ווערטער פונעם פאלקס־ליד „די רעדער דרייען זיך, די יארן גייען זיך..."

שפעטער האב איך געזען א יונגן בחור צוקומען צום טיש. איך האב אים דערקענט און זיך געוואונדערט: ווי לאנג איז דען, זינט איך האב אים געזען זיך שטעלן אויף די פיסלעך? דאכט זיך ערשט נעכטן? און שוין א סטודענט פון די יידישע הויכקורסן!... אוי, ווי די רעדער דרייען זיך!...

דער סטודענט האט אנגעטאנט זיין גיטאר און זיך צעזונגען. דורך די טעוואס־צעעפנטע פענצטער האט זיך געהערט זיין יונגע שטים, וואס האט געזונגען פארשידענע פאלקס־לידער און אויך: „זאג נישט קיינמאל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג..."

איך האב געזען דעם לערערס פרייד אויפן פנים, ווי ער וואלט געוואלט מיט דעם לאזן וויסן אלע מענטשן: „אז מען פארזייט וואקסט... איך גלייב, אז פון די טיפענישן פון פאלק מוז אויפגיין אונדזער לשון, אונדזער פרייד!..."

איך האב אנגעהויבן גיין צוריק אהיים. ס'האט זיך מיר אויסגעוויזן, אז איך קער זיך אום פון א ווייטער רייזע, אויף וועלכער ס'האט זיך פאר מיר אנטפלעקט אזויפיל שיינקייט פון מענטשלעכן לעבן.

כ'האב אנגעהויבן שפאנען שנעלער אהיים, ווייל אויף מיין שרייב־טיש וואַרט אויף מיר אזויפיל ארבעט...

אַ ליטעראַרישער שפּאַציר

איך האָב זיך געגרייט צו אַ שמועס אין מיין קלוב — וועגן יידישער דיכטונג אין אַמעריקע. צווישן אַלע לידער, וואָס איך האָב שוין געהאַט אָפּגעקליבן פון פאַרשידענע דיכטער, האָב איך איצט געהאַלטן אין איבערשרייבן אַ טייל פון דער פּאָעמע „אַמעריקע" פון י. אַ. ראַנטש.

„אַמעריקע.
ס'איז אייגן מיר דיין גוטע ערד.
מיר האָבן זי מיט אונדזער בלוט גענערט.
צוזאַמען מיט די קינדער פון דער וועלט,
צעאַקערט האָבן מיר דיין פעלד.
אַצינד איז רייף דיין פּרוכט:
דיין גאָרטן בליט.
מיין אַרבעט־האַנט פאַסט־אויף און היט.
כ'בין איינגעוואָרצלט טיף, ס'איז וואָר:
איך בין שוין דאָ דריי הונדערט יאָר".

און ווען איך האָב זיך גענומען מאַכן נאָטיצן וועגן דעם צונויפגעזאַמלטן ליטעראַרישן מאַטעריאַל, האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. און כאָטש איך האָב מיט פאַרדראָס אַ טראַכט געטאָן: „זע נאָר, פונקט איצט! זאָל ער קלינגען!", האָב איך פונדעסטוועגן נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון נישט צו ענטפערן דעם טעלעפאָן און אויפגעהויבן דאָס טרייבל.

— העלאָ!

—העלאָ! שלום־עליכם! וואָס האָט איך גענומען אַזוי לאַנג צו ענטפערן דעם טעלעפאָן?

— אַ, דאָס זענט איר?! עליכם־שלום! איך האָב נאָר וואָס פאַרענדיקט איבערשרייבן אַ טייל פון אייער פּאָעמע „אַמעריקע". ווען זענט איר צוריקגעקומען?

— נעכטן. און פאַר אינגיכן ווידער אַוועק.

— שטענדיק ערב־רייזע.

— ריכטיק. איז אויב איר האָט צייט, לאָמיר זיך טרעפן היינט אין

מענטשן אין מיין לעבן

צווישן־צייט פון מיין קומען און פארן.

— גוט. וואו טרעפן מיר זיך?

— אין פארק. אנטקעגן מיין הויז. קומט אין צייט.

איך האב באשלאסן צו קומען נישט נאר אין צייט, נאר פריער וועט אויך נישט אויסמאכן, אבי נישט שפעטער. ווייל ער איז זייער א פינקטלעכער, און ביי מיר טרעפט אמאל איך פארשפעטיק, באמערק איך דאן א ברוגז־פייערל אין זיינע העל־ברוינע אויגן. און דאס איז אזוי גוט ווי א פארוואורף: „האסט זיך פארזאמט".

בין איך אוועק פון הויז א ביסל פריער, נישט צו איילן זיך אויף מיין יום־טובדיקן שפאציר אין פארק, ווייל אין לאנגזאמען גאנג דויערט לענגער די הנאה פונעם גוטן טעם, וואס די פיס פילן ביים באַרירן די ערד און אין יונג־פרילינגדיקן פרימארגן איז די ערד ווייך און זאפטיק. זי נערט פון אירע טיפע־נישן, ווי די זון אין בלויען הימל נערט די נידעריקע קוסטעס מיט גאלד־קאליר בלעטלעך, ווי אויך די אלטע ביימער מיט קנאספן פולע, אז אט־א וועלן זיי זיך געבן א צעעפן מיט וייס־ראזעווער בליאונג.

פרישע ווינטלעך האבן לייכט באוועגט די צווייגן, געגלעט די גרינע, גלאנציקע קעפלעך פון גראזן און אויסגעמישט די פרישע פרילינג־ריחות מיטן ריח פון וואסער, וואס איז געקומען — צי פון בראנקס ריווער, וואס פליסט דא נישט ווייט צווישן ביימער און פעלדזן־שטיינער, אדער פון ערגעץ אנ־דערש. גראד דער וואסער־ריח האט מיך דערמאנט אין לאנג־פארגאנגענע פרילינגס מיט צערוישטע טייכן, אנגעבויגענע ווערבעס ביי די ברעגן, סא־מעט־גרינע לאנקעס און צעאקערטע שווארצע ערד; שוואלבן בויען שוין ווידער זייערע נעסטן אונטער די שטרויענע דעכער. פייגל־געזאנג פילט־אן די לופט — נאר אין דער סאמע צעשפילטער פרילינג־פרייד רייסט זיך אריין אזא דינער צארטער צער פון טאטע־מאמעס עגמת־נפש:

„דער ליבער גאסט פסח איז שוין ביי דער שוועל און לאזט זיך נישט אריינפירן אין שטוב־אריין . . ."

יא, קינדער־יארן פארלאזן נישט דעם מענטש! זיי גייען־מיט אויף אלע וועגן און אין אלע צייטן . . . אויך איצט — אויף מיין שפאציר צו באגעגע־נען דעם, וואס האט דער ערשטער אנגעשריבן א נאוועלע, „דאס געגארטע לאנד", וועגן יידישע ארבעטער, וואס האבן געגומען שטראמען פון אלע טיילן פון ניו־יארק אין דער נייער געגנט פון די בראנקס, וואו מען האט אנגעהויבן בויען א „קאלאניע" פאר בלויז ארבעטער, — גייען זיי מיט מיר . . .

זיי, די קינדער־יארן, זענען היינט געקומען צו מיר מיט די יונג־פרילינג־שפראצן פון פארק, און אויף די פליגלען — ווינטלעך. געקומען

זענען זיי מיט באַרוועסע פיס פון ווייטע פעלדער, און באַשוכטע פון שטאָטי־שע גאַסן ; געקומען מיט פּאָגראָם־שרעק אין זייערע טריט, מיט מלחמה־קאָש־מאַר און מיט גערענגל אין שפּאַן צו דערלעבן די צייט פון שלום . . . איך טוליע זיך צו די טייערע געסט. זיי זענען גוטע געזעלשאַפט . . . מיט די ביטער־זיסע, טרוימעריש־שווערע יוגנט־יאָרן איז פריילעכער דער גאַנג . . .

מיט ערלעכן פּשוטן חידוש הערן זיי זיך צו, ווי איך דערצייל זיי וועגן דער געגנט, וואו איך וואוין איצט, וואָס איז אין אַ קורצער צייט אויסגע־וואַקסן אין אַ שטאָט מיט וואונדערלעך־שיינע הייזער. נאָר אַמאָל, אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, איידער מען האָט דאָ אויסגעבויט די ערשטע צוויי גאַסן פון דער „קאָלאָניע״, זענען אַרום־און־אַרום געווען ליידיקע פעלדער, טאָלן און פעלדזיקע שטיינער. אַ נישט־ברוקירטע גאַס, און איין איין־פאַמיליע־הויז, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ ריז צווישן די גראָזן אוןביימער . . . ״

איך וויל אין מיין דערציילן נישט מאַכן קיין גרייזן פאַר זיי. דערצייל איך אַקוראַט, ווי עס איז באַשריבן אין דער נאָוועלע : „דאָס געגאַרטע לאַנד״. „פאַר צוויי ביקסן, צוויי טשייניקעס, צוויי רעק, צוויי הובלען, צוויי העמדער, איין פעסל קוואַס און זעקס רענדלעך האָט יאָנאַס בראָנק אין יאָר 1640 אַרויסגעקראָגן פון די אינדיאַנער דעם גרויסן שטח לאַנד, וואָס איז היינט די בראָנקס״.

און שפּעטער מיט הונדערטער יאָרן איז נאָך אין בראָנקס אַלץ געווען אַ סך ליידיק פּלאַץ, אויף וועלכן יידישע אימיגראַנטישע אַרבעטער האָבן אָנגע־הויבן בויען אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע — „וואָס האָט באַדאַרפט זיין אַ סוד אין אָנהייב . . . ביז — מיט יעדן טאָג איז האַסטיקער געוואָרן דאָס גערויש און ראַשיקער געוואָרן דער טעמפּאָ פון בויער . . . פון דער גאַנצער שטאָט איז מען געקומען קוקן, ווי מען בויט אַן אַרבעטער־פּאַלאַץ אַרום דעם פּאַרק . . . ״

די איינוואוינער פון דער „קאָלאָניע״ האָבן דאָ פאַרפלאַנצט בלומען אין די גערטנער און קולטור־אינסטיטוציעס : ביבליאָטעקן, לעקציעס, דיסקוסיעס, געזאַנג־גרופּעס און יידישע קינדער־שולן, אין וועלכע דער דיכטער, וואָס דאַרף דאָ באַלד אָנקומען, איז געווען לערער פון נייעם, יידישן דור. ער האָט איינגעפלאַנצט אין די מענטשלעכע געמיטער דאָס געזאַנג פון „שיקאַגע־ווינטן״ :

„און יעדער מענטש איז וואונדערבאַר הייליק,
און יעדער קינד אַ ליבע־געזאַנג צו גאָט.
און אַלץ און אַלץ, וואָס קאָן דאָס אויג דערבליקן,
איז ליבע, ליבע, איז ליבע . . . ״

און איצט ווייזט זיך מיר אויס, אַז מיינע באַגלייטער, די קינדער־יאָרן,

מענטשן אין מיין לעבן

און איך, זענען מיר איינס. איך פריי זיך מיטן געזאַנג פון די „ווינטן", וועלכע האָבן מיר געבראַכט דעם פאַרגעניגן פון שפּאַצירנדיקע טאַטעס און מאַמעס מיט זייערע קינדער. איך האָב דערזען די אייביק־יונגע נחת־שעפּערס — זיי־דעם און באָבעס מיט אייניקלעך. ס'איז מיר נאָך ליבער געוואָרן נאָכצוקוקן די גרופּעס ייִנגלעך אין זייערע בעיזבאָל־קאָסטיומען, מיט באָל און „בעט" און לעדערנע הענטשקעס, וועלכע גייען צום שפּילפּלאַץ אין פּאַרק שפּילן באָל, יעדער איינער מסתמא מיט אַ טרוים אויסצוואַקסן אַ טשעמפּיאָן . . . איך האָב באַנומען די וואַנדער־לוסט פון יונגוואַרג, וועלכע יאָגט זיך דאָ מיט צע־פלאַמטע באַקן אויף „באַיסיקלס" באַהאַנגען מיט קאָלירטע סטענגעס צו ערגעץ אַ ווייטן, וואונדערלעכן עפּעס . . .

„אַלץ וואָס עס קען דאָס אויג דערבליקן, איז ליב . . ." און ליב איז צו פילן אויף זיך די וואַרעמע זון און זען ווי אַ מאַן וואַרפט קרישקעס ברויט פאַר די טויבן. און באַלד איז דאָס אָרט, וואו די קרישקעס זענען געפאַלן, געוואָרן אַ טיש פאַר אַ געמיינזאַמער סעודה פון טויבן, פייגל און וועווערקעס. בלויז דאָס קליינע חיהלע, דער „טשיפּמאַנק" מיט טונקעלע שטרייפן אויפן ברוינעם פעלכל, איז געלאָפן אַ צעשראָקנס פון איין בוים־באַהעלטעניש צו אַ צווייטן און אויסגעמיטן די סעודה.

נאָר אַ קינד, — זעט־אויס, ערשט נישט לאַנג געשטעלט זיך אויף די פיסלעך, — האָט זיך געיאָגט צו דער אַלגעמיינער סעודה מיט די הענטלעך פאַרויס, ווי עס וואָלט זיך אָנגעהאַלטן אין דער לויטערער לופט. און די יונגע מאַמע מיט אויסגעשפּרייטע הענט איז נאָכגעגאַנגען דעם קינד, ווייל טאָמער, חלילה, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, אויף אַזאַ „ווייטן וועג", דאַרף זי זיין גרייט איינ־צושטילן דאָס געוויין . . .

די מענטשן אַרום האָבן נאָכגעקוקט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, ווי זיי וואָלטן געהערט געזאַנג אין דעם קינדס „געוואַגטע" טריטלעך. און אויף זייע־רע פּנימער — אַ פרייידיקער חידוש: „זעט נאָר, זעט, אַ קינד האָט אָנגעהויבן גיין! און שפּאַנט אין דער ווייטער וועלט אַריין" . . .

איך בין גרייט געווען צו זאָגן די מענטשן אַרום: — די קינדערשע טריט־לעך האָבן האַרמאָניש פאַרוועבט דעם דיכטערס געזאַנג פון „אַ ליד אַ טאָג":

„ס'איז אַ ליד פאַראַן
דאָך אומעטום.
אויף יעדן שפּאַן
פאַרזעצט איז בלום".

נאָר די טויבן האָבן פלוצים, אַלע אויף אַ מאָל אַ פּאַכע געטאָן מיט די פליגלען און אַ פלי געטאָן אין דער הייך. דאָס קינד איז געבליבן שטיין איבער־

ראשט. די מענטשן האבן געקוקט אויפן קינדס פארגאפטן פנימל און ס'האט זיך אויסגעוויזן, אז סיי־ווי־סיי זינגען זיי דעם דיכטערס ליד, נישט מיט ווער־טער, נאר מיט א ניגון אין די הערצער, וואס בענטשט דאס קינד:

„זאלסט זיין די ווערט
דיין לעבנס טאנץ,
דו, קינד פון ערד,
דו קרוין פון פלאנץ".

און ווער ווייסט ווי לאנג איך וואלט זיך געווען פארהאלטן אויף איין ארט בשעת מיין „רייזע ארום מיין הויז" און געחידושט זיך אויף דעם גע־וויינלעכן גאנג פון לעבן אין פארק, ווען איך זאל זיך נישט געווען דערמאנען, אז איך דארף זיך טרעפן מיטן דיכטער, וועמענס ליד ס'איז געזונגען געווארן אין מעלאדישער פרייד. איך האב אנגעהויבן צו קוקן אויף דעם וועג צווישן דיביימער, מיט וועלכן ער דארף אנקומען.

כאטש אויף דעם וועג האבן איצט שפאצירט א סך מענטשן, בין איך דאך זיכער געווען, אז איך וועל אים דערקענען צווישן אלעמען און פון ווי־ווייט. איך וועל אים דערקענען לויט זיין געשטעל: מיטלוואוקסיק, גלייכער, יוגנטלע־כער גאנג, הויכער ווינקלדיקער שטערן און גרויענדיקע האר, — ווי זיי וואלטן זיך שטענדיק געשלאגן מיט דער דעה: זאלן מיר שוין טאקע אויף אז אמת'ן ווערן גרוי? נאר צוריק גערעדט, וואס ברענט עס? ווער יאגט אונדז? איז לאמיר זיין נאך א ביסל ערב — גוט־גרוי ..."

איך וועל אים אויך דערקענען אין זיין זיכערן טראט, וואס באוועגט זיין קערפער עטוואס אין דערברייט, ווי אין א פארמעסט, וואס לאזט וויסן:

„מען רופט ...
נייג אן דיין אויער און הער.
מען רופט. דו ווייסט וואוהין און ווער.
זיי גרייט! ..."

גייען מיט אים מיט די מענטשן פון זיינע שפעטערישע יארן: טאטעס און מאמעס פון שילער, מיט וועלכע ער האט געלערנט אין די יידישע קינדער־שולן. עס גייען שילער און שילערינס, וועלכע דערציילן שוין פאר אייגענע קינדער מעשהלעך פון וואונדערלעכן אמאל ...

„ווען מיר זענען געווען קינדער, ווי איר היינט, האט דער דיכטער־לערער געלערנט מיט אונדז די שפראך פון אונדזער פאלק — יידיש. פון די קלאס־צימערן פלעגט ער מיט אונדז אוועקשפאצירן אין פארק אריין, וואס אקעגן דער שול. דעמאלט איז דער פארק געווען געדיכטער מיט ביימער: אויף א בערגל מיט א שמאלער סטעזשקע האבן געבליט יאפאנעזישע קארשן־ביימער.

מענטשן אין מיין לעבן

פון דאָרטן זענען מיר געגאַנגען טיפער אין פּאַרק אַריין, לעבן אַ וואַסערל און דורך אַ טונעל, ביז מיר זענען געקומען צו אַ פעלדזיקן באַרג צווישן הויכעביימער. אַז מען האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דעם באַרג, האָט מען דערזען דאָס געשטאַלט פון אייב לינקאָלן. און דאָ פלעגט דער לערער אונדז דערציילן פון דעם גוטן און ערנסטן פּרעזידענט פון אַמעריקע, וואָס האָט באַפרייט די נעגערן פון שקלאַפערײַ. און אויף וויפל עס געדענקט זיך, איז עס געגאַנגען אַזוי:

„עס רופט דאָס לאַנד דיך, אייב לינקאָלן;
עס שטרעקט צו דיר די הענט דער שוואַרצער שקלאַף,
עס רופן צו דיר נביאים פון אַלע צייטן.
באַפרײַ דאָס לאַנד פון שאַנד,
באַפרײַ די זעל פון שמאַד!"

און אין דער הייך אויפן באַרג האָט ער געלערנט מיט אונדז די נעמען פון בלומען, פון ביימער, און געוויקסן: פון איין זייט באַרג איז דער טאָל מיט מאַגנאָליאַ ביימער, וועלכע בליִען מיט גרויסע ווייסע, ראָז- און בלוילעכע בלעטער. און עס קומען מענטשן פון נאָענט און ווייט צו זען ווי זיי בליִען און איינאָטעמען זייערע וואונדערלעכע, שמעקנדיקע ריחות. און פון דער אַנדערער זייט, איז דער באָטאַנישער גאָרטן מיט פלאַנצן פון דער וועלט פון אַלערליי קאָלירן.

און פון הויכן באַרג פלעגן מיר אַראָפּגיין צום רויזן-גאָרטן, וואָס אין גרינעם טאָל. צום בראָנקס-„זו" זענען מיר נישט געגאַנגען, עס איז געווען אַ ביסל ווייטלעך. דערפאַר פלעגט דער לערער מיט אונדז גיין אין דעם פעלדזגאָרטן אין בראָנקס פּאַרק, וואו עס זענען צווישן שטיינדלעך געוואַקסן אַזעלכע צאַרטע בלימלעך פון דער גאַנצער וועלט, וועגן וועלכע ער האָט שפּעטער אַ ליד אָנגעשריבן, וואָס גייט טיילווייז אַזוי:

„עס גריסט דיך קוויטעלע פון דרום-אַפריקע אין ווייטן;
עס שמייכלט ראָזעווע און העל אַ בלימל פון קאַווקאַז.
עס רויטלט זיך אַ מאַן-קעפל פון ענגלאַנד און פון פּרייסן —
און גלייך פאַרטראַטן זענען ביידע לענדער דאָ, אין האָס".

„יאָ, קינדער, אָט איז דער לערער, וואָס האָט „אַמאָל, אַמאָל" געלערנט די אַלע זאַכן. און ער האָט אונדז נישט פאַרגעסן אויף זיין רייזע איבערן לאַנד אַצינד אין דער ווייטער וועסט. איז שיקט-זשע, קינדערלעך, מיט אַ גרוס צו זיידע-באָבע אין ניו-יאָרק ער וועט זיי אַלץ דערציילן וועגן אייך" . . .

איך זע אים קיינמאָל נישט אַליין אין זיין גאַנג. איך זע אים מיט די העלדן און געשעענישן פון זיינע נאָוועלן, ראָמאַנען און דערציילונגען, וועל-

כע נעמען־אַרום זיין היימשטאָט לאָדזש און שפּרייטן זיך אויס איבער אַמעריקאַנער שטעט און דערפֿער: בערג און טאָלן, און צייטן פֿון יאָר מיט זייערע קאָלירן, מיט זייערע ריחות און אומעטום דער מענטש, וואָס ראַנגלט זיך פֿאַר אַ בעסער, פֿרייער לעבן. אַמאָל זע איך אים מיטן פּאַרליבטן פּאָרל פֿון זיין טרילאָגיע „מאַטעק און סאַלטשע" מיט זייער זונעלע שלומל. זיי גייען אַלע אויף יוניאָן סקווער צו אַ סאַקאָ־וואַנזעטי דעמאָנסטראַציע, אָפּצושרייען דעם טויט־אורטייל אויף די צוויי אַרבעטער־מאַרטירער:

„דער עניין רעגן וועט אַזוי שנעל נישט אויפהערן, סאַלטשע, — האָט געזאָגט מאַטעק, — נאָר מיר גייען, ווען אַנטאָן שלומלען די קאַלאָשן און זיין רעגנמאַנטל, און מיר וועלן גיין".

ווען איך זע אים, דאַכט זיך מיר, אַז איך זע אים אַרומגערינגלט מיט שרייבערס, מאָלערס, אַקטיאָרן און מוזיקערס — פֿון פֿאַרשידענע לענדער, פֿעלקער און און פֿאַרשידענע צייטן, — מענטשן, וועלכע האָבן באַרייכערט דעם קולטור־אוצר און ער האָט זיי אַלע צונויפֿגענומען אין זיינע ביכער.

פֿון די ביכער גייט אויף אַ שטים, וואָס רופֿט דעם לייענער: „נייג אַן דיין אויער און הער" — הערט וואָס עס טוט זיך אין די יידישע היימען אין אַמעריקע אין דער צייט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. הערט וואָס עס שרייבט אַ זון:

„טייערע מאַמע און אַדעל: דאָס איז מיין לעצטער בריוו צו אייך. איך האַלט אים אין מיין קעשענע און אויב איך וועל דערהרגעט ווערן, גלייב איך, אַז אימיצער וועט אים אייך איבערשיקן ... מאָרגן אינדערפֿרי וועל איך אַטאַקירן די דייטשן ... איך האָב נישט קיין מורא".

דער דיכטער רופֿט און וועקט דעם מענטש:

„איך רוף פֿון דער טיפֿעניש,
מיט אויסגעשטרעקטע הענט ... "

זעט די דראַמע אין אַ יידיש הויז פֿון צוויי ברידער און זייער מאַמע: „ביידע האָבן זיך געריסן צו גיין אין דער אַרמיי, נאָר די מאַמע איז אַן אלמנה און מען דאַרף זי אויסהאַלטן. דאַרף איינער בלייבן, און דער צווייטער — גיין. די פֿראַגע איז: ווער זאָל גיין?

— דו, אייב, ביסט דער בעסערער פֿאַרדינער, דאַרפֿסטו בלייבן, — דו דאַרפֿסט אויסהאַלטן דער מאַמען.

— דו, וויליאַם, ביסט דער איידעלער, די אַרמיי וועט דיך צעברעכן. מען וועט דיך אינגאַנצן נישט נעמען. בלייב דו מיט דער מאַמען.

„מען האָט זיך נישט געקענט איינײקן, איז מען אַוועק צו דער מאַמען, זי זאָל באַשטימען. האָט איר שוין געזען אַ מאַמע זאָל קאָנען באַשטימען אַזאַ

מענטשן אין מיין לעבן

שווערן עניו? . . . האָבן זיי געוואָרפן גורל אַז דער מאַמעס וויסן. און דער יינגערער ברודער וועלוול האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער אַרמיי. שפּעטער האָט ער געשריבן פון דער מלחמה אַהיים:

„טייערע מאַמע און אייב — איך האָב פאַרענדיקט; היינט דורכגעפירט די פּופּציקסטע מיסיע און בין דער גליקלעכסטער זון פון אַ מאַמען אויף דער גאַנצער ברייטער וועלט! . . ."

דאַרף איך זיך באַגעגענען מיט אַט־דעם שרייבער, אין וועמענס שאַפונגען עס איז איינגעוועבט מענטשלעכע פרייד, האָפענונג, טרייסט — אין שטענדיקן פאַרמעסט מיט נויט און צער. ווער וועט וועמען גובר־זיין?

„איך גיי אַנטקעגן יעדן שטורעם
און ציטער נישט ווי מידע לאַם.
דער אמת איז מיין פעסטער טורעם,
עס וועט נישט אונטערגיין מיין שטאַם".

מיט אים דאַרף איך זיך איצט טרעפן אין בראָנקס פּאַרק. איך וויים, ער וועט קומען אין צייט, ווי שטענדיק, און ווי אַמאָל ווען די נייע אויטאָמאָביל־וועגן אין פּאַרק זענען נאָך נישט געווען פּאַרטיק און מענטשן האָבן דאָרטן געקאָנט שפּאַצירן אַן שרעק פאַר דער מאַשין. די זון איז פאַרגאַנגען הינטער די ביימער, שאָטנס האָבן זיך געשפּרייט אויף דעם נייעם וועג. אויף זיין פּנים האָט זיך געשפּילט אַ שטילע פרייד: דער רעדאַקטאָר האָט אים געבעטן צו פאַרעפנטלעכן זיין ראָמאַן אין דער צייטונג.

איך האָב זיך מיטגעפרייט און געוואונדערט זיך: זע נאָר, ער איז דאָך נישט קיין אָנפאַנגער, אַזויפיל ביכער שוין אַרויסגעגעבן, און דאָך האָבן די עטלעכע ווערטער פון רעדאַקטאָר געגעבן אים נייע שעפערישע פליגל: ערשט איצט וועט ער זיך נעמען צו דער אַרבעט. ער וועט אָנשרייבן אַ גרויס ווערק, און דאָס אַרויסגעבן אין אַ טרילאָגיע.

מילא, אַז ער וועט אָנשרייבן אַ גרויס ווערק האָב איך געגלייבט, נאָר צי ער וועט האָבן די מעגלעכקייטן אַרויסצוגעבן עס — האָט מיר אויסגעזען מנחם־מענדליש. ער האָט אָבער דערגרייכט זיינס. און ווען נישט דער „מנחם־מענדל" אין אים, וואָלטן מיר היינט נישט געהאַט „געקליבענע שריפטן", וואָס דאָס איז ווי אַ רייכע אַנטאָלאָגיע פון פערציק יאָר ליטעראַרישע שאַפונגען זיינע.

איך וויים נישט פאַרוואָס, נאָר ווען מיר טרעפן זיך אין פּאַרק, כאַפּ איך אַ בליק אויף זיינע שרייבערישע הענט, ווי זיי וואָלטן מיר באַדאַרפט דער־ציילן, צי זיי האָבן היינט שוין עפּעס געשריבן, ווייל שטענדיק האָט ער טעמעס צו שרייבן. נאָר איך וועל זען, אַז זיינע הענט זענען עפּעס רויט און וועל

פרעגן שפּאַסיק, אינטים: וואָס האָט איר היינט געטאָן, געוואַשן דאָס געפעס?

וועט זיך באַווייזן אַן איינגעהאַלטענער שמייכל אין די ווינקלען פון זיינע ליפּן און ענטפערן רואיק: איך האָב געהאָלפן אויפראַמען דאָס הויז, מיר זענען נעכטן אַהיים געקומען שפּעט פון אַ קאָנצערט.

— און וואָס טוט יודי? — זיין פּנים וועט אויפלויכטן, ווי שטענדיק, ווען איך דערמאָן זיין זון און ער וועט זאָגן: — אָ, יודי, וועגן אים איז פאַראַן אַ סך צו רעדן...

— וואָס־זשע, ער פירט שוין ראָמאַנסן?

— זעט אויס, אַז יאָ. מילא, דאָס וואָלט מיך שוין נישט געאַרט...

— נאָר וואָס דען? — בין איך נייגעריק צו וויסן?

— וואָס מיינט איר „וואָס דען"? חידושט ער זיך אויף מיין פראַגע און ער הייבט אַן אויסרעכענען יודיס חסרונות. ער טוט דאָס לאַנגזאַם און מיט גרויס הנאה, ביז עס וואַקסט אויס אַ בחור אַ בריליאַנט, אַן אוצר, און עס ווערט מיר קלאָר, אַז זיין גרויסע ליבע צו יודין איז געוועזן זיין אינספּיראַציע פאַר אַזאַ וואונדערלעכער קינדער־דערציילונג, ווי „דער קונצנמאַכער" און אַנדערע.

עס טרעפט אַמאָל, אַז אויף דער נשמה איז נישט אַזוי גוט: די וועלט איז אויף דער וואַגשאָל און אומגערעכטיקייט ציט אַריבער, ווילט זיך מיר רעדן מיט אים, און כאָטש ער ווייסט וועגן דעם שלעכטס אויף דער וועלט, איז ער דאָך נישט פאַרצווייפלט. ער וועט גאָר רעדן וועגן פּשוטע זאַכן פון טאָג־טעג־לעכן לעבן, ביז עס וועט אָנהייבן אַרויסשטראַלן אַ טרייסט, אַ האָפענונג, און די אַנגעזאַמלטע שווערע כמאַרעס אויפן געמיט וועלן נעמען זיך פונאַנדערגייען.

ער וועט נישט ריידן און לויבן זיינע שאַפונגען. אַ לויב וועט ער אויפ־נעמען זייער רואיק. ער ווייסט אַ סך וועגן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, דער־פאַר זענען די געשפּרעכן מיט אים אינטערעסאַנט און באַרייכערן דאָס וויסן. ער איז שטענדיק גרייט מיט אַ קאָלעגיאַלער עצה און עס קומט זייער אָפט אויפן זינען: דער דיכטער איז ווי זיין ליד, „העגט":

„וואָס איז פון דער וועלט דער וואונדער־פונדאַמענט?
דאָס זענען דאָך די צאַרטע מענטשן־הענט,
וואָס ווילן אייביק געבן".

נו, אָט זע איך אים אָנקומען. אויפן וועג שטעלן אים אָפּ מענטשן. דאָס גיט ער זיי אָפּ גרוסן פון די קינדער און אייניקלעך, וועלכע ער האָט באַגעגנט אויף זיין רייזע איבערן לאַנד. באַלד וועלן מיר זיך באַגעגענען, מיר וועלן

שלמה וואַסערמאַן

אוועקשפּאַצירן ווייט איז פּאַרק, און ער וועט רעדן פּשוט, ווי פּשוט ער זינגט פון דעם מענטשנס גרעסטער האָפענונג — שלום:

„נישט שאַנד באַדעקן וועט מיין האַנט;
נישט ליינ איז מיין געצייג;
נישט רויב וועט זיין מיין לויב.
איך וואַקס און בלי און צי חיונה פונעם ליכט,
איך האָב די לעבנס־פרייד באַפּרוכפּערט און פאַרמערט,
איך בין די טאַטע־מאַמע פון דער ערד . . .”

די ערד אויף וועלכער מיר שפּאַנען היינט איז פריש און גרין און איך טראַכט, אַז אַזאַ ליטעראַרישער שפּאַציר מיטן דיכטער וואָס איז שטענדיק ע ר ב: ערב אַ נייער רייזע, ערב אַ נייער אונטערנעמונג, ערב ווערן גוט־גרוי און ערב אַ ליטעראַרישער שאַפונג. ווי עס איז ערב נייע בליאונג אויף ביימער, אונטער וועלכע מיר גייען, — וואָלט באַדאַרפט אַריינגענומען ווערן אין דער סעריע: „אַ רייזע אַרום מיין הויז”.

און מיין הויז איז נישט ווייט — אַט דאָרטן קעגן מיין פּאַרק, וואו עס זענען אַמאָל געווען פעלדזן, שטיינער, ביימער און גראָזן. היינט — זעט: אַ הויז אין אַ נייער שטאָט אין די בראָנקס.

אַ שפּאַס אַזאַ...

ביטאָג האָט די זומערדיקע היץ געברענט און געבראָטן; די ערד, די ביימער און די הייזער זענען געווען אָנגעגליט. נאָך זונפֿאַרגאַנג, אַוונטצייט, האָבן מענטשן אָנגעהויבן צו פֿאַרלאָזן די וואוינונגען און גענומען ציען אינדרויסן אַרויס איינצואָטעמען אַביסל קילערע לופֿט.

די בענק אין די סקווערן און פּאַרקס זענען געווען באַזעצט געדיכט מיט די פֿון־היץ־פֿאַרמאַטערטע מענטשן. אַרום די הייזער איז מען געזעסן אויף אייגענע שטולן, צעשטעלט אויף די טראָטואַרן. אָנגעטאָן איז מען געווען אַזוי לייכט און באַקוועם, ווי כמעט ביי זיך אין הויז. יעדער האָט געוואַרט אויף אַ בלאָז פֿון אַ ווינטל, ווי אויף אַ רפֿואה, וואָס זאָל פֿאַרטרייבן פֿון זיי די נודנע שטיקעניש.

ווער עס האָט געקאָנט איז אַוועק מיט אַ שטול אָדער בענקל אין פּאַרק אַריין, וואו די לופֿט איז געווען ריין און געשמעקט מיט די פֿרישע ריחות פֿון נאַר־וואָס אָפּגעשניטענעם גראָז. אַהער אין פּאַרק אַריין האָט דער טומל פֿון גאַס ווייניק געגרייכט. מענטשן זענען דאָ מערסטנס געזעסן אין גרופּעס — שכנים און באַקאַנטע. ווי געוויינטלעך אין אַזאַ אויסנאַמלעך הייסן וועטער, האָט מען גערעדט וועגן דער פּלוצימדיקער היץ, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף ניו־יאָרק און דערביי זיך געטרייסט, וואָס די בראָנקס געגנט וואו זיי וואוינען איז צוליב איר בערגיקער הייך פֿיל קילער, ווי אין געדיכט־באַוואוינטן מאַנהעטן.

פֿון פֿאַרשידענע ערטער אין פּאַרק האָבן זיך געהערט רייד, געלעכטער און געזאַנג, וואָס האָט זיך איינגעוועבט אין דער אָוונט־טונקלקייט צווישן די ביימער. יונגוואַרג, געטראָגן פֿון יוגנטלעכן אומרו, האָט זיך געיאָגט, געשפּילט און געקראָכן אויף די שטיינערנע בערג. פֿון דאָרטן, פֿון אונטער פֿולער לבֿנה־שיין, האָבן זיך געטראָגן פֿריילעכע געלעכטערס.

אונטער אַ ברייט־צעצווייגטן בוים, וואָס די מענטשן אין דער געגנט האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „אַמברעלאַ” (שירעם), ווייל מיט זיינע אויסגעשטרעקטע צווייגן און גרויסע, געדיכטע בלעטער, האָט ער זיי באַשיצט פֿון הייסער זון און אָפּטמאָל פֿון פּלוצעמדיקע רעגנס. — אונטער אָט דעם „אַמ־

מענטשן אין מיין לעבן

ברעלא״־בוים איז געזעסן א גרופע מענטשן, וועמען דער בוים איז געווען אן אלטער פריינט, נאך פון די יענע יארן, ווען זיי האבן זייערע עופהלעך אין די קינדער־וועגעלעך פארוויגט און אין קילן שאטן זיינעם פאר זיי לידלעך גע־זונגען.

אמאל איז דער בוים געשטאנען צווישן א סך אנדערעביימער, האט מען זיי אויסגעהאקט, אויסגעווארצלט און איבער זייערע ערטער א ברייטן, אס־פאלטענעם וועג געמאכט. דער אמברעלא־בוים איז געבליבן אליין, נישט ווייט פון וועג. זיינע באבלעטערטע צווייגן האבן זיך געבויגן צו דער ערד, ווי זיי וואלטן געטרויערט אויף די פארשניטענע ביימער־שכנים, נאך די מענטשן האבן אים נישט פארלאזט. עס האבן געזעסן אונטער זיינע ברייטע צווייגן אלטע פריינט זיינע, וועלכע האבן אמאל, מיט יארן צוריק, זייערע יוגנטלעכע טרוימען געשפונען. שפעטער האבן זיי אין דער קילקייט פון זיין שאטן, מיט זייערע קינדערלעך זיך געשפילט. די קינדער זענען אויסגעוואקסן, חתונה גע־האט און געקומען מיט א נייעם דור עופהלעך צו פארוויגן אונטער זיינע ברייטע צווייגן.

דער בוים האט אלעמען באשיצט און איינגעהערט זיך אין די שטילע ניגונים פון די מאמעס, וועלכע זיי האבן געזונגען ביים איינשלעפערן א קינד. ער האט איינגעזאפט אין זיך די פרייד פון קינדערישע פלאפלערייען, ווי די פרייד וואלט אים געגעבן כוח און קראפט איבערצוטראגן אויף זיין נאקעטן לייב די ווינטן און פרעסט, כדי אין פרילינג צו צעבליען זיך אויפסניי, און זומער־צייט זאלן די בלעטער זיין א סך און גרויסע — פאר מענטשנס גליק.

שוין יארן ווי דער בוים שטייט אליין נישט ווייט פון אספאלטענעם וועג. בייטאג שפרייט ער שאטן ארום זיך, ביינאכט ווערט ער באלויכטן אויף א רגע פון פארביי־יאגנדיקע אויטאמאבילן, ווי זיי וואלטן אים באגריסט מיט זייערע פארנטדיקע ליכט און געזאגט: „א גוטע נאכט אמברעלא־בוים! זיי געזונט!"

און היינט, אין דער הייסער זומער־נאכט, האט אנגעיאגט אן אפענער אויטאמאביל, פול מיט יונגווארג — מיידלעך מיט בחורים מיט צעשויבערטע האר פון שנעלן פארן. די מאשין איז פלוצים געבליבן שטיין און איינער פון די בחורים האט א רוף געטאן: „מאמע!"

אלע מאמעס אין דער גרופע אונטער דעם בוים האבן זיך אומגעקוקט צום אויטאמאביל, נאר באלד האט יעדע מאמע געמאכט איר חשבון:

— איך האב בלויז מיידלעך.

— מיין זון וואוינט אין דער ווייטער וועסט.

— מיין זון איז נאך קליין.

— מיין זון איז אין דער ארמיי אין א פרעמד לאנד.

בלויז איין מאמע צווישן אלע, וואס האט נאך אלץ נישט געגלייבט, אז איר זון זאל טאקע אויף שטענדיק האבן פארלוירנגעגאנגען אין דער מלחמה אין א ווייטן, פרעמדן לאנד — זי האט ביים רוף „מאמע!” א ציטער געטאן . . . דאס קול איז היימיש, באקאנט. דאס ווארט מאמע איז דאס שענסטע ווארט אויף דער וועלט. עס גייט איר אוים דאס חיות פאר דעם, זי האט לאנג געווארט אויף דעם רוף: מאמע! . . . מיין קינד איז נישט פארלוירן געווארן...

— „זון! זון!”

דאס יונגווארג אין אפענעם אויטאמאביל האט זיך הילכיק צעלאכט פון זייער געלונגענעם שפאס און פרייל עכע אוועקגעיאגט ווייטער.

די פריינט און באקאנטע ארום דער מאמען האבן געשוויגן. אין דער שטילקייט האט זיך געהערט דאס שורשען פון די בלעטער אויף דעם אמברעלא־בוים, ווי אמאל, ווען זי האט מיט איר מאמע־פרייד געקוקט אויף איר שלאפנדיקן אוצרלם פנימל אויף וועלכן עס האט געשוועבט א צארטער שמייכל פון א גליקלעכן טרוים . . .

די לויטערע לבנה האט געשפרייט א לאנגן, דינעם שאטן אויפן פרישן גראז אויף וועלכן די מאמע האט געשפאנט היים א פארשעמטע פון דעם בלוטיקן שפאס . . .

די פריינט זענען געבליבן זיצן אונטער דעם אמברעלא־בוים און געשוויגן אין טיפן צער . . .

יום־טובדיקע טעג

ערב ראש־השנה אין מיין געגנט פון די בראָנקס פאַרמאַכן זיך די געשעפטן באַצייטנס און יידישע אַרבעטער קומען היים פון דער אַרבעט פריער ווי אין געוויינלעכע טעג. דער וואָכעדיקער גערויש פון די גאַסן און עוועניוס הייבט אָן אויסצוגיין און עס נעמען זיך עפענען די טירן פון די שולן, ווי לחם־עניים און בית־אַברהם און אַנדערע שולן.

דער ערב יום־טוב־טאָג גייט אַוועק. אויף יענער זייט בראָנקס פּאַרק, הינטער די הויכע ביימער זעצט זיך די זון און צינדט מיט די לעצטע שטראַלן דעם בלויען הימל אין רויטע פלאַמען. אויף דער זייט פון בראָנקס פּאַרק איז דער הימל נאָך בלוי און לויטער. די לופט, ווי זי וואָלט זיך געשפּרייט פון פּאַרק, שמעקט מיט ימים־נוראימדיקע ריחות, וואָס פילט אָן מענטשלעכע הערצער מיט גוטסקייט, מיט דערהייבנקייט און ערנסטער פאַרטראַכטקייט . . . ראש־השנה ? ווען איז דאָס אַלטע יאָר פאַרפלויגן ? . . . .

רעליגיעזע יידן, אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע קליידער, מיט מחזורים אין די הענט, הייבן אָן צו גייען אין די שולן אַריין. און שפּעטער, ווען זיי זענען פאַרטאָן אין ערנסטן געבעט אויף אַ גוט יאָר מיט פּרנסה, אויף שלום און גערעכטיקייט צווישן מענטשן אויף דער וועלט, — שפּרייט זיך פון די שולפענצטער די שיין פון ליכט און לאָמפּן צום טונקעלן דרויסן אַרויס.

די נאַכטיקע גאַס איז שטיל. די פאַרמאַכטע געשעפטן זענען איינגעהילט אין אַן אומהיימלעכקייט. אויף די ראָגן, לעבן די „קענדי־סטאָרקעס", אויף וועלכע עס טרעפן זיך אַלע אָוונט מיידלעך און בחורים — אַ ראַנדעוואָוס, נאָר אַזוי זיך, סתם צו רעדן און צו לאַכן, — אָט־די ראָגן זענען ליידיק. דער איינציקער איטאַליענישער שוסטער אויף דער גאַס האָט באַצייטנס פאַרמאַכט זיין וואַרשטאַט מיט די אַלטע שיך צו פאַרריכטן; דער כינעזישער לאָנדרימאַן שטייט מיט זיין ליולקע אין מויל, קוקט אַזאַ איינזאַמער דורכן פענצטער פון זיין לאָנדרי, ווי ער וואָלט די גאַס נישט דערקענט.

ביי די זייטן פון די געפלאַסטערטע וועגן לייכטן גאַס־לאָמפּן, לייכטן זיי ווי אומזיסט־און־אומנישט, ווייל ווינציק מאַשינען פאָרן איצט איבער זיי. בייטאָג איז געווען אַ געדרענג אויף די וועגן: אַ סך יידן זענען אַרויסגעפאָרן פון ניו־יאָרק אויף ראש־השנה אין די בערג צו פאַרברענגען די שיינע טעג, די „געשענקטע", אויף דער פרייער נאַטור.

פרישע ווינטלעך ווייען און וועקן די בלעטער פון די ביימער, ווי זיי וואָלטן געפרעגט ביי זיי, פאַרוואָס עס איז היינטיקע נאַכט אַזוי שטיל אין בראָנקס פּאַרק, וואו זענען די שטענדיקע זיצערס אויף די בענק, און פאַרוואָס זענען די איינצלנע מענטשן אויף זייער שפּאַציר אַזוי פאַרטראַכט.

וועקן זיך די ביימער און ענטפערן מיטן גערויש פון זייערע בלעטער: עך, ווינטלעך, ווינטלעך! ווען איר זאָלט נאָר האָבן דעם כוח צו פאַרהאַלטן זיך אויף אַ קורצער ווײַלע, בלייבן שטיין און אַ קוק טאָן אויף אונדזערע שטאַמען, וועלכע וואַרצלען דאָ — ווער ווייסט וויפל יאָרן שוין — וואָלט איר פאַרשטאַנען פון די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, אַז עס האַלט שוין נאָך חודש אלול, עס איז ימים־נוראים־טעג, זענען אַ סך ייִדן אַוועק אין די שולן תפילה טאָן. טייל פון זיי בלויז הנאה צו האָבן פון חזנישער נגינה. אַנדערע זענען אויס בענקשאַפט אַוועק צו קאָנצערטן, אָדער טעאַטער־פאַרשטעלונגען. און נאָר גע־ציילטע שפּאַצירן אויף די וועגן אין פּאַרק, מיט געמיטער — צאַרטע סטרו־נעס, אויף וועלכע עס שפּילן־אויס די פאַרגאַנגענע יאָרן זיס־נאָגנדיקע טענער צו וועלכע זיי הערן זיך איין אין דער נאַכטיקער שטילקייט פון פּאַרק, — זיי יום־טובן אויף אַ־אייגענעם אופן . . .

נאָר ווינטן — פּליערס, דרייערס — זיי יאָגן אַוועק אין די ווייטקייטן, ביז ערגעץ אונטערוועגנס גייען ביי זיי אויס די כוחות, בלייבן די ביימער שטיל און פאַרטראַכט: בלעטער פאַלן פון די קרוינען, קילער טוי באַדעקט די קאָרע־לייבער, פון די גראָזן שפּרייטן זיך פייכטע ריחות — סוכות־צייט, אַז אַנזאָג אויף רעגנס. זיי שווענקען אַראָפּ די לעצטע בלעטער: צווייגן — נאַקעטע, הוילע, געשטרעקט צו ווינטן, צו קעלטן און גרויען הימל . . .

נאָר גאַנץ פרי הייבט־אָן די אויפגייענדיקע זון צו גלעטן זייערע קעפּ מיט טרייסט־שטראַלן: טוט־אָפּ פון זיך די נאַכטיקע, שווערע מחשבות. עס וועלן נאָך קומען אַ סך וואַרעמע און לויטערע טעג. דער פאַרביקער צויבער־שפּיל פון ליבן אַמעריקאַנער „אינדיען סאַמער״ — אינדיאַנער זומער — וועט נאָך לאַנג אָנהאַלטן אויף אייערע בלעטער.

נעמען די ביימער, מיטן אויפגיין פון דער זון, שפּרייטן אויפסניי ליכט און שאָטן אויף די וועגן, אויף די גראָזן און אויף בענק אין פּאַרק, אויף וועלכע עס זיצן שוין מענטשן פאַרטיפט אין די צייטונגען מיט יום־טובדיקן לייען־שטאָף: שטימונג־לידער, חשבון־הנפש־אַרטיקלען, עסייען וועגן יום־טוב־טעג, ווערט דעם לייענער מאָדנע גוט דערפון. די בענק זענען גאַרנישט די זעלבע ווי אין די וואָכעדיקע טעג. די ביימער זענען גאָר אַנדערש. זיי שפּרייטן אַזאַ גרויסע וועלט־נאָענטקייט מיט אַ יום־טובדיקן באַדייט . . .

בייטאָג. אין די שולן האָט מען שוין אָפּגעדאַוונט ייִדן האַלטן שוין נאָך

מענטשן אין מיין לעבן

די יום־טובדיקע מאכלים און הייבן שוין אן צו גיין צו תשליך. זיי קומען פון די ארומיקע גאסן צום וועג, וואס פירט אין פארק אריין, ביז זיי קומען צום שמאלן שטעגל וואס ציט זיך צום טייכל, — זעט דאס שוין אויס ווי א פראַ־צעסיע פון פרומע יידן אנגעטאן אין טראדיציאנעלן טראכט און מיט מחזורים אין די הענט: א פראצעסיע פון אלט און יונג, פון מענער און פרויען, וואס גייט מיט לאנגזאמע טריט טיף אין פארק אריין צום טאל, וואו צווישן אלטעביימער, געדיכטע קוסטעס און בייגעוודיקע לאזעס מיט הושענא־ריטלער, פליסט א טייכל.

דארטן ביים טייכל שטעלן זיך אוים די פרומע יידן מיט געבעט און תפילות, ווארפן זייערע טעגלעכע „זינד" פון א גאנץ יאר אין די „טיפענישן פון ים" . . . דאס טייכל רירט זיך קוים. נאר אויפן וועג צווישן בערגלעך און טאלן ווערט דאס וואסער אימפעטיקער, ווי עס וואלט זיך באפרייט פון דער לאסט פון די „אריינגעווארפענע עבירות" און ווען דאס טייכל פליסט צום בארג אראפ פון פעלדזיקן שטיין, ווערט דאס א רוישיקער וואסערפאל וואס יאגט ווייטער, ווייטער, מיט לויטערע שטראמען וואס זינגט מיט דעם גע־זאנג פון די פארליבטע פארלעך, וועלכע זיצן אויף די ברעגן אין דער הייך צווישן די ביימער. די שטראמען טראגן זיך מיט דער פרייד פונעם מאלער, וואס שטייט מיט זיין פענדזל ביים לייוונט און מאלט פאר דער אייביקייט דעם אומרו פון טייך.

פון תשליך גייען נישט אלע יידן באלד אהיים. א סך פון זיי בלייבן אין פארק צו פארברענגען מיט די יידן וועלכע גייען נישט צו תשליך, צו ווינטשן זיך א גוט יאר און מען דערמאנט זיך וויפל יארן עס זענען שוין אוועק פון זינט מען קען זיך. און קענען קען מען זיך פון פאר, פון דער יוניאן, אדער פון דער געגנט וואו מען האט דערצויגן די קינדער.

מערסטע פון די אויסגעהאדעוועטע קינדער ארבעטן אויך נישט היינט, קומען זיי זיך זען מיט די עלטערן און ברענגען זיי אלס מתנות — די אייניק־לעך. די יונגע טאטע־מאמע גייען לאנגזאם הינטער זיידע־באבע און שעפן נחת פון זיידע־באבעס נחת. זיי פרייען זיך מיט דער פרייד פון שכנים און באקאנטע, וועלכע שטעלן זיי אפ און וואונדערן זיך:

— איז לאמיך נאר א קוק טאן אויף דיין בחורע אין „קערידזש". אוי, איך קען שווערן — דער טאטע אויסן אויג!

— וויים איך וואס! ער איז גאר די מאמע מיט די ברעקעלעך! אזוי האט זי דאך אויסגעזען ווען איר מאמע האט זי ארויסגעברענגט אינעם קע־רעדזש אין פארק אריין . . . דאכט זיך, ערשט נעכטן איז דאס געווען . . . יא, מיר ווערן אלט . . .

פאַרנאַכט. פרומע יידן הייבן אָן צו גיין צו מנחה־מעריב אין שול אַריין, נאָר די גאַסן אַרום זענען פול מיט יום־טובדיקן עולם. אין פּאַרק, אויף אַ לײדיקן פּלאַץ, לאָזט אַ יונגער טאַטע פליען אַ „קאַיט" (פּאַפּיר־שלאַנג). דער טאַטע לויפט גיך, לאָזט־נאָך דעם דינעם פאָדעם אין זײַנע הענט, דער פּאַפּיר־שלאַנג פלאַטערט אַלץ העכער איבער די ביימער־שפּיצן אויף די כוואַליעס פון דער לופט. זײַנע קינדער לויפן אים נאָך און רוישן פון פרייד: „דער טאַטע ווייסט! דער טאַטע קען לאָזן פליען אַ „קאַיט" זייער הויך, ביזן הימל!" און דער יונגער טאַטע, קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם, פרייט זיך אויך. און עס איז שווער צו וויסן ווער עס פרייט זיך מער, דער טאַטע צי די קינדער . . .

אויף יענער זייט פּאַרק הייבט שוין אָן צו זעצן זיך די זון. עס נעמט ווערן טונקעלער. פייגל פליען אָן פון אַלע זייטן אויף די צווייגן פון הויכע ביימער. זיי רעשן זיך און טומלען. אפשר גנעזעגענען זיי זיך אַזוי מיטן ליבן זומער, מיט מיין געגנט פון בראָנקס, וואָס איז זיי אַ שאָד צו פאַרלאָזן . . . שפּעטער ווערט שטיל צווישן זיי, זיי פאַרלאָזן די ביימער און לאָזן זיך אין גוטער פאָרמאַציע פליען איבער גרענעצן צו ווייטע לענדער.

אפשר טראָגן זיי אין דעם געפלי פון זייערע פליגל דעם שמועס פון די עטלעכע שרייבער, וועלכע שפּאַצירן צווישן די ביימער און קוקן זיי נאָך מיט בענקשאַפט, אַז זיי זאָלן דאָרטן דערציילן די מענטשן אין די ווייטע לענדער, אַז אַמאָל האָבן דאָ אין דער געגנט געוואוינט אַ סך שרייבער, וועלכע האָבן מיט זייער שרייבן דערגרייכט יידישע ישובים איבער דער וועלט. היינט זענען פיל פון זיי זיך „צעפלויגן" — איז גיט זיי איבער, ליבע פייגל, אַ גרוס פון דעם בראָנקס פּאַרק, פון די ביימער, אונטער וועלכע זיי האָבן זייערע שאַ־פונגען געוועבט. גיט איבער אַ גרוס דער וועלט פון די מענטשן אין מיין געגנט; פון זייערע פריידן, פון זייערע פּיינען, פון זייערע האָפענונגען און די שטילע צאַרטע בענקשאַפט אין די יום־טובדיקע טעג.

אַ שפּיל און אַ נאָמען

**געווידמעט מיינע איינינקלעך סטיוו,
רינאַ און שערי; מיריאַם לי, ברוס
וועין און עליזאַבעט דאַיען.**

צוויי שוועסטערלעך — רינאַ, אַכט יאָר און שערי, זעקס יאָר, זענען געזעסן אויף די טרעפּ פאַרן הויז שטאַרק פאַרטראַכטע. עס איז זיי געווען נישט פריילעך אויף די הערצלעך: אויסגעשפּילט שוין אַלע שפּילערייען און עס איז ערשט האַלבער טאָג.

דער טאָג איז אַ זומערדיקער, אַ לאַנגער. די סקול איז פאַרמאַכט און שפּילן ווילט זיך און עס איז נישטאָ מיט וועמען: פריינדינס זעט מען נישט, די קליינע קעצלעך פון הויף זענען שוין אונטערגעוואַקסן און ערגעץ אַוועק. די מאַמע־קעץ דרעמלען מידע אויף די גראָזן צווישן די קוסטעס און ביימלעך; איז וואָס טוט מען?

זענען די צוויי שוועסטערלעך אַוועק צו דער מאַמען זיך באַקלאָגן: „מאַ, ווי העוו נאַטהינג טו דו!" — מאַמע, מיר האָבן גאָרנישט וואָס צו טאָן. האָט די מאַמע זיי אויסגעהערט מיט אַ שמייכל און צו זיך אַליין געזאָגט: „נעבעך, אַ ביטער רחמנות, געבליבן אָן אַ שטאָד אַרבעט".

די קינדער האָבן געפרעגט: „מאַ, וואָס האָסטו געזאָגט?"

„איך האָב געזאָגט, אַז ס'איז זייער שלעכט ווען מען בלייבט אָן אַרבעט. איז אפשר וואָלט איר אַרויס אין גאַס־אַריין זיך שפּילן?"

האָבן די שוועסטערלך אָבער גענעבן צו פאַרשטיין דער מאַמען: „מיר זענען שוין געווען אין גאַס און אויסגעשפּילט אַלע שפּילערייען: געשפּרונגען איבער אַ שטריק, געשפּרונגען איבער אַ באַל און אָנגערופן אַלע הויפּט־שטעט פון אַמעריקע און פון דער וועלט. מיר האָבן געשפּילט אין 'פּאַטסי' און 'האָפּסקאָטש'. מער האָבן מיר נישט וואָס צו טאָן; איז וואָס זאָלן מיר טאָן?"

האָט די מאַמע זיי געגלעט איבער די קעפּלעך און געזאָגט: „טאַקע זייער נישט גוט, נאָר פונדעסטוועגן גייט נאָכאַמאָל אַרויס אין גאַס און טוט נאָכאַמאָל אַ גוטן טראַכט, און צייט צו טראַכטן האָט איר גענוג, אפשר וועט איר אויסטראַכטן עפּעס אַ נייע שפּיל".

האָבן זיי געפּאָלגט דער מאַמען און זענען ווידער אַרויס אין גאַס, גע־זעצט זיך אויף די טרעפּלעך, אַרומגענומען מיט די הענטלעך די קני, אָנגע־בויגן די קעפּלעך אויף אַ זייט און גענומען טראַכטן.

אָפּגעטראַכט אַ ווײַלע, פֿרעגט דאָס ייִנגערע שוועסטערל דער עלטערער: „עפּעס אויסגעטראַכט?"

— ששי, שלאָג מיר נישט איבער, איך האַלט אין טראַכטן.

האָבן זיי ביידע געשוויגן. געשוויגן אַזוי לאַנג, ביז רינאַ איז מיד געוואָרן פֿון טראַכטן און געפֿרעגט איר קלענער שוועסטערל: „און דו האָסט שוין עפּעס אויסגעטראַכט?"

האָט שערי געענטפֿערט: „אַז איך ווייס נישט ווי אַזוי צו טראַכטן!"

— איך ווייס אויך נישט, און עס איז צו שווער צו טראַכטן.

— איז לאָמיר ווידער גיין צו דער מאַמען. זי איז אַ מאַמע, זאָל זי טראַכטן.

— און אויב די מאַמע וועט נישט וועלן טראַכטן פֿאַר אונדז, — האָט רינאַ געזאָגט, — וועלן מיר בעטן דער באָבען. זי טראַכט שטענדיק פֿאַר אַלעמען.

זיי וואָלטן טאַקע געווען געגאַנגען, האָט אָבער אַ ווײַלע פֿריער זייער עלטער ברודערל סטיוו דערזען דורך זײַן פֿענצטער ווי זײַנע שוועסטערלעך זיצן אַזוי פֿאַרזאָרגט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז איצט איז די צייט אָפּ־צורעכענען זיך מיט זיי פֿאַר שטערן אים צו זען זײַנע פּראָגראַמען אויף טע־לעוויזיע. ער האָט אַ נעם געטאָן זײַן שפּיגעלע פֿון קעשענע, אָנגעשטעלט דאָס קעגן דער זון און געוואָרפֿן דעם בליאַסק פֿון דער שײַן אין זייערע אויגן אַרײַן.

די שוועסטערלעך האָבן אַ שפּרונג געטאָן פֿון די טרעפּלעך און מיט די הענטלעך געוואָלט כאַפּן די שטעכעדיקע זון־שטראַלן. האָט אָבער סטיוו גע־רייצט זיך מיט זיי: געדרייט דאָס שפּיגעלע אַהין און אַהער, אַרויף איבער זייערע קעפּ און אַראָפּ צו זייערע פֿיס, און זיי האָבן זיך געיאָגט, געדרייט, געבויגן, געשפּרונגען, געלאָפֿן און נישט געכאַפּט, און דערביי הילכיק געלאַכט, ווי פֿון אַ שיינער שפּיל.

האָט סטיוו אײַנגעזען, אַז זײַן קונץ אָפּצורעכענען זיך מיט די שוועס־טערלעך איז גאָר געוואָרן אַ שפּיל ביי זיי, האָט ער זיך באַרעכנט, אַז ערשט איצט וועט ער זיך אָפּרעכענען מיט זיי. ער האָט אַרײַנגעלייגט זײַן שפּיגעלע צוריק אין קעשענע אַרײַן און אויס פֿליענדיקע זון־פֿלעקן! נאָר די שוועסטער־לעך איז שוין נישט געגאַנגען אין דעם צו כאַפּן די זוניקע פֿלאַטערלעך, זיי איז שוין געגאַנגען אין לויפֿן, און אין כאַפּן איינע די אַנדערע.

מענטשן אין מיין לעבן

אויף זייער לויפן און לאכן איז אנגעקומען מימי, א מיידעלע פון א יאר זיבן, מיט שווארצע האר, פארקעמט אויף ארויף, מיט עטלעכע ארויסגעפאלע־נע צייענדלעך פון פארנט און מיט א „דזשאמפינג דזשעק" — אזא קאלירטער שטריק, וואס מען פארווארפט אים פון איבערן קאפ אונטער די פיס און מען שפרינגט איבער אים. אז זי האט דערזען ווי די צוויי שוועסטערלעך לויפן און לאכן, איז דאס איר געפעלן געווארן און זי האט געפרעגט: „אין וואס שפילט איר? ווי הייסט די שפיל?"

נאר די שוועסטערלעך האבן זיך געיאגט אין א קרייז, געלאכט און נישט געהאט קיין צייט צו ענטפערן. האט זי זיי נאכגעיאגט, געהאלטן אין איין פרעגן: „אין וואס שפילט איר?" — ביז זי איז מיד געווארן צו פרעגן, איז זי אויך אריין אין דער שפיל.

דערווייל איז אנגעקומען קעראל, א מיידעלע מיט שווארצע צעפ און ערנסטע שווארצע אויגן. זי האט א פרעג געטאן: „מימי, וואס פאר א שפיל איז דאס?" נאר מימי האט שוין געלאכט מיט דעם געלעכטער פון די צוויי שוועסטערלעך און נישט געהאט קיין צייט צו ענטפערן — האט זי בלויז א הייב געטאן מיט די אקסלען און ווייטער געלאפן. האט קעראל לאנג נישט געטראכט און גענומען לויפן מיט אלעמען, יאגן זיך, כאפן און נישט לאזן זיך כאפן.

מיטאמאל איז אנגעקומען ברוסי, מימיס ברודערל. ער איז געקומען אן אויסגעשמירטער מיט שטויב און בלאטע פון א ליידיקן פלאץ, וואו ער מיט זיינע פריינט האבן געשלעפט אלטע ברעטלעך, צווייגן, בלעך, צעבראכענע קינדער־וועגעלעך און דארט געבויט „פאלאצן" מיט טיפע קעלערס אויסצו־באהאלטן זיך פון אטאמישע באמבעס. ער איז געלאפן אין הויז אריין נאך זיין רידל און כאפנדיק א בליק אויף די לויפנדיקע און לאכנדיקע מיידעלעך, איז ער גרייט געווען צו געבן א מאך מיט דער האנט און אויסרופן: „עי קרעיזי געים!" עט, א משוגענע שפיל! פונקט דעמאלט איז אים פארבייגעלאפן זיין שוועסטערל מימי און א רייס געטאן זיך מיט אים: „יו קענ'ט קעטש מי!" — קענסט מיך נישט כאפן.

— א, ניין?! איך קאן דיך נישט כאפן? איך מאך א וועט אין א מי־ליאן דאלער, אז איך קאן אייך אלע מיידלעך אניאגן און כאפן! ווילסט זען?

— יעס! — האבן שוין געענטפערט אלע מיידלעך.

— אלרייט! — האט ער אויסגערופן. זיינע גרויסע, שווארצע אויגן האבן א בליץ געטאן מיט גרייטקייט צום פארמעסט און ער האט א לאז גע־טאן זיך נאך זיי. די מיידלעך האבן אים גענעבן א נעם אריין אין א קרייז און לאכנדיק געשריגן: „דו קאנסט אונדז נישט כאפן!" — און ער נאך זיי. אט־א

כאפט ער איינע ביי די צעפ, שלאגט אים אפ א צווייטע. האלט ער שוין, דאכט זיך, אז אנדערעביים קליידל, ווערט זי נישט אונטער זיינע הענט. און ער יאגט זי נאך, ביז איינע כאפט אים אז פון הינטן ביים פאסיק פון די הויזן, הייבט ער אן צו בריקען, שפרינגען און הירזשען, ווי א פערדל. העלפן אים שפרינגען און הירזשען ווי פערדלעך אלע קינדער, וועלכע האלטן זיך שוין אז איינס אין דאס אנדערע. האבן דאס געלעכטער און הירזשען דערהערט נאך קינדער, זענען זיי זיך צונויפגעלאפן און אריין אין דער שפיל.

פלוצים האט ברוסי אויסגערופן: „איך וויל מער נישט זיין קיין פערדל, איך וויל זיין א לאקאמאטיוו!"

— אלרייט! א לאקאמאטיוו! — האבן אלע געענטפערט און ברוסי האט אנגעהויבן פייפן, טרובען, הודזשען און קלינגען מיט זיין שטימעלע, ווי מיט א גלעקל און געבן סיגנאלן, אז מען זאל אראפ פון זיין וועג, ווייל א באן קומט אן.

נאר זיין יינגסטע שוועסטערל, עלי, וואס איז נארוואס אויפגעשטאנען פון איר נאכמיטיק דרעמל און איז ארויסגעקומען מיט איר זויג־פלעשל אין מויל, האט נישט פארשטאנען די סיגנאלן פון לאקאמאטיוו און איז זיך גע־גאנגען גלייך אריבער די רעלסן. דער לאקאמאטיוו איז מיטאמאל געבליבן שטיין און ברוסי האט זי געפרעגט: „עלי, האסט נישט געהערט די ווארענונג־סיגנאלן?! ווען א באן פארט טאר מען נישט גיין איבער די רעלסן!"

נאר עלי איז געשטאנען מיטן מילך־פלעשל אין מויל, געשמאק געצויגן די מילך דורכן ניפל, געקוקט אויפן ברודער מיט אירע ברוינע, אויסגערונטע אייגעלעך, נישט פארשטאנען וואס ער וויל פון איר און נישט גערירט זיך פון ארט. ער איז געווארן צו איר מילדער און געפרעגט זי: „ווילסט ווערן א „קאבוס", דער לעצטער וואגאן פון דער באן?"

אזוי ווי זי איז געווען דער ליבלינג פון אלע גרעסערע מיידלעך אין הויף, האבן זיי אנגעהויבן זי בעטן זי זאל זיך שפילן מיט זיי: „קום, שפיל זיך מיט אונדז, עלי!"

— קאם אן, „עפל בלאסאם"! האלט זיך אן אין דיין שוועסטער מימי, ווי אלע אנדערע קינדער האלטן זיך אן איינס אין אנדערן. זענען אבער אירע הענטלעך געווען פארנומען מיטן פלעשל. דאס פלעשל מילך וועט זי נישט אויסבייטן פאר קיין שום שפיל, אבער שפילן וויל זי זיך און מיט גרעסערע פון איר. האט זי דאס ניפל פארקלעמט מיט אירע ציינדלעך, באפרייט אירע הענטלעך און אריין אין דער שפיל: געבויגן זיך ווי אלע אנדערע, געטופעט מיט די פיסלעך, אונטערגעשפרונגען און דאס פלעשל אין די ציינדלעך האט זיך געבאמבלט צום טאקט.

מענטשן אין מיין לעבן

פון לײדיקן פּלאַץ האָבן ברוסים פּרײנט געװאָרפן: „העי, ברוסי! קום אַהער! מיר דאַרפן ענדיקן די קעלערס צו באַהאַלטן זיך פון אַטאָמישע באָמבעס!"

— איך האָב נישט קײן צײט! — האָט ער אַריבערגעשריגן צו זײ. — איך בין איצט אַ לאָקאָמאָטיװ און פיר אַ באַן מיט מענטשן!

— װי הײסט די שפּיל?

— איך װײס נישט! — האָט ברוסי געענטפערט און אַ צי געטאָן פאָרױס, די קינדער נאָך אים, מיט אַ הודזשען און פײפן; מיט אַ בײגן זיך און טאַנצן און רײשיקן געלעכטער, װאָס האָט זיך צעטראָגן אין הױף, צװישן די הױכע װענט, צװישן די קוסטעס, בײמער און בלומען, צװישן טאַטעס און מאַמעס, װעלכע האָבן געשמײכלט מיט באַהאַלטענעם גליק: „עס זאָל אונדז נאָר נישט פאַרשטערט װערן".

— אָבער װי הײסט די שפּיל? — האָט אַ מאַמע געװאָלט װיסן.

— גלײבט מיר, איך װײס נישט, — האָט אַ צװײטע געענטפערט און געכאַפּט אַ בליק צו דער בעיבי אין קינדער־װעגעלע.

און אַ באָבע האָט קלוג געשאָקלט מיטן קאָפּ: „עס איז אַ שפּיל פון קינדער־פרײד, און קינדער־פרײד, קינדער־שפּיל, קאָן זיך באַגײן אָן אַ נאָמען . . . "

צווישן מענטשן
אין בראָנקס פּאַרק

.1

עס טרעפט אַמאָל אין אַ מיטנוואָכעדיקן טאָג איך זאָל נישט אַרבעטן, איז דאָס ווי אַן אומגעריכטער יום־טוב ביי מיר. איז אַזאַ טאָג זומער־צייט, ציט מיך אינדרויסן אַרויס. די דרויסנדיקע וועלט הייבט זיך אָן באַלד איבער מיין שוועל. אויף דער אַנדערער זייט שוועל איז דער הויף. און דער הויף איז פול מיט גרינס און בלומען. די בלומען־ביימלעך און קוסטעס זענען פאַרפלאַנצט געוואָרן לויט דעם געשמאַק פון די ערשטע איינוואוינערס, וועלכע האָבן געהאָלפן פּלאַנירן דאָס הויז. אַ סך פון יענע איינוואוינערס זענען שוין אין דער אייביקייט, נאָר זייער יוגנטלעכע פרייד און ליבע צו דער שיינקייט פון לעבן צעבליט זיך דאָ אין דעם הויף יעדן זומער.

פון פרי־פרילינג ביז שפּעט אין האַרבסט איז דער הויף גרין און צעבליט און אָנגעפילט מיט קינדערשער, שטיפערישער פרייד. זייערע שטימעלעך צעקלינגען זיך העלער, מיטן אָנקום פון די ערשטע מילדע ווינטלעך, ווען עס הייבט־אָן צו בליען דער בעז: די צאַרטע, ווייס־בלויע בליעכץ באַווייזט זיך, ווען ווינטער־וואָלקנס יאָגן זיך שוין גיך און דעקן־אָפּ שטיקער בלויען הימל, ווי אַן אָנזאָג: אָט באַלד, אַ טאָג און נאָך אַ טאָג ווערט דער הימל הויך און לויטער. די זון וועט וואַרעמען פון גאַנץ פרי ביז פאַרנאַכט.

ווען דער בעז בליט־אָפּ באַווייזן זיך קנאָספּן מיט אָנגעפילטן זאַפט אויף בלומען־ביימלעך. אין מיט־זומער עפענען זיך די קנאָספּן צווישן די גרינע בלעטער מיט ווייסע און רויטע בלומען. די ווייסע בלומען, ווי גלעקלעך מיט לענגלעכע בלעטלעך, וועלכע פאַרמאַכן זיך ווען עס פאַלט־צו די נאַכט, ווי עס פאַרמאַכן זיך די אייגעלעך פון אַ קינד, ווען עס שלאָפט־איין. אין פרימאָרגן עפענען זיך די בלעטלעך און באַווייזן דעם ליכטיקן טאָג זייערע אינעווייניקסטע שטענגלעך מיט זוימען, גרייט פאַר די האָניק־בינען.

פון הויף איז בלויז עטלעכע שפּאַן צו דער ברייטער גאַס, וואָס ציט זיך ווייט אַוועק צווישן צוויי שורות גרינע ביימער. די גאַס אין אַ מיטנוואָכעדיקן טאָג איז רואיק: דער אויטאָמאָביל־פּאַרקער איז שוואַך און מענטשן — ווינציק. דער גלאַט־געפלאַסטערטער וועג איז אָנגעגליט פון דער הייסער זון, נאָר אויף די טראָטואַרן שפּרייטן זיך קילע שאָטנס פון ביימער. פון הינטער איין ריי ביימער הייבן זיך אַרויס רויט־ציגלנע, פיל־גאָרנדיקע הייזער. פון הינטער

מענטשן אין מיין לעבן

דער צווייטער ריי ביימער וואס אקעגנאיבער, זעען זיך ארויס הילצערנע בענק ביים סאמע צאם ארום דעם פארק. דא־און־דארטן אן עפענונג אריינצוגיין אין פארק אריין.

מיט־זומער אין פארק זענען די גראזן און ביימער זאט מיט גרינקייט — גרינער וועלן זיי שוין נישט ווערן. די ביימער שטייען אונטער דער גליענדי־קער יולי־זון, ווי מידע און פארטראכטע אויפן שייד־וועג פון צייטן, צווישן פארגאנגענעם פרילינג און אנקומענדיקן הארבסט. עס טרעפט עס זאל פאלן א בלעטל פון א בוים, איז דאס נאך נישט פארוויאנעט, נישט פארגעלט און נישט געיאגט פון ווינטן צוזאמען מיט א סך אנדערע בלעטער; פאלט דאס אליין, עלנט און דרייט זיך לאנגזאם אין דער הייסער לופט, ווי פארחידושט: וואס קומט דא פאר? ! שוין? פארוואס? עס איז דאך נאך זומערלעב . . .

אין וואכעדיקע טעג זעט־אויס דער דאזיקער טייל פון פארק ווי א דארף אין שניט־צייט, ווען אלע וועלכע קאנען צולייגן א האנט זענען אוועק אין פעלד אראפנעמען די תבואה און די אנדערע זענען געבליבן אין דער היים; מיט־זומער בייטאג קומען נישט קיין סך מענטשן אין פארק אריין. און די וועלכע קומען זענען מערסטנס „ריטאיערטע" — מענטשן, צוריקגעצויגענע פון ארבעט. זיי מיידן־אויס די שטארקע זון און האלטן זיך אין שאטן פון ביי־מער. ווער עס זיצט מיט א בוך, אדער צייטונג און באהעפט זיך אזוי ארום מיט דער ברייטער וועלט, און ווער עס קוקט מיט שטענדיקן חידוש אויף דער נאטור שיינקייט ארום און בלעטערט אין זכרון די יארן, וועלכע זענען אזוי שנעל פארפלויגן . . .

אנדערע האלטן זיך צוזאמען אין געמיטלעכע שמועסן וועגן זייערע טע־טיקייטן אין „גאלדן עידזש קלאב", ד. ה. — וועגן דעם קלוב, וואו עס קומען זיך צוזאמען די מענטשן פון דער גאלדענער עלטער . . . זייער קלוב־צימער איז די ביבליאטעק, וואס אקעגן דעם פארק. פאר א סך פון די „ריטאיערטע" מענ־טשן איז דאס די צייט פון גאלדענער עלטער. ענדלעך זענען זיי געווארן פריי פון שווערער, רוטינער ארבעט און ערגערניש. ארבעט האט זיך אנגעהויבן ביי זיי אין די פריע יונגע יארן און שווער געדריקט אויף זייערע פארלאנגען און נייגונגען צו פערזענלעכער שעפערישקייט, וועלכע זענען אבער קיינמאל נישט אויסגעגאנגען. געהאפט האבן זיי אויף דער צייט, ווען מען וועט זיך קאנען געבן א נעם און אניאגן פאר אלע יארן. און אז די אויסגעחלומטע צייט איז געקומען, האט מען אנגעהויבן אויספרובירן די כוחות: ווער אויף א מוזיקא־לישן אינסטרומענט, דערפילט די פרייד פון זיינע פינגער וואס מיטן באריר אויף סטרונעס באשאפן זיי מעלאדיעס; ווער מיט פענזל און פארבן אויף

לייוונט האָט אויסגעמאָלן זײַן אינעווייניקסטע וועלט! און אַנדערע האָבן אויסגעפונען, אַז אין האַלץ זענען באַהאַלטן וואונדערלעכע געשטאַלטן, פּונקט אַזעלכע ווי אין אייגענעם געמיט . . . האָבן זיי אַנגעהויבן מיטן שאַרף פון מעסערל צו באַפרייען זייערע ליבע געשטאַלטן פון דער האָלצערנער תפיסה...

די וועלכע זענען געבענטשט פון דער נאַטור מיט זינגענדיקע שטימען, וועלכע זענען אַלע יאָרן פאַרהילכט געוואָרן פון שאַפּ־גערויש און טומל און מידקייט, האָבן איצט פון זייערע זינגענדיקע שטימען געשאַפן אַ כאָר. אין די אָוונטן קומען זיי זיך צוזאַמען אין ביבליאָטעק, אָדער אין אוידיטאָריום. דורך די צעלויכטענע פענצטער זעט מען ווי די זינגער פאָלגן־נאָך יעדן באַוועג פון דיריגענטס האַנט. און דער דיריגענט, מיט זײַן זייער סענסיטיוון געהער, כאַפּט־אויף דעם מינדסטן דיסאָנאַנס, דאָן בלייבט זײַן האַנט אומבאַוועגלעך אין דער לופט און די שטימען ווערן פאַרהאַלטן. ער גיט אויפסניי צו פאַרשטיין די שיינקייט און די קראַפט פון האַרמאָניע. און זאָלן די זינגער דאָס געדענקען, ווייל צום קאָנצערט איז שוין נישט ווייט . . . איז נאָכאַמאָל און ווידער־אַמאָל, ביז עס דערהערט זיך אַ גאַנץ און אויסגערונדיקט געזאַנג. און אויף די פּנימער פון די זינגער — אַ צופרידנקייט; צופרידנקייט פון געמיינזאַמער דערגרייכונג.

און מאָדנע ווי די מענטשן פון „גאָלדן עידזש" האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די אייביק־יינגע קוואַלן, פון וועלכע זיי האָבן טיילווייז פאַרזוכט אויפן אייליקן וועג פון לעבן. איצט קומט מען זיך צוזאַמען צו איינעם אַזאַ קוואַל, פון וועלכן זיי שעפן גייסטיקע כוחות פאַר דעם נייעם אופן פון זייער לעבן. דאָס איז דער לייען־קרייז. „אַברהם דוביצקי לייען־קרייז". מיט דעם האָבן די מענטשן פון דער געגנט געערט דעם אָנדענק פון דעם ליבן קולטור־מענטש, וואָס האָט גע־האָלפן שאַפן דאָ יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

די איינוואוינערס פון דער געגנט געדענקען אים גוט. אָפטמאָל דאַכט זיך, אַז אָט באַלד וועט ער זיך באַווייזן . . . גאַנץ פרי וועט ער מיט די עטלעכע טרעפּלעך אַרויסגיין פון הויף, ער וועט אַריבערגיין דעם וועג און אַוועקשפּאַ־נען דורכן פּאַרק צו דער אַרבעט. מען דערקענט אים פון ווייט צוליב זײַנע גרויע האָר און זײַן גלייכן גאַנג. נאָך דער אַרבעט, כאָטש אַ מידער, אײַלט ער זיך צו אַ פאַרזאַמלונג: פון דער יידישער קינדער־שול, צי פון דער קולטור־קאָמיסיע פון הויז, אָדער פון אַן אַנדערער אָרגאַניזאַציע.

שבת אָדער זונטיק אָוונט איז ער גאָר יום־טובדיק געשטימט. דאַן קומען־פאַר לעקציעס, אָדער פאָרלעזונגען. דער אוידיטאָריום איז געפּאַקט מיט מענטשן, און ער איז אויף דער פּלאַטפאָרם לעבן אַ טישל מיט אַ גלאָז וואַסער

מענטשן אין מיין לעבן

פארן לעקטאר, וועלכן ער האלט שוין אין פארשטעלן. זיינע בלויע אויגן קוקן מילד אויפן עולם, זיין פנים שיינט פון פרייד, וואס באלד וועט מען הערן רייד, פון וועלכע מען וועט האבן גייסטיקן פארגעניגן.

קומען די מענטשן פון „גאלדענע יארן" צום „דוביצקי לייען־קרייז" אין ביבליאטעק: פון די פאליצעס קוקן־אראפ ביכער־אוצרות און גאר זעלטענע עקזעמפליארן, וואס זענען היינט א יקר־המציאות, וואס ער און זיין פרוי — איר אויף צו לאנגע יאר — פלעגן אפקליבן. עס קוקן־אראפ בילדער פון די ווענט נאך פון אמאל, און בילדער וואס די היינטיקע מיטגלידער פונעם קלוב האבן געמאלן. זיי קוקן אויף די מענטשן, וואס הערן זיך צו צום פארלייענער, און הערנדיק לויפט אפשר ביי אייניקע דורך א געדאנק: וואלט ער איצט געלעבט, וואלט ער זיך אויך צוגעהערט און שפעטער געזאגט מיט זיין באשיידענעם שמייכל: „יא, ס'איז א פארגעניגן צו זען, ווי גוטע ליטעראטור ווערט א טייל פון מענטשנס טאג־טעגלעכן לעבן . . . "

.2

ביז פארנאכט זענען פאראן ווייניק מענטשן אין פארק. ערשט ווען די זון הייבט־אן פארגיין און די לעצטע שקיעה־שטראלן נעמען מאלן זייערע פאנטאסטישע פארבן אויפן ראנד פון הימל און אויף די שפיצן פון ביימער, — קומען־אן א סך מענטשן פון דער ארומיקער געגנט. זיי קומען פון גרויסע אפארטמענט־הייזער, פון די שטאטישע פראיעקטן־הייזער און פון איינשטאקיקע פריוואטע הייזער. אלע קומען איינצואטעמען פרישע לופט נאך א טאג ארבעט; זיי קומען אפצוקילן זיך פון דער ממש קאלך־אויוונדיקער היץ פון די ניו־יארקער סאבוועיס, מיט וועלכע זיי שלעפן זיך אין ענגשאפט אהיים.

איצט קומען די מענטשן פון זייערע היימען מיט שטולן און בענקלעך צו פארנעמען אן ארט אויפן גרינעם גראז. אנדערע קומען אויף א שפאציר צו טרעפן זיך מיט פריינט און באקאנטע, אדער מיט לאנדסלייט — וועט מען אזוי גיין אויף די קוים־באלויכטענע שטעגן צווישן ביימער און הויכע גראזן, און מען וועט רעדן וועגן דעם־און־יענעם, וועגן זיך און וועגן וועלט־זאכן, ביז די פיס וועלן אנהייבן צו דערגייען די יארן, וועט מען נעמען זוכן אן ארט אויף איינער פון די פארק־בענק און געוויינלעך — נישט געפינענ, וועט מען זיך אנלענען אויף אן אייזערנער פארענטש, וועלכע איז די גרענעץ־צאם צווישן באיסיקל־פארערס און פיס־גייערס.

דא קענען זיך במעט אלע ווי איינוואוינערס פון דער געגנט: מערסטע זענען אימיגראנטן, וועלכע זענען אמאל, מיט יארן צוריק, געקומען אהער פון

פאַרשידענע לענדער. דאַ־הי האָבן זיי מיט פרייד און מיט שווערער מי גע־בויט זייערע נייע היימען. געבויט, נאָר נישט פאַרבויט די בענקשאַפט אין האַרצן צו דער אַלטער היים. ווי אַ טייל פון זייערע נייע היימען איז דער פּאַרק אין די זומער־אָוונטן. פון ביידע זייטן געפּלאַסטערטע וועגן, וואָס שניידן־דורך דעם פּאַרק, לייכטן־אויף אויף הויכע סלופּעס די עלעקטרישע לאָמפּן מיט רונדער, ווייכער שיין, צווישן גרינע ביימער, און זעען־אויס ווי לויכטנדיקע פרוכטן אין דער נאַכטיקער טונקלקייט.

די בייטאַגיקע היץ הייבט־אָן נאָכלאָזן. די לופט ווערט קילער און פריי־שער. פון צייט־צו־צייט טראָגט זיך פאַרביי אַ לייכט ווינטל מיט ריחות פון לויפנדיקן טייכל, וואָס נישט ווייט צווישן ווילדע געוויקסן, און מיטן געשמאַקן ריח פון אָפּגעשניטענע גראָזן. איז דאָס ווינטל ווי אַן אומגעריכטע ליבע באַ־גריסונג אויף וואָס די מענטשן ענטפערן מיט אַ טיפן אָטעם: „אַ־האַ! ס׳אַ מחיה!"

מענטשן־גרופּעס הייבן זיך אָן צו מערן אין פּאַרק. יעדע גרופּע האָט וועגן וואָס צו רעדן און וואָס צו דערציילן צווישן זיך. כאָטש ס׳איז טונקל אין פּאַרק, קומט מיר נישט אָן שווער צו דערקענען אַ סך פון מיינע שכנים אין די מענטשן־רעדלעך. איך דערקען לויט דער געשפּאַנטקייט און אָנגעבויגענע קעפּ פון די אַרומיקע, אַז זיי הערן זיך איין צו מיין שכנה, וואָס צייכנט זיך אויס מיט דערציילן מעשהלעך אָדער שפּאַסן.

מיין שכנה מיטן זילבער־ווייסן קאָפּ, אַז זי דערזעט אַ נייעם אָנקומער, מוז זי אים באַלד עמיצן דערציילן. טרעפט זייער אָפט, אַז איך זאָל זיין איינער פון די, וועמען זי שטעלט אָפּ אינמיטן אַ געאיילטן גאַנג און פרעגט זייער העפלעך: „איר האָט אפשר צייט אויף אַ מינוטקעלע?" כאָטש איך ווייס, אַז איך וועל זיך שווין נישט אַרויסדרייען, ענטפער איך ערלעך אויף איר פראַגע: „ניין, איך בין שפּעט פון דער אַרבעט". קוקט זי אויף מיר מיט אירע בלויע אויגן און בעט: „אַ קליין רגעלע אויך נישט?" — און איר פּנים הייבט אָן צו שמייכלען. זי האָט שוין, הייסט עס, באַמערקט אין מיר מיין נאָכגיביקייט, און זי גיט מיר צו פאַרשטיין: „איך האָב אַ נייעם שפּאַס. איך ווייס, איר וועט הנאה־האָבן פון דעם, איז גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן איידער איך פאַרגעס אים". „נו, מילא — זאָג איך — דערציילט, אָבער נישט מער ווי איין שפּאַס, ווייל איך חלש עסן..."

איצט דערציילט זי דאָרטן פאַרן עולם אַ הומאָריסטיש מעשהלע אָדער אַ שפּאַס. איך ווייס איר אופן פון דערציילן: רואיק, מיט גוטער אינטאָנאַציע, נישט געאיילט, נאָר ווייל ס׳איז געקומען צו רייד דערציילט זי... די צו־

מענטשן אין מיין לעבן

הערערס זענען שטיל, די בלעטער אויף דיביימער איבער זיי זענען שטיל, און פון ווייטן, פון דאָרטן וואו בייטאָג זיצן מענטשן ביי קאָרטן אָדער שאַך, הערט זיך איצט דאָס שפּילן פון אַן אַקאָרדיאָן. דער שפּילער זיצט אויף אַ הילצערן קעסטל, אויף וועלכן עס זענען בייטאָג געלעגן קאָרטן אָדער אַ דאָמינאָ, און ער שפּילט. דער שפּילער איז אַ הויז־פאַרבער, אַן אַלטער איינוואוינער פון דער געגנט. ער איז נישט פון הויכן וואוקס, און דער אַקאָרדיאָן איז גרויס. ווען ער שפּילט ווערן ביידע איינס — נישט הויז־פאַרבער און נישט אַקאָרדיאָן — נאָר האַרץ און נשמה, וואָס שפּילט־אויס בענקשאַפט, פרייד און טרייסט, וואָס גיסט זיך אַריין אין דער קוים־באַלויכטענער טונקלקייט פון אָוונט. איז שווער צו וויסן, צי הערן זיך איין די מענטשן צום שפּאַס, וואָס מיין שכנה דערציילט, אָדער צום שכן, וואָס שפּילט דאָרטן ווייט אַוועק, ביז עס דערהערט זיך אַ הילכיקער געלעכטער. די מוזיק־טענער מישן זיך אויס מיט זייער הנאה. און די דערציילעריז מיטן זילבער־ווייסן קאָפּ — גלייך גאָרנישט וואָלט געשען. זי וואַרט דאָס געלעכטער זאָל זיך איינשטילן, וועט זי זאָגן:

— שאַט נאָר, און דעם אַנעקדאָט וועגן . . . האָט איר שוין געהערט?

— געהערט, נישט געהערט — דערציילט! מיר ווילן אייך הערן.

און אַביסל ווייטער, לעבן דעם איינציקן איבערגעבליבענעם שטיינערנעם באַרג מיט אַלטע, גרויסע ביימער אַרום, דאָרטן וואו עס איז איצט אויסגעזעצט אַ ברייטער קרייז מיט מענטשן, דערקען איך פון ווייטן נאָך אַ שכן. איך דערקען אים נישט נאָר צוליב זיין אויסזען — אַ הויכער, פון גלייכן געשטעל, מיט אַ גרויען קאָפּ און אַ לענגלעך־שמייכלדיק פּנים, — אַ מענטש מיט וועמען ס'איז אַ פאַרגעניגן צו שמועסן. ער איז מער פרעגער, ווי ריידער. זיינע פראַגן זענען אָבער אָנרעגנדיקע צו ווייטע געשפּרעכן. אַן ענטפער וועט ער אויסהערן מיט דרך־ארץ און געדולד. און בלייבט ביי אים עפּעס אין ספק, איז ער גרייט צו לויפן אין הויז אַריין, נאָכזוכן אין אַ ספר, צי אין אַ בוך דעם ריכטיקן פּשט. נאָר טאָמער שפּאַרט מען זיך נאָך אַלץ מיט אים, האָט ער אַן אויסוועג:

— ווייסט איר גאָר וואָס? איך וועל אָנשרייבן אַ בריוו אין רעדאַקציע, און אויב איר ווילט — אפילו צום רעדאַקטאָר אַליין! וועלן מיר זען ווער ס'איז גערעכט!

נאָר נישט צוליב דעם נאָר־וואָס אויסגערעכנטן דערקען איך אים פון ווייטן אין דער אָוונט־טונקלקייט. איך דערקען אים דערפאַר, ווייל ער האָט אַ טבע צו שטיין, בשעת אַלע אַרום זיצן. דערפאַר מאַכט ער פון ווייטן דעם איינ־

דרוק ווי איינער וואָס פירט־אָן מיט אַ פאַרזאַמלונג. אין דער אמתן איז אים אַזוי גרינגער אויפצוכאַפּן די רייד פון מער מענטשן. און אויב עפּעס לייגט זיך אים ניט אויפן שכל, וועט ער ערשט דעמאָלט לאָזן הערן זיין שטים:

— „אַנטשולדיקט, איך האָב אייך געוואָלט עפּעס פרעגן".

איצט האָט ער זיך צוגעהערט צו אַ מעלאָדיע, וואָס אַ פרוי האָט לאַנג־זאַם פאַרצויגן, אַזוי אַז איר מאַן זאָל דערוויַיל קאָנען „אַנטאַנען" זיין מאַנדאָ־לין אין האַרמאָניע מיט איר געזאַנג. ביסלעכווייז האָט איר שטים אָנגעהויבן צו שטייגן העכער און די ווערטער פון ליד זענען ביי איר אַרויסגעקומען דייטלעך מיט דער אַדעסער אויסשפּראַך. מיין שכן, וואָס האָט אַ טבע צו שטיין, האָט אונטערגעהאַלטן דאָס געזאַנג, דערוויַיל שטיל, פאַר זיך אַליין, ניט צו פאַרלירן דעם ריטעם, ביז ס'וועט קומען צום רעפרעין. דאַן וועט ער האַסטיק אַ באַוועג טאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט דערמיט אַלעמען געלאָזט וויסן: „אָט אויף דעם האָב איך טאַקע געוואַרט!". און התלהבותדיק זיך צע־זונגען. זינגענדיק וועט ער אַ פיר געבן ברייט מיט די הענט אין דער לופטן, ווי איינער וואָס וויל ניט מפסיק־זיין, נאָר אַלע אַרום פאַרשטייען, אַז דאָס לאָדט ער זיי איין מיטצוזינגען.

סיי־ווי־סיי האָט דאָס געזאַנג שוין אַריינגעגאָסן זיך אין די געמיטער פון די מענטשן און אָפּגעפרישט דעם קיינמאָל־נישט־אויסגעלאָשענעם באַ־גער צו זינגען. און אַז מיטן פאָלקס־ליד גייט־אויף אַזאַ זיס־פיינלעכע בענק־שאַפט נאָך די וויַיט־פאַרפלויגענע יאָרן, ווערט פון אַלע שטימען איין כאָר. זינגען אַלע, נאָר יעדער באַזונדער לעבט־איבער עפּעס אייגנס פונעם פאַר־צויבערטן אַמאָל: דער אַמאָל, וואָס איז פאַרבליבן ערגעץ אין אַ וויַיטן לאַנד — ערגעץ אין אַ שטאָט, צי אַ שטעטל; אין אַ דאָרף צי אין אַ דערפל. און דורך דעם פאָלקס־ליד דערזעט מען טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער. איצט זינגען־אויס די מענטשן זייער דערוואַכטע בענקשאַפט אין דער רחבותדיקער פּאַנאָראַמע פון אַ זומער־נאַכט אין בראָנקס פּאַרק. די לופט איז אָנגעפילט מיטן אַמאַליקן ראָמאַנטישן צער:

„פאָרן פאַרסטו פון מיר אַוועק, טייער לעבן מיינס, מיט וועמען לאָזטו מיך דאָ איבער . . . "

די ביימער הערן זיך איין מיט פאַרטראַכטע קעפּ קעגן דעם אויסגע־שטערנטן הימל. די לבנה, אַ בלאַסע, קוקט־אַראָפּ אַזוי אומשולדיק, ווי מיט יאָרן צוריק ביים געזעגענען זיך: „עס ווילט זיך דען אַוועקפאָרן פון אייגענע און ליבע? אָבער אַז די נויט טרייבט . . . נישטאָ קיין ברירה!"

און אָט אַקאָמפּאַנירט שוין די מאַנדאָלין דאָס געזאַנג וועגן גראַנגל פאַר אַ בעסער לעבן אין דעם נייעם לאַנד:

„נישט זוך מיך דאָרט וואו מירטן גרינען, געפינסט מיך דאָרטן נישט, מיין שאַץ . . . "

פון ברייטן מענטשן־קרייז האָט זיך דערהערט דאָס קול פון אַ פרוי. — איך בעט אייך, זינגט . . . אַ, ס'איז מיר אַרויס פון געדאַנק דער נאָמען פון ליד! דער נאָמען דרייט זיך מיר אויף דער צונג . . . די מעלאָדיע גייט אַזוי. — און עס כאַפּן אַלע אונטער די מעלאָדיע אין איין כאָר:

„שנעל לויפן די רעדער, ווילד קלאַפּן מאַשינען, אין שאַפּ איז שמוציק און היים . . . "

3.

דאָס ליד פון דוד עדעלשטאַט האָט מיך דערמאָנט אין ציל פון מיין גאַנג: צו טרעפן דאָ דעם אַרבעטער־שרייבער, וועלכער האָט זיינע בעסטע יאָרן אַוועקגעגעבן אין די שעפּער, וואו עס איז „שמוציק און היים" . . . ווען נאָר איך הער אַ ליד אָדער דעקלאַמאַציע וועגן דעם לעבן אין שאַפּ, פאַרבינדט עס מיינע געדאַנקען מיטן באַשאַפער פונעם בוך „אַמאָל איז געווען".

ביי מיר אין געדאַנק הייסט דער שרייבער אויך „אַמבאַסאַדאָר", צוליב דעם וואָס ער רעפּרעזענטירט אַ סך מענטשן פון דער געגנט אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס. דעם דאָזיקן נאָמען האַלט איך פאַר זיך אַליין, ווי מיין אייגע־נעם צוגאָב צו זיינע פיל ליטעראַרישע נעמען, אַ חוץ דעם אייגן־נאָמען שעפּסל, וואָס זיין טאַטע, עליו השלום, האָט אים געגעבן. שפּעטער איז פון דעם נאָמען געוואָרן אין אַמעריקע סעם, און — סעם ליפּצין.

אין לויף פון יאָרן זענען ביי אים צוגעקומען פען־נעמען, לויטן זשאַנר פון זיין שרייבן, וועלכע האָבן טיילווייז דערציילט פון זיין טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער: „קוועקזילבער" — זייער באַוועגלעך, רירעוודיק, סיי מיט דער פען, סיי אין זיין רעדן און אויך אין גאַנג. „פעטער שעפּסל" — גוטמוטיק, געטריי און צוגעלאָזט, טאַקע ווי אַן אמת'ער פעטער, וואָס איז כמעט ווי אַ זיידע . . . „אַנקל סעם".

ער האָט נאָך נעמען, נאָר ווער קאָן זיי אַלע אויסרעכענען אויף אויסנווייניק? פונקט ווי ס'איז שווער צו געדענקען אויף אויסנווייניק אַלע נעמען פון די עטלעכע־און־צוואַנציק ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. אָדער ווי ס'איז שווער אויסצורעכענען אַלע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, אין וועלכע ער האָט געשריבן אין פאַרשידענע צייטן. און שרייבן שרייבט ער כמעט זינט ער איז אין אַמעריקע, געקומען איז ער אַ יינג יינגל און באַלד פאַרזוכט דעם טעם פון אַרבעטן אין סוועט־שאַפּ, און דערפילט די ווילדע הערשאַפט פון די באָסעס, קעגן וועלכע ס'האָט זיך אָנגעצונדן אַ הייליקער צאָרן אין זיין יינגן רעוואָל־

טירנדיקן געמיט. אינגיכן האָט זיך זיין צאָרן אַריינגעגאָסן אין אַלגעמיינעם אויפגעבראַוזטן לעבן פון די אַרבעטער. כדי צו העלפן צוימען די הפקרות פון די באַלעבאַטים, האָט ער זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט דער פּיקעט־לאַין און מיט דער פּען.

„די שטונדע האָט געשלאָגן צו ענטפערן דעם רוף;
פון אַלע זייטן קלינגט שויז, אַרבעטער שטייט־אויף . . . "

ווען נאָר איך הער פון דער בינע, אָדער ביי געזעלשאַפטלעכע פאַרזאַמלונגען, פאַרלייענען אַ מעשהלע, אַ מאָנאָלאָג, אַ הומאָרעסקע, אַ ליד, צי אַפּגעטאַקטע אַפאָריזמען, — דערזע איך דעם עמכא׳דיקן שרייבער. מעגן די פאַרלייענערס נישט דערמאָנען זיין נאָמען, דערקען איך אים אָבער דורך זיין סטיל. און מעג ער זיין אין דעם געגעבענעם מאָמענט ווי ווייט פון מיר, דערזע איך אָבער דעם שרייבער מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ ברייט לאַבעדיק פּנים.

איך האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אַז דעם גוטברודערישן שמייכל. אַפילו דעמאָלט, ווען די „שטאַרקע", וואָס האָבן פאַר אַ שטיק צייט געהאַט זיך איינגענעסן אין זיין פאַר־יוניאָן, האָבן אים צעשלאָגן, נאָר אַ צעביילטער האָט ער זיך דורכגעריסן צו דער פּלאַטפאָרם און געלאָזט הערן זיין מוטיק און ערלעך וואָרט צו די אַרבעטער, — אויך דעמאָלט האָט אים נישט פאַרלאָזט דער שמייכל. איך האָב אים געזען אין שפּיטאָל מיט ברוין־און־בלויע צייכנס אויפן פּנים. דער קאָפּ — באַנדאַזשירט, בלויז אַ טייל פון איין אויג האָט זיך אַרויסגעזען און די עטוואָס־ברייטלעכע נאָז, האָט דער טייל פון אויג און נאָז געשמייכלט. איך זע אים זייער אָפט אין אַ ווערטער־געראַנגל מיט זיינע אידעאישע קעגנער, נאָר אויף זיין פּנים איז נישטאָ קיין סימן פון בייזקייט.

אָפטמאָל טראַכט איך, אַז דער שעפּסל — סעם ליפּצין, איז טאַקע אין אמתן געקומען אויף דער וועלט „צעלאָד־עם די טרערן", ווי ער האָט אַ נאָמען געגעבן איינס פון זיינע ביכער. נישט מיט געוויין, ווי עס ווערן געוויינלעך געבוירן קינדער, נאָר מיט געלעכטער, צו־להכעיס דעם נישט־יושרדיקן סדר פון לעבן, וואָס האָט אויסגעטיילט אויף זיין חלק גענוג נויט און קלעפּ, אָבער די קלעפּ האָבן אים נישט דערשלאָגן, נאָר אַרויסגעשלאָגן ליכטיקע פונקען פון זיין געמיט. פון די פונקען זענען געוואָרן פלאַמען, וועלכע האָבן באַלויכטן זיין לעבנס־וועג.

און ווען איך האָב דערהערט דאָס געזאַנג פון שאָפּ־לעבן, האָט עס מיך גלייך דערמאָנט אין דעם אַרבעטער־שרייבער און זיין ליד „מיינע ירושות".

„פון איין זיידן האָב איך אַ ירושה זיין נאָמען,
פון צווייטן — צו לערנען וואָס מער.

מענטשן אין מיין לעבן

פון דער מאמען — דאס פאלקס־ווארט מאמע־לשון,
און פון טאטן — זיין נאדל און שער . . . ”

ערשט איצט איז מיר געקומען אויפן געדאנק דער ציל פון מיין גאנג, — אים דא צו טרעפן, ווייל ער האט מיר צו וויסן געגעבן, אז ער וויל זיך מיט מיר היינט באגעגענען. איך בין אוועק צו דער באנק לעבן פארק, וואס קעגן זיין הויז, וואו ער זיצט געוויינלעך מיט זיין פרוי, מיט פריינט און באקאנטע. איך האב אים שוין נישט געטראפן, נאר זיין פרוי. איך האב געפרעגט: — אנא־בעל, וואו איז סעם? — און זי האט מיט א שמייכל אויף איר בלאנדן, אוואל פנים, געענטפערט: — א! א שאד, איר האט זיך אויסגעמיטן, ווייל ער איז נאר־וואס אוועק זוכן אייך אין פארק.

איך בין אוועק נאך אים. איך האב זיך ארומגעקוקט: אפשר וועל איך אים דא דערזען צווישן די מענטשן. איך האב געוואוסט, אז ער האט מיך נאך נישט באמערקט, ווארום אויב יא, וואלט ער פון ווי ווייט מיך א רוף געטאן ביים ערשטן נאמען. ער רופט, דוכט זיך, אלע זיינע באקאנטע ביים ערשטן נאמען און זאגט זיי „דו”.

אז איך דערזע אים פריער, רוף איך אים נישט. איך ווייס, אז איך וועל אים סיי־ווי אניאגן, ווייל אים פארהאלט יעדער אויף זיין וועג: אלע קענען אים און קיינער וועט אים נישט דורכלאזן אן א באגריסונג, אן אן אויסטויש פון עטלעכע ווערטער.

עס טרעפט, אז עס זאל אים ווער געבן א שטעל־אפ און אויסרופן: „גוט וואס איך האב דיך געטראפן! וועסט מיר איינשפארן א גאנג. איך דארף באצאלן א „ביל” פארן זשורנאל אין „איקוף”. ווייסט דאך, מיר איז שווער צו פארן אזוי ווייט. דו פארסט דאך אהין סיי־ווי, וועסטו דארטן באצאלן פאר מיר” . . .

אדער: „זע נאר, וואו באהאלטסטו זיך אוים?! איך זוך דיך ארום מיט ליכט! דו קומסט דאך אין רעדאקציע, וויל איך זאלסט אריינגעבן אין ציימונג אט־דאס־א, וואס איך האב אנגעשריבן . . . לייען דאס איבער . . . וואס נעמט דיר אזוי לאנג דאס דורכצוקריכן? ס'איז א באקאנטמאכונג . . . נו, אלראיט, זאל זיין ווי דו זאגסט, איך בין דאך נישט קיין שרייבער, איז גיב דארטן אליין א שטעל איבער וואס מען דארף . . . אבער זע עס זאל ארויסקומען לייטיש, ווייל מיר ווילן א סך מענטשן צו דער אונטערנעמונג” . . .

סעם בייזערט זיך אן אויף אים, נאר דאס פנים ווערט נישט בייז: — קליין ביסטו אליין צו גיין אין רעדאקציע; וואס מיינסטו בין איך דיר א . . . — „אמבאסאדאר” פון דער אומגעגנט.—כאפ איך אונטער אין געדאנק...

4.

נאָר אַ ווײַלע אַרומזוכן אים, האָב איך אים דערזען אַנגעשפּאַרט אין אַ בוים. זעט אויס, אײַנגעהערט זיך צום געזאַנג, וואָס איז געקומען פֿון אינעווייניק פֿון מענטשן־קרייז. ער האָט מיר דערציילט — שטיל נישט צו שטערן די, וועלכע ווילן הערן דאָס געזאַנג — וועגן אַ בריוו, וואָס ער האָט דערהאַלטן פֿון אַ שרײַבער פֿון אַ ווײַטן לאַנד. „עס איז — זאָגט ער מיר — אַ פֿאַרגעניגן צו הערן אַזאַ גוטע מיינונג פֿון אַ שרײַבער וועגן אונדזער ליטעראַרישן זשורנאַל. איך מוז דיר לייענען דעם בריוו, ווײַל וועגן דעם האָב איך דיך טאַקע געוואָלט היינט זען".

ער הייבט־אָן צו זוכן דעם בריוו צווישן פֿיל אַנדערע, וועלכע ער קריגט פֿון אַלע עקן וועלט, וואו עס איז נאָר פֿאַראַן אַ יידישער ישוב. ער טראָגט זיך אַרום מיט זיי ווי מיט טײַערע אוצרות. דערווײַל האָבן זיך דערטראָגן צו אונדז די טענער פֿון געזאַנג:

„לחיים — פֿון צרות מער נישט וויסן.
לחיים — נאָר פֿון פֿרייד געניסן ! . . . "

ער האָט אויף אַ ווײַל אויפֿגעהערט זוכן דעם בריוו. אויף זײַן פּנים איז געווען דער שטענדיקער ברייטער שמייכל, נאָר דער שטערן איז געווען פֿאַרטראַכט און ער האָט געשוויגן, וואָס דאָס איז אַ זעלטנקייט . . . איז אפשר געקומען אַ נײַע טעמע צו אים אין קאָפּ אַרײַן ? און עס קומט מיר אויפֿן זינען זײַנער אַן אַפֿאָריזם : „מיט אַ שטיקל אָרעמען בלײַפֿעדער קאָן מען פֿאַרצייכענען די רײַכסטע געדאַנקען" . . . אָט, דוכט זיך, וועט ער אַ נעם טאָן איינעם פֿון זײַנע פֿיל בלײַפֿעדערס, וועלכע האַלט שטענדיק גרייט אין זײַנע אייבערשטע קעשענעס פֿון רעקל און פֿון העמד. נאָר ער טוט דאָס נישט. איז אפשר טראַכט ער נאָר אַלץ פֿון זײַן ליד „מײַנע ירושות" :

„פֿון עלטערע פֿירערס האָב איך אַ ירושה,
ווי צו דינען דעם פֿאָלק און מײַן קלאַס.
כ'בין שטענדיק פֿול מיט מוט און בטחון —
פֿאַרלאָר יעדן ווייטיק מיט שפּאַס" . . .

איך וואונדער זיך איצט אויף דעם מענטשן, וואָס שטייט לעבן מיר : אַ מענטש איז געקומען פֿון קליינשטעטלדיקער גרויסער אָרעמקייט, וואו ווינטער־צײַט זענען די ווענט פֿון דער וואוינונג געווען אַזוי נאַס און אָפּטמאָל באַדעקט מיט שנייאיקן פֿראָסט, אַז זיי האָבן נישט מורא געהאַט פֿאַר דעם פֿײַער פֿון ברענענדיקע קינדלעך פֿאַרשטעקט אין די שפּאַרעס פֿון די ווענט, צו באַלײַכטן — אַנשטאָט אַ לאָמפּ — די פֿינצטערניש אין שטוב . . . איז אָט

מענטשן אין מיין לעבן

דער מענטש אויסגעוואקסן מיט א גוטמוטיקן פנים, מיט א פריילער געמיט, מיט גרויסע האפענונגען און א שטארקן ווילן צו פארטרייבן די פינצטערניש און נאסע וועגט פון אומעטום . . . איצט שטייט ער דא, ווי אן עושר . . .

„מיין פארמעג — הונדערטערס אין סקיצן,
טויזנטערס — אין אפאריזמען, פעז־שפריצן —
פון אלץ וואס כ'האב געקענט נאר באשרייבן" . . .

אט דאס פארמעגן האט ער געשאפן פארן פאלק און געשפרייט דאס מיט א ברייטער האנט . . .

איך וואלט ער זאל לייענען דעם בריוו, נאר ער שווייגט. אפשר טראכט ער אויך, ווי איך, וועגן דער פרידלעכער זומער־נאכט אין בראנקס פארק ?....
אויף דעם איינציקן איבערגעבליבענעם שטיינערנעם בארג זיצט איצט א פאר־ליבט פארל. מעגלעך, אז אין זייער פארליבטקייט כאפן זיי נישט אויף די קלאנגען פון אקארדיאן, אויף וועלכן עס שפילט־אויס א דערוואכטע בענק־שאפט דער זייער באגאבטער הויז־מאליאר . . . און זיי ווייסן אוודאי נישט, אז אקעגן איבער איז א רייכע ביבליאטעק, אין וועלכער עס פארזאמלען זיך „ריטאיערטע" און האלטן אין איין אניאגן דאס פארפעלטע פון די יינגע יארן...
און מיר ווייזט אויס, אז אויף די ביימער אין פארק הענגען די רייד און די גלייביקע בליקן פון אברהם דוביצקי, און זיי דערמאנען און מאנען יושר, גע־רעכטיקייט . . . דא, אין דער לופט, איז איינגעוועבט דער געמיטלעכער שפאן פון אריה בלום, וועלכער האט געהאלפן שאפן דאס גייסטיקע לעבן פון דער געגנט . . . דאס פארליבטע פארל אויפן בארג, קעגן דער לבנה, איז סיי־ווי־סיי ווי צארטע טענער פון דער נאכטיקער סימפאניע, ווי עס זענען די שלאפנדיקע בלימלעך אין הויף, און ווי דער פארביקער בלומען־גארטן, עטוואס ווייטער אין פארק . . . אלץ זעט אויס אזוי הארמאניש, אז דאס וויסן וועגן אנגעזאמל־טן געווער פאר מלחמה איבער דער וועלט, — איז אזוי פרעמד און נישט גלייבלעך . . .

— נישט מעגלעך, נישט גלייבלעך. — ווייזט־אן מיט די הענט מיין שכן, וואס האט א טבע צו שטיין ווען אלע זיצן . . . ער רופט דאס אלעמען מיטצו־זינגען דאס פריידיקע געזאנג פונעם ארבעטער־שרייבער שעפסל — סעם ליפ־ציז, וועלכער שטייט לעבן מיר מיטן בריוו אין האנט און ווארט ביז מ'וועט פארענדיקן דאס ליד :

„לחיים — פאר שלום לאמיר שטרעבן,
לחיים — פאר גליק און פרייד אין לעבן !"

פון אונטערוועגנס

געזעגענונג

עס איז געווען אַ ווינטערדיקער פֿאַרנאַכט. אַ פּראַסטיק גרינלעך־בלויער הימל האָט זיך געשפּרייט איבער די ברעגן פֿון איסט־ריווער, וואו עס האָבן געאַנקערט שיפֿן מיט פֿאָנען פֿון פֿאַר־שידענע לענדער.

שיפֿן האָבן געהאַלטן אין אָנקומען, שיפֿן האָבן זיך געגרייט צום אָפּפֿאָרן. פֿון אַ שיף אויף וועלכער עס האָט געווייעט די אַרגענטינער פֿאָן, זענען שוין אַראָפּגעגאַנגען די לעצטע באַגלייטער פֿון די פּאַסאַזשירן. זיי זענען געבליבן שטיין אויף דער פּלאַטפֿאָרם קעגן דער שיף. זיי האָבן זיך געטוליעט פֿון קעלט אין זייערע מאַנטלען, אַרויפֿגערעדט צו די מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען אין ענגשאַפֿט אויף די דעקן פֿון שיף, נאָר דער בייסיקער, קאַלטער ווינט האָט די ווערטער אַוועקגעטראָגן. האָט מען אָנגעהויבן געזעגענען זיך מיט די אויגן, ווער מיט אַ פֿאַר געזונט, און ווער מיט אַן אומעט אין די בליקן: ווער ווייסט צי מיר וועלן זיך שוין ווען עס איז זען . . .

און אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז דאָס געזעגענען זיך וועט אַזוי אָנהאַלטן ביז מען וועט מיד ווערן, וועט ערשט דעמאָלט די שיף אָנהייבן אָפּגיין. נאָר בשעת דעם געזעגענען זיך, האָבן די באַגלייטער אויף דער פּלאַטפֿאָרם אָנ־געהויבן אויסזען קלענער און ווינציקער דייטלעך, ווי אַ דינער נעפּל וואָלט אָנגעהויבן פֿאַרהילן זייערע געשטאַלטן — ביז עס איז געבליבן אַ שוואַכע ענ־לעכקייט אויף זיי. און נישט ווייסנדיק ווען און ווי אַזוי איז דער אויסגע־דאַכטער נעפּל געוואָרן געדיכטער און טונקעלער און אין דער טונקלקייט האָבן זיי זיך דערוווייטערט. פֿון דער ווייטקייט האָבן אָנגעהויבן פֿלאַטערן ווייסע טיכלעך מיט די לעצטע געזעגענונג־וואונטשן אויפֿן ווייטן וועג.

די שיף האָט זיך אויסגעקערעוועט פֿון האַפֿן צום אָפֿענעם ים, אַזוי פֿאַ־מעלעך און רואיק, אַזש עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי נישט די שיף דרייט זיך אויס, נאָר די פּלאַטפֿאָרם מיט די מענטשן דרייען זיך אַוועק און פֿאַרשווינדן, ווי אין אַ דרייענדיקער צויבער פּאַנאָראַמע, וואָס האָט געוויזן, אַט די האַפֿן געביידעס, און אַט באַלד פֿאַבריקן, הייזער, טורעמדיקע מויערן, באַלויכטענע פֿענצטער, וועגט מיטן לעצטן אָפּשיין פֿון זון־פֿאַרגאַנג אויף זיי, קוימענס און רויכן, וועלכע בוואַליען זיך אין דער הייך צום אוונטדיקן טונקל־בלויען הימל

מענטשן אין מיין לעבן

וואָס איז באַלויכטן פון מיליאָנען עלעקטרישע לאָמפּן פון דער ריזן־שטאָט ניו־יאָרק, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין דערוווייטערן פון דער שיף...

און אַט שווימט אַן די פּריוואַט־סטאַטוע מיט איר פאַקל אין מעכטיקן אָרעם, געשטרעקט צום הימל, ווי זי וואָלט געבענטשט די פּאַסאַזשירן אויף דער ווייטער רייזע און זיי אָנגעזאָגט למען־השם נישט צו פאַרגעסן אָפּצוגעבן גרוסן פון אַמעריקע אין די ווייטע לענדער. איז — פאַרט געזונט...

און די שיף פאַרשנעלערט איר גאַנג, ווי זי וואָלט איבערגעריסן אַ פיזישע פאַרבינדונג מיט ניו־יאָרק. די איינציקע באַגלייטער זענען געבליבן די מעווען: זיי זענען געפלויגן נאָך דער שיף, און פליענדיק האָבן זיי ווי אויסגעטאַנצט פאַרשידענע פיגורן: אַט אַ שוועב אין דער הייך און זיי בלייבן אומבאַוועגלעך, גלייך ווי זיי וואָלטן געהאָנגען אין דער לופטן, קוקן פון דאָרטן אַראָפּ צום שוימיקן ים־פּאַס, וואָס די שיף האָט געלאָזט הינטער זיך, און גיבן פּלוצים אַ לאָז אַראָפּ זיך, ווי זיי וואָלטן געפאַלן צו דער שפּייז וואָס זיי האָבן דאָרטן דערזען.

און אַט זענען שוין די מעוועס אויך געבליבן הינטערשטעליק. די נאַכט איז צוגעפאַלן און פאַרלאָשן אויפן ווייטן מערב־ראַנד פון גרינלעך־בלויען הימל דעם לעצטן שוואַכן אָפּשיין פון דער פאַרגאַנגענער זון. די מיליאָנען עלעקטרישע ליכט פון ניו־יאָרק האָבן זיך אָפּגערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער, אָבער נישט אויפגעהערט צו פינקלען, ווי זיי וואָלטן נישט וועלן איבעררייסן אַ וואונדער מעשהלע, וואָס זיי האָלטן אין דערציילן פאַר די עטלעכע פּאַסאַזשירן, וועלכע זענען נאָך געשטאַנען אויף די דעקן פון דער שיף, אַנגעלענט אַן די פּאַרענטשעס, געקוקט צו דער זיך־דערוווייטערנדיקער שטאָט ניו־יאָרק, פון וואַנען עס גרייכט צו זיי דאָס צויבער מעשהלע...

אַמאָל, אַמאָל, לאַנג, לאַנג צוריק איז די איצטיקע ריזן־שטאָט אַ קליין אינדזעלע געווען, מיט שטיבעלעך ביי דער ערד און ביימער אַ סך. אויף ביידע זייטן פון אינדזל — צוויי רואיקע טייכן. און ווייט פון די טייכן אין דער גרויסער וועלט האָבן מענטשן געליטן. זענען זיי געקומען אַהער געיאָגטע, פאַרפאָלגטע און הונגעריקע, גליק און פרייהייט צו געפינען... האָבן זיי דאָ געאַקערט, געגראָבן, געפלאַנצט און געבויט, ביז זיי האָבן געלאָזט לויפן באַנען אין אונטערערדישע טונעלן און באַנען איבער בריקן; זיי האָבן וואָלקן־הויכע געביידעס אויפגעשטעלט, ביז עס האָבן צווישן די טורעמדיקע שפּיצן פון די געביידעס זיך איינגעפּאַסט, ווי אין אַ קרוין פון מענטשלעכער מי, שטיקער הימל־דימענטן, וועלכע מיניען זיך און שעמערירן: ביי־טאָג — מיט גאָלדענע זון־שטראַלן און ביינאַכט — מיט דעם פינקלען פון שטערן...

אונטן, אין די גאַסן, איז אויסגעוואַקסן „אַ שפּיל פאַרן לעבן" פון פיל

פעלקער, פון וואָס די אַלטע שטאָט אָטעמט מיט שטענדיקן באַנייאונג־ריטעם. עס מאַכן זי יונג די געשיקטע רישטעוואַניע־קלעטערער און געניטע קאַנאַל־גרעבער; פלייסיקע וועגן־פלאַסטערער און איילנדיקע פייערלעשערס; טיפע טענער פון גערעכטיקייט־מאַנערס און פון מוטיקע אידייען־טרעגערס; שטי־מען פון צער און פון נצחון־געזאַנגען; פון דעם פלוצימדיקן אַנפלי פון טייַ־בעלער אין אַ רוישיקער גאַס צו אַ קינדעריש אָפענעם הענטל מיט קרישקע־לעך ברויט פאַר זיי; דער שטענדיקער וואונדער פון עלעקטרישע טראַפּיק־ליכט, וואָס שטעלט אָפּ אין איין אויגנבליק טויזנטער זיך יאָגנדיקע אויטאָ־מאָבילן און לאָזט אין גאַנג טויזנטער מענטשן, וועלכע גיבן זיך אַ טראָג אי־בער די וועגן איינע קעגן די אַנדערע, ווי אין אַ „ווירדזשיניאַ ריל טאַנץ" . . .

— איז פאַרגעם נישט צו דערציילן אין די ווייטע לענדער דאָס צויבער־מעשהלע פון דער גרויסשטאָטישער סימפאָניע . . . פאַרגעם נישט . . . דער צייל דאָרטן, אַז אַמאָל, אַמאָל . . .

און די עלעקטרישע ליכטער טוקן זיך און צאַנקען אין דער נאַכטיקער ווייטקייט פון דער שטאָט און דערמאָנען דעם לעצטן פּאַסאַזשיר אויפן דעק ביים פאַרענטש, וועמעס קאַרגע פיר צענדליק יאָר זענען פאַרוועבט אינעם וואונדער־מעשהלע פון „אַ שפּיל פאַרן לעבן" אין דער אייביק יונג־ווערנדיקער שטאָט, אַז אין רויש פון מאַשינען, אינעם ווייטיק פון פאָלקס־צער, און אין שטילער פאַמיליע פרייד, ווי אין פאַרטראַכטן גאַנג איבער די רוישיקע גאַסן, האָט ער נישט אויפגעהערט צו האָפן, אַז ער וועט נאָך אַמאָל פאָרן צו די לעצטע ברידער און שוועסטער זיינע, וואוהין די שיף שניידט זיך איצטער אַ וועג . . .

ער האָט זיך איינגעהערט צום פּלאַפּלען פון די שיף־מאָטאָרן, צום רוישן פון ים, צום פריידיקן געזאַנג אינעם אייגענעם האַרץ, וואָס האָט ערשט איצט פאַרפולקאָמט די גרויסשטאָטישע סימפאָניע מיט דער צאַרטער מעלאָ־דיע פון „אַ חלום ווערט פאַרווירקלעכט" . . .

צווישן ים און הימל

דער ים רעדט צו די, וועלכע הערן זיך איין צו זיין רוישן: אמאָל דער־ציילט דאָס רוישן וועגן די טיפענישן וואו עס ווידמען זיך אַלערליי באַשעפענישן, וועלכע קוקן קיינמאָל נישט אָן די ליכטיקע וועלט, זעען קיינמאָל נישט דעם בלויען הימל, פילן נישט די וואַרעמע זון־שטראַלן און וויסן נישט פון צאַרטער לבנה־שיין, וואָס שפּרייט זיך איבער ביינאַכטיקער ימישער איינזאַמקייט.

ווען דער ים איז רואיק און בלויז קליינע קנייטשעלעך קרייזן זיך אויף זיין פּנים, ווי אַ גליקלעכער שמייכל אין אַ זיסן חלום, דאַן דערציילט דער ים, אַז אויפן בוזעם פון זיינע אָפּגרונטן זענען פאַראַן אוצרות מיט פּערל, קאָראַלן, מושעלן און דימענטן, — זאָלן מענטשן קומען און נעמען לויט זייער געשמאַק. מאַכט זיך אַמאָל, אַז דאָס פּנים פון ים איז ערנסט און גערונצלט, ווי טיפע קנייטשן אויף אַ מאַמעס באַצערט פּנים, וואָס דערציילט פון זונס פאַרצווייפל־טן געראַנגל פאַרן לעבן, בשעת דעם זינקען צוזאַמען מיט דער ברענענדיקער קריג־שיף.

נאָר אַז דער ים באַוועגט זיך שנעל און ראַשיק איז דאָס אַ זיגעריש גע־זאַנג, וואָס דערציילט דער וועלט: איך בין די שטאַרקסטע וואַנט! מיך קאָן מען נישט צעברעכן און נישט צעלעכערן! וויפל קאַנאָנען האָבן געשאָסן אויף מיר, וויפל טאָרפּידאָס האָט מען שוין דורכגעיאָגט אין מיינע וואַסערן, וויפל צינד־באָמבעס האָבן שוין עראָפּלאַנען געוואָרפן אויף מיר, און וויפל אַטאָמישע אויפרייסן האָט מען שוין געמאַכט אויף מיר, און וויפל ברענענדיקע מלחמה־שיפן האָבן געברענט אין מיינע וואַסערן און — איך, ים, בין געבליבן גאַנץ! איך בין געבליבן די שטאַרקסטע וואַנט! כאָטש די וואַנט באַשטייט בלויז פון וואַסער־טראָפּנס, זענען אָבער די טראָפּנס אַ סך, און זיי האַלטן זיך צו־זאַמען . . .

הערט זיך איין דער גרויס־שטאַטישער פּאַסאַזשיר צו די מעשיות, וואָס דער ים דערציילט אים און קוקט פאַרחידושט אויף דעם בראשיתדיקן באַשאַף, וועלכער הערט נישט אויף אַליין צו באַשאַפן נייע באַוועגונג: נייע קנייטשן, נייע רונצלען, נייע תהומען און נייע כוואַליעס.

ווען דער ים איז אַ מילדער שפּילן זיך די כוואַליעס: אַט גיבן זיי אַ הייב־

אויף די ווייסע קעפּ מיט ווייסע שוים־יאַרמעלקעס, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זען ווער עס שטערט זייער רו. זיי גיבן זיך שטיפעריש אַ וואונק איבער: העי! חברה! לאָמיר ווייזן דער פרעמדער זאַך וואָס שניידט אונדזערע וואַסערן ווער עלטער איז! — זיי טוען זיך אַ לאָז צו דער שיף. באַלד שפּרינגען אַרויס פון ים־שוים קליינע כוואַליעלעך און נעמען נאָכלויפן נאָך די גרויסע מיט אַ טומלע־ריי, מיט אַ פּליעסקעריי, ווי עס וואָלט פאַר זיי געווען די גרעסטע שמחה. אַלע אייניינעם גיבן אַ מעכטיקן וויג די שיף, אַז אַט־אַ גלייכט זיך אויס איר קוימען מיטן וואַסער. באַלד גיבן זיי אַ בייג די שיף אויף צוריק, מענטשן האַלטן זיך קוים אויף די פיס און עס זעט אויס ווי דער הימל וואָלט שיכור געוואָרן און וואַקלט זיך אין אַלע זייטן.

מיטאַמאָל, כוואַליעס־בערג און אַ טיפער טאָל אינמיטן, אַ גרוב פאַר דער שיף. אַלץ וועט געשען אין אַן אויגנבליק. און — די שטיפערישע כוואַליעס האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ אין גרוב, אויסגעגלייכט דעם וואַסער־וועג און אוועקגעקייקלט זיך איבערן ים, מיטן ווייסן שוים־געלעכטער געלאָזט וויסן דער שיף: שרעק זיך נישט! מיר האָבן נישט געמיינט קיין בייז. מיר האָבן זיך בלויז אַ שפּיל געטאָן מיט דיר. פאַר געזונט! . . .

כוואַליעס האָבן זיך געהויבן און געפאַלן. ווינטלעך זענען אָנגעקומען פון ערגעץ מיט שפּריצן געזאַלצענעם ים־וואַסער און אוועקגעפלויגן. ווייסע, פּוכקע וואָלקנדלעך האָבן געשוועבט איבער בלויען הימל. דער הימל האָט אויסגעזען אַזוי היימיש אַז ער האָט דערמאָנט אין עפּעס, נאָר שווער צו זאָגן אין וואָס . . . פון דעם אומבאַשטימטן ווערט געבוירן אַ זיסע בענקשאַפט, פון וואָס דאָס געמיט ווערט לייטער און לייכט. פון תענוג פאַרמאַכן זיך די אויגן, און ווי פון פאַרבאָרגענע טיפענישן גייען אויף פאַרגעסענע חלומות. די חלומות פאַרקערעווען די שיף פון דרום צום צפון אַטלאַנטיק אויפן וועג קיין אייראָפּע, און פון דאָרטן גייט אָפּ אַ באַן צום געבוירן־לאַנד . . .

אויפן וואָקזאַל אַזויפיל באַקאַנטע מענטשן. און אָט איז דער טאַטע אין זיין יידיש־פּויליש היטעלע און מיט זיין לאַנגער באָרד. אָט איז די מאַמע מיט דער פאַטשיילע אויפן קאָפּ, פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע, איר פּנים מיט טיפע קנייטשן . . . אָט זענען די ברידער, שוועסטער און ניי־אונטערגעוואַקסע־נע קרובים. אַלע — אַ צעבליטער משפּחה־גאָרטן. אינעם גאָרטן — מיין גע־ליבטע . . . ווידער שפּאַצירט מען אויף דער אייגענער ערד אין די זעלבע אַלייען פון שטאָטישן גאָרטן. דורך די צווייגן גיסט זיך ווייסע לבנה־שיין, אינעם שטילן רוישן פון די בלעטער וועבט זיך אַ סודותדיק געזאַנג: „איך וועל נישט פאַרגעסן די נאַכט, זאָגט ער צו איר אין דער שטיל . . .״

— ביסט צופיל אויף דער זון. קום אַהער, דאָ איז שאָטנדיק. — רופט

מיינע. און עס ווערט מיר קלאָר, שוין צום וויפלטן מאָל, אַז דאָרטן אַהין, וואו־היז איך ביז נאַר־וואָס געפאָרן אין מיין בענקשאַפט, וועל איך שוין נישט פאָרן. איך וועל שוין מער נישט זען דאָס דערפל פון די פריע קינדער־יאָרן; נישט זען דאָס טייכל וואָס פליסט צווישן גרינע לאָנקעס, נישט זען מער פאָרן הויז די ביימער מיט עפל, ווען זיי הייבן אַן צו קריגן רויטע „בעקעלעך" פון דער זון. מער וועל איך נישט הערן דאָס רוישן פון די באַרן־ביימער אויפן בערגל ביים זאַמדיקן וועג. און מער וועלן מיך שוין נישט לאָקן די רייפע פלוי־מען מיט בלויען טוי, וועלכע ציען אַריבער די צווייגן איבערן פּלויט פון קריסטלעכן שכן . . . אַהין וועל איך שוין נישט פאָרן, — קיין אייגענע זענען דאָרטן נישט געבליבן . . .

די בענקשאַפט לאָזט נישט אָפּ . . . שניידט די שיף זיך אַ וועג איבער אָקעאַן צו ווייטע, דרום־אַמעריקאַנער לענדער, צו צעזייטע ברידער און שוועס־טער. דאָרטן וועט מען רעדן שטיל, פאַרטראַכט, צוזאַמען וועט מען זוכן וועגן און סטעזשקעס פון די קינדער־יאָרן. מיט פאַרשטיקטע שטימען וועט מען דער־מאָנען די פאַר־דער־צייט־פאַרשניטענע אייגענע. מען וועט זיך דערמאָנען אין קינדערשער ווידערשפּעניקייט צו טאַטע־מאַמע און עס וועט באַנג טאָן. און מען וועט זיך חידושן: זע נאָר, געדענקסט נאָך? וויפל יאָרן איז שוין אין דעם? . . .

— זע, דאָס סוועדערל איז שוין באַלד פּאַרטיק! — שלאָגט מיר איבער מיין פרוי די געדאַנקען מיט איר פרײדיקן אויסרוף פון דערגרייכונג. קוק איך אויף די בלאַנקע שפּיזלעך מיט וועלכע זי שטריקט אויף דער ווייטער ים־רייזע, אַ רויט סוועטערל פאַרן יינגסטן אייניקל מיט שוואַרצע האָר . . .

— איז וויפל יאָרן אין דעם? — פּרוביר איך צוריק פאַרבינדן די איבער־געריסענע מחשבות.

און עס גייט אויף אַ פרייד . . . ווידער רעדט מען פערזענלעך צו ברידער, צו שוועסטער, צו אייגענע, און מען וועט פאַר אַלע יאָרן אַראָפּרעדן זיך פון די הערצער . . . רעדן און זיין צוזאַמען און פרייען זיך ביז די לאַנגיאָריקע בענק־שאַפט וועט זיך איינשטילן . . .

— ביסט כאָטש אַ מבין ווי שיין אונדזער יינגסטע אייניקל וועט אויסזען אין דעם סוועטערל? ! — האָט מיינע אויסגעזונגען איר אַבעשע פרייד אויפן פרייען ווינט פון ים.

איך האָב אונטערגעהאַלטן מיט די ווערטער פון יהודה הלוים ליד: „גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע און דערציייל זיי פון מיין גליק" . . .

אַ טאָג ווערט געבוירן

ערשטע עטלעכע טעג אַז די שיף איז אָפּגעפֿאָרן פֿון ווינטערדיקן ניו־יאָרק און שוין זענען מיר ווייט אַרײַנגעפֿאָרן אין אַ מילדן זומערדיקן וועטער. ליבע ים־ווינטלעך אויף דעם דערוווייל אײנציקן שווימענדיקן אינדזל, די שיף.

אויף דעם שווימענדיקן אינדזל ווייסט מען נישט פֿון קיין קלאַסן־צעטיילונג, נאָר פֿון שפּראַכן־צעטיילונג. יעדערער פֿון די פּאַסאַזשירן באַמיט זיך די שפּראַך־גרענעץ איבערצושפּאַנען. צום בעסטן ווערט דאָס געטאָן אין טאַנץ־זאַל: די דאַמע פֿאַרשטייט פֿון דעם העפֿלעכן פֿאַרנייג פֿון פֿרעמדן קאַוואַליער, אַז ער פֿאַרבעט זי צום טאַנצן. פֿיס און פֿרייד ווייסן נישט פֿון קיין גרענעצן, טאַנצט מען צום ריטעם פֿון אוניווערסאַלער שפּראַך — מוזיק.

די אָפֿיציעלע שפּראַך אויף דער שיף איז „ק אַ ז ש ט י ז ש אַ ן" — קאַסטילאַניש, וואָס דאָס איז דער אַרגענטינער שפּאַנישער דיאַלעקט. נישט אַלע פּאַסאַזשירן רעדן שפּאַניש, בלײַבן מענטשן פֿאַרפֿרעמדט. עס ווילט זיך אָבער מאַכן נײַע באַקאַנטשאַפֿט, מעסט מען מיט די אויגן יענעמס אויסזען: מען קוקט זיך גוט אײַן אין פּנים־שטריכן, אין מאַניערן, אין זשעסטיקולאַציעס און — עס ווערט קלאָר, אַז מען מעג אָן שום צווייפֿל אָנהייבן. טראָגט מען יענעם אַנטקעגן אַ היימישן „גוט מאָרנינג", ווי אַן אַרײַנפֿיר צו אַ שמועס. באַלד קומט אַן ענטפֿער: „בוענאָס דיאַס" באַגלייט מיט אַ שמייכל, וואָס בעט אַנטשולדיקונג: עס טוט מיר לייד, דײַן שפּראַך איז מיר פֿרעמד . . .

שוין טעג און נעכט ווי מען זעט נישט קיין אַנדער שיף אויפֿן ים: נישט קיין ליכט פֿון אַ לײַכט־טורעם בײַנאַכט, בלויז ווײַסע לבנה־שײַן אויף דער דעק פֿון שיף. נישט קיין באַלויכטענער ברעג פֿון אַ לאַנד. אַלץ איז ווײַט, ווי אויף יענער זײַט האָריזאָנט. די ווײַטקייט דערנעענטערט מענטש צו מענטש. דאָ דערזעט מען דעם מענטש נישט אין דער שטענדיק זיך בײַטנדיקער ראַם: גאַס, מאַשין, געבײַדע, געשעפֿט, אײַלעניש, זאָרגן, ערגערניש, פֿאַרדראָס. דאָ איז דער מענטש אַ באַפֿרײַטער פֿון דער שווערער ראַם, וואָס פֿאַרשטעלט זײַן אמת געשטאַלט. עס פֿאַלן אָפּ די גרויסשטאָטישע קלייניקייטן. עס טויכן אויף פֿון פֿריער נישט־געאַנטע טיפֿענישן אין מענטשלעכן האַרץ,

מענטשן אין מיין לעבן

אַ צאַרטע ליבע צו דער נאַטור אַרום, צו דער ווייטקייט, וואָס איז נאָענט, צו דעם פרעמדן מענטשן, צו דעם וואָס איז היימיש געוואָרן. און עס באַווייזט זיך דער מענטש נישט ווי אַ פלאַכע פאָטאָגראַפיע, נאָר ווי אַ פאַרטיפטע קונסט־געשטאַלט אין דימענסיעס, וועלכע גיבן אָנצוהערן אויף נאָך נישט אַנטפּלעקטע סודות . . .

דער מענטשלעכער נייגער וויל דערגיין די סודות, וועלכע, ווי עס דאַכט זיך, וועלן דערציילן וועגן צויבער־וועלטן. באַמיט מען זיך אַריבערצוגיין די שפּראַך־באַריער מיט אַן אָפנהאַרציקן שמייכל און אַ פריינטלעכן בליק. אַ שמייכל דערפרייט. בליקן לאָדן־איין אויף אַ שפּאַציר . . . אָט איז די „פּראָמענאַדע", די אייבערשטע דעק פון שיף: זי איז גרויס און ריין און שמעקט פריש־געוואַשן. פון דאָרטן איז גוט צו זען ווי אַזוי אַ נייער טאָג ווערט געבוירן . . .

עס איז ערב פרימאָרגן: די פּאַסאַזשירן זענען אין זייערע קאַבינעס, בלויז די פריע אויפשטייערס און די שיף־באַדינערס זענען אויף דער דעק. דער אָקעאַן באַוועגט זיך קוים, ווי ער וואָלט זיך געפוילט צו דערוואַכן פון ביינאַכטיקן שלאָף, און זעט נאָך אויס ווי דער גרויער נעפּל, וואָס פאַרייניקט ים און הימל אין איין גערדיכטער מאַסע. די מאַסע האַלט אין איין באַוועגן זיך, און אין איר באַוועגונג גיסט זי זיך איבער פון איין פאָרמע אין אַ צווייטער. עס פורעמען זיך פיגורן פון אומהיימלעכע געשטאַלטן, וועלכע האַלטן אַן אַן אויגנבליק און בייטן זיך איבער אין אַ נייעם אויסזען.

און אין באַוועגונג בייט די גרויע מאַסע אירע קאָלירן: פון טונקל־גרוי אויף אַ שאַטירונג פון העלן גרוי. עס ווילט זיך דערטאַפּן מיטן אויג דעם פאַרבאָרגענעם קוואַל, וואָס גיסט פון אַן אומבאַגרייפלעכן ערגעץ־וואו, טראָפּנס ליכטיקייט אינעם גרויען פאַרטאָג. מיט יעדער ענדערונג גייען אויף אין זכרון פרימאָרגנס: דורך אַ שפּאַרע פון בוידעם זעט זיך אין גרויען נעפּל די פּאָגראָם־באַנדעס אָנקומען . . . אַ פאַרטאָג: אין פאַרהאַנגענעם פענצטער קלאַפּט אַ קאָזאַק, „ווייז אונדז דעם וועג צום באַהאַלטענעם שונא!" — און מען שלעפּט מיט דעם ברודער אויפן גרויען וועג . . . פאַרטאָג ערב יום־כיפּור. אין דרויסן איז אַ שווער־בלייענער נעפּל. מען דאַרף שלאָגן כפּרות, גייט מען אין קאַמער כאַפּן די עופות. זייערע קולות רייסן דאָס האַרץ. מיט אַ בלייען געמיט דרייט מען זיי איבערן קאָפּ . . . אַ פרימאָרגן — ניו־יאָרק: די גאַסן זענען נאָך פאַרשלאָפן, דער מאָגן איז וואַך — נעכטן גאָרנישט געגעסן. דער וועג צו דער מעגלעכער שטעלע איז ווייט. געלט צו פאָרן? — אַ שיינער חלום . . . שפּאַן, שפּאַן . . . צווישן די הויכע געביידעס־שפּיצן ווייזן זיך ראַזעווע וואָלקנדלעך . . .

שלמה וואסערמאן

פון וואַנעט קומען די ליכטיקייט־טראָפּנס? די גרויע פרימאָרגן מאַסע האַלט זיך אין איין לייטערן, ווי עס לייטערן זיך אין מענטשלעכן געמיט די שטימונגען: פון שווערע, דריקנדיקע — אויף לייכטערע, אויף מונטערע, אויף פריילעכע, ביז — גליקלעכע. די נעפּל־מאַסע האָט ווי פון דער העלער הויט געביטן אירע קאָלירן: פון העל אויף העלער, ביז אַ ליכטיקייט האָט אָפּ־געשיידט נעפּל פון וואָלקנס און אָפּגעטיילט ים פון הימל. די וואָלקנס האָבן זיך געהויבן העכער און אין דער הייך גענומען איינזאַפּן אין זיך ראָזעווע פאַרבן. ראָזעווע האָט זיך אָנגעהויבן גיסן אין רויט. רויט האָט זיך צעפלאַמט און אָנגעצונדן די כמאַרעס, וועלכע האָבן זיך געיאָגט אויף דעם בלויענדיקן מזרח־ראַנד פון הימל. דער הימל־ראַנד האָט זיך צעפלאַקערט און ווי אַ פייער־פאַרהאַנג זיך אַראָפּגעלאָזט און אָנגעצונדן דעם ים. ים און הימל איז געוואָרן איין גרויסער האַלב־רונדער פייער־אויוון, וואָס פאַרברענט די לעצטע שפּורן פון דער נאַכט . . .

און די פריע אויפשטייערס ביי די פאַרענטשעס פון דעק, מיט פנימער צעפלאַמטע, ווי זיי וואָלטן געווען אַ טייל פון ברענענדיקן האָריזאָנט, האָבן געקוקט פאַרגאַפט און געמורמלט, יעדער אויף זיין אייגענער שפּראַך, וואָס האָט געקלונגען אי ווי שרעק, וואָס אָט־באַלד וועט פּאַסירן עפּעס אויסערגעוויינלעכס, אי ווי אַ באַדויערונג וואָס מען קאָן זיך נישט טיילן מיט דער פרייד פון גרויסע איבערלעבונגען . . .

די שיף האָט זיך געגליטשט נעענטער צום האַלב־רונדן צעגליטן אויוון וואָס איז געוואָרן אַלץ ווייטער און ווייטער. ווען פון דער ווייטקייט איז אַרויסגעשוואומען די קיילעכיקע זון, איז דער הימל געוואָרן בלאַסער, גלייך ער וואָלט זיך אָנגעטאָן אַ גרויסן כוח אַרויסצושלעפּן די זון פון דער נאַכטיקער פינצטערניש . . .

די וואָלקנס האָבן זיך גענומען לעשן און אויפלייזן זיך אין אַ דינעם, ווייכן געוועב. די זון האָט שוין צוריק איינגעזאַמלט אין זיך אַלע צעזייטע פלאַמען. דער האָריזאָנט איז געוואָרן אַלץ העכער און ווייטער. און די מענטשן, די פריע אויפשטייערס, מעגלעך יעדער איינער מיט שווערע, גרויע פרימאָרגנס פון די פריערדיקע יאָרן, זענען איצט געשטאַנען מיט פריידיקן חידוש אין די אויגן, פון די פאַרבן און קאָלירן וועלכע האָבן אַרויסגערופן זכרונות, זיך באַ־העפט מיט שטימונגען, פון וועלכע עס איז געבוירן געוואָרן אַ געזאַנג אין די הערצער. אַ געזאַנג, וואָס איז אַריבער אַלע שפּראַך־גרענעצן און גערעדט מיט איין פריידיקן לשון: „מיר האָבן געזען! מיר האָבן געזען ווי אַזוי עס ווערט געבוירן אַ נייער טאָג! מיר זענען עדות! . . .”

לאַנדסלייט

אַ לאַנדסמאַן־עמיגראַנט: פֿאַר־לאָזט די היים מיט אַ העמד אין וואַנ־דער־וואַליזע. אונטערוועגנס איבערגע־טאַן דאָס העמד, אַראָפּ פֿון לייב, — אַרויס פֿון זכרון. נאָר די פֿאַרלאָזטע היים וואַנדערט מיט, ווי אַ פֿולע לבֿנה אויף אַן איינזאַמען וועג . . .

וואָס מער איבער נייע וועגן, אַלץ היימישער די אַלטע היים: מען פֿאַר־געסט אַז דער בוים ביים פֿענצטער האָט געהאַט אויך טרוקענע צווייגן, מען געדענקט נאָר דעם צווייט, וועמען דער בוים האָט געבליט . . .

אינעם רווישיקן לעבן פֿון דער נייער היים: מען „אַקערט מיט דער נאָז די ערד" צו ווערן אַ מענטש מיט פּרנסה. עס ציִען זיך די טעג, די יאָרן לויפֿן — אויס עמיגראַנט. עס דאַכט זיך, אַז אַלץ פֿון אַמאָל, אויף יענער זייט ים, איז אויסגעמעקט פֿון געדעכעניש אויף שטענדיק . . .

נאָר ערגעץ אין די טיפֿענישן פֿון האַרץ גייט אויף אַ ניגון, אַ ווייע פֿון אַ ווינטל ברענגט אַ ריח, אַ בליק אויף אַ פֿאַרבייגייענדיקן מענטש, און עס טוט אַ קלאַפּ אין טירל פֿון זכרון אַ לאַנדסמאַן: „איך בין דאָ!"

„זע נאָר ווער איך זע! וואו ביסטו געווען די אַלע יאָרן?"

„אַלע די יאָרן? געווען מיט דיר אויף אַלע דיינע וואַנדערונגען, נאָר ווי אַ „בלינדער פּאַסאַזשיר" אויף אַ שיף, און געוואַרט ביז . . .

„ביז דער שאַרך פֿון אַ בלאַט אויף אַ צווייג וועט דיך אַנטפּלעקן פֿאַר מיר אין די קילע שאָטנס פֿון די ווערבע ביימער אין אַ שבת בייטאָג אין אונדזער גאַס . . . ?"

„געדענקסט נאָך? — וואונדערט זיך דער „בלינדער פּאַסאַזשיר־לאַנדס־מאַן" און ער עפֿנט די שטאָטישע טויערן פֿון דער אַלטער היים. עס לעבט אויף די שטאָט: גאַסן, הייזער, וועגן, ירידים; פּויערים, קרעמלער, וואַר־שטאַטן, „זשעליאַזנע" פֿאַבריקן, דיסטיליאַרניע, וואָקזאַל, — אומעטום באַ־קאַנטע מענטשן . . .

„געדענקסט זיי?"

„צי איך געדענק זיי?!" — דער זכרון האַלט אין איין אויספּאַקן דעם היימישן באַגאַזש: געוואַגטע מענטשן, וועלכע שטעלן אין קאַן זייערע לעבנס

פארן כּלל. מענטשן מיט חכמה, מיט ברייטהאַרציקייט; מענטשן קאַרגע, ענג־האַרציקע. מענטשן פּריילעכע קבצנים, ווערטלזאָגערס און מאַנערס פון גע־רעכטיקייט; מענטשן פון ראָמאַנטישער העלדישקייט, וועגן וועלכע מען זינגט לידער...

אַלץ איז אַזוי קלאָר, אַזוי דייטלעך, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. דעם פּולס פון דער דעמאָלסטיקער היים, מיט דעם אויער צו דערהערן דעם אָטעם פון שטאָט... מען דאַרף בלויז די אויגן פאַרמאַכן און די לאַנדסמאַן־ירושה לעבט אויף אין דמיון...

אַ לאַנדסמאַן איז גאָר אַנדערש ווי אַ באַקאַנטער אָדער אַ חבר, אַ פריינט. כאָטש אין דער אייגענער שטאָט וואָלט אפשר דער לאַנדסמאַן פאַרבליבן ווי איינער פון אַ סך שכנים, אָדער סתם אַ מענטש. אין דער פרעמד ווערט ער אַ לאַנדסמאַן. מען גיט אים אַפּ אַ וואַרעמען שלום־עליכם: „וואָס מאַכט אַ לאַנדסמאַן?" און עס ווערט אַי פריילעך, אַי טרויעריק: דער לעצטער דור לאַנדסלייט... מער וועלן זיי שוין נישט קומען פון דער אַלטער היים, וואָס איז מער נישטאָ. אָבער לאַנדסלייט לעבן נאָך אויף אַלע קאָנטינענטן און עס ווילט זיך וויסן, ווער און וואו זיי געפינען זיך. וויפל פון זיי האָבן זיך באַ־העפט מיט דער קולטור־ירושה, ווער פון זיי איז אויסגעוואַקסן און געהאָלפן באַרייכערן דעם קולטור־אוצר?

אַז אַן עמיגראַנט מאַכט אַ רייזע איבער ווייטע לענדער, זוכט ער אויף די וועגן אַי עפּעס נײַ, אַי — כאָטש אַן ענלעכקייט צו דער אַלטער היים. אויף אונדזער רייזע אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער האָבן מיר געוואוסט, אַז אין אַרגענטינע וואו מיר וועלן פאַרברענגען אַ לענגערע צייט, וועלן מיר טרעפן אַ סך לאַנדסלייט און אַזוי איז טאַקע געווען.

געטראָפן האָבן מיר גוט־אָרגאַניזירטע לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע האַלטן זיך צוזאַמען, אין אַנדענק־טאָג פון די אומגעבראַכטע לאַנדסלייט דורך די היטלער־מערדער. אַ גאַנצן יאָר האַלט מען זיך „צוזאַמען" אין צוויי באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. יעדער לאַנדסמאַנשאַפט־פאַריין האָט געגרייט אַ באַזונדערן קבלת־פּנים פאַר די געסט, מיין פרוי און מיר. אינעם רעכטן פאַריין איז מיין עלטערער ברודער איינער פון די פירנדיקע טוערס. אינעם לינקן פאַריין איז מיין יינגערער ברודער געווען איינער פון די פירנדיקע טוערס. דאָך לעבן זיךביידע ברידער בשלום אַלע זייערע יאָרן.

יעדן טאָג טרעפן זיך ביידע ברידער אין קאַפע ביי אַ „שוואַרץ קאַוועלע", ווי עס איז דאָרטן די מאָדע און זיי רעדן זיך אַראָפּ פון די הערצער, ביז עס בלייבט קיין סוד נישט פאַרהוילן צווישן זיי. איז ווער האָט זיך געקאָנט פאָר־שטעלן, אַז ביידע ברידער זאָלן אונדז לאָזן וויסן מיט איינמאָל:

מענטשן אין מיין לעבן

„דעם שבת־צו־נאכטס איז דער באנקעט פאר אייך פון „מיינע" לאנדס־לייט".

„ביידע מיט איינמאל?" — האב איך זיך געחידושט.

קיינער ארום דעם פאמיליע־טיש האט נישט געענטפערט: נישט די שוועגעריו, נישט די קינדער און נישט מיינע ברידער, וועלכע האבן קיין פאר־בארגענע סודות צווישן זיך, האבן אפשר דאס ערשטע מאל געהאלטן בסוד־סודות די צייט און ארט פון די באנקעטן, כדי דער אנדערער צד זאל נישט פארלויפן דעם וועג. און טאקע צוליב דער שטארקער אפגעהיטנקייט זענען דווקא ביידע באנקעטן צוגעגרייט געווארן אויף איין אוונט . . .

די אומאנגענעמע איבערראשונג פון דער נייעס האט זיך ביי מיר באלד פארוואנדלט אין א שטילער הנאה, וואס מיינע ברידער האבן נישט ווילנדיק דאך געהאנדלט אין די בעסטע טראדיציעס פון אונדזער היים־שטאט . . . און דערמיט באריייכערט דעם אוצר פון אנעקדאטן, מעשהלעך און „חכמות", מיט וועלכע אונדזער שטאט האט פאר פיל דורות געשפייזט די יידן איבער דער גארער וועלט . . .

„וואס זאלן מיר איצט טאן?" — האט מיין שוועגעריו איבערגעריסן די שטילקייט. און הגם זי אליין שטאמט פון דער „קליגסטער" שטאט אויף דער וועלט, האט זי פונדעסטוועגן פארגעווארפן מיינע ברידער: „טאקע נאר כעלעמער קאנען פארקאכן אזא קאשע!"

און מיין פרוי, וואס איז אויך פון כעלם, האט אונטערגעהאלטן די שוועגעריו: „וואס די וועלט טראכט אוים אויף כעלעמער, איז צו גלייבן!..."

די ווערטער זענען געפאלן ווי אויף וואגשאלן, וועלכע האבן זיך איצט געוויגט אין אלעמענס מוחות: צו וועלכע לאנדסלייט גייט מען? גיין צו די? וועט מען פארשעמען יענע. גיין צו יענע? וועט מען פארשעמען די. פארשע־מען טאר מען קיינעם נישט. נישט גיין צו קיינעם? פארשעמט מען אלע. דאס וועלן מיר אוודאי נישט טאן . . .

נאר דא איז אונדז בייגעשטאנען דער זכות פון די כעלעמער חכמים מיט זייערע וואונדערלעכע איינפאלן און אונדז געעצהט: „גייט צו ביידע באנקעטן!"

צו איין באנקעט קומט אביסל פריער און גייט אוועק פריער. צום צווייטן קומט אביסעלע פארשפעטיקט . . . די נאכט איז גרויס, די לאנדסלייט וועלן פארשטיין און פארגעבן . . .

אינעם געאייל פון איין באנקעט צום צווייטן וועלכע זענען פארגעקומען אין פארשידענע טיילן פון בוענאס איירעס, איז דער דיסטאנץ ווי פאר־שוואונדן. עס האט זיך אויסגעוויזן, אז די באזונדערע טירן פון די זאלן זענען

אין איין בניז. נאר דאס וואס די לאנדסלייט פארזאמלען זיך באזונדער, איז ווייל עס איז נישטא אזא גרויסער זאל, וואס זאל אלעמען ארייננעמען אויף איינמאל . . .

די זאלן זענען העל באלויכטן. ביי די שיין־געדעקטע טישן זיצן יום־טובדיקע לאנדסלייט. זיי הערן זיך איין צו די רייד פון פרעזידענט פון דער לאנדסמאנשאפט, זיי הערן זיך צו צו די באגריסערס. אין מיינע מחשבות מישן זיך זייערע רייד מיט זכרונות פון באקאנטע געשטאלטן. איך שאר אראפ מיט מיינע בליקן די גרויקייט פון זייערע קעפ, איך פרואוו באקרוינען די בלויזע קעפ מיט זייערע אמאליקע האר. איך גלייך אוים די קנייטשן אויף זייערע פנימער, און עס אנטפלעקן זיך פאר מיר די לאנדסלייט פון אמאל: ווער דורך א שמייכל, ווער דורך א בליק און ווער דורך א תנועה. איך טראג זיך מיט זיי אויף זכרון־פליגל אריבער אין יענעם ווייטן לאנד פוילן, אין דער שטאט כעלם, און אויף מיין גאס . . . און עס דאכט זיך מיר, אז יענער וואס זיצט דא ביים טיש, טרייבט גאר די דראשקע און איך בין נאך קיינמאל אויף א דראשקע נישט געפארן . . . דארטן — די שכנים פון מיין גאס. עס גייט אויף דער ריח פון מילכיקער וועטשערע און די צעבליטע פעלדער ארום, זיי שפילן דא יידיש טעאטער. און אט לייכטן פון עולם א פאר אויגן ארוים, זיי דערמאנען אין עמעצן . . . א, יא! און זיי ברענגען מיך אין לאקאל פון פועלי־ציון ביי קופערן אויף לובלינער גאס. איז דאס געווען אויף א באל, אדער א לעקציע פון פייוול פריד וועגן ליטעראטור? שווער צו געדענקען . . . אבער יענע מענטשן אינמיטן ביים טיש, דערקען איך באשטימט: די שוועגערין און שוואגערס פון שמואל זיגלבוים, דער פירער פון דעם „בונד" אין כעלם און שפעטער דעפוטאט צום פוילישן סיים. דורך אים עפנט זיך פאר מיר איצט די בונדישע ארבעטער־היים, פול מיט ארבעטער. מען דיסקוסירט, מען ארגאניזירט נייע פאכן. מען לערנט יוגנט צו א באוואוסטזיניקן לעבן. און אט איז יאקוב! איך זע אים איצט דייטלעך, מיט די לאנגע האר און ברייטן קאפעליוש. פאר אים איז די ארבעטער־היים ווי א שטענדיקע און אייגענע היים . . . פלוצלונג קומט אויפן זינען דורך דער פארבינדונג פון די היימישע פנימער פון די פארזאמלטע — משה שימל, דער אינטעליגענטער ארבעטער־טוער, וואס הייבט אן אפציען ארבעטער פון די אלע פארטייען און ארגאניזירט א נייע פארטיי . . .

אלץ איז איצט אזוי נאענט, אפילו דאס וואס איז שוין ווייט אוועק אין דער פארגאנגענהייט לעבט אויף אויפסניי דורך די „בלינדע פאסאזשירן", די לאנדסלייט, וועלכע האבן זיך פאר מיר אנטפלעקט. דורך זיי באווייזט זיך ווידער דאס אומפארמיידלעכע שטעטלדיקע „צעבראכן גאניקל", ווי אויך די

מענטשן אין מיין לעבן

שיינע באַלקאָנען. די טיפּע, פּייכטע סוטערינעס, ווי די רייכע מויערן. די מאַיאָווע שפּאַצירן אין וואַלד אַריין, דאָס ראַטעווען זיך פון די האַלערטשיקעס און אַנדערע פּאַגראָמשטשיקעס . . . מען אַנטלויפט וואוהין די אויגן טראָגן, מען וואַנדערט אויס אין אַלע וועלט־־טיילן . . . איצט, נאָך אַזויפיל יאָרן ווי־דער זיך געטראָפן מיט לאַנדסלייט, וועלכע וועבן ווייטער דאָס געוועב פונעם אָנפאַנג פון דער אַלטער היים, שטאָט, פאָלק און מענטשהייט . . .

שפּעט ביינאַכט. מיר שפּאַצירן איבער די בוענאָס איירעסער גאַסן אַהיים. דער אויסגעשטערנטער הימל, די לופט, די ערד אין דער ווייטער אַרגענטינע איז מיר איצט אַזוי נאָענט און היימיש ווי די לאַנדסלייט, מיט וועלכע מיר האָבן היינט פאַרבראַכט. אַזוי פלעגט מען אַמאָל אין די שפּעטע נעכט אַהיים גיין פון אַן אונטערנעמונג אין כעלם . . . אַזוי דאַכט זיך מיר קאָן נאָר פילן אַ לאַנדסמאַן־עמיגראַנט, ווען מען די אַלטע היים גייט נאָך, ווי אַ פולע לבנה אויף אַן איינזאַמען וועג . . .

מען פאַרגעסט די טרוקענע צווייגן פון בוים, מען געדענקט נאָר דעם צוויט, ווען דער בוים האָט געבליט . . .

מיין
שוועסטער
בײלע

מיין שוועסטערביילע

„... און היט זייער דיין זעל,
זאָלסט נישט פאַרגעסן די זאַכן,
וואָס דיינע אויגן האָבן געזען, און
זיי זאָלן נישט אָפּגעטאָן ווערן
פון דיין האַרצן אַלע טעג פון דיין לעבן ..."
ואתחנן (יהואָש׳ס איבערזעצונג)

ווי מאַדנע: אַ באַוועג פון אַ קינדעריש הענטל פאַר מיין פענצטער זאָל מיטאַמאָל אַזוי ווי אַ צי־טאָן אויף צוריק אין מיין זכרון אַ פילם־לענטע, אויף וועלכער עס האָבן זיך באַוויזן לאַנג־פאַרגעסענע שטעטלעך, דערפלעך, פעלדער און וועלדער; טייכן, ימים און לענדער; טעג, נעכט און סעזאָנען פון יאָרן; מענטשן און געשעענישן — אַלץ אַזוי ווייט פון איצטיקער צייט און פון מיין היינטיקער היים אין אַמעריקע.

מאַדנע ...

געווען איז דאָס אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן, איינער פון מיינע צוויי דורטעג אַ וואָך. אין דעם דאָזיקן טאָג איז פּונקט אויסגעפאַלן תשעה־באב, אַ טאָג פון טרויער אויף אַ סך אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן דעם יידישן פאָלק אין פאַרשידענע צייטן אין זיין לאַנגער געשיכטע.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ הייסער, כמעט אַז אַ ווינטל. די צעגרינטעביימער פאַר מיין פענצטער זענען געשטאַנען ווי פאַרחלשט. זייערע בלעטערשאַטנס זענען געלעגן אויף דער ערד ווי פאַרגליווערט, דורכגעוועבט מיט העלע פלעקן פון טאָג־ליכט, ווי אַ געמעל פון אייביק־אָן אויף אייביק.

אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס־זיבן אין אַ בלוי קליידל איז פאַרביי מיין פענצטער, און לויפנדיק צו די קינדער וואָס האָבן זיך געשפּילט אויפן ראָג פון גאַס, האָט זי אַ באַוועג געטאָן מיט איר הענטל אין דער לופטן צו דער מאַמען, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַ העכערן גאָרן, און ווער ווייסט צום וויפלטן מאָל איר אָנגעזאָגט: „גיב אַכטונג אויף זיך!"

מענטשן אין מיין לעבן

אונטערטאַנצנדיק איז דאָס מיידעלע אַוועק זיך שפּילן, נאָר איר באַוועג פון הענטל צו דער מאַמען איז געבליבן פאַר מיינע אויגן, ווי אַ בילד איינגעפּאַסט אין דער בלויער, לויטערער לופט. און דאָס הענטל, ווי אַ צויבער ציט די פילם־לענטע אויף צוריק, אַמאָל שנעלער, אַמאָל לאַנגזאַם. אַט איז תשעה־באָב . . . נאָך פריער איז געווען שווערער געראַנגל פון טאַטעס, מאַמעס און קינדער פאַר פרייהייט קעגן די שונאים, די אַנפּאַלער, שפּעטער — טרויער, תשעה־באָב . . .

און די אייביק מאַמעשע שטים: „גיב אַכטונג אויף זיך, קינד!" באַגלייט דאָס מיידעלע. אַ קינד דאַרף נישט וויסן פון טרויער . . . נאָר איר הענטל, וואָס איז געבליבן פאַר מיינע אויגן, ווי אין אַ ראַם פון דער פרימאָרגן לופט, איז גיך אַרומגעוואַקסן געוואָרן מיט אַ סך קינדערשע הענטלעך, וועלכע ציען זיך צו טאַטעס און מאַמעס אין די פייערדיקע שלאַכטן מיט די אַנפּאַלער, די חורבן־ברענגער אויף די יידן. קינדערישע הענטלעך שטרעקן זיך אין דער לופטן אין לעצטן לעבן־צאַפּל מיט די רוימישע אַנפּאַלער. קינדער הענטלעך אויף שפּאַנישע שייטער־הויפנס, קינדערשע הענטלעך אין קעשעניוווער פּאַ־גראָם. זיי רייסן זיך פון די גאַז־אויוונס צו טאַטע־מאַמע, די קינדערשע הענטלעך, נאָר נאַצי־מערדער אין מיטן, אומעטום . . .

אפשר האָט די מאַמע מיט איר גליקלעכן שמייכלביים פענצטער פון הויכן גאָרן, וואָס האָט נאָכגעקוקט איר טעכטערל, געטראַכט דערביי וועגן דעם גרויסן גליק צו זען איר קינד זיך שפּילן אין גאַס פריי, וואו זי וויל נאָר. איך האָב זיך געפרייט צו זען ווי אַ קינד שפּילט זיך מיט קינדער. אָבער מאָרגנ, אַז גראָד דער פריידיק־צאַרטער באַוועג פון דעם מיידעלעס הענטל פאַר מיין פענצטער איז אַ געמיטלעכן זונטיקדיקן פרימאָרגן, זאָל מיך דערמאָנען אין צוויי טויזנט יאָריקן תשעה־באָב טרויער . . .

די פילם־לענטע וויקלט זיך און וויקלט זיך, און אַט איז דער באַוועג פון מיידעלעס הענטל אַזוי ענלעך אויף דעם לעצטן באַוועג פון מיין שוועסטערביילעס הענטל . . . איך האָב נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס ראַנגלט זי זיך מיטן מלאך־המות . . . וויפל יאָרן איז אין דעם? ווי אַלט ביסטו, ביילע, געווען? אויף דער פילם־לענטע זענען נישט פאַרשריבן די יאָרן . . . נאָר ביסט נאָך יינג געווען. היינט ווייס איך, אַז ביסט מיט אַ פיר יאָר עלטער געווען פון מיר. אין מיין קינדערישן געמיט האָט זיך איינגעקריצט דער לעצטער באַוועג פון דיין האַנט. איצט מישט די האַנט דיינע אויף צוריק מיינע יאָרן, אפשר וועל איך באַוויזן אויסצורעכענען די צייט, ווען דאָס איז געשען . . .

נייז, אין יענעם תשעה־באָב פון ניינצן הונדערט און פערצן איז דאָס

נישט געווען. יענעם טרויער־טאָג געדענק איך קלאָר: איבער אַלע וועגן ציען מענטשן מיט צדה־לדרך צום מאָביליזאַציע־פּלאַץ, וואָס איז אין שטאָט. צום מאָביליזאַציע־פּלאַץ האָבן זיך צוגעשטעלט מיינע דריי עלטערע ברידער, און מיין שוועסטערס אסתרס חתן שמעון, אַן אויסגעדינטער קאַוואַלעריסט. אַלע אין דער משפחה זענען שוין גרייט צו דער ערשטער איבערלעבונג, צו דער געזעגענונג.

דער מאָביליזאַציע־פּלאַץ איז געווען אַ גרויסער. געזעגענונג־געוויין פון מאַמעס, טאַטעס, ווייבער און קינדער האָט זיך געמישט מיטן טומל פון מענטשן. מיטאַמאָל איז דער טומל מיטן טרויעריקן געוויין פאַרטריבן געוואָרן פון בלויז איין וואָרט: „שלום"...

פון דער גוטער בשורה זענען די הילצערנע לעפל געבליבן שטעקן אין די קעסלען מיט קאַשע, און יעדערער האָט געכאַפּט זיין פּעקל צו לויפן אַהיים: ווער עס האָט געכאַפּט די שטיוול אויף די פּלייצעס און ווער טלית־און־תּפילין, — אַלע האָבן זיך געלאָזט לויפן אַהיים: אַ היים צום שניט אין פעלד, אַהיים צום וואַרשטאַט, צום קרעמל, צו פּרנסה זוכעריי, — אַלע האָבן זיך געטראָגן אויף די פרייידיקע פליגל פון בלויז איין וואָרט: „שלום".

די בשורה האָט זיך גיך צעטראָגן צווישן די מענטשן אין שטאָט:

— אוים מלחמה! קיינער איז נישט געבליבן אויפן מאָביליזאַציע־פּלאַץ!

— מען האָט דאָך באַלד געקאָנט פאַרשטיין, אַז עס וועט נישט זיין קיין קריג...

— נו, טאַקע, ווער וועט זיך דאָס אָנהייבן מיט פאָניעו?...

— זעט נאָר ווי אַלע לויפן אַהיים!

נאָר די שטאָט כעלם האָט געהאַט גרענעצן — ראָגאַטקעס. ביי די ראָגאַטקעס זענען שוין געשטאַנען קאָזאַקן און זשאַנדאַרן. זיי האָבן מיט בלאַנקע שווערדן און נאַהייקעס אָפּגעשטעלט דעם שלומדיקן געלויף אַהיים. פון אַלע וועגן האָבן די מענטשן צוריקגעקערט זיך מיט איין וועג, דער וועג צום מאָביליזאַציע־פּלאַץ.

עס איז געוואָרן נאַכט. שטערן האָבן געפינקלט אין טונקעלן, בלויען הימל. דער תּשעה־באָב איז געווען פאַרענדיקט. נאָר דער טרויער האָט אָנגעהאַלטן. די מאַמע טענהט זיך אוים מיטן רבונו־של־עולם: „פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף? דריי זין, קיין עין־הרע, ווי די סאָסנעס, שיקסטו זיי אין פייער־אַריין. פאַר דער טאַכטער זמן־חתונה אָפּגעשטעלט, נעמסטו צו איר זיווג, אַזוי פאַרשעמען אַ יידישע טאָכטער! פאַר וואָסער זינד?"

דער טאַטע טרייסט. ער זאָגט, אַז די וועלט איז נישט הפקר. דער אייבערשטער וועט שוין אַכטונג געבן, אַז עס זאָל זיך נישט גיסן אומשולדיק

מענטשן אין מיין לעבן

מענטשלעך בלוט . . . און מענטשן זאָגן, אַז מער ווי פיר וואָכן וועט די מלחמה נישט אָנהאַלטן . . .

מיר, די יינגסטע קינדער, האָבן זיך געשראָקן פאַר די „פיר מלחמה וואָכן", און מיין שוועסטער אסתּר וויינט. זי האָט זיך שוין געזעגנט מיט איר חתן. זי וויינט נישט הויך, נאָר אין זיך אַריין. מיר איז זייער שלעכט דערפון, ווייל זי איז אַ גוטע: אַז מיר יינגערע באַגייען אַן עוולה קעגן איר, דערציילט זי נישט טאַטע־מאַמע, נאָר זי וויינט שטיל. אַזוי האָט זי געוויינט ווען מען האָט איר אונטערגעשוירן די לאַנגע צעפּ, מיט וועלכע די מאַמע האָט זיך שוין קיין עצה נישט געקאָנט געבן. דעמאָלט האָב איך זיך צוגעזאָגט, אַז צו איר חתונה, — איך וועל דאַן שוין זיין אַ גרויסער, — וועל איך נישט לאָזן אָפּ־שערן אירע שיינע האָר . . . איצט וויינט מיין שוועסטער און איך ווייס נישט וואָס צו טאָן. וועל איך בעטן גאָט, אַז אין די פיר וואָכן פון מלחמה זאָל איר חתן גאָרנישט שאַטן . . .

די פיר וואָכן זענען שוין לאַנג אַוועק צוזאַמען מיט די זומערדיקע טעג. עס ציען וועגענער מיט פּאַרוואונדעטע פון דאָרטן, וואו עס הערן זיך האַר־מאַטן־ברומען און ביינאַכט ברענען די ראַנדן פון הימל. אין טיפן שניי שלעפּן זיך רעשטלעך פון משפּחות פון צעשאָסענע שטעטלעך און דערפלעך.

דער ווינט האָט געוואָיעט, געטראָגן און געדרייט דעם שניי פון גרייטן. די פענצטער פון שטוב זענען געווען פאַרצויגן מיט אייז און שניי. די טיר האָט זיך אַן עפן געטאָן און עס האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ קאַוואַליעריסט אין אַ לאַנגן שינעל, מיט אַ הויכער פּאַפּאַכע און שווערד ביז די שפּאָרן פון די שטיוול.

„שמעון!" — האָט מיין שוועסטער אויסגערופן. אַ פרייד געמישט מיט שרעק: דער שוועסטערס חתן איז געקומען, אָבער זשאַנדאַרן קאָנען אים כאַפּן אַלס דעזערטיר. איז שלעכט . . . און ער לאָזט וויסן: „איך גיי צום פראָנט, האָב איך זיך אָראָפּגעכאַפּט געזעגענען זיך מיט דיר".

די פרייד פון באַגעגענען ביז געזעגענען האָט גענומען אַן אויגנבליק און ער האָט אַוועקגעיאָגט אויף זיין פערד אין דער שניי־זאַווערוכע אויף שטענדיק . . . אין דעם שטילן טרויער, וואָס איז נאָך זיין אַוועקיאָגן זיך צום מלחמה־פראָנט, געבליבן אין שטוב, ביסטו, שוועסטער ביילע, שוין נישט געווען מיט אונדז . . .

איך געדענק נישט, שוועסטער, איך זאָל ווען־עס־איז האָבן גערעדט וועגן דיר מיט די אַנדערע שוועסטער און ברידער. און דאַכט זיך, איך האָב קיינמאָל נישט געהערט טאַטע־מאַמע דערמאָנען דיין נאָמען. איך ווייס נאָר, אַז אין די טיפע קנייטשן פון דער מאַמעס פּנים איז געווען אַ שטענדיקער טרויער אויף

די קינדערלעך, וועלכע זענען, ווי דו, פרי אוועק פון דער וועלט. — די אַנדערע קינדערלעך האָב איך נישט געדענקט. איך האָב אַפּטמאָל אויפגעבאַפּט אַ ווייַנענדיקן טאָן אין דעם טאָטנס גוטמוטיקער און בטחונדיקער נאַטור. אָבער אין מיין זכרון איז געבליבן איינגעקריצט דיין געשטאַלט.

מיט דיין לעצטן באַוועג פון דער האַנט אין דער לופטן האָסטו זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, און אַזוי ביסטו היינט אינעם טאָג פון תשעה־באָב, וואָס איז אויסגעפאַלן אין אַ זונטיק, ווי אין דעם אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געקומען צו מיר: געקומען מיט דער בלויקייט פון הימל, מיט דעם פייגל־געזאַנג אויף דיביימער און מיט דעם באַוועג פון דעם מיידעלעס הענטל אין דער לויטערער לופט, וואָס האָט דערמיט געלאָזט וויסן דער מאַמען ביים פענצטער: „איך בין דאָ, איך בין דאָ!"

דער גליקלעכער שמייכל אויף דער מאַמעס פנים און דעם מיידעלעס טאַנצנדיקער גאַנג, צו שפּילן זיך מיט אַנדערע קינדער אין גאַס, זענען אין מיין געמיט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזאַ צאַרטן, פיינלעכן, קיינמאָל נישט אויסגעזונגענעם ג ע ז אַ נ ג דיינעם, שוועסטער ביילע . . .

און די ווערטער פון דיין נישט־אויסגעזונגענעם געזאַנג מאָנען ביי מיר: „פאַרוואָס שטעלט קיינער נישט פון די לעבנגעבליבענע אייגענע קיין יאָרצייט־ליכט אין אייגענעם געמיט נאָך מיר? איך טוט דאָך דאָס נאָך די אַנדערע פון דער משפחה, די פאַרפייניקטע פון די נאַצי־מערדער. איז דאָס דערפאַר, וואָס איך האָב נישט דערלעבט צו ווערן איינע פון די זעקס מיליאָן קרבנות? אָדער דערפאַר וואָס איך בין אַוועק פון דער וועלט אין מיינע קינדער־יאָרן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה? געדענקסט מיינע פאַרטריקנטע ליפּן? איך האָב דעמאָלט געברענט פון פיבער. און טאַטע־מאַמע האָבן מיך געוואָלט ראַטעווען מיט דעם לעצטן וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט מיט געבעט און מיט טרערן . . ."

איך געדענק, שוועסטער . . . עס איז געווען נאָך דער שרפה. דאָס גאַנצע לעבן גייט־מיט מיט מיר יענער הייסער זומערדיקער נאָכמיטיק: איך זע די פלאַמען כאַפּן אַלץ מער אַרום דעם שטרויענעם דאַך פון הויז. דאָס פייער קנאַקט אין דער שטילער דאַרפישער לופט. די פויערים זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן ראַטעווען פון הויז, און מיר, קינדער, זענען געזעסן אויף אַרויסגעראַטעוועטע פעקלעך און געזען ווי אונדזער ליבע קאַץ לויפט אַ צעטומלטע אין די פלאַמען און פון די פלאַמען . . . נישט געבליבן איז די קאַץ. אַלץ איז פאַרברענט.

מיר זענען אוועק, איבערגעלאָזט די פעלדער, די באַרנביימער, די עפּל־ביימער, די לאַנקעס, דעם פליסיקן טייך, די מיל אויפן טייך, דעם געדיכטן

מענטשן אין מיין לעבן

וואלד אויף דער אנדערער זייט פון טייך. אוועק איז אן אנדערן דארף.

זומער־לעב. שניטצייט. די פויערים זענען אין די פעלדער. אין די הייף דרעמלען הינט. אויף די שטאכעטן פון פלויטן טרוקענען זיך אויסגעוואשענע טעפ. עופות זוכן מיט די שנאבלען אין מיסט. שמעטערלינגען שוועבן איבער גראזן און ביימלעך. עס הערט זיך דאס זשומען פון בינען און פון גרויסע גלאנצנדיקע פליגן. אינעם שטויב פון דארפישן וועג, וואס ציט זיך צווישן צוויי רייען ווייסע הייזלעך, „באדן" זיך פייגעלעך.

מיין שוועסטער אסתר איז אנגעקומען מיט דעם שטויביקן וועג פון ערגעץ מיט א קריגל מילך. איך האב זיך געחידושט: „מילך?" איך בין איך נאכגעגאנגען אין שטוב אריין. איך בין געבליבן שטיין ביי דיין בעט, ביילע. די מאמע האט זיך געבעטן ביי דיר: „פארזוה, מיין קינד, מילך. זים ווי האניק... באנעץ כאטש די ליפן"... שוועסטער, דו האסט געמוזט זיין זייער א גוטע, ווייל האסט געפאלגט דער מאמען. כאטש האסט נישט געקאנט, האסטו בלויז צוגערירט דיינע ליפן צום קריגל און דיין קאפ איז באלד צוריק געפאלן אויפן קישן... דאן האט דער טאטע צוגעלייגט זיין האנט צו דיין שטערן, פרובירט דיין פיבער. איך האב נאכגעפאלגט זיין האנט און פון דעמאלט געדענק איך דיין פנים: דער שטערן, ארומגעוואקסן מיט קופערברוינע האר, א ברייטלעך פנים מיט זומער־שפרינקעלעך אויף ביידע זייטן פונעם עטוואס פאררייסענעם נעזל; די ליפן פארטריקנטע, בלייבע און אפענע, די ציין האבן זיך ארויסגעזען...

דער טאטע האט פאמעלעך אוועקגענומען זיין האנט פון דיין שטערן און מיט א פארשטיקטער שטים האט ער געטרייסט: „גאלד דארף זיך אויך איבערגליען און בלייבט גאלד... מיר האבן א דערבארעמדיקן גאט". און זיין לאנגע קופער־רויטע בארד האט געציטערט אזוי מאדנע...

פלוצים האסטו, ביילע, א באוועג געטאן מיט דער האנט אין דער לופטן, ווי א געזונטע, און מיט א סך כוח, ווי וואלסט אפגעיאגט א בייזע פליג פון זיך. די מאמע האט פארבראכן די הענט און זיך פארגאנגען אין א פארשטיקטן געוויין. איך האב זיך שטארק געוואונדערט אויף דער מאמעס געוויין, ווייל איך האב געמיינט, אז דאס וואס דו קאנסט מיט אזא האסטיקייט אפיאגן א פליג פון זיך, איז דאך א סימן, אז עס ווערט דיר בעסער, איז וואס־זשע וויינט די מאמע? איך האב נאך דעמאלט נישט פארשטאנען, אז דאס ראנגלסטו זיך מיטן מלאך־המות...

און ווען די מאמע האט דיך ארויסגעטראגן אויף אירע הענט צום פויערישן וואגן, צו פארן מיט דיר אין שטאט אריין קיין בעלם צו א גוטן ייד, אדער א דאקטאר, האסטו אין דער מאמעס ארעמס אויסגעזען זייער לאנג

און דיז. דיינע האָר זענען אַריבערגעהאַנגען איבער דער מאַמעס אָרעם. דער טאַטע איז נאָכגעגאַנגען מיט טלית־און־תפילין, ווייל ווי אַ זאָך מאַכט זיך, טאָמער קריגט ער נישט קיין גמילת־חסד, וועט ער האָבן וואָס צו פאַרמשכנען...

שפּעט ביינאַכט האָט אַ וואָגן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויז. טאַטע־מאַמע זענען אַראָפּ מיט געבויגענע קעפּ און ליידיקע הענט. אסתר האָט פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון די ליידיקע הענט און זיך צעוויינט. די מאַמע האָט שוין, זעט אויס, קיין טרערן נישט געהאַט, אָבער געוויינט האָט זי סיי־ווי־סיי. דער טאַטע האָט גערעדט צו זיך אַליין: „ווער זאָל וויסן? געמיינט אַלע יאָרן אַז ער איז מיר אַ פריינט . . . נאַ, נעם דעם טלית פאַר אַ משכון, איך דאַרף ראַטעווען מיין קינד . . . אַזוי? אויך די תפילין? . . . וואָס־זשע האָב איך געזאָלט טאָן? נעם . . . איצט וואָס? . . . מיט ליידיקע הענט צוריקגעקומען . . . מסתמא אַזוי באַשערט" . . .

איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט וואָס עס מיינט טויט, וואָס עס מיינט אַזוינס שטאַרבן. דו, שוועסטער ביילע, ביסט געווען דער ערשטער טויטפאַל אין מיינע קינדער־יאָרן. וואָלסטו היינט געלעבט, — ווייל ביסט עלטער געווען פון מיר מיט בלויז עטלעכע יאָר, — וואָלטן מיר גערעדט פון געשעענישן פון אונדזער געבוירן־דערפל אַוודאַליעץ. אויף דיין פּנים מיט זומער־שפּרענקעלעך וואָלטן שוין היינט געווען קנייטשן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ באָבע . . . איך וואָלט זיך גוט איינגעהערט צום קלאַנג און טאָן פון דיין שטים, וואָס פעלט אויס אינעם כאָר פון משפּחה־שטימען . . . דו וואָלסט דערציילט זאַכן, וואָס איך געדענק נישט און וועלכע געהערן צום אוצר פון משפּחה־פאָלקלאָר. קאָן זיין, אַז מיר וואָלטן גאָר גערעדט וועגן די אומגעבראַכטע שוועסטער און ברידער מיט זייערע פאַמיליעס און דו וואָלסט געזאָגט, אַז מען דאַרף דאָס אַלץ פאַרשרייבן, אַז אונדזערע קינדס־קינדער זאָלן וויסן וועגן דעם, ווי מיר וויסן פון תשעה־באָב. זאָל דאָס ווערן אַ ניי קאַפּיטל אין דער לאַנגער געשיכטע פון תשעה־באָב־טרויער . . .

מאָדנע: אַ פריידיקער באַוועג פון אַ קינדעריש הענטל פאַר מיין פענצטער האָט אַזוי אַ צי־געטאָן אויף צוריק אַ פילם־לענטע אויף וועלכער איך האָב דערזען מיליאָנען צאַפּלדיקע קינדישע הענטלעך אין זייער געראַנגל פאַרן לעבן אין פאַרשידענע צייטן פון טויזנטער יאָריקן תשעה־באָב. צווישן אַלע הענטלעך — אויך דיין הענטל אינעם לעצטן באַוועג פאַרן לעבן . . . דאָס צאַרטע הענטל וואָס איז געבליבן ווי איינגעפּאַסט אין דער בלויער פרימאָרגן־לופט, האָט אָנגעצונדן אַ יאָרצייט־ליכט אין מיין געמיט נאָך דיר, שוועסטער ביילע . . .

אַ
שאַפּ
מיט
מענטשן

נאָוועלע

(בערך 1935—1965)

„אַ שאַפּ מיט מענטשן" איז אַ ליטעראַרישע אַרבעט, וואָס דאָס לעבן אין שאַפּ האָט כסדר געמאָנט פון מיר: „באַשרייב די אַרבעטער, וועלכע זענען טייל פון פאָלק, נאָר לעבן אין ספּעציפישע באַדינגונגען אין די שעפּער פון גאַרמענט צענטער אין ניו־יאָרק. באַשלייער אונדז נישט און פאַרשעם אונדז נישט. שטעל אונדז נישט פאָר ווי איבערגעטריבענע העלדן, אָבער אויך נישט ווי קיין שיפּע־זיבע־לעלך. באַשרייב אונדז ווי מענטשן, וועלכע ראַנגלען זיך פאַר פּרנסה, פאַר גערעכטיקייט און אויך פאַר גערעכטיקייט אויף דער וועלט, ווי אַ טייל פון גאַנצן פאָלק.

באַשרייב, אַז צווישן די היינטיקע מענטשן אין די שעפּער געפינען זיך שוין זייער ווייניק פון די פּיאָנערן אַרבעטער, די „אָלד־טאַימערס", וועלכע זאָלן נאָך געדענקען ווען אַרבעטער האָבן געטראָגן מאַשין־קעפּלעך אויף די אַקסל פון שאַפּ־צו־שאַפּ און האָבן געסטרייקט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק פאַר אַ יוניאָן. ווען אַלע וואָך האָבן זיי אָנ־געהויבן „פונדאַסניי" צו סטרייקן.

איז אָבער דאָס שאַפּ־לעבן אַזוי פּליסיק, אַזוי אומרואיק און אָפט־מאָל — כאַאָטיש; איז ווי אַזוי־זשע גיט מען פאָרעם, געשטאַלט דעם כאַאָס? האָב איך אָנגעהויבן נעענטער צוצוקוקן זיך און עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ מענשלעכער גאָלד־אוצר, נאָר אונטער בערג פון „שאַפּ־שטויב" . . . האָב איך געטראַכט: איך וועל אָפּרייניקן דעם שטויב פון גאָלד. איך האָב מיט מיין פען אוועקגעשאַרט דעם שטויב, ביז עס האָט זיך באַוויזן — גאָלד, דער מענטש, דער תוך, דער אינ־האַלט. דער אינהאַלט האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן פון זיך די פאָרעם...

האָב איך געטאָן ווי דאָס לעבן אין שאַפּ האָט כסדר געמאָנט פון מיר: איך האָב אָנגעשריבן „אַ שאַפּ מיט מענטשן".

האָט זיך מיר דאָס איינגעגעבן?

דאָס בלייבט פאַר די לייענער צו זאָגן.

1

אַ רעטעניש

אין שאַפּ האָט זיך אויפגעהויבן אַ גאַנץ נייער טומל וועגן אַ בוך גאָר . . . עס האָט דער אַרבעטער האַרפּמאַן פאַר־קויפט אַ בוך דעם אַרבעטער ראַלף. ראַלף האָט דעם בוך אַריינגעלייגט, אויף דערווייל, אין זיין בלעכענעם קאַסטן וואָס ביי דער ניי־מאַשין, אין וועלכן מען האַלט צוגעגרייטע מאַטעריאַלן צום געניי. ער האָט אינזינען געהאַט מיט־צונעמען דעם בוך אויף זיין זומער־וואַקאַציע אין די קעטסקיל־בערג. צום סוף איז ער גאָר אוועק אין שפּיטאָל אויף אָבסערוואַציע מיט אַ זשומעניש אין די אויערן, מיט קאָפּ־דרייעניש און אַנדערע קלייניקייטן . . . צוריקגעקומען אין שאַפּ אַריין איז ער שפּעט נאָך זיין וואַקאַציע, ווען די אַרבעטער זענען שוין „אַריינגעפאָרן" דריי וואָכן אין דעם נייעם סעזאָן. צוריקגעקומען, אַ זוך־גע־טאָן אין זיין „באָקס" און אויסגערופן:

— זע נאָר, וואו איז מיין בוך ? !

די נייעס האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט צווישן די מענטשן, וועלכע האָבן נאָך געוואַרט אויפן פּרימאַרגן־קלונג פון זייגער וואָס וועט אַנזאָגן, אַז עס איז ניין, און צייט צו לאָזן די עלעקטרע. דערווייל האָבן זיי זיך שטאַרק געחידושט:

— ווער וועט דאָס נעמען אַ בוך ?

— עס לייגט זיך נישט אויפן שכל.

— ער מאַכט אַ שפּאַס !

העכער פון אַלע האָבן די קיבעצערס געלאָזט זיך הערן:

— ער האָט אויסגעטראַכט אַ מעשה מיט אַ בוך מיר זאָלן מיינען, אַז ער איז גאָט ווייסט ווער !

— ער וויל ווערן אַ גאַנצער אינטעליגענט !

— ער מיינט, אַז אַזוי וועט מען האָבן מער רעספּעקט פאַר אים . . .

פון אַזעלכע רייד איז ראַלף געבליבן אַ צעטומלטער. פון זיינע בורשטין־קאָליר אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ גרויסער חידוש פאַרוואָס זיי גלייבן אים נישט. ער האָט פאַרצויגן די ברעמען, ווי ער זאָל זיך וועלן באַזינען וואָס צו טאָן. נאָך אַ ווייל טראַכטן האָט ער אַ צי־געטאָן פאַרויס זיין עטוואָס־געבוי־גענעם קאָפּ פון די רונדע אַקסלען, פאַרוואָרפן אויף צוריק די צעשויבערטע האָר און אָנגעהויבן אויף אַ הויכן ביי־קול צו געבן אַ פייערלעכע שבועה:

— איר אלע זאלט אזוי געזונט זיין . . .

— נעווער מאינד ! שווער איבער זיך אליין ! — האבן די מענטשן פּראָטעסטירט.

— איר אלע מיט מיר צוזאמען, — האט ער פארענדיקט די שבועה אזוי, ווי מען האט פארלאנגט פון אים און צוגעגעבן : — ווי איך האב געהאט אין מיין „באקס" אזא־א גראבן בוך.

— דער וואס זאגט דעם אמת דארף נישט שווערן ! — האט ווער אויסגערופן. ראלפן האט דאס פארדראסן און ער האט גענומען זיי איבערצייגן :

— איר מעגט זיך שעמען אין אייער וויטן האלדז ! וואס בין איך, א ליגנער ? איך האב אייך שוין ווען אפגענארט ? וואס טוט זיך דאס מיט אייך ? ! און אז איך וועל אייך ברענגען אן עדות, וועט איר מיר גלייבן ?

— אן עדות איז שוין עפּעס אנדערש !

— אבער מיר וועלן האבן דאס רעכט אויספרעגן דעם עדות ?

— אלראיט, פרעגט וויפל איר ווילט, — האט ער זיי בארואיקט און א רוף־געטאן : — העי, דארפמאן ! וואס שטייסטו זיך דארטן ביי דיין מאשין ? קום נאר אהער ! האב איך נישט געקויפט ביי דיר א בוך אזוי־א גרויס ?

— יעס, געקויפט.

— וואס־זשע פאר א בוך איז דאס געווען, וואס ער ווייזט אזוי נאך דעם ?

— האבן די צווייפלער געוואלט וויסן.

— לויט מיין מיינונג, א גוט בוך, — האט דארפמאן געענטפערט מיט א רואיקער שטים, וואס האט אביסל איינגעשטילט די צעהיצטע געמיטער. און ער האט זיי אנגעהויבן צו דערמאנען : — דאס איז דער זעלבער בוך, וואס איך האב פאראיארן געברענגט אין שאפ אריין צו פארקויפן ; האבן טייל פון אייך געזאגט, אז צו לייענען אזא גרויסן בוך דארף מען האבן צייט. אנדערע האבן געזאגט, אז עס איז צו־טייער. האט דאס געקויפט די שאפ־קאמיטע, אלס מתנה פון די מיטארבעטער פאר סעם פינקל צו זיין רעטאיערן פון דער ארבעט. מיר אלע האבן אפילו אריינגעשריבן צו עטלעכע ווערטער צום אנדענק, אז מיר האבן געארבעט מיט אים. איצט ווייסט איר שוין ווען וואסער בוך עס רעדט זיך ?

— א שיינע פראגע ? !

— זיכער געדענקט מען !

— א, יעס ! אינעם בוך זענען געווען „פיקטשעס" פון די שרייבערס. ריכטיק ?

— יעס, בילדער פון ארום צוויי הונדערט שרייבערס, וועלכע האבן גע־

שריבן וועגן העבער הונדערט יאר יידיש לעבן אין אמעריקע, — האט דארפֿ־מאן געלאזט וויסן.

ערשט איצט האבן זיי אויפסניי גענומען זיך חידושן:

— און ווי קומט דאס וואס ראלף איז פלוצים געווארן א בעלן אויף אזא גרויסן בוך?

— פון וועז־אן איז ער דאס, נישט מיר־נישט דיר, געווארן אזא מילדער מחותן?

— טאקע? אזוי־א פון דער העלער הויט?...

דא האט זיך שוין ארייגגעמישט ראלף אליין. ער האט אויסגעשטרעקט די רעכטע האנט פארויס, ווי זיין טבע בשעת ער רעדט, און מיטן וויזפינגער געטייטלט אויף די פרעגערס:

— ערשטנס, איז נישט אייער באבעס דאגה, פארוואס איך קויף א בוך! צווייטנס, איז ביי מיר נישט קיין נייעס צו קויפן א בוך. הלוואי האט איר אזויפיל טויזנטער... — אלראיט, זאל זיין מיט מיר צוזאמען — וויפל ביי־כער עס זענען פאראן ביי מיר הויז, איך מיין, אין „סעלער" (קעלער), ווייל זינט איך האב מיין אייגן הויז, האב איך זיי אפגעגעבן א שיין פלאץ אין סעלער... יא, דריטנס, אז מען קומט צו מיר פארקויפן א יידיש בוך, זאג איך זיך נישט אפ. האבן זיי נאך דעם „נווירוו" צו פרעגן, פארוואס איך בין פלוצים געווארן אזא בעלן אויף א בוך; און פערטנס, האב איך אין דעם בוך דערקענט צוויי „פיקטשעס" פון מיינע לאנדסלייט, וואס זענען געווארן שריי־בערס אין אמעריקע... איך וויל, א י ר זאלט וויסן, אז מיין שטעטל האט ארויסגעגעבן גאר לייטישע מענטשן!... און פינפטנס, זע נאר ווי זיי זענען מיך באפאלן! איך מוז דאס אייך אפגעבן א רעכענונג פארוואס איך קויף א בוך? וואס איז דאס דער מער מיט די מענטשן?!

זעט־אויס, אז ראלפס טענות זענען געווען איבערצייגנדיק, ווייל נאך דעם האבן די ארבעטער אנגעהויבן צו טראכטן אנדערש. און געטראכט האבן זיי אויפן קול:

— איז ווער־זשע האט דאס טאקע געקאנט אפטאן אזא שיין שטיקל ארבעט?

— אוודאי איינער וואס לייענט יידיש. זיכער נישט די פארטאריקאנער, נישט די קובאנער, נישט די איטאליענער און נישט די נעגערשע ארבעטער.

— און אז יידן לייענען יידיש וועלן זיי נעמען יענעמס בוך?

— אבער דער בוך האט דאך נישט געהאט קיין פים! מיט זיין גאנצער חכמה, וואס מען האט אין אים ארייגגעשריבן, האט ער אליין פון קאסטן נ י ש ט געקאנט ארויסגיין!

מענטשן אין מיין לעבן

— און ווען דער בוך זאָל זיין מיט בלעטער פון גאָלד, וואָלט איך צו יע־נעם אין „באָקס" נישט געקראָכן.

אויף דעם האָט דער „טערק" געענטפערט מיט בייסיקן געלעכטער:

— גיב אים גאָלד! גאָלד איז ביי אים דאָס גרעסטע גליק! אַזאַ בוך קאָן פאַרשאַפן מער פרייד ווי גאָלד!

ראַלף האָט געוואָרפן אַ פאַרדעכטיקן בליק אויפן „טערק" און געפרעגט:

— איז ווער־זשע האָט דאָס גענומען?

און איידער מען האָט זיך גענומען אויפקלערן דאָס „רעטעניש", האָט זיך אַריינגעריסן דאָס געקלאַנג פון שאָפ־זייגער און יעדער איז אַוועק צו זיין אַרבעט־פּלאַץ: עס האָבן גענומען רוישן די ניי־מאַשינען, הודזשען און קלאַפּן די פרעס־אייזנס; די פיגורן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן פון די דרעיפּערס הענט־באַריר. די „פינקער"־מאַשין האָט אָנגעהויבן בייסן מיט די שטאָלענע זיגזאַג־ציין די רויע נעט. די „פינישערינס" ביי די טישלעך, מיט געבויגענע קעפּ צו דער אַרבעט, האָבן מיט די הענט גענומען ציען נאָדל־פאָדים, אַרויף, אַראָפּ, אין דער גערדיכטער שאָפּ־לופט. איידער די אַרבעט האָט באַוויזן צו באַהערשן די גערדאַנקען פון די אַרבעטער, האָבן זיי דערווייל געזוכט אַ באַ־שייד אויף דעם רעטעניש...

נאָר אַזוי ווי יעדער איינער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז דעם צווייטנס ענטפער אויף דעם רעטעניש איז נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי, איז גע־וואָרן אַ דינגעניש, אַ שפּאַרעניש, אַן אַמפּערניש און אַלץ מיטן שאָפּ־טעמפּאָ — שנעל און הויך. באַטש קיינער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן קיין צייט, נישט צו בלייבן הינטערשטעליק אין דער אַרבעט, האָבן זיי דאָך זיך נישט געקאָנט באַהערשן, נישט צו געבן אַ באַוועג מיט אַ האַנט, אַ דריי מיטן קאָפּ, וואָס זאָל שטאַרקער באַטאָנען דעם באַטייט פון זייערע ווערטער...

אָבער פאַר ראַלפן איז דאָס געווען אַ קנאַפּע טרייסט. דער בוך, וואָס איז פון זיין קאַסטן ווי אין וואַסער אַריין, איז געוואָרן אַ טייל פון זיין לעבן: ווען אַלץ איז ביי דער אַרבעט געגאַנגען גלאַטיק, פלעגט ער זיך אויף אַ ווייל אַראָפּבייגן צום קאַסטן, עפענען דעם בוך און ווידער אַ קוק טאָן אויף זיינע לאַנדסלייט, די שרייבערס, און אַ מאָדנע בענקשאַפט האָט אים ערגעץ אַ צופּ־געטאָן, ווייל ווי לאַנג איז עס דען ווען ער איז מיט זיי געגאַנגען אין חדר, געשפּילט זיך מיט זיי, געשלאָגן זיך מיט זיי? איז ווער האָט זיך דאָס גע־קאָנט פאָרשטעלן, אַז זיי זאָלן ווערן שרייבער? ער וואָלט נאָך היינט אויך נישט געוואוסט, ווען דאָרפמאַן זאָל אים נישט געווען פאַרקויפן דעם בוך...

מיט דאָרפמאַנען רעדט ער זייער אָפט וועגן זיי. ער וויל געוואָר ווערן, צי

זיי מאכן כאטש א לעבן פון שרייבן. ער וויל אויך ביי אים דערגיין, ווי אזוי זענען זיי דאס געווארן שרייבער, אז סדר־הכל זענען זיי געווען ארעמע ארבע־טער־יינגלעך. ער וואלט זיי זייער געוואלט באגעגענען, נאר דאס וועט זיין שפעטער, ווען ער וועט האבן איבערגעלייענט אלץ וואס זיי שרייבן דארטן; דאס וועט ער טאן זומער־לעב אויף זיין וואקאציע. דערווייל מעג ער זיי איי־בערגעבן א גרוס פון אים. נאר אויב זיי געדענקען אים נישט אזוי אקוראט, זאל ער זיי זאגן, אז „ראובן דער שרייער" לאזט זיי גריסן, ווייל דאס איז גע־ווען זיין צונאמען, וואס מען האט אים געגעבן צוליב זיין טויבער באבע, צו וועלכער ער האט געמוזט שרייען הויך, זי זאל אים הערן. ביז היינט־צו־טאג רעדט ער דערפאר הויך . . .

ער האט א זיפץ געטאן אין דער מאשין אריין און אנגעהויבן רעדן אויפן הויכן קול, אז אלע ארום זאלן הערן: „עס איז ווי יענער האט געזאגט: ,דער מענטש טראכט און דער, וועמענס נאמען איך בין נישט ווערט אנצורופן, לאכט'. איך האב געדענקט צו פארן אויף וואקאציע, אויסרוען זיך די ביינער, לייענען וואס מיינע לאנדסלייט שרייבן, אז מיין ווייב זאל הערן און וויסן, אז כאטש איך קום נישט פון אזא גרויסער שטאט לעמבערג, ווי זי, נאר פון א שטעטל אין בעסאראביע, דארף מען זיך אויך נישט שעמען מיט מיר! נא, זע, וואס פאר א לאנדסלייט איך האב! צוויי שרייבערס מיט זייערע „פיקטשעס" אין בוך! איינער שרייבט מעשיות וועגן דעם לעבן פון ארבעטער. דער צווייטער שרייבט „סאנגס" — איך מיין, לידער, פאעמעס — דארפמאנען פארדריסט, אז איך זאג „סאנגס", אפשר איז ער גערעכט. טא זאל זיין לידער... איז נאדיר אינמיטן דרינען א זשומעניש אין די אויערן, וואס איז אפטמאל געווען א גאנצער ארקעסטער, מט פייפלער, טאצן, צימבלען, און אמאל ווי דאס זידן פון א הייסן טשאייניק מיט וואסער. דערצו האט זיך נאך צוגעווארפן א שווינדלעניש פאר די אויגן, פון וואס דער קאפ האט זיך פארדרייט, און די ערד האט זיך געוואקלט אונטער די פיס. האב איך א טראכט געטאן: „אט דאס איז עס, ברודערקע! ראטעווע זיך באצייטנס! דיין באקאנטער איז פון אזעלכע נארישקייטן געגאנגען א גאנג" . . . ביז איך אוועק אין האספיטאל, און דארטן, אנשטאט זיי זאלן עפעס טאן פאר מיר, האבן זיי מיך גאר גענומען מוטשען מיט אלערליי פראגעס: „ווי אלט ביסטו?" — זאג איך אים. „פאר־הייראט?" „יעס". „דיין טאטן האט זיך אמאל געדרייט דער קאפ?" — אויף דעם האב איך נישט געקאנט ענטפערן באלד, ווייל עס האט מיך גע־שטיקט א געלעכטער . . . צי מיין טאטן האט זיך געדרייט דער קאפ? ! א גאנצע וואך האט זיך אים געדרייט דער קאפ: וואו נעמט מען אויף שבת.

ווינטער — וואו נעמט מען שיך פאר די קינדער. פאר פסח — וואו נעמט מען אויף מצות . . . איז וואס זאל איך זאגן? האב איך געענטפערט: „מיין טאטע האט אלע יארן געלעבט מיט קאפ־דרייעניש". „און די מאמע?" „די מאמע אויך". „פון וואס זענען זיי געשטארבן?" „פון גאז אין א דייטשן גאז־אויוון". „האסט ברידער? שוועסטער?" „ג ע ה א ט ברידער מיט שוועס־טער" . . .

ער איז אנטשוויגן געווארן, גענומען איבערקוקן טיילן פון זיין געמאכטער ארבעט, צו זען צי ער האט נישט, בשעת זיין רעדן, געמאכט א טעות. ער האט נאכאמאל זיך איינגעקוקט אין דעם מוסטער־מלבוש, נאר נישט געקאנט זיך אריענטירן, האט ער געפרעגט זיין שכן שאפראן, וואס קעגן אים:

— גיב נאר א קוק, צי איך מאך נישט קיין „מיסטעיק". דו ארבעטסט אויף דעם „סטאיל" עטלעכע טעג, מאכסטו דאס אויך אט־אזוי־א?

שאפראן, א הויכער, א בלאנדער, און כאטש מיט א שטענדיקן שמייכל אויף זיין פנים, רעדט ער דאך בייזלעך, מיט א טאן פון קידער־ווידער. ער האט זיך אריבערגעבויגן צו ראלפס מאשין, באטראכט די ארבעט און געזאגט:

— קאליקע, וואס דו ביסט! ווער האט דיר געהייסן מאכן אזוי גוט? האסט גאלדענע פינגער, מען דארף זיי אפברעכן איינס ביי איינס! קיין גרויסער חכם ביסטו נישט, אבער קיין טעות האסטו נישט געמאכט. גיי־אן מיט דיין ארבעט!

— מיינסט מיט די מעשיות וועגן האספיטאל? — האט שיע דער גא־ליציאנער א פארטייטש געטאן שאפראנס ענטפער, צוריק צו פארבינדן דעם איבערגעריסענעם געשפרעך.

און ראלף האט אים פארזיכערט: „הער זיך איין, גאליציאנער, איך האב נישט קיין טבע צו דערציילן באבע־מעשיות, ווי דו! איר מעגט מיר גלייבן, אדער נישט גלייבן, נאר איך זאג אייך, אז היינטיקע דאקטוירים זענען אוים ווי דאקטוירימלעך! צוציקלעך, ערשט פון דער מאמעס פארטעך אפער, אויסגע־ווייקטע הערינגלעך, — אפגעשוירן ביזן שארבן, אז מען זאל זיך נישט דארפן פארקעמען די האר . . . גיב זיי א לייכט לעבן! איינער אזא מאנספארשוין האט זיך געראד שפעטער ארויסגעוויזן פאר א זייער פיין מענטשל, א היימי־שער, א צוגעלאזענער, נישט קיין אנגעבלאזענער, ווי אנדערע . . . איך האב געזען אז ער וויל מיר העלפן. און טאמער האב איך נישט פארשטאנען אזוי שנעל וואס ער רעדט צו מיר, האט ער גענומען רעדן צו מיר אין מאמע־לשון. פרעג איך אים: „ביסט א גרינער? א רעפיודזשי?" — זאגט ער: „ניין, געבוירן אין די בראנקס". זאג איך: „סטייטש? ווי־זשע קומען צו דיר אזעל־

בע פערל, הא?" — זאגט ער: „איך האב זיי אויפגעקליבן אין א יידישער שול". פרעג איך אים: „האסט נאך נישט פארגעסן וואס האסט געלערנט?" — ענטפערט מיר דער בחור: „איר זענט לענגער פון מיר אין אמעריקע און איר האט נאך נישט פארגעסן". — נו, וואס זאל איך זאגן, איך האב אים ליב באקומען. איך האב געפילט, אז עס קומט מיר צו געזונט פון א געשפרעך מיט אים. ער האט מיך אינגאנצן געוואונען, און איך האב אים געזאגט: „יונגער־מאן, פרעג וואס דו ווילסט, איך עפן מיין הארץ פאר דיר!" — לאכט ער, און אזוי קוקנדיק אין די רעפארטס וועגן מיר, טוט ער א פרעג: „ווען הערסטו דעם קאנצערט אין די אויערן? ביינאכט, ווען עס איז שטיל אין הויז?" — זאג איך: „יעס". — ער איז נאך א וויצלער אויך און פרעגט: „און עס ווייזט זיך דיר אוים, אז נאך ווער אין הויז הערט דעם קאנצערט אין דיינע אויערן?" — ענטפער איך אים אויך מיט א וויץ: „מיין ווייב איז א גוטע שלעפערין. עס זאלן אפילו פויקן בארעבאנען, וואלט זי נישט געהערט". אבער ער, זעט אוים, מיינט ערנסט און ער פרעגט: „אין שאפ הערסטו נישט דאס זשומען?" — זע איך דאך, אז ער הייבט נישט אן צו וויסן וואס א שאפ איז, נעם איך אים אויפקלערן: „א שאפ איז א יאריד, א זאווערוכע, א שטורעם, א בינשטאק, א וואסערפאל, א שטענדיקער גערויש, פון וואס דער קאפ ווערט שיער צעפלאצט, איינער וויל איבערשרייען דעם אנדערן; איז ווי פאלט דיר איין, אז איך זאל קאנען הערן אזא שטילן קאנצערט ביי מיר אין די אויערן אין אזא טומל?"... בקיצור, וואס זאל איך אייך א סך ברייען? די אונטערשטע שורה: דאס וואס עס דרייט זיך מיר דער קאפ איז פון הויכן בלוט־דרוק. פון דעם נעמט זיך דאס וואקלעניש פון דער ערד אונטער די פיס; פאר דעם האט מען מיר געגעבן פילן. דער קאנצערט אין די אויערן קומט מיט דער עלטער. מען דארף זיך אויסלערנען לעבן מיטן ארקעסטער. אויב אזוי, האב איך א טראכט געטאן: אויב מען קאן יא לעבן מיט דעם, איז נעם די פיס אויף די פלייצעס און לויף צוריק אין שאפ אריין!... וועל, איך האב אייך שוין אלץ דערציילט. איצט דערציילט מיר ווער עס האט גענומען מיין בוד.

אויף דעם האט אים אפגעענטפערט איבער די מאשינען אריבער דער „טערק":

— א מצווה אויף דיר! ווייל א בוד קויפט מען אויף צו לייענען, נישט צו האלטן אין „באקס" ביי דער מאשין צווישן שמאטעס! געבענטשט זאלן זיין די הענט וואס האבן דאס גענומען! זאל כאטש עמעצער האבן א פארגעניגן פון דעם וואס איז דארטן געשריבן!

ראלף האט זיך ארומגעקוקט מיט אויגן אזעלכע, ווי עס וואלט פאר אים

עפּעס גאָר פּלוצים קלאָר געוואָרן, נאָר ער האָט געשוויגן. אַ ווייל שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צום „טערק" און סודותדיק אַריינגערעדט אין אים. דער „טערק" האָט אים געענטפערט אויפן קול:

— אָוועק פון מיר, דו נאַרישע בהמה! וואָס בין איך עפּעס, אַ גנב? אַזאַ אייזל מיט לאַנגע אויערן!

די מענטשן אַרום האָבן באַלד דערשפּירט, אַז עס וועט ווערן פריילעך. איז שאַפּ חלשט מען נאָך אַביסל פריילעכקייט! זיי האָבן געוואוסט, אַז ראַלף וועט געבן אַנצוהערן בלומרשט אין אַ שפּאַס — ווי אַ סך אַנדערע האָבן דאָס שוין פריער געטאָן — אַז ער, דער „טערק", טויג זיך אויס אויף „לייכטער מלאכה מיט אַן אויגנבליק שרעק", וואָס דאָס איז מען געוואָר געוואָרן פון זיינע אייגענע באַרימערייען, אַז ווען נישט זיין טאַלאַנט וואָס האָט זיך אים אַנט־פּלעקט אין די יינגע יאָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער האָט צוליב הונגער אַנגעהויבן שלעפּן פון די מיליטערישע פּראָוויאַנט־וועגענער, וואָס־נאָר עס האָט זיך געלאָזט עסן, וואָלט ער שוין פון לאַנג געוועזן „געבאַקן בייגל און געקייעט ערד". און נאָך אַ סיבה צו האָפן אויף פריילעכקייט האָבן זיי געהאַט: דאָס וואָס דער „טערק" האָט אַ חוש צו לייענען ביכער. דעריבער וועט אים ראַלף חושד זיין, אַז ער איז דאָס דער הויפּט־מחותן פון דער גאַנ־צער חתונה...

דעם נאָמען „טערק" האָט ער באַקומען ווען ער איז אָנגעקומען אַרבעטן אין דעם שאַפּ אַריין: אַזוי ווי ער איז נישט קיין שמעוודיקער, האָט ער זיך גיך היימיש געמאַכט און גענומען זיך פאַרשטעלן:

— איר זעט דעם ציגאַר וואָס איך „סמוק"? דאָס איז אַ טערקישער. קיין אַנדער ציגאַר נעם איך נישט. איך זע דאָך, אַז איר ווילט וויסן ווי עס קומט צו מיר אַזאַ טייערער ציגאַר, וועל איך אייך זאָגן, ווייל ביי מיר איז נישטאָ קיין סעקרעטן. זייט וויסן, אַז איך האָב „קאָנעקשאַנס". איר פאַר־שטייט? — פאַרבינדונגען... יאָ, אַזוי ווי מען רעדט שוין וועגן טערקישע ציגאַרן, איז ווער פון אייך פאַרשטייט אַביסל טערקיש?

— דער ריכטיקער לץ! — האָבן מענטשן געלאַכט. — נאַדיר אַ שפּאָגל־נייעם טערק! ערשט פון דער נאָדל אַרויס!

פון דעם געשפּרעך האָט גרויס הנאה געהאַט דער „אָלד־טאַימער", וואָס זאָגט אויף זיך: „איך בין נישט ערשט נעכטן געבוירן געוואָרן. איך בין אַ מענטש מיט אַזאַ־אַ לאַנגער באָרד. מיך קאָן מען נישט בלאָפן"... ער האָט זיך אָנגעבויגן צו דאַרפמאַנען און געזאָגט: „וועסט באַלד זען ווי איך וועל דעם „טראָמבעניק" געבן אַ נעם אויף דער האַצקע". און ער האָט טאַקע באַלד

אויסגערופן: „מיסטער גרויסער צעלייגער, קום אַרויס מיט דיין טערקישן לשון!"

דער „טערק" האָט אָפּגעשאָקלט דעם אַש פון ציגאַר און געלאָזן געענטפערט: „איך זע דאָך, אַז דו האַלטסט זיך פאַר אַ גרויסן חכם, איז זאָג מיר וואָס מיינט — „עק מעק"?"

די צוויי ווערטער האָבן ווי געקיצלט די אויערן פון די צוהערער; האָבן זיי געלאַכט. „דער טערק" האָט אויסגערופן מעשה־זינגער: „וואָס לאַכט איר, מיינע גרויסע שפּראַכן־קענער? ווייסט איר, אַז „עק מעק" מיינט ברויט אויף טערקיש?"

דער „אָלד־טאַימער" האָט נישט נאָכגעלאָזט: „אַז דו ביסט יאָ אַזאַ וואַזשנער טערק, איז ווי אַזוי וועסטו זאָגן אויף טערקיש ,פרישע ברויט'?"

— פרישע ברויט? וואָרט... פריש... פריש... שוין לאַנג נישט גערעדט קיין טערקיש. אָט איז עס! זיך דערמאָנט... אין טערקיי איז נישטאָ קיין פרישע ברויט!

דער „אָלד־טאַימער" האָט אים אויפן אָרט געקרוינט מיטן נאָמען „טערק", און אַזוי איז דאָס פאַרבליבן...

היינט האָט דער „טערק" דערשפּירט, וואָס אַזוינס עס רוקט זיך אָן אויף אים, האָט ער געקוקט צו די מענטשן אַרום מיט אַ וואָרענונג: „זאָל ער זיך דאַרטן בעסער נישט אָנפאַנגען!" — און ראַלף האָט געקוקט צו די מענטשן מיט אַ נצחון־שמייכל: „איך האָב, דאַכט זיך, געפּאַקט דעם אורח!"

די מענטשן האָבן אויפסניי גענומען רעדן וועגן דעם פאַרלוירענעם בוך; די רייד זענען אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דעם שאַפּ־גערויש פון מאַשינען. און ביז דאָס גערעדעריי האָט דערגרייכט די וווייטע ווינקלען פון שאַפּ, איז שוין געוואָרן פון איין בוך — ביכער. און פון דעם, וואָס דער בוך איז ווי אין וואַסער אַריין, איז געוואָרן — „אַוועקגעגנבעט"... ווער?

— דערווייל איז דאָס אַ רעטעניש...

האָט מען צוליב דעם „רעטעניש" אָנגעהויבן זיך סודען. פון דעם סודען זיך איז פאַרקאָכט געוואָרן אַזאַ קאַשע, וואָס איז געווען אַנדערש פון אַלע קאַשעס פון אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר; אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר ווייסט מען במעט פאַרויס, אַז צו קיין פּעטש וועט נישט קומען... נאָר בעסער נישט כאַפּן די פיש פאַר דער נעץ. זאָל די מעשה פונעם פאַרשוואונדענעם בוך גיין צוזאַמען מיטן גאַנג פון טאָג־טעגלעכן לעבן אין שאַפּ, ביז — עס וועט פאַרענטפערט ווערן דאָס רעטעניש...

2

„צום שוחט"

זינט ס'איז באקאנט געווארן אין שאפ, אז דאס פארשווינדן פונעם בוך פון ראלפס קעסטל ביי זיין נײ־מאשין איז א רעטעניש, איז דער שאפ אוועק אויף רעדלעך: אלע האבן זיך גענומען לייזן דאס רעטעניש — און מיט א סך איינפאלערישקייט, מיט שארפזין, מיט הומאר און אפילו מיט געזאנג, כאטש דאס האט נישט צופיל געשמעקט ראלפן — דעם באשולדיקער; און נישט דעם „טערק" דעם באשולדיקטן, ווייל מערסטנס איז די פריילעכקייט געגאנגען אויף זייער רעכענונג. נאר אזוי ווי דאס איז געווען „צום וואויל און בעסטן פארן כלל", זענען זיי אויך אריין אין דעם פריילעכן ראד אריין.

גוטמוטיקע פריילעכקייט לייזט אויף די אנגעצויגענע נערוון ביי דער ארבעט אין שאפ. איז אבער די פריילעכקייט פארשאטנט געווארן פון דער ערגערניש, וואס שווין עטלעכע וואכן ווי מען ארבעט אויף נישט קיין „גע־סעטלטער" ארבעט. ווען נאר דער שאפ־פארזיצער, ברודער פייט און דער קאמיטע־מאן יאסל קומען צוריק אין שאפ אריין פון אפיס, וואו זיי האבן זיך גערונגען מיטן „פראדאקשאנמאן" און מיטן באס וועגן די פרייזן אויף די מלבושים, איז זייער באריכט כמעט דער זעלבער:

— א נעכטיקער טאג! כאטש נעם און צאל זיי נאך צו!

און דער קאמיטע־מיטגליד דערגאנצט דעם באריכט: „נאר זיי ווילן אונדז פארשלעפן צום אומפארטייאישן טשערמאן!"

— צום שוחט?! — חידושן זיך אומרואיקע שטימען פון די מענטשן ביי די מאשינען.

די ארבעטער האבן פיינט די אנטשיידונג פון „אומפארטייאישן טשער־מאן", ווייל זיי האלטן, אז ער קוילעט־אפ זייערע פארדינסטן. אפגעשאכטן איז פארפאלן! גיי רוף דעם שוחט קנאקניסל!...

קיינער ווייסט נישט ווער ס'איז געווען דער ארבעטער, וואס האט געגעבן דעם „אומפארטייאישן טשערמאן" פון דער קליידער־אינדוסטריע אזא חנעוודי־קן צונאמען—„שוחט",—פונקט ווי מען ווייסט נישט ו ו ע ן דער כאראקטער־נאמען איז געגעבן געווארן. דאס וואלט מען אפשר געמעגט צורעכענען צו דער

צייט, ווען ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן דער „אומפּאַרטייאישער" אַפּאַראַט אין דער אינדוסטריע פון אַלע צדדים: די באַלעבאַטים און די אַרבעטער־יוניאָן. דאַן האָבן די אַרבעטער און די שעפּער פאַרלוירן די איניציאַטיוו צו טאָן דאָס וואָס זיי דענקען, אַז ס'איז גוט פאַר זיי. זיי האָבן געמוזט אויסבייטן שאַפּ־באַוואוסטזיניקייט מיט אַן אָלגעמיינעם „אַגרימענט" (קאָנטראַקט). אויף וויפל עס זענען נאָך פאַרבליבן „אָלד־טאַימערס", קאָנען זיי נישט פאַר־געסן יענע צייטן:

— מיסטער באָס, מיר מאַכן אַ לעבן פון אַרבעט! ווילסט נישט באַצאָלן וואָס עס האָט די ווערט — אַרבעטן מיר נישט!

— יעס, און אַז אַ באָס האָט געוואָלט זיין אַ „וואַיז גאַי" — אַ חכם אַ גרויסער — האָט מען אַראָפּגעלאָזט דאָס הענטל פון דער עלעקטריק. — נאַ, מאַך אַליין די אַרבעט! . . . אײַ, האָבן די באָסעס זיך געקאָכט, ווען די רעד־לעך זענען געבליבן שטיין! און די יוניאָן, ווי שוואַך זי איז געווען, האָט זי דאָך אונדז אַרויסגעהאָלפן. מיר האָבן געהאַט אַ דעה. הײַנט, אַז מיר האָבן אַזאַ שטאַרקע יוניאָן, איז אַז דער באָס וויל אונדז נעמען צום שוחט — נעמט ער.

דאָס וואָס די „אָלד־טאַימערס" לאָזן נישט פאַלן קיין שטויבעלע אויף דעם „אַמאָל, אַמאָל", געפעלט נישט הערשעלען. מען רופט אים הערשעלע, ווייל ער איז אַ נישט־הויכגעוואַקסיקער. ער ענטפערט זיי מיט זיין לייבן־שטים, וואָס הערט זיך איבער אַלע מאַשינען: „אייער גאָלדענער אַמאָל ליגט מיר גוט אין די ביינער מיט זיינע „סטאַפּעדזשעס" אַלע מאַנטיק און דאָנער־שטיק! דעמאָלט, ווי הײַנט, האָבן מיר זיך געראַנגלט פאַר פּרנסה, נאָר די מעטאָדן זענען אַנדערע . . . איר זאָגט: „דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן, דער שוחט". איז ער טאַקע דער שוחט? — ניין. ער אַליין איז גראָד אַ וואוי־לער מענטש, נאָר . . .

— נאָר זיינע „אינדזשאַסטערס"?" — האָט זיך ראַלף אַריינגעריסן אין הערשעלעס רייד. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דאָרפמאַן און געפּרוווט דערקלערן ראַלפן, אַז ס'איז נישט „אינדזשאַסטער", נאָר „אַדזשאַסטער", דער מענטש וואָס ווערט געשיקט פון „אומפּאַרטייאישן טשערמאַן" אין שאַפּ־אַריין אויסצוגלייכן אויף אַ גערעכטן אופן די סכסוכים צווישן אַרבעטער און באַלעבאַטים. ער איז אַן עקספּערט אין אויסרעכענען די ווערט פון אַרבעט אין אַ מלבוש. די אונטערשטע שורה פון זיין חשבון דאַרף זיין גוט פאַר ביידע צדדים. נאָר מערסטנס איז די אונטערשטע שורה גוט פאַר איין צד בלויז . . .

זעט אוים, אז דערפאר האט זיך אז ארבעטער אפגערעכנט מיט אים און גע־
קרוינט אים מיטן נאמען „אינדזשאסטער״ — געמיינט: דער וואס טוט אומ־
גערעכטיקייט.

נאר ראלף בייזערט זיך אויף דערפמאנען:

— חכם מיינער! איך זאג דיר דען ווי אזוי דו זאלסט אים רופן? פון
מיינעטוועגן קאנסטו אים רופן „צדיק אין פעלץ!״ ביי מיר הייסט ער, ווי ביי
אלע דרעסמאכער: „אינדזשאסטער!״

— אויך דער אינדזשאסטער איז נישט דער שוחט, — האט זיך אריינ־
געמישט שאפראן. דער אמתער שוחט האט זיך אן אייגענעם אפיס. צו אים
ברענגט מען אונדזער ארבעט, ער זאל באשטימען די פרייזן. ער איז דער וואס
מאכט די שחיטה...

אבער ראלף טענהט זיך זיינס: „פארדרייט מיר דארטן נישט דעם קאפ
מיט אייער חד־גדיא! ווער דארף זיך גריבלען אזוי טיף? אלע ווייסן, אז דער
„אימפארשיאל״ טשערמאן איז דער שוחט!...

דאך איז אויף היינט געווען האפענונג, אז די געמיטער זאלן זיין לייכ־
טערע, ווייל נעכטן איז דא געווען דער „ביזנעס־אגענט״ — דער פארטרעטער
פון דער יוניאן. ער אליין האט אויסגערעכנט די ווערט פון דער ארבעט פון די
מלבושים. אין אפיס האט גערעכנט דער אדזשאסטער, דער פארטרעטער פונעם
„אומפארטייאישן טשערמאן״. נאכדעם האבן זיי ביידע גערעדט מיטן „פראָ־
דאקשאנמאן״. שפעטער איז דער „ביזנעס אגענט״ אריינגעקומען אין שאפ
אריין. ער האט זיך באגריסט מיט אלעמען. מיט א סך פון די ארבעטער קען
ער זיך נאך פון יענע יארן, ווען ער האט געארבעט מיט זיי אין פארשידענע
שעפער, ווען זיין קאפ האר אז נאך נישט געווען אזוי גרוי, און זיינע שוואר־
צע אויגן זענען געווען לויטער, נישט פארשאטנט מיטן שטילן אומעט פון די
עוולות, וואס דאס לעבן האט אים אפגעטאן... איצט איז דער שטילער אומעט
אין זיינע אויגן געווען געמישט מיט ערגערניש. זיין עטוואס־געקנייטשטער
שטערן איז געווען באזארגט. די ארבעטער האבן פארשטאנען, אז קיין לייכטן
שליטוועגס האט ער דארטן אין אפים מיטן „פראדאקשאנמאן״ נישט גע־
האט. אבער זיי האבן געגלייבט, אז די יוניאן איז גענוג שטארק און זי קאן
זיך קעגנשטעלן דעם באס. האבן זיי געפאדערט פון אים:

— וואו איז יושר?

— וואס טוסטו נישט עפעס פאר אונדז?

ער האט מיט אן ערנסטן פנים געענטפערט: „הלוואי וואלט איך גע־
קאנט טאן ווי איר ווילט, אבער איך פרוביר. איך האב זיך שוין היינט אנ־
גערעדט מיט זיי, אז עס איז מיר אזש טרוקן אין מויל. איך דענק, אז זיי זענען

געווארן אביסל ווייכער. זאל דער שאפ־טשערמאן מיטן קאמיטע־מאן נאכ־אמאל אריינגיין דינגען זיך מיט זיי. לויט מיין מיינונג, וועט מען שוין איצט אפּסטעלן. זיי רייסן זיך צום אומפּארטייאישן טשערמאן, און איך וויל דאס נישט דערלאזן".

נאך אזעלכע רייד פון דעם יוניאן־פּארטרעטער איז די שטימונג פון די ארבעטער געווארן בעסער. ווען דער ארבעטס־טאג האט זיך פארענדיקט, און דער שאפ־טשערמאן מיטן קאמיטע־מאן האבן זיך נאך נישט באוויזן פון אפיס, האט זיך פארשפּרייט א קלאנג, אז „עס האלט שוין אויף א לאד. עס גייט בלויז אין א קלייניקייט". זענען די ארבעטער אוועק מיט לייכטע געמי־טער צום שאפ־זייגער אפּצוקלאפּן דאס צייט־קארטל, און — א גוטע נאכט דיר, שאפ! א גוטע נאכט דיר מיט דיינע טונקעלע ווענט! מיט דיין ענגשאפט, מיט דיינע טענות, עוולות און קולות:

— העי, פארמאך דארטן דאס פענצטער! עס ציט א צוגווינט!

— זאל זיין אפן! עס איז נישטא מיט וואס צו אטעמען!

— ווילסט פרישע לופט? גיי אין פּארק אריין!

— אויב דו קענסט נישט פארנעמען קיין פרישע לופט, ביסטו קראנק, גיי אהיים!

— דו זאלסט אזוי קראנק זיין — אז מיין שאדן — ווי איך בין קראנק!

— דו נארישע בהמה וואס דו ביסט!...

א, א גוטע נאכט דיר, שאפ! הינטער דיינע פארשלאסענע טירן וועט די פינצטערניש פארהילן די אנטשוויגענע צושנייד־מאשינען, די ניי־מאשינען, די קאלטע פרעס־אייזנס, די געשטאפּטע פיגורן און די טישלעך פון די פּי־נישערינס. אין דיין טויבער שטילקייט וועלן אפשר נאך הערן זיך די עכאס פונעם פארמאנס אויסרופן די אפּערעיטארס נישט ביי זייערע נעמען נאר, נאר לויט זייערע נומערן:

— העי, נומער...! קום נאר אהער צו דער פיגור! — זעסט די־א נאט? דא פאדערט זיך אריינצונעמען א האר־רע־לע מער. דא איז דער אנדערער זייט, — זיי אזוי גוט, עפן די גאנצע נאט און לאז־ארויס די ווארע אזויפיל־א, א נאגל, א „טאטשעלע" — פארשטייסט וואס איך רעד צו דיר?...

— טשערמאן, דער פארמאן דערגייט די יארן!

— מיר מוזן נעמען א שטעלונג קעגן אים!...

א גוטע נאכט דיר, שאפ! אין דיין נאכטיקן חושך וועלן פלאטערן פאר־שטיקטע זיפצן פון מענטשנס מאטערניש פאר פרנסה. דיין גערדיכטע לופט איז אנגעזאפּט מיט מענטשנס צאפּלעניש און ציטער איבערן אייגענעם פונק מענטשלעכקייט, עס זאל, חלילה, נישט פארלאשן ווערן אין דעם ווילדן

מענטשן אין מיין לעבן

שאַפּ־גערויש . . . אַ גוטע נאַכט ! אפשר וועט מאָרגן זיין בעסער . . .

:: :: ::

דער פרימאָרגן איז געקומען אַ מילדער, מיט ווייסע, דינע וואָלקנדלעך אויפן בלויען הימל, מיט פרישע, טרייסטנדיקע ספּעטעמבער־ווינטלעך. די זון האָט זיך דורכגעריסן דורך די פאַרשטויבטע שאָפּ־פענצטער און געשפּרייט ליכטיקע פלעקן אויף די ווענט, אויף אַנגעהויפטע מאַטעריאַלן און אַריינגעפּלאָנטערט זיך אין די דרייענדיקע מאַשין־רעדלעך און פון דאָרטן געפלויגן, ווי זומער־פלאַטערלעך, אויף די פאַרזאָרגטע פּנימער פון די אָפּערעיטאָרס, — ווייל פון זייערע נעכטיקע האָפענונגען אויף אַ בעסערן טאָג היינט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם . . . מען איז נאָך אַלץ נישט דורכגעקומען מיט די פרייזן אויף אַרבעט.

אומצופרידן איז געווען אויך דער פרעסער דעיוו, כאָטש זיין אַרבעט וואָס איז פון שטיק, איז געווען שוין „אָפּגעסעטלט". אים איז אָבער געגאַנגען אין דעם וואָס די אָפּערעיטאָרס וועלן היינט ווידער נישט זיין געשטימט פאַר זיינע קיביצערייען, און גראָד ווען ער האָט אַ סך צייט פאַר דעם. ווייל ווען די אַרבעט איז שווער ביי די מאַשינען, קומט ווינציק אַרויס פאַר די פרעסערס. און אַז ביים פרעס־טיש איז נישטאָ וואָס צו טאָן, האָבן די פרעסערס קנאַפּ־וואָס שותּפותדיקס צווישן זיך, כאָטש זיי זענען שותּפים ביי דער אַרבעט. בלויז ווען עס זעצט די פאַרע פון די פרעס־אייזנס איז פאַראַן שותּפותדיקס צווישן זיי — אַ טאָג אַרבעט. און ווען מען אַרבעט, צילט דעיוו זיינע קיביצערייען אין זיין בעסטן שכן, איזי.

איזי איז עטלעכע־און־זעכציק יאָר אַלט, עטוואָס העכער פון מיטלוואוקס, מיט שוואַרצע, גרויענדיקע האָר. ער פּירט דאָס אייזן שנעל איבער די קליידלעך אויפן פרעס־ברעט, ווי די נעט און קנייטשן אין זיי וואָלטן שוין לאַנג געוואַרט אויסגעפרעסט צו ווערן. אויף זיין שטערן, ביז די ברעמען, איז אויסגעשפּרייט אַ שווערע זאָרג, ווי די זאָרג וואָלט געקומען פון די טיפענישן פון זיין געמיט . . . נאָר אויף זיין ברייטלעכן פּנים שוועבט אַ שמייכל, וואָס איז ווי אין שטענדיקן געראַנגל מיטן שאָטן אויפן פאַרזאָרגטן שטערן, און וואָרנט אים : „אויב דו קאָנסט נישט אָפּטאָן זיך פון מיר אינגאַנצן, זאָלסטו אָבער זיך נישט אויסשפּרייטן אויף מיין פּנים. די וועלט דאַרף נישט וויסן וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין האַרצן" . . .

אָפּטמאָל איז דער שמייכל אויף זיין פּנים אַ גאָר צופרידענער, ווי פון אַ סך־הכּל פון גוטע אויפטואונגען . . . דעם בריוו צו די סאָסייעטי־מיטגלידער — שוין אויסגעשטעלט, — געאַרבעט אויף אים אין די מיטיק־שעהן, ביי אַ זייטיקן טישל אין דער קאַפעטעריע. די „בילס" פאַר מיטגליד־אָפּצאָל —

אויסגערעכנט. די קאָנווערטן — אַדרעסירט. יאָ, נישט פאַרגעסן נאָך דער אַרבעט אַרײַנצוכאַפּן זיך אין פּאָסט־אָפיס נאָך מאַרקעס. דעם באַריכט פון דער שלום־קאָנפערענץ, וואָס ער דאַרף געבן צום מיטינג פון דער סאָסייעטי, וואָלט ער שוין אויך געהאַט אויסגעשטעלט בײַ זיך אין מוח, ווען דער „קאַנאַריק", זײַן שכן דעיוו, זאָל אים נישט צעשלאָגן די געדאַנקען מיט זײַנע שטענדיקע חכמהלעך . . .

נאָר ווען עס דערנענטערט זיך די צײַט פון אָפּגעבן דעם באַריכט, נעמט ער צוהילף זײַן אײַנגעבוירענע עקשנות און זאָגט צו דעיוון: „קאָנסט גראָגערן פון הײַנט ביז איבעראיאָר, וועט דאָס דיר העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס! איצט עקזיסטירסטו נישט פאַר מיר!" — און ער הייבט־אָן אויסצושטעלן דעם באַריכט אין זײַן געדאַנק: ער מעקט ווערטער, ער שטעלט זיי איבער, ביז עס ווערט אַ באַריכט — קורץ און קלאָר. דאַן גייט ער אַוועק פון טיש כלומרשט נאָך אַ טרונק וואַסער אין קאָרידאָר, נאָר ער נעמט גאָר אויף גיך פאַרצייכענען אויף אַ שטיקל פּאַפּיר די וויכטיקסטע פונקטן פון זײַן רעדע, אַזוי, אַז דער „קאַנאַריק" וועט מעגן רעדן וויפל ער וויל, וועט ער שוין נישט קאָנען צעקלאַפּן זײַנע געדאַנקען . . . צוריק צום פרעס־טיש גייט ער מיט אַזאַ זיגערישן שמייכל, וואָס איז גרייט אַלעמען אָנצוזאָגן אַ פריילעכע בשורה, וועגן אַ דערפאָלגרייכער שלום־קאָנפערענץ, וואָס רופט די מענטשהייט צו העלפן פאַרווירקלעכן אַן אַלטן, נאָר אייביק־נײַעם חלום, צו פאַרוואַנדלען די שווערד אין אַן אַקעראײַזן . . . ער וואָלט די פרייד געטיילט איצט מיט יעדן איינעם, זענען זיי גאָר פאַרטאָן אין דער אַרבעט. איז ער אַוועק צוריק צום פרעס־אײַזן. זײַן שכן דעיוו האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און געפרעגט: „ווען האָסטו דאָרטן באַגעגנט, וואָס דײַן פּנים שײַנט אַזוי?"

ערשט איצט האָט איזי זיך געכאַפּט, אַז ער האָט איבערגעצויגן דאָס שטריקל און אָנגעהויבן זיך ראַטעווען פון זײַן אייגענער נעץ . . . „האָסט מיך שלעכט פאַרשטאַנען. איך האָב נישט געמיינט צו באַליידיקן דיך. אַלע ווייסן, אַז איך האָב נישט קיין טבע ווײ־צו־טאָן מענטשן . . . אָ, דו ביסט צו־שאַרף! איך וויל זיך נישט קריגן מיט דיר . . . נו, אויב דו דענקסט, אַז דו ביסט גערעכט, טאָ זאָל שוין מײַנס איבערגיין . . . עס קאָן זײַן, אַז כ'האָב אַביסעלע איבערגעזאַלצן . . . אָבער כ'האָב דיר שוין געזאָגט אפשר טויזנט מאָל, אַז ס'איז נישט מײַן שולד. עס איז בײַ מיר אַ ירושה־זאַך: געירשנט פון מײַן גאָטזעליקן פאָטער. אַ טײַערער ייד געווען, און ווי איך — מיר אויף צו לענגערע יאָר — האָט ער ליב געהאַט צו מאַכן אַ שפּאַס, ליב געהאַט פריילעכקייט" . . .

די אַנדערע פרעסערס בײַם טיש זענען ווי פאַרפּאַנצערט קעגן דעיווס

קיביצערייען, ווי עס וואָלט בײַ זיי געווען אַ שטילער אָפּמאַך: „זאָל ער רעדן צום לאָמפּ". פונדעסטוועגן טרעפט, אַז לעוויז, וואָס שטייט אַקעגן אים, קאָן שוין מער נישט פאַרנעמען זײַנע „קלוגע" ריידעלעך, שטעלט ער אַוועק דאָס פּרעס־אײַזן און קערט זיך אָפּ פון טיש מיט אַ הייב פון די אַקסל, ווי אין פאַרצווייפלונג: „וואָס טוט מען מיט אים?" ער לאָזט זיך צו די מאַשינען צו זען בײַ וועלכן אָפּערעיטאָר ער קאָן „אויסבאָרגן" אַ סיגאַרעט. מחמת זינט ס'איז באַוואוסט געוואָרן, אַז רויכערן איז נישט געזונט, האָט ער אויפגעהערט צו קויפן סיגאַרעטן און רויכערט נאָר „געבאָרגטע". ער וויל בלויז „פּאַרציען" צו פאַרטרײַבן די נישטגוטקייט פון יענעמס נײַן מאָס רייד. ער גייט אַרויס אין קאָרידאָר אַרײַן ראַטעווען זיך מיטן רויך פון אַ סיגאַרעט . . .

לעווינס שכן, דזשאָו, טוט אַן אומצופרידענעם דריי מיטן קאָפּ: „וואוהין לויפט ער דער נאָר? אויב אַזוי, דאַרפן דאָך אַלע לויפן" . . . ווײַל אויך ער אַליין האָלט דאָך אײַן מיט „ציין און נעגל" זײַנע נערוון, נישט אַרויסצוגיין פון די כּלים. ווײַל נאָך דעם קאָן ער פון חרטה קיין נעכט נישט שלאָפן. בײַטאָג פּרוּווט ער דערטרינקען זײַן אומרו אין טעפּעלעך שוואַרצע קאַווע . . . דערפאַר האָלט ער אין אײַן אײַנרעדן זיך: „אַ דאגה האָב איך! מײַן כאַטע איז אין אַ זײַט". ער באַמיט זיך אַוועקצופירן זײַנע געדאַנקען ווײַט פון דעם פּרעס־טיש, ווײַט פון שאָפּ, און ווײַט פון סתם רייד. ער האַלט, אַז ווערטער דאַרפן זײַן ווי דימענטן, מיט טיפע און לויטערע קאָלירן. ער וועט נישט וואַרפן קיין דימענטן אַט־אַ־דאָ, פאַר זיי . . . בעסער האַלטן זיך אין אַ זײַט . . . דאָך חידושט ער זיך אויף זיך אַליין: „מײַן כאַטע איז אַ זײַט?" — און ער ענטפערט ווי אויף צו־להכעיס וועמען: „יאָ! אין אַ זײַט! . . . נו, מאַלע וואָס אַמאָל האָט מען געקערט וועלטן, געהאָלפן שטופּן די מענטשהייט אויפן ריכטיקן וועג . . . אַז די יאָרן זענען פאַרבײַגעפלויגן . . . — ערגעץ אינעווייניק עקבערט אים: ניין, דזשאָו, ס'איז נישט די יאָרן! זע, איזי איז אין דײַן עלטער . . . זײַן כאַטע איז נישט אין אַ זײַט! . . .

ער ווענדט זײַנע אויגן פול מיט קלוגן אומעט און זעלבסט־רחמנות צו לואיז, וואָס האָט אויסגעקליבן צו שטיין בײַם לעצטן פּרעס־ברעט, ווײַט פון די שותּפים, נישט צו זען און נישט צו הערן וואָס דאָרטן קומט־פאָר . . . לואי איז פאַרטאָן אין זײַן אַרבעט. ער האָט נישט אויפגעכאַפּט דזשאָוס בליקן.

לואי איז זיך אַן אָפּגעהיטער מענטש: ציכטיק־געקליידט, פריש געראַזירט, זײַנע שוואַרצע האָר גלאַנצן און זענען פאַרקעמט מיט אַ קליין פּאָמפּאַדורעלע פון פאָרנט; דער לייכטער שמייכל אויף אײַן זײַט פון זײַן פּנים זאָגט־אויס דעם סוד פון זײַן קוק אויפן לעבן פון שאָפּ: „ווער עס וויל זיך ערגערן, איז ביטע! מיט פאַרגעניגן! נאָר נישט איך! ס'איז אין ערגעץ נישט געשריבן,

אַז אַ מענטש דאַרף זיך אַפּעסן דאָס האַרץ אין שאַפּ. פאַר מיר איז גענוג, אַז איך גיב אַ טאָג אַרבעט".

ער טוט זיין אַרבעט מיט אַ סיסטעם. ער וויל נישט כאַפּן קיין מציאות — אונטערבלאָפן ביי דער אַרבעט, ווי עס טרעפט אַמאָל צווישן שותפים . . . ער וויל נישט קוקן קיינעם אין די הענט אַריין, ווייל "וואָס פון די אויגן איז פון האַרץ". עס לוינט זיך אַרבעטן אַפילו שווערער, אַבי פון ווייטן . . .

נאָר דעיווו גייען סיי־ווי נישט אַז די אַנדערע פּרעסערס ביים טיש. פאַר אים איז גענוג צו האָבן אַזאַ טייערן שכן ווי איזי, אַ מענטש וואָס קאָן נעמען אַ "קיבעץ" און צוריקגעבן — אַמאָל מיט פּראָצענט . . .

דאָך זענען פאַראַן טעג, ווען דעיוו הייבט־אָן צו רעדן ערנסט. דאָס איז דאַן ווען ער הייבט זיך אָן צו גרייטן מיט אַ רעדע פאַר די מיטגלידער פון זיין קלוב, פון וועלכן ער איז דער פּרעזידענט. דעמאָלט נעמט ער זיך "לייטערן". ער באַ־מיט זיך מיט אַלע זיינע כוחות זיך צו באַפרייען פון דער וואָכעדיקער שאַפּ־געוויינטלעכקייט: נישט איבערקערן יענעמס רייד קאַפּויר, און נישט פאַר־קאָכן קיין קאַשעס, וועלכע קאָנען צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט . . . אין אַזעלכע טעג פון "ריינקונג" פאַרשווייגט ער אַפילו זיינע שכנים, וואָס שפּאַסן וועגן אים: "ער האָט שוין נעבעך געקראָגן זיין אינטעליגענטישן אָנפאַל"...

ער וויל זיי נישט הערן. זיינע געדאַנקען זענען שטאַרק פאַרנומען מיט אָפּקלייבן די שענסטע און פאַסיקסטע ווערטער פאַר זיין רעדע. עס קומען אים אין קאָפּ אַריין אַלערליי פראַזן און ביישפּילן, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון באַרימטע רעדנער, אָדער פון ביכער, וואָס ער האָט זיך אָנגעלייענט. דאַן הייבט אָן זיין שיין־געשניצט פּנים אויסצוקוקן איידעלער, ווי ער וואָלט אי־בערגעלעבט אַ שטאַרק־גייסטיקן פאַרגעניגן, וואָס טראָגט אים אַוועק פון היינטיקע טאָג־טעגלעכקייטן צו דער נישט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט, און ער דערפילט אויפסניי דעם פריידיקן ציטער, ווען זיינע פריינט האָבן אים דער־מוטיקט . . . "ביסט שוין רייף איבערצוגעבן דיין אָנגעזאַמלטן וויסן צו די מיטמענטשן. גיי, קלער־אויף!" — אַט שטעלט מען אים פאַר פון אַ לייטערל אויף אַ ראָג גאַס: "היינט וועט רעדן צו אייך אַ יונגער אַרבעטער, וואָס וועט נישט פאַרגעסן די לערע פונעם געטרייען אַמעריקאַנער אַרבעטער־פירער, וויקטאָר יודזשין דעבס, וואָס האָט געזאָגט: ,אויב איך וועל ווען־עס־איז שטייגן, וועט דאָס זיין צוזאַמען מיט די אַרבעטער'. און ער רעדט . . . הונגע־ריקע אויגן קוק־אַרויף צו אים: הונגעריקע נאָך ברויט, הונגעריקע נאָך וויסן, הונגעריק נאָך גערעכטיקייט און נאָך פרידן . . . זייער אָפּלאָז — פליגל פאַר אים, — פליגל, וועלכע טראָגן אים הויך, און איצט? — אויגן אַנטוישטע קוקן אים נאָך און פרעגן: "וואוהין ביזטו פאַרפלויגן? וואוהין?" . . .

מענטשן אין מיין לעבן

ער שטייט מיטן קאָפּ געבויגן צו דער אַרבעט, ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו באַגעגענען עמיצנס בליקן. דורכן שאָפּ־טומל דערטראָגט זיך צו אים, ווי פון ערגעץ ווייט, אַ שטים מיט אַ מאָדנעם געלעכטער, וואָס פרעגט: „העי! דו הערסט שוין נישט? מען רעדט דאָך צו דיר!" — ער האָט דערקענט איזיס שטים. איידער ער האָט באַוויזן צו ענטפערן האָט שוין לעווין געהאַלטן אין אויסטייטשן זיין פאַרטראַכטקייט: — ער האַלט איצט זיין „ספּיטש" פאַר זיינע „באַיעלער" אין קלאַב!

דעיוו האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט וועגן לעווינס באַמערקונג און ער האָט, ווי אין אַ חלום, איבערגעפרעגט איזין: „האָסט עפּעס געזאָגט?" — — איזי האָט אים מכבד געווען מיט דעיווס אייגענער שפּראַך: „יאָ, איך האָב געזאָגט, אַז אַ שענערן פון דיר ליגט מען אין דער ערד אַריין! דיין פּנים איז ווי אַ חוזק און בלאַס. דיין שפּיץ נאָז — רויט ווי ביי אַ שיכור. און דיינע אויגן זענען צעגליט, ווי דו וואָלסט געברענט פון היץ".

דעיוו קערט אָפּ דעם קאָפּ פון אים און מורמלט: „ער ווייסט נישט וועגן יאָ און וועגן נישט". נאָר ער וועט אים דאָס נישט זאָגן: ער האָט פיינט צו באַ־לייידיקן מענטשן! . . . ער וועט בעסער אַוועק אויף אַ ווייל פון טיש, צו־טראָגן אַן אונטערגעפּרעסט באַנדל צו אַן אָפּערעיטאָר, און שוין פאַר איינ־וועגס כאַפּן אַ שמועס מיט אים וועגן וויכטיקע זאַכן אין לעבן, וואָס וועט העלפן אָנהאַלטן די יום־טובדיקע שטימונג.

די יום־טובדיקע שטימונג האַלט־אָן ביי אים אַ טאָג, אַמאָל צוויי טעג נאָך זיין רעדע, ביז דער שאָפּ־גערויש פאַרטויבט אים דעם אַפּלאָז, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין רעדן, ביז די שאָפּ־ערגערניש ווישט־אַוועק אַ שמייכל פון אָנערקענונג, וואָס ער האָט באַמערקט בשעת זיין רעדן, און ביז דאָס פּרעס־אייזן פאַרטרייבט דעם וואַרעמען האַנט־דרוק, אַלס קאָמפּלימענט פון אַ צוהערער. די שאָפּ־וואָכעדיקייט דערשטיקט די לעצטע צאַפּלעניש פונעם אַי־בערגעלעבטן פאַרגעניגן . . . דאַן הייבן־אָן די פּרעסערס ביים טיש אָפּצורע־כענען זיך מיט אים:

— דער שניי אין הויף האָט אָנגעהויבן צעגיין און די שוואַרצע שטיינער־שפּיצן זעען זיך שוין אַרויס . . .

— ער הייבט־אָן קומען צו זיך פונעם אינטעליגענטישן אָנפאַל.

— איך האָב געוואוסט, אַז ס'איז ביי אים בלויז אַן אָנשטעל, וואָס האַלט־אָן פון אסתר־תענית ביז פּורים . . .

ער דערפילט אַז זיינע וואָכעדיקע טעג הייבן זיך אָן צו באַווייזן און ער וועט ווידער אָנהייבן אַריינצוכאַפּן אַזעלכע „ס'קאַצל קומטס" פון וועלכע ער וועט נעמען שטעלן פּיס . . . מערסטנס איז מען אים מכבד מיט אַזאַ ברוך־

האָבא ביי די אַפּערעיטאָרס, נאָר ער טוט זיך זיינס, ווי נישט אים מיינט מען: ער שפּאַצירט אַרום מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, איבער וועלכע עס הענגט אַריבער זיין אַרבעט־פאַרטעכל. אויף זיין עטלעכע־און־פופציק־יאָריקן פּנים שוועבט אַ שמייכעלע, זיינע שוואַרצע אויגן זענען שטענדיק אויף דער וואַך, ווי ביי אַ הירש — פון קלענסטן שאָרך צו נעמען לויפן; נאָר איידער ער דערהערט דעם שאָרך וועט ער דערווייל „פאַרקאָכן אַ קאַשע״...

צייט האָט ער היינט אַ סך, נאָר ער האָט עפּעס מורא זיך אָנצוהייבן מיט די שווער־געמיטיקע אָפּערעיטאָרס. וואָלטן זיי זיך כאָטש געקריגט, וואָלט דאָס געווען פאַר אים ווי אַ פריינטלעכע איינלאַדונג... זוכט ער און נישטערט צווישן די מאַשינען, — און ער האָט זיך דערפרייט: „אַז מען זוכט געפינט מען״. ער האָט דערזען פון דער ווייטן, ווי שיע גאַליציאַנער, וואָס זיצט אין מיטן פון אַ ריי מאַשינען לעבן דעם „אָלד־טאַימער״ אייב, רעדט עפּעס צו אים. ער איז שנעל אַוועק אַהין, ווי צו אַ געעפנטער טיר...

:: :: ::

שיע איז אַ פולבלעכער ייד, מיט אַ קיילעכיקן, באַלעבאַטישן געשטעל, מיט אַ גוטמוטיקן פּנים. ער האָט ליב צו דערציילן נישט־געשטויגענע מעשיות. ער רעדט כלומרשט ווי אין דער מאַשין אַריין, נאָר ער ווייסט ווי אַזוי דאָס צו טאָן, אַז קיין איין וואָרט פון זיין מעשה זאָל נישט פאַרלוירן גיין פאַר זיי־נע שכנים. ווען דעיוו איז צוגעקומען האָט ער געהאַלטן אין דערציילן:

— ווי לאַנג איך האָב אַזוי געדרעמלט נאָך מיין שבתדיקן מאַלצייט, ווייס איך נישט, און שלאָפן האָט זיך מיר געוואָלט זייער שטאַרק, זעט אויס צוליב דער איבעריקער כוסה, וואָס איך האָב געמאַכט אין שול... האַ? יאָ, אַלע שבת האָבן מיר אין שול אַביסל משקה: אַמאָל פון אַ ברית, אַמאָל פון אַ בר־מצווה, אָדער פון אויפרופן אַ חתן צו דער תורה, — גאָט פאַרלאָזט אונדז נישט. דעם שבת איז דאָס געווען צוליב אַ בענטשן גומל... יאָ, יאָ, עס זע־נען נאָך דאָ מענטשן וועלכע בענטשן גומל אויך; וואָס מיינט איר, ס'איז שוין עק וועלט? איך האָב אָבער געוואוסט, אַז איר וועט מיר נישט גלייבן, איז לאָזט־זשע מיך אויסרעדן וועט איר זען, אַז איך בין נישט קיין בלאָפער...
דער העלד פון דער מעשה איז אַן אַלטער נאָר; האָט זיך אים געחלומט וועגן דער ערשטער מלחמה נאָך — היינט שלעפּט ער קוים די פיס, — חלומט זיך אים, אַז ער לויפט „נאַ שטיכי״ מיטן באַגנעט פאָרויס און קעגן אים לויפט דער שונא, גרויס ווי עוג מלך הבשן. דערשרעקט ער זיך און הייבט אָן צו שרייען: „שמע ישראל!״ גאָט! דערבאַרים זיך אויף מיין ווייב און קינדער! זיי מיך מציל פון שונאס הענט! איך בין מנדר״... אָבער דאָ האָט זיך דער אַלטער געגעבן אַ כאַפּ אויף, ווייל ער איז אַ קאַרגער און האָט נישט געוואָלט מנדר־

מענטשן אין מיין לעבן

זיין א סך . . . וויפל כ'האב געוואלט דערגיין ביי אים וואס ער האט מנדר געווען, האט ער זיך ארויסגעדרייט מיטן תירוץ: „איך געדענק נישט". דו הערסט צי נייז? — האט זיך שיע פלוצים געווענדט צום „אלד־טאַימער".

— זיכער הער איך! האט דער „אלד־טאימער" געענטפערט מיט א ברייטן שמייכל. — גיי־אַז ווייטער מיט דיינע בלאַפס, מיסטער שיע, באַק אויף וואס די וועלט שטייט!

— נו, גוט, אַז עס געפעלט דיר, איז הער־זשע ווייטער: — פון גומל־בענטשן האב איך אים אפגערעדט, נאר דעם נדר מוז ער האלטן. ער האט זיך געוואלט ארויסדרייען דערפון, האב איך אים געגעבן צו פארשטיין, אַז א נדר איז א נדר, אפילו אין א חלום . . . נו, אלע אין שולעכל האבן מיר צוגע־האלפן, האט ער שוין קיין ברירה נישט געהאט און געשטעלט משקה. איך ווידער האב אביסל צופיל באנעצט מיינע ליפן . . . איז וואס זאל איך דא לאנג ברייען, — איך בין אהיימגעקומען א גאר פריילעכער . . . יעס, אוודאי איז מיין ווייב שוין געוואוינט צו זען מיך אהיימקומען א לוסטיקן שבת נאכן דאַ־ווענען . . . איז ווי האלט איך? יאַ: באלד נאכן עסן בין איך אוועקגעפאלן אין א געשמאקן דרעמל, נאר ס'איז נישט באַשערט געווען, ווייל אינמיטן דריינען האב איך דערהערט דעם טעלעפאן קלינגען. און איך, ווייסטו דאך, וועל נישט מחלל־שבת־זיין, נעמט מיין ווייב דאס טרייבל און איך הער ווי זי פרעגט: „ווער רעדט? ווארט א מינוטקעלע!" און זי נעמט שרייען: — „שיע! שיע! גיכער צום טעלעפאן! דער פרעזידענט פון אמעריקע וויל רעדן צו דיר!" — „דער פרעזידענט?" פרעג איך איבער און טראכט: „וואס האב איך מיט אים צו רעדן? אז מיינע פריערדיקע עצות ווי אזוי אויפצוהערן פירן מלחמה און ווי אזוי אפצושאפן ארעמקייט אין לאנד און ווי אזוי איינ־צופירן אביסל מער יושר פאר די ארבעטער האט ער נישט אנגענומען? אז אומשולדיק בלוט גיסט זיך נאך אלץ . . . נאר צוריקגערעדט, אפשר וויל ער הערן א נייע עצה פון מיר? אבער ס'איז דאך שבת, לאז איך וויסן מיין ווייב: — זאג אים דארטן, אז היינט איז ביי מיר שבת, זאל ער מיר אנקלינ־גען באלד נאך הבדלה . . .

— אוי, א געזונט אין דיינע גאליציאנער ביינער אריין, רעב שיע בלאַ־פער! — האט דער „אלד־טאימער" אויסגערופן. — דו וואלסט באדארפט באלאנגען צום קלוב פון די גרעסטע ליגנערס! פאר דיינע מעשיות קומט דיר א מעדאל!

— א מעדאל, זאגסטו, קומט מיר? און איך זאג, אז שטיינער קומט מיר צו ווארפן אין קאפ אריין פאר מיין נאריש־מאכן זיך . . . דו ווייסט דאך גאנץ גוט מיינע צרות, וואס שלעפן זיך נאך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

איצט אַ נייע צרה, — מען גרייט שוין מיין אייניקל צו אַ מלחמה. ער איז דאָך נאָך אַ קינד, גאָרנישט פאַרזוכט פון לעבן . . . אַז איך הייב־אָן צו טראַכטן פון די אַלע זאַכן, פיל איך, אַז מיין האַרץ וועט אַמ־אַ פּלאַצן זיצנדיק ביי דער מאַשין. איצט פאַרשטייסטו פאַרוואָס איך האַלט זיך אין איין ראַטעווען מיט נאַרישע מעשיות? יאָ, איך פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז דאָס איז נישט מער ווי חלשות־טראָפּנס . . . זאָגסטו נאָך, אַז עס קומט מיר אַ מעדאַל . . .

דעיוו האָט לאַנגזאַם אויסגעגלייכט דעם קאָפּ וואָס ער האָט געהאַלטן אַנגעבויגן צו שיעס מאַשין. ער האָט אים גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און איז אַוועק אָן אַ וואָרט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט קאָן ער פאַר אַ קיבעץ כאַפּן אַזאַ סוף, אַז ער זאָל נעמען לויפן וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט . . . פּלוצים האָט ער זיך אַנגעהויבן וואונדערן אויף זיך אַליין וואָס ס׳איז אים פריער נישט געקומען אויפן געדאַנק אַזאַ גאָלדענע געלעגנ־הייט ווי אַ פרעג צו טאָן ראַלפן צי ער ווייסט שוין ווער ס׳האָט גענומען זיין בוד. וועט ער דאָך זיכער געבן אַ קוק אַריבער צום „טערק״, וועמען ער איז חושד. און דער „טערק״, וואָס איז דערפאַר אַנגעצויגן אויף ראַלפן, וועט דער־פילן אויף זיך זיינע בליקן, וועט ער דאָך געבן אַ קוק צו ראַלפן מיט קריגערישע אויגן — דאָס איז גוט! עס וועט גיין אַ גאַנג! די קאַשע איז דאָך שוין פון לאַנג אַ פאַרקאָכטע — ער וועט בלויז אַ מיש טאָן מיטן קאָכלעפל . . .

איז ער זיך אַוועק מיט אַזאַ אומשולדיק געגנגעלע צו ראַלפן, וואָס ביים עק פון דער לאַנגער ריי מאַשינען. גייענדיק האָט ער פּלוצים דערהערט ווי צוויי אַפּערעיטאָרס, וועלכע זיצן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, גיבן זיך לעקציעס.

— אַ מענטש, אויב ער איז נאָר אַ מענטש, דאַרף אינזינען האָבן זיין שכן און נישט בלאָזן קיין שטויב פון זיין מאַשין יענעם אין די אויגן אַריין.

— אַ מענטש דאַרף אויך האַלטן ריין זיין מאַשין . . .

— רייניקט מען מיט אַ שמאַטע, נישט מיט קיין בלאָזעניש!

— פון דיר האָב איך נישט דערוואַרט זאָלסט זיך אַזוי צעקאָכן. נישט שיין צו מאַכן אַ גאַנצן צימעס פון אַ ביסל שטויב. זייער נישט שיין פון דיר!...

— און בלאָזן יענעם שטויב אין פּנים אַריין איז יאָ שיין?

אויף דעיווס פּנים האָט זיך צעשפּרייט אַ צופרידענער שמייכל. אויף אַזאַ גאָלדענער געלעגנהייט צו פאַרקאָכן אַ קאַשע האָט ער זיך גאָרנישט גערעכנט. און ער האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן:

— אַנטשולדיקט מיר, דזשענטלמען: איך וואָלט זיך אפשר נישט באַ־דאַרפט אַריינמישן צווישן גוטע פריינט, נאָר איך קאָן זיך נישט צוריקהאַלטן פון אויסדריקן מיין באַגייסטערונג פאַר אייער אינטעליגענטער דיסקוסיע. וואָלט דאָס פּאַסירט נישט צווישן אַזעלכע איידעלע לייט ווי איר, נאָר, לאָמיר

זאָגן, צווישן רעב שיען און דעם „אָלד־טאַימער“, וואָלטן דאָך שוין געפּלויגן פּעטש, — און ביידע וואָלטן דאָך געהאַט גערעכט. ווייל, אַז אַ מענטש אין היינטיקע ציוויליזירטע צייטן קאָן נאָך אַפּטאָן אַזעלכע נישט־שיינע זאַכן, ווי בלאָזן שטויב יענעם אין די אויגן אַריין . . . נו, מער וויל איך שוין נישט דער־מאָנען, ווייל דאָס וואָס כ'האָב אויסגערעכנט איז שוין גענוג גרונט, אַז איין ברודער זאָל נעמען דעם אַנדערן און דער יוניאָן אַריין צו דער „גריוועַנס קאָ־מיטע“, אָדער טאַקע באַלד אויפן אָרט נעמען דערלאַנגען אין די ציינער . . . דעריבער זאָג איך . .

— דאַרפסט שוין מער נישט זאָגן!

— אָ, ברוך־הבא! דער גרויסער רודף־שלומניק איז דאָ! גיי דיר פון־וואַנען דו ביסט געקומען.

אָבער ער גייט נישט. ער שמייכלט אומבאַהאָלפן, און וואַרט זיי זאָלן זיך אויסשטורעמען און אַז זיי וועלן האָבן געקומען צו זיך, וועלן זיי איינזען, אַז ער מאַכט בלויז שפּאַס . . . פאַרשטייען זיי טאַקע נישט, אַז אויך ער איז אויסגעהונגערט נאָך אַביסל פריילעכקייט? ווייסן זיי נישט אַז ער טרייבט פון זיך די ביטערע שאָפּ־ערגערנישן, די איינזאַמקייט אין דער סאַמע גע־דיכטעניש פון מענטשן? אַז אויך ער וויל פאַרטרייבן כאָטש אויף אַ ווייל די נאָגעניש אין האַרצן פון די נישט־דערגרייכטע שענערע און בעסערע זאַכן אין לעבן? זיי מאָנען אַ דערקלערונג. לויפט ער פון זיי מיט געמאַכטער פריילעכ־קייט, פון וואָס עס בלייבט שפּעטער אַ פּוסטקייט אין דער נשמה.

ער האָט געכאַפּט אַ בליק צו זיין פריינט איזין, וועמען ער האָט אַמאָל געגעבן אָנצוהערן דעם מיין פון זיין איבערגעטריבענער פריילעכקייט און זיי־נע אינערלעכע געראַנגלענישן . . . איזי איז געשטאַנען ביים טיש אַן אַרבעט און געוואונקען צו אים, אַז ער זאָל זיך בעסער נישט אָנהייבן איצט מיט קיינעם: עס איז נישט די שטימונג פאַר קיבעצעריי. אָבער ער רירט זיך נישט; ער שטייט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אויף שייד־וועגן און ישובט זיך. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ טויבע שטילקייט פון די מאַשינען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, ווי אַלעמענס אויגן זענען געווענדעט צום שאָפּ־טשערמאַן און קאָמיטע־מאַן, וועלכע זענען צוריק געקומען פון אָפיס. די אָפּערייטאָרס האָבן געוואָלט אַראָפּלייענען פון זייערע פּנימער, צי זיי האָבן שוין „אָפּגעסעטלט“.

נאָר דעם טשערמאַנס גוטמוטיק פּנים איז געווען פאַרכמאַרעט. די כמאַ־רע האָט זיך געשפּרייט פון זיין שטערן, איבער וועלכן עס האָט זיך געהויבן אַ שוואַרץ־גרויע טשופּרינע האָר. פון שטערן אַראָפּ איבער די רונדע באַקן ביז

די ווינקלען פון זיינע פּולע, רויטע ליפּן, איז געווען איין שטיק כמאַרע פון ערגערניש . . .

ער האָט אויסגעמיטן די פּרעגנדיקע אויגן. פון דעם אַלעמען איז קלאָר געוואָרן, אַז עס האַלט שלעכט. ווייל וואָלט ער עפּעס געווען דערגרייכט, וואָלט ער, ווי שטענדיק, אַריינגעקומען מיט אַ פריילעך פּנים און אַרומגעגאַנגען צווישן די מאַשינען מיטן אָפענעם ביכל און אַלעמען געוויזן די „אָפּגעסעטל־טע" פּרייזן פון די מלבושים אויף וועלכע די מענטשן אַרבעטן. אַז אַן אָפּער־רעיטאָר שאָקלט צו מיטן קאָפּ, וואָס מיינט: „גאַנץ גוט", לייכטן־אויף זיינע ברוינע אויגן ווי פון אַ נאָבעלן אויפטו. אָבער איצט איז ער ווי אַ ברוגזער אַוועק צו זיין מאַשין. ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס שטיק לייוונט, וואָס ער האָט געלאָזט אויף דער שטול, אַרומגעוויקלט דאָס אָרום דער טאַליע ווי אַ פאַרטעך און געזעצט זיך צוריק צו דער אַרבעט.

דער קאָמיטעט־מאַן יאָסל—דער נישט־אָדעסער, ווייל אין דעם שאָפּ אַרבעט נאָך אַ יאָסל, וועמען מען רופט „יאָסל דער אָדעסער" — איז אין די שפּעטע פופציקער. אַלץ איז ביי אים פּינקטלעך: פּינקטלעך פאַרשוירן די גרויענדיקע האָר; פּינקטלעך די וואָנצעס — שטענדיק ווי אויסגעגאָסן פון איין מאָס; פּינקטלעך דער קראַוואַט אויסגעשלייפט און פון אַ קאָליר, וואָס זאָל האַרמאָ־נירן מיטן העמד, און דאָס העמד — מיטן אָנצוג. זיין פּנים איז תמיד ווי נאָר־וואָס אויסגעוואַרעמט געוואָרן פון דער זון און אויסגעוואַשן געוואָרן פון שטאַרקע ווינטן — פריש. נאָר רונד אַרום די אויגן — דינע קנייטשעלעך; און דער פאַרברוינטער שטערן — מיט קנייטשן, ווי קאַרבן. די קנייטשן און קנייטשעלעך זענען איצט אָנגעפילט מיט ערגערניש. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַנטשלאָסנקייט צו פאַרמעסטן זיך קעגן דער אומגע־רעכטיקייט, וואָס די באַלעבאַטים ווילן אָפּטאָן די אַרבעטער אין שאָפּ. ער האָט דערציילט מיט אַ שטים, העכער ווי געוויינלעך, וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען:

— מען קאָן פאַרלירן דאָס האַרץ לעבן זיי! מיר רעדן צו זיי, מען גיט זיי צו פאַרשטיין אויף אַ שיינעם אופן — איר זעט דאָך ווי ווייניק מיר פאַר־דינען. אַלץ ווערט טייערער! די אַרבעט איז אַ שווערע . . . איך מיין, מיר רעדן צו זיי ווי צו מענטשן, מען אַפּעלירט צו זיי, און זיי—אַ נעכטיקער טאָג! ווי מען וואָלט גערעדט צו דער וואַנט! איך האָב געפילט אַז אָט־אָ פּלאַצט איך אַוועק! דער באָס וויל אונדז נאָך פאַררעדן די ציין: „וועל, דזשענטלמען, מיר דינגען זיך, מען ערגערט זיך צוליב אַ פּאָר נאַרישע פּענים. אָט האָט מיין פריינט געגעבן אַ שטאַרב אַוועק און איבערגעלאָזט אַ פאַרמעגן. נאָר אַהין האָט ער קיין איין סענט נישט מיטגענומען . . . איז וואָס דאַרפט איר זיך ערגערן?" — דער טשערמאַן האָט אים אָבער גלייך אָפּגעענטפערט . . .

דא האט זיך דער טשערמאַן אויפגעהויבן און אַליין אָנגעהויבן דערציילן וואס ער האט אים געענטפערט. זיין פנים האט דערביי געשמייכלט: „איך האב אים געזאגט, אַז אויף די פרייזן וואס ער צאָלט אונדז וועלן מיר דאַרפן נאָך לאַנגע יאָרן אַרבעטן אַז מיר זאָלן אָוועקגייען פון דער וועלט אָן חובות . . .

— די אונטערשטע שורה — וואס איז געבליבן? — האט געוואָלט וויסן דער „אָלד־טאַימער".

— די אונטערשטע שורה? — ער רייסט זיך צום „אומפּאַרטייאיִשן טשערמאַן"! — האט דער שאָפּ־טשערמאַן געלאָזט וויסן.

— צום שוחט? — האבן עטלעכע שטימען מיטאמאָל געפרעגט.

דאַרפמאַן האט זיך געחידושט מיט אַן אויפגערעגטער שטים: „ווי קאָנען מיר איבערגעבן אין פרעמדע הענט פון אַן אַזוי־גערופענעם „אומפּאַרטייאיִשן טשערמאַן" אונדזער אַרבעט? ער נעמט דאָך נישט אין באַטראַכט די שוועריקייטן וואס מיר האבן ביים אַרויסברענגען דעם גאַרמענט! אַט איז אַ וואַרע וואס לויפט־איין אונטערן אייזן, דאַרפן מיר אַרויסלאָזן די נעט, ווען די דרעס איז שוין פאַרטיק. — דאס האט דער פאַרמאַן באַדאַרפט צו וויסן. ליידן מיר פון זיין נישט־וויסן. די „טרימינג" קומט־אַריין נישט די ריכטיקע מאָס — דאַרפן מיר דאס אויסגלייכן. די עמבראָידערי קומט־אַריין צרהדיק — דאַרפן מיר זיך מוטשען דערמיט. מיר זענען שטיק־אַרבעטער און פאַרלירן צייט צוליב עמעצענס שולד! קומט דער „אומפּאַרטייאיִשער טשערמאַן" מיט זיין רעכענונג: — אַזויפיל־און־אַזויפיל נעט. אַ נאָט האט אַזויפיל און אַזויפיל שטעך. די מאַשין מאַכט אַזויפיל און אַזויפיל שטעך אַ סעקונדע. איז אַלץ צוזאַמען טרעפט־אָן . . . יאָ, פּונקט אַזויפיל וויפל עס גיט דער באָס".

— נישט אומזיסט רופט מען אים שוחט! — האט ראַלף אויסגערופן.

— קאָנען מיר שוין טאַקע גאָרנישט טאָן?

— קאָנסט אים רופן קנאַקניסל, — האט אויסגעשריגן דער „טערק".

— וואס שווייגט די יוניאָן? — האט דער „אָלד־טאַימער" געוואָלט וויסן.

די אָפּערייטאָרס זענען אַרויס פון די כלים:

— לאָמיר מאַכן אַ סטאָפּעדזש!

— אַז די מאַשינען וועלן שווייגן וועלן די באָסעס אָנהייבן רעדן ווייכער.

— „נאָ טיקי, נאָ וואָשי" — מיר מאַכן נישט קיין לעבן, דאַרפן מיר נישט אַרבעטן!

— מיר פאַרדינען וואַסער אויף קאַשע!

— מיר אַרבעטן שווער און קריגן קדחת מיט כשרע פּאַרעס!

— מען טאָר נישט. מיר האבן אַן אַגרימענט.

— מוזן מיר, הייסט עס, גיין צו דער שחיטה?

— וואס־זשע? מיט אונדזער גאנצער שטארקייט האבן מיר בלויז אײן ברירה? לאזן זיך פירן ווי די שאף צום שוחט?

— טשערמאן! לאמיר אוועקלייגן די הענט!...

מען האט די עלעקטריק נישט אפגעשטעלט, מען האט די הענט נישט אוועקגעלייגט. די מאשינען האבן זיך צערוישט מיט רוגזה, מיט פארדראס און מיט ווייטיק. דער באס האט פון ווייטן, פון הינטער די אנגעהאנגענע קליידלעך געכאפט א זייטיקן בליק צו די מאשינען. ער האט געהאט אויף זיך דאס אלטע צעריסענע סוועטערל, וואס ער טוט־אן ווען ער נייטיקט זיך אין א ביסל מזל... ער האט א צופרידענעם שמייכל געטאן, ווי ער וואלט איר־בערגעקומען א צוזאמענשטוים און איז אוועק צו זיך אין אפיס.

דעיוו איז אוועק פון די מאשינען אן אומצופרידענער. דער שטענדיק פריילעכער גלי אין זיינע אויגן איז געווען פארשאטנט. ביים פרעס־טיש האט איזי אויפגעהויבן דעם קאפ פון דער צייטונג, א קוק געטאן אויף דעיוון און געפרעגט:

— וואס איז דער מער? פילסט זיך נישט גוט?

דעיוו האט א קנייטש געטאן די ברעמען און האט נישט געענטפערט. אבער איזי האט אים נישט אפגעלאזט: „זאג עפעס! גיב א קיבעץ! רעד! זאל זיין נארישקייטן, אבי עס זאל פארטרייבן די שווערקייט פון הארץ!"

דעיוו איז געשטאנען מיטן פנים צו די מאשינען און אן אומרואיקער געענטפערט: „וואס ווילסטו פון מיר? ווער קאן איצט קיבעצן? איך דארף אזוי גוט ווי דו א ביסעלע פריילעכקייט אבער זע ווי אזוי די מענטשן זיצן דארטן!..."

די מענטשן ביי די מאשינען זענען געזעסן מיט געבויגענע קעפ, ווי שטארק באליידיקטע פון דעם וואס זיי האבן נישט קיין דעה אויף זייער אר־בעט, פון דעם וואס זיי קאנען אפילו נישט ראנגלען זיך מיטן חלף, וואס וואלט זיך ווי אן אויפהער געדרייט איבער זייערע קעפ אין דער געדיכטער שאפ־לופט און געדרייטשט זיך מיט זיי: צום שוחט? יא, צום שוחט!

3

„דזשאָנגל"

אין שאַפּ האָט מען זיך אָנגעהויבן ריכטן אויף אַ מעגלעכער „שחיטה" אויף די שכירות. דאָך איז די אַרבעט אָנגעגאַנגען. אָנגעגאַנגען מיט אומצופרידנקייט ווי אין אַ סך אַנדערע שעפּער אין דעם באַקליידונג־צענטער פון ניו־יאָרק; שעפּער, איינגעקלאַמערטע צווישן ענגע, טונקעלע ווענט פון הויכע, אַלטמאָדישע געביידעס, וואָס ציען זיך פון צוויי־און־פערציקסטער גאַס אויף אַראָפּ צו דרום, צום נידעריקן טייל פון מאַנהעטן, און אין דער ברייט צווישן איסט ריווער און דעם האָדסאָן.

דער קליידער־צענטער האָט דעם צונאָמען „דזשאָנגל" — ווילדערניש. איניקע מענטשן אין דעם שאַפּ האָבן פאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם צונאָמען. דער „אָלד־טאַימער" איז זיכער, אַז דער נאָמען „דזשאָנגל" שטאַמט נאָך פון יענע צייטן, ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע מיט דער שיף „פּרינץ אַלבערט". „דעמאָלט", דערציילט ער, „האָבן נאָך די אַרבעטער זיך אַרומגעטראָגן מיט די מאַשין־,קעפּלעך' אויף די פּלייצעס פון שאַפּ־צו־שאַפּ. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט מען געסטרייקט פאַר אַ יוניאָן. אין די סטרייק־זאַלן איז געווען חושך. יוניאָן־פירער האָבן אונדז געמוטיקט; שרייבער האָבן פאַרעפנטלעכט זייערע שריפטן צו שטאַרקן אונדזער האָפענונג; אַקטיאָרן האָבן אונדז געטרייסט מיט זייער געזאַנג. נאָר הונגעריק זענען מיר געווען, אוי, הונגעריק! אָבער מיר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען אויף די פּיקעט־ליינס קעגן די נייע פרעהס, די באָסעס פון סוועט־שעפּער, וועלכע האָבן אָנגעשיקט אויף אונדז גענגסטערס, שלעגערס, און אַרבעטער־בלוט האָט זיך געגאָסן אין די גאַסן. מיר אָבער האָבן געזונגען: ,אַ יוניאָן מוז זיין!'. מען האָט א ו נ ד ז אַרעסטירט, נאָר נישט די אונטערוועלט־מענטשן. עס איז געווען אַ גערעכטיקייט, ווי אין סדום. צוליב אַזאַ לעבן און אַזאַ מין יושר אין גאַרמענט־צענטער, האָט מען קיין אַנדערן צונאָמען ווי ,דזשאָנגל' נישט געקענט געבן,—איר פאַרשטייט? אויב איר ווילט עפּעס וויסן וועגן גאַרמענט־צענטער, פרעגט מיך, דעם אָלד־טאַימער!"

אַ גאָר אַנדער מיינונג וועגן אַפּשטאַם פונעם צונאָמען „דזשאָנגל" האָט דאָרפמאַן. ער הייבט־אָן זיין אויסטייטשונג זייער פאָרזיכטיק, נישט אַרויסצוברענגען דעם „אָלד־טאַימער" פון די כלים. יענער האָט נישט ליב מען זאָל אים דערווידערן; ער ווערט אין כעס און הייבט־אָן צו זידלען.

„דער צונאָמען נעמט זיך דערפון — האָט דאַרפמאַן געזאָגט — וואָס פון דורות־לאַנג שטעלט זיך דער טאָג אין גאַרמענט־צענטער מיט אַ ווילדער בהלה, וואָס שטילט זיך אײַן ערשט אין אָוונט. אָבער צווישן פרימאָרגן און אָוונט גרייכט דער טומל ביז צום הימל: אַ רעש, אַ געפּילדער, אַ טומל פון מאַשינען, וואָס רײַסן די גערדערים פון דער ערד, פאַרריכטן אַספאַלטענע וועגן, רײַסן־אַראָפּ אַלטע געבײַדעס און בויען נײַע, העכערע; פײַער־וועגענער מאַכן געוואַלדן, אַמבולאַנסן ליאַרעמען, שטופּוועגעלער קריצן מיט די רעדלעך אויף די טראָטואַרן, און מענטשן פון דער וועלט פּלאָנטערן זיך איינער אין אַנדערן, ווי אין אַ מהומה; אַלע אײַלן זיך, — ווי דער טאָג וואָלט געוועזן אַ ליידיקער זאַק, וואָס יעדער באַזונדער וויל אים פאַרריכטן און אַרײַנשטופּן אין אים וואָס מער בשרע מציאות. נו, שטויסט איינער דעם אַנדערן: „העי, אַראָפּ פון וועג! דער טאָג שטייט נישט! איך מוז אָנפילן דעם זאַק!" — איז וואו קאָן זײַן אַזאַ ווילדקייט אויב נישט אין קיין דזשאַנגל?"

— פּאַרטיק? — רופט־אויס שיע גאַליציאַנער און הייבט־אָן מיט אַ טאָן פון „לאָז מיך! איך ווייס בעסער!" — „אַלץ וואָס איר האָט דאָ געזאָגט איז גראַם־שטראַם מאַד מיר אַ לעטניק! לאָמיך אײַך געבן צו פאַרשטיין ווען איר איינמאָל פאַר אַלע מאָל ווייסן, אַז אויף מײַן גאַליציאַנער שכל מעג מען זיך פאַרלאָזן. עס איז דאָך קלאָר אַז דער נאָמען „דזשאַנגל" נעמט זיך פון דעם וואָס די באָסעס אין גאַרמענט־צענטער זענען אין אַ חלף־שאַרפער קאָנקורענץ צווישן זיך. זינט איך געדענק — און איך בין נישט ערשט נעכטן געבוירן געוואָרן — ווייסן די באָסעס בלויז פון איין מין מענטשלעכקייט: אָדער, אָדער. אָדער דו גייסט, אָדער דו פּגרסט. איינס פון די ביידע און אַראָפּ פון מאַרק. ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, מוז איך איבערנעמען דאָס רעדל! קיינער וויל אָבער נישט אַרויסלאָזן דאָס רעדל פון האַנט, כאַפּט יעדער איינער וואָס מער פאַר זיך: מען רײַסט, מען צופּט, מען פּליקט; פון דעם, פון יענעם, און מערסטנס פון די אַרבעטער. און אַז מען פרעגט זיי: „סטייטש?", שטעלן זיי נאָך אַרויס „חזיר פּיסל כשר". „ביזנעס איז ביזנעס!" — „אָבער יושר?" — זאָגן זיי: „אַ, יושר? דאַרטן אין גאַליציע, נישט אין גאַרמענט־צענטער!" — איצט פאַרשטייט איר שוין פונוואַנען עס נעמט זיך דער זייער שיינער נאָמען דזשאַנגל?"

אָפטמאָל קײַקלט זיך אַזאַ שמועס פון מענטש־צו־מענטש ביי דער אַר־בעט און יעדער איינער גיט עפּעס צו פון זײַן אייגענער דערפאַרונג אין גאַר־מענט־צענטער, ביז דער צונאָמען „דזשאַנגל" ווערט פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען . . .

מענטשן אין מיין לעבן

היינט האט דער געשפרעד זיך איבערגעריסן דורך די געשרייען פונעם „פראדאקשאנמאן", וועלכער איז אנגעלאפן פון אפיס, וואו ער האט נאר־וואס גערעדט אויף די טעלעפאנען — ביי יעדן אויער א טעלעפאן: אויף איין טעלעפאן האט ער זיך געבייזערט אויפן מיידל, וואס באזארגט די צולאגן פאר די דרעסעס. ער וויל גארנישט הערן איר דערקלערונג, אז עס מוז נעמען צייט: מען קאן דאס נישט קריגן אין איין אויגנבליק. ער וויל נישט וויסן פון קיין צייט. ער מוז דאס שוין האבן . . .

„שיק מיר צום טעלעפאן דעם טשערמאן פון די קאטערס (צושניידערס), — און אז עס איז געקעסטלטע ווארע, דארף נעמען אזוי לאנג צוצושניידן די עטלעכע שמאטעס! שפיל זיך דארטן נישט ארום!"

ער כאפט זיך צום צווייטן טעלעפאן: „איך טו אלץ וואס איך קאן זאלסט האבן די באשטעלונג אין צייט . . . אויף שבת ווילסטו די מוסטערן אין די שוי־פענצטער? . . . אט לויף איך שוין אריין אין פעקטארי צו זען וואס עס טוט זיך דארט. איך וועל דיך שפעטער צוריקרופן" . . .

ער לייגט אוועק דעם טעלעפאן און קאכט זיך: „צום טייוול! ווי אזוי קאן איך האלטן מיין צוזאג? איז שוין די ווארע אנגעקומען פון אויסלאנד—איז א סטרייק פון די האפן־ארבעטער: מען לאדט נישט אויס די שיפן. די „קאטערס" לייגן אוועק די הענט. א תירוץ: געקעסטלטע ווארע מוז נעמען לענגער דאס שניידן. ווי לאנג איז לענגער? און דער באס וויל שנעל און ביליק" . . .

א דערצארנטער לויפט ער ארויס פון אפיס און באמערקט נישט דעם ארעמאן ביי דער טיר, וואס האט געדולדיק געווארט אויף אים. דער ארעמאן קומט אהער עטלעכע מאל א יאר, מערסטנס פאר יום־טובים. ער איז קליין־געוויקסיק און אויסגעדארט. אנגעטאן איז א שווארצער, לאנגער קאפאטע, אין א שווארצן קאפעליוש. זיין בלייך־גרינלעך פנים מיט די שווארצע אויגן פול מיט צער, זעט זיך קוים ארויס פון דער לאנגער, שווארץ־גרויער בארד און פיאות.

ער איז דא פון די פריווילעגירטע, ווייל אין דעם שאפ לאזט מען נישט אריין קיין נדבה־קלייבערס. מען קאן קיינמאל נישט וויסן ווער פון זיי, — צי דאס איז א נאנע, געקליידט אין שווארצן מיט א לאנגן צלם אויפן האלדז, צי א פארקויפער פון עפעס א סחורה, אדער אזוי א מענטש מיט אן אויסגעשטעלטער האנט, — איז נישט קיין אונטערגעשיקטער פון א צווייטער פירמע, כדי ארויפצוגנבענען מיט די אויגן א נייעם „סטאיל", אן „אריגינעלע קרעאציע", וואס האט נאך נישט דערלעבט צו זען די ליכטיקע וועלט אין די גרויסע געשעפטן. איידער וואס־ווען איז דער „סטאיל" שוין א קאפירטער אין די שוי־

פענצטער, מיט ווינציקער א קנעפל, אדער מיט מער א קנעפל, און פארקויפט זיך פאר א סך ביליקער. דערפאר דער באפעל: נישט אריינלאזן קיין נדבה־קלייבערס!

נאר דעם יידן, וועמען דער „פראדאקשנמאן" האט היינט אין זיין כעס נישט באמערקט ביי דער טיר פון זיין אפיס, פלעגט יא געלינגען אריינצו־קריגן זיך אין שאפ אריין, מיט אנגעלאדענע קעשענעס מיט סידורימלעך, מחזורימלעך און „וועסטל־קעשענע"־לוחעלעך. אזוי ווי אין דעם שאפ ארבעטן א סך יידן, האט דער ייד דא ממש פארצוקערט זיין סחורה . . . די ארבעטער האבן אויך ליב צו כאפן א שמועס מיטן יידן. פאלט אמאל איין אן ארבעטער צו פרעגן דעם ייד: „ווי קומט דאס, וואס לויט דעם לוח וואס איר פארקויפט מיר, איז די וועלט אלט פינף טויזנט מיט העכער זיבן הונדערט יאר, און לויט ז י י ע ר קאלענדאר האלטן מיר נאך נישט ביי קיין צוויי טויזנט יאר?"

אויף דעם האט דער ייד געענטפערט געלאסן, מיט א זיכערן טאן: „זיי וויסן נעבעך נישט ווי צו רעכענען. אין דעם־א קליינעם לוחעלע איז דער חשבון אן אמתער. איך וועל אייך נישט אפנארן" . . .

מיטאמאל איז אנגעלאפן דער באלעבאס, א הויכער, א שלאנקער, מיט גלאט־פארקעמטע בלאנדע האר, נאר פון ארום דעם קארק זעען זיך אפט ארויס אויך עטוואס גרויע האר, ווי זיי וואלטן פון אים אפגעלאכט: „ער איז גרוי!" דעם באלעבאס פנים איז אויך בלאנד און לענגלעך, מיט אן ענערגישן אויס־דרוק, וואס לאזט וויסן: „איך גיי טאקע מיט אלעמען גלייך, נאר אביסעלע פארויס" . . . דער באלעבאס איז געבליבן שטיין קעגן דעם ייד, ווי א צע־טומלטער און נישט געוואוסט וואס צו טאן צו אזא קליין־געוויקסיקן מענטשל, יאגן? אנשרייען? איז ווי קאן ער דאס טאן צו אזא קליין־געוויקסיקן מענטשל, נאך מיט אזא לאנגער בארד־און־פיאות און מיט אזא בלייך, אויסגעטריקנט פנים, וואס קאן נישט שוויצן פון שרעק און אפילו נישט פון דער ביטערער היץ אין שאפ. וואס זאל ער טאן מיט אים?

די ארבעטער האבן מיט איינגעהאלטענעם אטעם געקוקט אויפן באס, ווי ער לאזט נישט אראפ קיין אויג פון דעם ייד. דער ייד, מיט זיינע קליינע, בלא־סע העגט אויפן שטעקן, שטייט זיך א רואיקער, מיט א מילדן בליק, ווי ער וואלט געטרייסט די ארומיקע מענטשן: „מענטשן, שרעקט זיך נישט, האט בטחון! מיטן אייבערשטנס הילף וועלן מיר אויך דאס איבערקומען".

פון זיין רואיקער האלטונג איז דער באס געבליבן געפלעפט. דער ארבע־טער דארפמאן, אויף וועמעס מאשין דער ייד האט אוועקגעלייגט זיינע לוחות, האט אפעלירט צום באס: „עס וועט אים נעמען אינגאנצן עטלעכע מינוט וועט ער האבן פארקויפט" . . .

מענטשן אין מיין לעבן

דער באָס האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן. ער האָט אַ כאַפּ־געטאָן די לוחות, אַ קוק־געטאָן אין איינעם פון זיי. פאַר די אויגן האָבן אים אַ שווינדל־געטאָן אותיות, וואָס האָבן אַרויסגערופן דערינערונגען — אותיות ווי אין דער צייטונג, וואָס זיין טאַטע פלעגט לייענען. נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ האָט ער אַ פרעג געטאָן אויף ענגליש: „וויפל קאָסט אַ שטיק?"

„פינף סענט", האָט דער ייד געענטפערט אויף יידיש. דער באָס האָט אים אָפּגעגעבן די לוחות מיט פינף דאָלאַר און געזאָגט: „גיי אַהיים און האָב אַ גוט יאָר!"

„גם אתם", האָט דער אָרעמאַן געענטפערט און אים געלאָזט וויסן: „איך נעם נישט קיין געלט פאַר גאָרנישט. די מענטשן דאַרפן האָבן אַ לוח צום נייעם יאָר".

„גודבאַי! א י ד וועל שוין אויסטיילן! דאָס צווייטע מאָל קום נישט אין שאַפּ אַריין! קומען זאָלסטו אין אָפּיס אַריין!"

אין אָפּיס האָט דער „פּראָדאַקשאַנמאַן" גערעדט צו אים מיט גרויס דרך־ארץ. ער האָט געגלויבט, אַז אַזאַ פרומער ייד, וואָס זעט שטענדיק אויס ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פון מקווה און קיין כוח צו אַרבעטן האָט ער זי־כער נישט, איז טאַקע אַ מצווה צוצוזען אים דאָ אין אָפּיס, און נישט לאָזן אים פאַרשעמט ווערן דאָרטן אין שאַפּ . . . היינט, ווען ער איז אַזאַ אויפגעקאָכטער געלאָפן פון אָפּיס אין שאַפּ אַריין, האָט ער אים נישט באַמערקט ביי דער טיר.

דער „פּראָדאַקשנמאַן" איז געגאַנגען שנעל און אַנטשלאָסן: ער מוז זיך ראַטעווען פון די אַלע קליינקייטן, וואָס האָבן זיך אויסגעפלאָכטן אין אַ שטריק אַרום זיין האַלדז . . . ער מוז האַלטן פעסט זיין שווער־דערגרייכטע פּאָזיציע! די אַרבעט מוז אַרויס אין צייט און ביליק; און זיי — די יוניאָן־לייט — ער וועט . . . יאָ, ער מוז . . . ער מוז אַרויסשליידערן דעם שאַפּ! ער קאָן אַרויס־קריגן זיין אַרבעט אויסער ניו־יאָרק, שנעלער און ביליקער! . . .

זיין גאַנג איז איצט אַ האַסטיקער. זיין הויכע פיגור איז געבויגן פאָר־אויס, ווי קעגן אַ שטורעם־ווינט; די גרוי־שוואַרצלעכע האָר — צעשויבערט. ער שרייט: „וואָס פאַר אַ שאַפּ מיט מענטשן איז דאָס? דאָס זענען מענטשן? מען קאָן דען רעדן מיט זיי! מען דאַרף זיי אַלע אַרויסוואַרפן און אויפהענגען אַ שלאָס אויפן שאַפּ!"

ער כאַפּט אַ בליק אויף די „באַנדלעך" אַרבעט וואָס דער שאַפּ־טשערמאַן מיט דער קאָמיטע האָבן אויסגעטיילט פאַר די אָפּערעיטאָרס און ער גייט־אַריין אין אַ גרימצאָרן אויף הויכע קולות, אַזש די אָדערן אין האַלדז ווערן אים אָנגעדראָלן ווי צום פּלאַצן: „נישט דעם 'סטאַיל' דאַרף איך!"

„דאס איז דער איינציקער סטאיל וואס מיר האבן אין שאפ", — ענטפערט אים דער טשערמאן נאר ער קאן שוין קיינעם נישט הערן, חוץ זיין אייגן קול: „רעד היינט, רעד מארגן, איז ווי איך וואלט גערעדט צו דער וואנט! און אייבעלע טוט וואס ער וויל. ער ווייסט בעסער פון מיר!"

דאס וואס ער פארצערטלט דעם נאמען פון איינעם פון דער צעטייל־קאמיטע, פון אייב אויף אייבעלע, רופט־ארויס א שמייכל ביי די ארבעטער, ווייל גראד איז דער אייבעלע א יונג מיט ביינער! הויך, דער העכסטער אין שאפ, מיט ברייטע, גלייכע פלייצעס, מיט א ברייטן, גוטמוטיקן פנים, מיט ברוינלעכע אויגן און גרויענדיקע האר. ער האלט שטענדיק א ציגאר אין מויל, וואס ער קייעט אים מער ווי ער רייכערט אים . . .

אייבעלע ענטפערט נישט. אויך דער צווייטער קאמיטע־מיטגליד, סעם, וואס איז בטבע א רואיקער מענטש, זאגט גארנישט, כאטש די ליפן זענען ביי אים שטארק פארצויגן פון פארדרוס. זייער שווייגן פארדריסט די ארבעטער, ווייל אין דעם שאפ זענען די ארבעטער נישט קיין פארשווייגער. דאס איז ווי א טראדיציע איבערגעגאנגען פון יענע ערשטע ארבעטער, וועלכע האבן דעם שאפ געמאכט פאר א יוניאן־שאפ. די מענטשן וועלכע זענען שפעטער אנגעקומען ארבעטן אהער האבן איבערגענומען די שטאלצע ירושה נישט צו בייגן די קעפ. ווען מען דארף מעג מען דערמאנען אפילו דעם באס אליין, אז „קנעכט זענען מיר געווען, אבער היינט נישט מער! היינט זענען מיר יוניאן־לייט! דרך־ארץ!"

דער טשערמאן מיט דער קאמיטע ווייסן, אז האמעווען איצט דעם „פראדאקשנמאנס" צארן קאן מען נישט. מען דארף אים לאזן אויסשפילן זיין ראלע . . . שפילט ער זיין ראלע אויף דער בינע פונעם צעמענטענעם דיל, וואס איז אנגעווארפן מיט פאפירן און שמאטעס צווישן ענגע, טונקעלע ווענט, „דעקארירט" מיט קראנקע לישאיעס פון געפלאצטער טינק, וואס דעקן־אפ אלערליי געפארבטע פלאסטן פון פריערדיקע יארן. ווי א טייל פון די „דעקאראציעס" אויף די ווענט הענגען פארגעלטע, מיט שטויב־באדעקטע באקאנטמאכונגען פון ארבעט־דעפארטמענט, פון פייער־דעפארטמענט, אבער קיינעם גייט נישט אן וואס עס זאגט זיך דארטן . . . צווישן די פארשריפטן — אויסגעקלעפטע בילדער, גענומען אויף פיקניקס פון דער יוניאן, אויף גרינע פעלדער. בילדער פון שאפ־שמחות מיט ארבעטער, פון וועלכע עס פעלן שוין אייניקע, נאר זיי זעען אויס לעבעדיק מיט זייער פאטא־שמייכל. אן אלטער אלארם־זייגער, א ירושה פון אן ארבעטער, וועלכער איז שוין לאנג אויף יענער וועלט, גייט נאך פינקטלעך. מען זעט א בילד פון פרעזידענט קענעדי, וואס קוקט פון דער שווארצער ראם אויפן שאפ מיט די מעטאלענע וואסער־רערן, גאז־רערן

און עלעקטריק־רערן, געצויגן ווי א נעץ איבער די קעפ פון די ארבעטער, איבער די אנגעשטעלטע פיגורן, איבער אנגעהאנגענע דרעסעס. מיט עטוואס־פאר־וואונדערטע אויגן הידושט ער זיך ווי א פארבלאנדזשעטער. „איז דאס אמע־ריקע!" — און מיט זיין אביסל־אנגעבויגענעם קאפ הערט ער זיך צו צום ווילדן ליארעמען פונעם „פראדאקשנמאן":

„דער גאנצער שאפ מיט אייער פירעכץ טויג נישט! ווער דארף אייך דא? צום טייוול מיט אייך!" — ער קלאפט מיט דער פויסט אין טיש. די אויגן זענען אויסגעבאלעכט און אומריינע ווערטער גיסן זיך פון זיין צונג אן שום סדר און אן שכל.

די מענטשן וואונדערן זיך: „זע זיין סימפאטיש פנים וואס רופט שטענ־דיק ארויס רעספעקט צו זיך, איז איצט פון צארן מיאוס. זיין שטים — תמיד פריינטלעך, וואס קאן ציטירן פסוקים פון דער ביבל און פון שעקספירן, רעוועט איצט ווי א צערייצטער אקס".

„אין זיין גרימצארן הרגעט ער אוועק דעם ווערטער־אוצר, — באדויערט דארפמאן. — ווערטער, וואס זענען געשליפן געווארן פון טויזנטער יארן מענטשלעכער מי, אז זיי זאלן זיין לויטער, אז פון זיי זאלן ארויסשיינען חכמה, יושר, האט ער פארוואנדלט אין שפיציקע שטיינער אין די הענט פון הייל־מענטש, וואס איז נאך נישט ארוים פון זיין פעל מיט האר" . . .

„מיט די שטיינער איז ער גרייט, ווי קין, צו הרגענען זיין ברודער הבל"...

„א גליק וואס הבל איז מער נישט אליין אויף הפקר אין פעלד — ער האט א יוניאן!"

אינמיטן דרינען האט דער „טערק" געגעבן א פארמאך דאס פענצטער. דאס האט ארויסגערופן א פראטעסט פון יאסל דעם אדעסער: „ביסט משוגע געווארן, צי וואס? אין שאפ איז נישטא מיט וואס צו אטעמען און דו פאר־מאכסט דאס פענצטער!"

„איך האב פארמאכט, ווייל עס איז א שאנדע פאר מענטשן אין גאס, וועלכע קאנען נאך דערהערן וואס עס טוט זיך ביי אונדז אין שאפ". פון זיין ענטפער האבן זיך צעלאכט זיינע שכנים. זיי זענען אבער באלד שטיל גע־ווארן, ווייל דער „פראדאקשאנמאן" איז מיטאמאל אנטשוויגן געווארן. ער האט זיך געגעבן א קער־אפ פון טיש און אנגעהויבן גיין צוריק אין אפיס אריין. ער איז געגאנגען אזוי האסט און ווי מיט די לעצטע כוחות נאך געשריגן: „איך מוז זיך באפרייען פון דעם פארדאמטן דזשאנגל!" . . .

ער האט זיך פארהאלטן לעבן דעם „פלאר"־מיידל קעטרין און געבעטן זי זאל אים ברענגען אין אפיס אריין א גלאז וואסער, ווייל ער מוז שוין נעמען א בארואיקונג־פיל . . .

ערשט איצט האָט ער באַמערקט דעם ייִד ביי דער טיר פון אָפיס. ער האָט אים געפרעגט, צי ער וואַרט שוין דאָ לאַנג. דער ייִד האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן, וואָס ער האָט נישט אַקוראַט דערהערט, נאָר ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן פון דעם באַדויערונג־בליק וואָס ער האָט באַמערקט אין זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן, אַז ער דערמאָנט אים: „אַז מען לייגט אַפּ דעם כעס אויף מאָרגן ווערט ער קלענער".

פון אָט־דעם בליק זענען ביי אים די פיס ווי אונטערגעהאַקט געוואָרן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש מיט די טעלעפאָנען, אָבער נישט צוגערירט זיך צו זיי. קענען אים איז געשטאַנען דער אָרעמאַן מיט זיין שטעקן אין די בלייכע הענט. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָ שטייט פאַר אים אַ מענטש פון גאָר אַן אַנדערער וועלט, פאַר וועמען ער וואָלט זיך גערן אויסגערעדט דאָס האַרץ, ווי שלעכט עס איז פאַר אַ מענטש צו לעבן אין אַ דזשאַנגל. נאָר אַנ־שטאָט דעם האָט ער אים גאָר געפרעגט אַזוי היימיש, מענטשלעך:

„ווי גייט דאָס אייך?"

„אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען", האָט יענער געענטפערט מיט אַ צופרידענעם טאָן. דער „פּראַדאַקשאַנמאַן" האָט געקוקט אויף אים אַ בארואיקטער אַביסל און אין געדאַנק האָט ער איבערגעטראַכט דעם אָרעמאַנס ענטפער: „אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען" און צוגעגעבן: „אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען, וואָס מען קאָן נאָך טאָן אַ מצווה".

ער האָט דערלאַנגט דעם ייִד די האַנט מיט אַ שיינער נדבה און געזאָגט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פאַרטרייבן די ערגערניש פון פּנים. — אַ שמייכל פון אַ גרויסן אויפטו: „גייט געזונט". ער האָט געלאָזן אַוועק־גערוקט פון זיך דאָס סלאָיעקל מיט בארואיקונג־פּילן. ער האָט בלויז אַ זופּ־געטאָן פון גלאָז וואַסער צו באַנעצן דעם פאַרטריקנטן גומען און געלייענט די קבלה וואָס דער אָרעמאַן האָט אים איבערגעלאָזט: „פאַר יתומים אין ישראל"...

אין שאַפּ האָבן די מענטשן נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם „פּראַדאַקשאַנמאַן": „אַ שאָד, אַ שיינער מענטש, און צוליב אַ גאָרנישט ווערט ער אוים מענטש".

„וואָס דאָס לעבן קאָן אַלץ מאַכן פון אַ מענטשן! אַ רחמנות!"

„אפשר גאָר פאַרקערט? אַ רחמנות אויפן לעבן וואָס מענטשן פאַר־פינצטערן דאָס"...

און דער שאַפּ רוישט און טומלט און צעמאָלט אַן רחמנות די ווערטער: „רחמנות" און „לעבן".

4

נישטאָ וואוהין צו לויפן...

די מענטשן אין שאַפּ האָבן ביסלעכווייז אַנגעהויבן קומען צו זיך פון דעם „פּראָדאַקשאַנמאַנס" צאָרנדיקע געשרייען. זיי האָבן געוואוסט פון פריערדיקע ענלעכע פאַלן, אַז נאָך אַזאַ שאַפּ־שטורעם נעמט אַ לענגערע ווײַלע ביז די געמיטער באַרויִקן זיך, נאָר היינט האָבן די געמיטער זיך נישט געקאָנט באַרויִקן . . .

אין ווייטסטן ווינקל פון שאַפּ זיצן די פינישערינס, זיצן ווי אין אַן ענגער שטייג ביי לאַנגע שמאָלע טישן. אויף די טישן זענען אָנגעשטעלט פּודעלער מיט העקעלער, מיט שלייפעלער, מיט קנעפּלער און מיט אַלערליי אַנדערע צודאַטן. ווען די אַרבעט גייט גוט, הערשט אַ געמיטלעכקייט ביים טיש, מען זעט צוויי רייען געבויגענע קעפּ: בלאָנדע, שוואַרצע, ברוינע און גרויע. עס ציען זיך הענט אין דער לופטן מיט נאָדל־פאָדעם אַרויף, אַראָפּ, באַגלייט אַמאָל מיט אַ געזאַנג, אָדער מיט אַ שטילן ניגון אין האַרצן און אַמאָל איז עמעצער פאַרטיפט אין פאַרשידענע מחשבות.

פּערל, איינע פון די פינישערינס, איז היינט געזעסן ביי דער אַרבעט אַ פאַרשלאָסענע אין זיך מיט שנעל־לויפנדיקע געדאַנקען וועגן דער פרישער וואונד אין האַרץ, וועגן דעם פּלוצימדיקן טויט פון איר קרוב, וועגן די שוועריקייטן וואָס זי האָט ביים איינאָרדענען זיך אין דער נייער וואוינונג און וועגן אַ נייער צרה: מען האָט עפּעס, ווי פון דער העלער הויט, געוואָרפן אַן אומחן אויף איר אַרבעט. ווי אַזוי זי זאָל זיך נישט בריהן, ברענגט מען איר צוריק די אַרבעט צו פאַרריכטן. און אַזוי טראַכטנדיק האָט זי ווידער דערהערט דאָס קול פון דער פאָרלעידי:

— פּערל, וואָס טוט זיך מיט דיר?! וויפל מאָל דאַרף איך דיר געבן צו „פיקסן" די זעלבע דרעס? בעסער גיב אַכטונג!! — זי האָט איר האַסטיק צוריקגעגעבן די דרעס און איז אַוועק.

ווען נאָר מען גיט איר צוריק די אַרבעט בלייבט זי אַ פאַרשעמטע. די אַנדערע פינישערינס חידושן זיך, וואָס נאָך אַזויפיל יאָרן אַרבעט דאָ, האָט מען פּלוצים אָנגעהויבן האָבן טענות צו איר אַרבעט. איצט האָבן זיי זיך נישט

נאָר געהידושט, נאָר עס האָט זיי פאַרדראָסן אויף דער פאַרלעידיס וואָרענונג: „בעסער גיט אכטונג!" און זיי האָבן אָנגעהויבן מורמלען צווישן זיך:

— זי האָט שוין צופיל חוצפה, די פאַרלעידי!

— ווער מיינט זי איז זי דאָ!...

פערל האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט פון דער וואָרענונג. די בלוטן האָבן אויפגעקאָכט אין איר און געמאָנט: „גענוג! מאַך אַ סוף צו דער באַליידיקונג!" און זי האָט איבערגעריסן דעם פאָדעם אינמיטן דער אַרבעט. פון אויפרעגונג האָט זי ניִשט באַוויזן אַריינצושטעקן די נאָדל אינעם נאָדל־קישעלע, וואָס ליגט אויפן טיש, און איז אַוועק מיט דער נאָדל אין האַנט, צו פאַרקלאָגן זיך פאַרן שאַפּ־טשערמאַן, וואָס איז געזעסן אין אַנדערן עק פון שאַפּ.

זי איז געגאַנגען, ווי זי וואָלט זיך געטראָגן ערגעץ אין אַ ווילדן וואַלד אָן וועגן, אָן שטעגן: איבער אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן, שמאַטעס, צווישן טישלער, געשטאָפּטע פיגורן און שטאַנגען מיט אָנגעהאָנגענע דרעסעס. זי האָט געאײַלט, געיאָגט פון אַ שרעקלעכער איבערלעבונג און דאָס האַרץ האָט געוויינט אין איר: „איך קאָן שוין מער ניִשט אויסהאַלטן!"

איידער פערל איז אַוועק פון איר שטול האָט דער שאַפּ־טשערמאַן נאָך געהאַלטן אין ווישן דעם שווייס פון זיין שטערן, גלייך די ערגערניש, וואָס דער „פּראָדאַקשאָנמאַן" האָט אים פאַרשאַפט וואָלט זיך איצט אויפגעלייזט אין אים און זיך אויסגעדאַמפט אויף זיין שטערן אין געזאַלצענע טראָפּנס. דערצו נאָך איז אים געוואָרן ענג און היים פון די שטעכווערטלעך וואָס די אַרבעטער האָבן געצילט אין אים:

— נאַדיר אַ טשערמאַן אין אַמעריקע! אַ רעגעלע מלמד, וואָס קאָן אַ קאָץ דעם עק ניִשט פאַרבינדן!

— די קאָמיטע־לייט זענען דען בעסער? — אייבי האָט פאַרשטופּט דאָס מויל מיטן ציגאַר און סעם האָט געקריצט מיט די ציין, צעקייט דעם פאַרדראָס און אים אַראָפּגעשלונגען!

— איך דענק, אַז עס איז שוין צייט צו פאַררופן אַ שאַפּ־מיטינג און מאַכן זיי פאַר אויס קאַפּעליוש־מאַכערס!

— און איך זאָג אייך, מען זאָל מיך געוועזן לאָזן, — האָט ראַלף זיך אַריינגעמישט, — וואָלט איך דעם גרויסן משטיינס־געזאָגט „פּראָדאַקשאָנמאַן" געוועזן אַריינגעזאָגט: „מיסטער! מיר האָבן שוין דאָ איבערגעלעבט גרעסערע פלאָקנשיסערס פון דיר! מיין ניִשט, אַז דו האַלטסט שוין גאָט ביי דער קאַפּאָטע! מיר האָבן אַ יוניאָן! פאַרשטייט?!" — איך וואָלט אים

געמאכט מיט דער בלאטע צוגלייך! ער וואלט שוין פארזאגט א צענטן מער נישט אנצופאנגען זיך מיט אונדז!

— גרויסער חכם מייגער, ווער האט דיך נישט געלאזט? — האט דער קאמיטע־מאן געוואלט וויסן.

— וואס הייסט ווער? — האט זיך ראלף געוואונדערט אויף דער אומ־געריכטער פראגע.

— א באַרימער איז גוט צו שמייסן! — האט עמעצער וואס איז געזעסן ביי א מאשין אויסגערופן און זיינע פריערדיקע ארויסהעלפערס האבן שוין גענומען צילן זייערע ווערטלעך אין אים:

— א, ראלף? ! איר שפילט זיך מיט ראלפן? ער איז דאך א העלד פון די העלדן, וואס ווייזן דעם קייסער א פייג אונטער דער פאלע!

— איין קליינינקייט! ראלף! דער חכם פון מה נשתנה!

ראלף האט געשמייכלט א צופרידענער פון די "קאמפלימענטן". ער האט לאנגזאם אויפגעהויבן דעם קאפ פון דער ארבעט און געענטפערט: "בהמות וואס איר זענט! איר מיינט טאקע, אז איך בין אזא יאלד ווי איר דענקט? פארוואס זאל איך איינער זיך ארויסשטעלן פאר אייך אלע?"

פון זיין ענטפער האט אייבי דער קאמיטעמאן אזוי זיך צעלאכט, אז ער האט געמוזט אויף שנעל ארויסכאפן דעם ציגאר פון צווישן די ציין, מורא געהאט ער זאל אים נישט ארויספאלן. ער האט זיך אנגעשפארט מיט די פלייצעס אן דעם אנלען פון שטול, פארווארפן דעם קאפ אויף צוריק און זיך פארגאנגען אין געלעכטער. זיין געלעכטער האט אנגעשטעקט אנדערע. נאר יעדער האט געלאכט אויף אן אנדער אופן.

יאסל דער ארדעסער האט נישט געקאנט לאכן הויך. ער האט דעם געלעכ־טער געשטיקט אין זיך. און פון דעם איז אים געקומען דאס בלוט אין פנים אריין און טרערן אין די אויגן. דאס איז געווען דער סימן, אז ער וועט באלד אנהייבן רעדן, ווייל געוויינלעך האט ער ווינציק גערעדט ביי דער ארבעט... איצט האט ער דערשפירט א פאסיקע געלעגנהייט צוריק צו פאר־בינדן די פון לאנג־איבערגעריסענע פריילעכקייט וועגן ראלפס פארשוואונ־דענעם בוך, און ער האט א זאג געטאן מיט א קוים־אפגעכאפטן אטעם, נאר גענוג הויך, אז ראלף זאל דערהערן:

— זאלסט אבער געווען איבערלייענען דעם בוך, וואס דארפמאן האט דיר פארקויפט, וואלסטו דאך היינט געווען גערעדט א ביסל קליגער און קיי־נער וואלט פון דיר נישט געווען געלאכט. מענטשן זאגן, אז אין אזא בוך שטעקט א סך שכל...

ראלף האט אראפגעשלונגען א זיפץ, ווי איינער וואס דערמאנט זיך אין א טיפער וואונד. ער האט געווארפן א זייטיקן בליק צום „טערק". דאס האט געמיינט: „ווען נישט יענער־א חברהמאן, וואלט איך דאך געהאט דעם בוך . . ."

דער „טערק" האט אויפגעכאפט דעם מיין פון יאסל אדעסערס רייד און ער האט אפגעענטפערט אויף גאר א נייעם אופן: ער האט געגעבן א מאך פון זיינע הענט א פאר אייזל־אויערן און אנגעהויבן מיט זיי שאקלען, צו־זינגענדיק צו די אייגן־פארפאסטע ווערטער דעם ניגון פון א „פאסטוכל".

— „איז געווען אן אייזל, אוי אזא־א אייזל, האט ער געשלעפט ביכער, אוי קליגע ביכער. געשלעפט נעבעך ווי א פערד און איז פארבליבן א נאריש־ער אייזל, אוי!"

די ארומיקע ארבעטער האבן אים אפלאדירט, נישט אזוי פאר זיין זינ־גען, ווי פאר זיין ערגערן ראלפן. ווייל אז דאס וועט ערגערן ראלפן וועט דאך ראלף נישט פארשווייגן, וועט דאך דער „טערק" עפעס אויף אים א מויל, וועט מען זיך דארפן אריינלייגן אין א שלום. אזוי־ערנאך וועט מען קאנען באנייען די באגערטע פרייליכקייט . . .

אויך דער שאפ־טשערמאן איז שוין גרייט געווען אריינצוזאגן ראלפן איידער יענער קומט צו זיך. ער האט אויסגעדרייט דעם קאפ צו אים און דערזען אנקומען פערלען. ער האט דערקענט אין איר גאנג, אז עפעס איז נישט גלאטיק ביים פינישערינס טיש און איידער זי האט באוויזן עפעס צו זאגן, האט ער געפרעגט:

— פערל, וואס האט פאסירט?

אירע בלויע אויגן האבן געקוקט פארחידושט אויף אים און מיט א צעוויטיקטן שמייכל האט זי געענטפערט: „וואס האט פאסירט? איר ווייסט נאך נישט, אז פון אונדזער שאפ איז געווארן א גיהנום?"

— בארואיקט זיך. זאגט מיר וואס עס איז געשען.

— „בארואיקט זיך . . ." לייכט צו זאגן בארואיקט זיך! אז נאך אזויפיל יארן ארבעטן דא אין דעם שאפ האט פלוצים אויפגעהערט צו טויגן מיין אר־בעט. א גאנצן טאג הער איך בלויז: „דיין ארבעט טויג נישט. נא פיקס" . . . איצט סטראשעט זי נאך, די פארלעידי: „בעסער גיב אכטונג אויף דעם וואס דו טוסט!" טשערמאן, איך קאן מער נישט! איך וועל פארלאזן דעם שאפ! וואס ס'וועט זיין — וועט זיין!

— פערל, פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט ארויס. איר ווייסט גאנץ גוט, אז אזעלכע זאכן זענען א טייל פון אונדזער טאג־טעגלעכן ברויט אויך אין אלע אנדערע שעפער, איז וואוהין וועט איר לויפן?

מענטשן אין מיין לעבן

— נישטאָ וואוהין צו לויפן? — האָט זי פאַרצווייפלט געפרעגט.

— לויפן האָט נישט קיין זין. אָט־אָ־דאָ, ביי אונדז אין שאָפ דאַרף מען אויסבעסערן... שוין לאַנג אַז עס גייט אַזוי אָן?

— גאַנץ לאַנג, נאָר איך האָב געשוויגן, ווייל כ׳האָב געטראַכט אַז אפשר האָב איך טאַקע נישט גענוג אַכטונג געגעבן אויף מיין אַרבעט. האָב איך אָנגעהויבן אָפּהיטן יעדן שטאָך, נאָר עס העלפט נישט. זי האַלט אין איין צוריקברענגען און זאָגט מיט געבייזער: „עס טויג נישט! נאָ, פיקס!"

— איך וועל שוין אויסגעפינען וואָס עס קומט דאָ פאָר, — האָט דער טשערמאַן איר פאַרזיכערט און געפּרואווט זי בארואיקן: „איר גייט דער־ווייל צוריק צו דער אַרבעט און נעמט זיך נישט צום האַרצן".

— צוריק צו דער אַרבעט?...

— וואָס דען? עס איז דען דאָ וואוהין צו גיין?

פערעלע איז געגאַנגען צוריק צום פינישער־טיש לאַנגזאַם, נאָר אין איר מוח האָבן געדאַנקען געיאָגט זיך שנעל. אירע ליפּן זענען געווען פאַר־שלאָסן, נישט אַרויסצוזאָגן די מחשבות אויפן קול... „נישטאָ וואוהין צו לויפן! גיי צוריק אין שטייג־אַריין, צום ענגן ווינקל פון פינישער־טיש... נישטאָ וואוהין צו לויפן..."

5

אַ מיידל אַ „פּרינצעסין"

נאָך איידער פּערל איז אַוועק צוריק צו דער אַרבעט אין ווינקל ביים פּיני־שער־טיש, האָבן די אַפּערעיטאָרס אַראָפּגעלייענט פון איר פּנים, אַז עפּעס אַ גרויסע עוולה איז איר אָפּגעטאָן געוואָרן. זייער נאַר־וואָס אויפגעגאַנגענע פריילעכקייט האָט אָנגעהויבן אָפּ־גיין. און באַלד האָבן זיי פאַרשטאַנען, ווי די לופט אין שאַפּ וואָלט זיי געלאָזט וויסן, אַז די פאָרלעידי איז שולדיק אין דעם. דאָס האָט זיי פאַרדראָסן און זיי האָבן גענומען רעדן:

— די פאָרלעידי דערלויבט זיך שוין צופיל! וואָס הייסט זי סטראַשעט אַן אַרבעטער?!

— סך הכל איז זי אַליין אַזאַ מבין אויף אַרבעט, ווי אַ קאַץ אויף היוון.

— זי וויל פאַרדעקן אייגענע חסרונות, ווייזט זי אַן אויף אַנדערע.

— אַז זי קאָן זאָגן אויף פּערעלעס אַרבעט, עס טויג נישט, קריכט זי שוין טאַקע אויף די גלייכע ווענט! . . .

אין שאַפּ אויבן־אָן ביי אַ טיש שטייט די פאָרלעידי. פון דאָרטן קאָן זי האַלטן אַן אויג אויפן שאַפּ, איבערהויפּט אויף די וואַכן־הענט . . . זי האָט גוט געזען די אומרואיקייט פון די אַפּערעיטאָרס. און כאָטש זי פאַרשטייט נישט קיין יידיש, ווייל זי איז פון איטאַליענישן אָפּשטאַם און אַ הי־געבוירענע, דאָך האָט זי זיך אָנגעשטויסן, אַז מען רעדט וועגן איר. און זי וויל נישט זיין קיין שולדיקע, ווייל זי האַלט, אַז זי טוט אַלץ בלית ברירה . . . זי איז אַ מיטלוואוק־סיקע מיט אַ פרום פּנים פון אַליוו־קאָליר. אויגן — שוואַרצע, רונדע, מיט אַ שטענדיקער פייכטקייט אין זיי, וואָס דאָס גיט זיי צו אַ מילדן, ווייכן אויס־זען. דאָך פירט זי דורך איר אַרבעט אויף אַ שטרענגן אופן.

אויפן טיש, ביי וועלכן זי שטייט, לייגן די אַרבעטער אַוועק די אויסגע־פאַרטיקטע אַרבעט. און אָפטמאָל, נאָך איידער זי האָט נאָך ריכטיק אַרויפגע־צויגן אַ דרעס אויף דער פיגור, רופט זי שוין אַרויס דעם אַרבעטער. דאַן מור־מלען זיי: „זי גייט שוין האַלטן אַ לעקציע!" — און זיי נעמען נאָכמאַכן אירע העוויות, וועלכע זי מאַכט ביים געבן צו פאַרשטיין איר מבינות . . .

— אט־דא — האלט איין א ביסל די ווארע. אביסל העכער — צי־אויס די ווארע. אין די זייטן — א הארעלע ווינציקער . . .

אפטמאל איז זי נישט אויסן די לעקציע. עס איז ביי איר בלויז אן אויסרייד. זי וויל זיך אראפרעדן פון הארץ . . . „דער באס רייסט שטיקער, ער דערגייט די יארן, גלייך איך וואלט געווען שולדיק וואס די „פעטערנס״ ווערן נישט ריכטיק צוגעגרייט, ווערט דאך די ארבעט נישט גוט געשניטן. פרואוו איך אים דאס געבן צו פארשטיין, ענטפערט ער מיט א געשריי, אז די ארבעט מוז זיין גוט! — אויך דער „פראדאקשאנמאן״ באשולדיקט מיך: ער האט טענות אז די ׳פלאר׳ קאסט אים צו טייער. דאס מיינט אז איך דארף נאך מער יאגן די וואכן־הענט. אלץ איז מיין שולד! עס ווערט שווערער צו ארבעטן פון טאג־צו־טאג״.

די פארלעידי ווייסט, אז אלע ווייסן, אז די וואכן־הענט יאגן זיך ביי דער ארבעט מער ווי די שטיק־ארבעטער. זיי זענען די שנעלסטע גייערס אין שאפ: ווען זיי דארפן בייטן א פיגור, נעמען נייע צודאטן, אדער גיין נאך א טרונק וואסער, טוען זיי דאס מיט אזא איילעניש, ווי זיי וואלטן באדארפט כאפן די באן, וואס איז נאר־וואס אפגעגאנגען . . . אמת, עס זענען אויך פאראן אייניקע שטיק־ארבעטער, וואס איילן זיך: זיי גייען נישט, נאר לויפן ווי אין א בהלה און שלעפן־מיט אלץ וואס אויפן וועג . . . ביי זיי איז דאס אן אומהיילבארע געוואוינהייט. ביי די וואכן־הענט? — אויב נישט יאגן זיך, וועט מען אפזוכן שנעלערע . . .

פארנאכט נאך דער ארבעט האט די פארלעידי זיך פארענטפערט פארן טשערמאן: „וואס האט פאסירט מיט פערעלען? זי איז דאך שטענדיק געווען א גוטע פינישערין. היינט האלט מען אין איין צוריקברענגען איר ארבעט צו מיר איך זאל איר געבן צו „פיקסן״. זאג איך דער מיידל אז זי אליין זאל איר געבן צו „פיקסן״, זאגט זי, זי וויל נישט זיין די שלעכטע. אבער דערפאר, זאגט זי, האט זי שוין ארויסגעצויגן אלע שלעכטע שטעך און צוריק אויסגעשפיליעט גלייך, אז עס זאל זיין לייכטער פאר פערעלען . . . די מיידל ארבעט פון וואך, דאס קאסט עקסטרא געלט דעם באס. איך פארדעק דאס, ער זאל נישט ווויסן. אבער טאמער ווערט ער געוואר?—דערצו ביז איך נאך ביי איר די שלעכטע... מען זאגט אין שאפ, אז עפעס איז געווארן דער מער מיט איר . . . מען רעדט, אז זינט עס איז געשטארבן עפעס אן אייגענער ביי איר, איז זי נישט די זעלבע . . . ״

דער טשערמאן האט שוין געוואוסט פון די מאדנע קלאנגען וועגן פערעלען, אז „זי איז נישט ווי געווען. זי איז א פארטראכטע אין זיך״. — „עס

דאַכטן זיך איר אוים זאַכן . . . זי קאָן נישט שלאָפֿן . . . ביינאַכט הערט זי טריט ביי איר הויז . . . ״

קיינער האָט נישט געוואוסט און קיינער האָט נישט געפֿרעגט פֿונוואַנען עס האָבן זיך גענומען די מאָדנע קלאַנגען. און קוים האָט ווער געצווייפֿלט אין דער ריכטיקייט דערפֿון, איז געקומען דער ענטפֿער: „אַז מען קלינגט איז חנגא״. — אַזאַ ענטפֿער איז שווער אָפּצולייקענען . . .

דערפֿאַר איז שוין אינייִנעם מיט די קלאַנגען געקומען די באַדויערונג: „אוי, באַהיט זאָל מען ווערן״, — „אַז איינרעדעניש איז דאָך ערגער פֿון אַ קרענק״.

צו פֿערעלען האָבן די קלאַנגען זיך נישט דערטראָגן. כאָטש זי האָט אָפּט באַמערקט ווי מענטשן אין שאָפּ הערן אויף צו רעדן ווען זי דערנענטערט זיך צו זיי. זי האָט אויך אויפֿגעכאַפּט עפּעס ווי רחמנות־בליקן. אָבער געטראַכט האָט זי, אַז דאָס איז בלויז דערפֿאַר וואָס די פֿאַרלעידי פּייניקט זי אומזיסט־אומנישט מיט דער אַרבעט.

צווישן די וועלכע האָבן נישט אינגאַנצן געגלייבט די קלאַנגען, איז געווען די פֿינישערין לילי. זי האָט שנעל געטראַכט, דרייסט גערעדט, הויך געלאַכט און געשטעלט זיך קעגן יעדער עוולה. צוליב נישט דורכגעפֿירטער גערעכטיקייט האָט זי זיך געקאָנט צעווייִנען. זי האָט זיך אונטערגענומען צו דערגיין דעם אמת וועגן די קלאַנגען . . . אַזוי ווי זי איז אין פֿערלס נייער וואוינונג נישט געווען, וועט זי שוין זען, אַז פֿערעלע זאָל זי פֿאַרבעטן צו זיך אויף אַן אוונט־ברויט. זי וועט זען דאָרטן איבערשלאָפֿן אַ נאַכט, וועט זי שוין זען צי עס איז אמת, אַז עס ווייזן זיך שרצים. און אויב יאָ, איז אויך נישט קיין אומגליק. זי ווייסט ווי פּטור צו ווערן פֿון זיי . . . דער עיקר וויל זי אויסגעפֿינען צי פֿערעלע ליידט טאַקע פֿון עפּעס אַן איינרעדעניש . . . אויך פֿאַר דעם האָט זי אַ רפֿואה: אויסרעדעניש. פֿריינטשאַפֿט. טרייסט. דאָס וועט זיין דער בעסטער אָנשפּאַר פֿאַר איר צוריקצוקריגן איר גלייכגעוויכט ביי דער אַרבעט, אַז נישט וועט דער שאָפּ מאַכן אַ תל פֿון איר . . .

נאָך אַ טאָג אַרבעט איז פֿאַר לילין געווען אַ פֿאַרגעניגן צו שפּאַצירן מיט פֿערעלען אַהיים. עס איז געווען נאָך אַ גאָס־רעגן: די טראָטואַרן און אַס־פֿאַלטענע וועגן זענען נאָך געווען נאַס. די ווענט פֿון די געביידעס אין גאַר־מענט צענטער זענען געווען ווי אָפּגעוואַשן. די פֿאַרנאַכטיקע זון האָט גע־צונדן די שנעל־אַנטלויפֿנדיקע וואָלקנס אויפֿן ווייטן האָריזאָנט.

זיי זענען געגאַנגען פּאַמעלעך, זיך געזעטיקט מיט דער זומערדיקער לופֿט, מיטן אויסגעקלאָרטן הימל, וואָס האָט זיי ווי באַפֿרייט פֿון דער לאַסט פֿון אַ

מענטשן אין מיין לעבן

שווערן טאָג אַרבעט. ווען זיי זענען אָנגעקומען אַהיים, איז פּערל באַלד אַוועק אין קיך צוגרייטן עסן און לילי האָט דערווייל באַטראַכט די נייע וואוינונג. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך און זיך געהאַלטן אין איין וואונדערן: „ווי שיין זי האָט אַלץ איינגעאָרדנט! די גאַרדינען זענען אויפגעהאָנגען מיט איידעלן געשמאַק. זע נאָר וויפל ביכער! וועמ לייענט זי זיי? די בילדער אויף די ווענט גיבן צו אַ סך לעבעדיקייט... דאָס בילד דאָרטן-אָ? לאָמיך נאָר זען! אַוודאי פון איר טאַטע-מאַמע. זיי דערמאָנען מיך אין מיינע עלטערן... מסתמא אויך אומגעקומען אין היטלערס גאַז-אויוונס... אַלץ וואָס איז מיר פאַרבליבן פון זיי איז דער לעצטער בריוו, אַז זיי האָבן דערהאַלטן מיין געלט אויף יום-טוב... און ווער איז דאָס מיידל אויף יענעם בילד? אוי, איך קאָן שווערן אַז דאָס איז טאַקע פּערל אַליין!"

זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, אַראָפּגענומען דאָס בילד, געקוקט אויף דעם און ווי גערעדט צו דעם: „האָסט, זעט אויס, נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט, אַז וועסט פאַרלאָזן דיין היים, דיינע עלטערן און וועסט אָנקומען אין די שעפער, אין וועלכע מען אָטעמט שטויב אין די לונגען-אַריין... אין דיינע אויגן איז נאָך געווען אַ טרוים... דיין האַלדז איז געווען אויסגעפּילט, גלאַטיק. דיין פיגור — דאַכט זיך געבליבן כמעט די זעלבע: דין אין דער טאַליע, שלאַנק אין געשטעל, געטאָקט אַרום און אַרום... און איך בין שוין היינט נישט צו דערקענען... דער דאָקטאָר הייסט שפּאַצירן אַ סך, ווייניקער עסן... ווער האָט די כוחות פאַר דעם... פּלוצים האָט זי זיך צעלאַכט און אַריינגערעדט אין קיך אַריין: „פּערעלע! איך קאָן שווערן, אַז ביסט שוין דאַן געווען בלאָנד".

פּערל איז אַרויסגעקומען פון קיך און פאַרוואונדערט געפרעגט: „פון וואָס האָסטו זיך אַזוי צעלאַכט?"

— פון וואָס? פון אָט דער פּרינצעסין. — און אָנווייזנדיק אויפן בילד האָט זי געפרעגט:

— אָ, די-אָ פּרינצעסין? — און שמייכלענדיק פון איר איינפאַל האָט זי געזאָגט: — מיינע אַן אַלטע באַקאַנטע, וואָס איך האָב שוין באַלד פאַרגעסן אין איר... לאָמיך נאָר נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף איר...

לילי האָט געוואַרט, אַז פּערעלע זאָל, בעת זי האָט געקוקט אויפן בילד, אָנהייבן עפּעס צו דערציילן וועגן זיך, דער אַמאָליקער „פּרינצעסין", נאָר זי האָט געקוקט אויפן בילד פאַרטראַכט און געשוויגן, ווי זי וואָלט אַצינד געווען ווייט פון איר שאַפּ-מיטאַרבעטערין לילי, ווייט פון איר נייער באַקוועמער וואוינונג, ווייט — אַזש ביי דער משפחה אין אַמאָליקן פּוילן, וואוהין זי שיקט געלט אויף ברויט, אויף קליידער, אויף חתונה-מאַכן קינדער און אויף

שיפּסקאַרטן . . . שפּעטער, נאַצישע שחיטות. פון דער גרויסער משפּחה בלויז צוויי יתומות געבליבן. זיי מוז מען ראַטעווען! זי מוז קריגן רייכע גוט־זאָרגערס פאַר זיי . . . וואו נעמט מען גוטע רייכע מענטשן? . . . דער באָס איז רייך, אָבער גוט? ער דינגט זיך דאָך פּאַר אַ פערטל פּעני אויף דער אַרבעט... וועט ער פאַרשטיין דעם צער פון עלנטע קינדער? האָט ער אַ באַגריף וואָס עס מיינט אָפּגעראַטעוועטע פון גאַז־אויוון? . . . נישטאָ קיין ברירה, זי וועט איינשטעלן . . . „האָ? איך האָב נישט געהערט . . אָ, געראַטעוועטע? זיכער! ברענג די פּאַפּירן, פּערעלע, איך וועל אונטערשרייבן. זיי וועלן קאָנען אַרבעטן ביי מיר אין פעקטאָרי. דו, פּערעלע, וועסט זיי לערנען אַרבעטן . . . "

לילי האָט פאַרשטאַנען פון פּערעלעס פולע אויגן, אַז זי דאַרף איר נישט איבערשלאָגן דאָס שווייגן, אַז דאָס בילד פון דער „פּרינצעסין" האָט עפּעס אויפגערודערט אין איר נשמה. וועט זי איר העלפן דאָס אויסשווייגן, ביז זי וועט קומען צו זיך.

. . . אין שאָפּ פרייען זיך די מענטשן מיט די גליקלעכע יתומים . . .

„פּערעלע, איך בין דיך מקנא! וואָלט כאָטש ווער געוועזן געבליבן פון מיין משפּחה . . . " — פון וואַנט אין שאָפּ קוקט אַראָפּ דאָס בילד פון אַן עלנט קינד וואָס די אַרבעטער אין שאָפּ האַלטן אויס אין אַ יתומים־היים אין פּאַריז... מען כאַפּט אַ בליק אויפן קינד . . . ווער ווייסט, אפשר אַן אייגנס? ווער קאָן וויסן . . . — מען מאַכט שוין חתונה די געראַטעוועטע, אַ שמחה אין שאָפּ! „פּערעלע, לאָמיר זיך צעקושן! דו ביסט דאָך די סאַמאָראָדנע מחותנסטע! ביסט צו זיי אַ געטרייע מאַמע!" — לחיים, פּערעלע! די שונאים אויף צעזעצעניש, לאָמיר גיין אַ טאַנץ, פּערעלע! מערטשעשעם ביי דיר! . . . לחיים! . . . "

— עך, יאָ . . . די יאָרן לויפן! — האָט פּערל פּלוצים איבערגעריסן די שטילקייט מיט אַ זיפץ. און צוריקגעבנדיק לילין דאָס בילד האָט זי געזאָגט: מוזט שוין זיין גוט הונגעריק און שווייגסט . . . צוריקגערעדט איז דאָס דיין אייגענע שולד. — האָט זי שטיפעריש געזאָגט, ווי צו פאַרטויבן דעם פריערדיקן זיפץ. — דיין שולד, ווייל האָסט מיר פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט דיין אויסגעטראַכטער פּרינצעסין . . .

6

נישט געשטויגן, נישט געפלויגן

די „אויסגעטראכטע פרינצעסין" פערעלע האט שנעל געגרייט צום טיש. דורך דעם פענצטער האבן זיך געשפרייט שטראלן פון דער פארגייענדיקער זון. די שטראלן האבן זיך צעפינקלט אויפן גלעזערנעם קרוג מיט וואסער, אויף לעפל־גאפל און אויף די פנימער פון די צוויי שאפ־פריינדינס.

בעתן עסן האט פערל באמערקט, ווי די זון־שטראלן באלייכטן לילים האלדז, וואס האט זיך ארויסגעזען פון איר דעקאלטירט זומער־קלייד. אויף איר פנים האבן זיך אנגעזען מער קנייטשעלעך ווי בייטאג ביי דער ארבעט, אבער איר טיילווייז אנטבלויזטער האלדז איז געווען גלאט און לויטער. פערל האט זיך איצט דערמאנט אז ערגעץ האט זי געהאט געלייענט אדער געהערט פון עמעצן, אז דאס איז א סימן פון מענטשן וואס האבן א גוטע נאטור און קאנען רואיק אפשלאפן א נאכט. און זי האט זיך שטארק געחידושט אויף איר: ווי אזוי קאן לילי פארהיטן איר געמיט פון אומרואיקייט און פון אלע שאפ־ערגערנישן, בפרט אז זי איז אפטמאל קריגעריש און וועט נישט פארשווייגן די קלענסטע עוולה. זי האט געפרעגט מיט נייגער: „לילי, דו מוזט זיין א גוטע שלאפערין?"

— „נאך אז וואוד"! — הלוואי ווייטער נישט ערגער! — האט זי געענטפערט מיט א קלאפ פון צוויי פינגער־קנאכן אין טיש.

— די שאפ־צרות קומען דיר גארנישט צו חלום?

— די צרות לאז איך אויף יענער זייט טיר, און די נעכט לויפן פארביי צו שנעל, נישטא קיין צייט צו חלומען.

— ווייסט גארנישט ווי וואויל דיר איז, לילי... עס, שטיי נישט אפ, וואס האסטו זיך אזוי פארקוקט?

— זע! ביסט כאטש א מבין אויפן הימל? ! זע ווי שיין ער קוקט אריין דורך דעם פענצטער! דיינע פענצטער זענען אזוי ברייט, זיי פארנעמען שיער נישט די גאנצע וואנט... יא, פערל... מיט די פארבן אויפן הימל עסט

זיך מיר געשמאַקער . . . פּערל, דו עסט אַלע טאָג אין דער היים?

— מערסטנס אין דער היים. — האָט פּערל געענטפערט.

לילי האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר איר: „מיר קומט דאָס אַן שווער, ס'איז מיר נישט באַקוועם מיט די מענטשן ביי וועלכע איך וואוין . . . ווייסט, פון דיינע פענצטער זעט מען אַזוי ווייט אַרום! עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך עס איצט אין אַ רייכן האָטעל, וואָס איז סאַמע אויבן־אָן אויף אַ הויכן באַרג... יאָ, וועגן דעם וואָס האָסט געפרעגט, צי איך עס אין רעסטאָראַן, וואָס דען? עס טויג טאַקע נישט. פּערל, עס איז נישט דאָס וואָס געוואָן! אַמאָל האָט מען געגעסן ביי איין טיש מיט פריינט און באַקאַנטע, אַ וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער, אַ שפּאַס, אַ קאָמפּלימענט. מען האָט זיך געגעבן אַדרעסן . . . פאַרשטייסט, — מען האָט געגעסן מיט האָפענונג . . . פּערל, דיין קאָמפּאָט איז מלא־טעם! . . . ”

— עסט נאָך אַלץ אין דעם רעסטאָראַן אויף בראָדוועי?

— יאָ, נאָך אַלץ דאָרטן. די מאַכלים זענען די זעלבע וואָס אַמאָל, נאָר זייער ווינציק איז געבליבן פון די זעלבע עסערס. היינט עסטו אַליין . . . זיצסט מיט פּנים צו דער טיר. די טיר דרייט זיך. מענטשן קומען, נאָר נישט דיינע באַקאַנטע. באַווייזט זיך שוין יאָ אַ באַקאַנטער פון אַמאָל, באַגריסט מען זיך ווי נעכטיקע, אַפּגעפרעמדטע. עפּעס שעמט מען זיך וואָס מען עסט נאָך אַלץ אין רעסטאָראַן און מען זעצט זיך ביי באַזונדערע טישן . . .

— און מיר דאַכט זיך, לילי, — האָט פּערל זיך אַריינגעריסן אין אירע רייד, אַ באַגייסטערטע פון דעם אופן ווי זי דערציילט. — מיר דאַכט זיך, אַז ביז היינט האָב איך דיך גאָר ווינציק געקענט!

אויף וויפל לילי איז נישט געווען אויסגעהונגערט נאָך אַ קאָמפּלימענט, דאָך האָט זי פּערלעס באַגייסטערונג ווי אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און געזאָגט: „שלאָג מיר נישט איבער! איך וועל נאָך פאַרגעסן וואו איך האַלט. וויל . . . יאָ, — דו זיצסט ביים טיש מיט מענטשן און ביסט אַליין . . . דאָס אַש־טעצל איז שוין פול מיט נישט־דעררויכערטע סיגאַרעטן, דו זופּסט שוין נאָך אַ טעפּל קאַווע און די געדאַנקען טראָגן דיך אַוועק דער גוטער יאָר ווייסט וואוהין . . . איך זאָג דיר, פּערל, אַז ווער ס'האָט אויסגעטראַכט געדאַנקען פאַר מענטשן, זאָל קייען שטרוי! . . . יאָ, אַז מען רעדט פון קאַווע, איז אפשר קאָן איך קריגן נאָך אַ שעלעכל? מאַכסט זייער געשמאַקע קאַווע”.

— מיט פאַרגעניגן! — האָט פּערל אויסגערופן. און ווען זי איז צוריקגעקומען פון קיך מיטן טעפּל קאַווע איז שוין לילי געזעסן ביים פענצטער און זיך געחידושט: „זע נאָר ווי די זון באַהאַלט זיך הינטער די קוימענס פון די

מענטשן אין מיין לעבן

שיפן אויפן האדסאן! געבליבן איז פון איר נישט מער ווי א פערטל פון אן אראנדזש און זי באהאלט זיך, וויל נישט פארגיין אין דער פינצטערניש פון דער נאכט . . . זעט אויס, אז קיין שום זאך אין דער וועלט וויל נישט פארגיין . . . ״

ביידע, פערל און לילי, האבן געקוקט פארטראכט ווי די זון פארגייט צווישן די שיף־קוימענס, ווערט פארדעקט אויפן ראנד פון וויטן האריזאנט מיט פארנאכטיקע טונקעלע כמארעס אונטער וועלכע זי כאפט א לעצטן בליק אויפן פארבייגייענדיקן טאג און לאזט נאך זיך מיניענדיקע פארבן אויפן הימל . . . „א סימפאניע פון קאלירן!״ — האט פערל אויסגערופן.

— קוקסט דורכן פענצטער און דו טראכטסט, אז אן ענגער שאפ איז ניט מער ווי א שלעכטער חלום אין אזא שיינער וועלט. — האט לילי געזאגט אין א פארבענקטן טאן, גענומען פערלען ביי דער האנט און איר אנגעוויזן אויפן גרינעם הויף צווישן די הויכע געביידעס, וואו יונגע ביימלעך און גראזן האבן אויסגעזען פון צוואנציקסטן גארן, ווי א פאנטאסטישער שיינער טאל מיט א גארטן, וואו עס שפאצירן מענטשן, אדער רוען זיך אפ אויף די בענק צווישן ביימער.

פערעלע האט פון צייט־צו־צייט געכאפט א בליק אויף לילין. אירע בלויע אויגן זענען געווען פול מיט חידוש: א נייע לילי האט זיך אנטפלעקט פאר איר. ווייל אין שאפ איז זי ווי אין א ווילדן וואלד, שטענדיק אויף דער וואך, גרייט צו ווערן זיך קעגן מעגלעכע עוולות, וואס קאנען קומען פון דער פארלעידי, פון באס, פון „פראדאקשאנמאן״ און אמאל פון א שוועסטער־פיני־שערין . . . אין שאפ רעדט זי הויך און דרייסט, גיט נישט קיין שום אנדייט אז זי קאן זיך פארטראכטן וועגן לעבן, אז זי קאן דערזען די שיינקייט פון דער נאטור. אין שאפ, דאכט זיך, אז זי לעבט אויף נאר דאן ווען מען טוט איר וויי. זי דערוואכט ווען מען „טרעט איר אן אויפן הינערא־אויג״ — איצט ווייזט זיך אויס פערלען, אז עס שטראלט פון איר ארויס א צארטע איידלקייט און זי טראכט: „זאל דאס זיין דערפאר, וואס זי איז אויף א ווײלע ארויס פון דער פארשטיקטער שאפ־שטייג? . . .

און ווי זי וואלט דערשפירט פערעלעס חידושן זיך אויף איר, האט לילי לאנגזאם אפגעווענדט זיך פון פענצטער כדי איר צו ענטפערן . . . „פארשטייסט, א שאפ איז א ווילדערניש, טאר מען נישט זיין קיין שיפע־זיבעלע, מען מוז קאנען באשטיין דאס אייגענע שטעטל. אנישט ביסטו א פארלוירענע. ווער־זשע וויל דאס זיין א פארלוירענע? . . . זאג מיר, וואס האסטו מורא צו עפענען א מויל אויף דער פארלעידי?״

— איך קאָן זיך נישט קריגן. — האָט פּערל זיך פאַרענטפערט. — קריג איך זיך, שעם איך זיך שפּעטער פאַר זיך אַליין, וואָס איך בין אַרויס פון די כּלים. און ביינאַכט קאָן איך נישט שלאָפן . . .

— מיר דאַכט זיך, אַז דו ביסט אַ צו איידעלע פלאַנץ פאַר אַ שאָפּ. אין אַ דזשאַנגל טראָגט מען נישט קיין זיידענע הענטשקעס . . . אַ, גוט וואָס איך האָב זיך איצט דערמאָנט: איך האָב שוין פון לאַנג געוואָלט דיך פרעגן און אַלץ פאַרגעסן. — פאַרוואָס איז „בעיבי פעיס" (קינדערישער פּנים) אַזוי אָנ־געצויגן אויף דיר?

— אָנגעצויגן? אויף מיר? איך הער עס ערשט פון דיר.

— זאָלסט איר האָבן געזאָגט, אַז „פון על־חטא ווערט מען נישט פעט".

— זע נאָר ווי מען קאָן אַלץ אויסטייטשן צום שלעכטן! — האָט זיך פּערעלע געוואונדערט.

— עס איז דאָך שוין עטלעכע וואָכן. עס איז געווען באַלד נאָך דעם ווי מיין קרוב איז געשטאָרבן און איך האָב זיך געהאַלטן אין איינאָרדענען אין מיין נייער היים. קיין זאַך איז נישט געווען איינגעשטעלט אין הויז, און אויפן האַרצן איז געווען אָנגעזאַלצן . . . איך האָב קוים דערלעבט מיטיק־צייט, אַרויסצורייסן זיך פון שאָפּ. איך אייל זיך צום אַרויסגאַנג. מיטאַמאָל דער־הער איך ווי זי רופט מיך. בין איך צוגעגאַנגען צו איר. זאָגט זי: „גיב מיר אויך דעם סוד ווי צו האַלטן זיך אין „שעיפּ" (פאַסאָן) ווי דו".

— איך האָב איר געוואָלט זאָגן, אַז מיין קאָפּ איז נישט דערביי צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן. נאָר אַז איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם אויפגעעפנטן פּאַפּיר אין וועלכן ס'איז געלעגן איר פעט עסן, האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט דאָס פאָלקס־ווערטל: „פון על־חטא ווערט מען נישט פעט" און זי האָט מיר גראָד געענטפערט מיט אַ שמייכל: „איך האָב דען אַנדערע פאַרגעניגנס?" — פון איר ענטפער האָט מיר באַלד באַנג געטאָן אויף מיין באַמערקונג . . . שפּעטער, אין טומל פון שאָפּ, איז דער גאַנצער שמועס מיר אַרויס פון זינען. ווען זאָל איינפאַלן, אַז עס וועט זי פאַרדריסן?

— האָסט טאַקע די גאַנצע צייט נישט געפילט, אַז זי איז קידער־ווידער מיט דיר?

— ניין. זעט אויס, אַז איך בין גענוג נאַריש?

— קיין פראַגע נישט! — האָט לילי געענטפערט און ביידע האָבן זיך צעלאַכט. און געלאַכט האָבן זיי מאָדנע, ווי פון פיין, פון פאַרדראָס און פון אַזאַ לעבן, וואָס קאָן פון איין „וואָרט מאַכן אַ גאַנצע קוואָרט", אַ קוואָרט

מיט פיינטשאפט, און עס ווערט א ים מיט ערגערניש און עס ווערט דערטרונקען דעם מענטשנס מענטשלעכקייט . . .

ביסלעכווייז איז אויסגעגאנגען דאס געלעכטער און די נאכט איז צוגעפאלן. די פינצטערניש איז דרויסן איז טיילווייז צעטריבן געווארן פון די צעלויכטענע פענצטער ארום. און ווי פון זיך אליין האט זיך צוריק פארבונדן א שמועס צווישן פערעלען און לילין און איז געפלאסן שטיל און אינטים, מיט טענער פון בענקשאפט, וועגן פארגאנגענע טרוימען. טרוימען, וואס זענען צוריקגעקומען, ווידער זיך באזעצט אין די געמיטער און געמאנט, פארוואס מען האט זיי נישט פארווירקלעכט . . .

און אז די ווערטער זענען אויסגעגאנגען, האבן זיי פארטראכטע געקוקט אין פענצטער. הויך איבער די געביידעם איז אנגעשוואומען די לבנה, ווי אמאל אין זייערע היימישע שטעטלעך, ווי אויף די ווייטע וואנדער־וועגן, ווי שפעטער דא, אין די ראמאנטישע נעכט . . .

איצט האט שוין לילי די ערשטע זיך אנגעהויבן פילן מיד, פון צייט־צו־צייט דערשטיקט א גענעץ אויף אירע ליפן. נאר דער געדאנק, אז זי מוז היינט אויסגעפינען צי די קלאנגען איז שאפ וועגן די אומגעבעטענע געסט, די שרצים, אין פערעלעס וואוינונג זענען ריכטיקע, האט זי באלד נאכן ערשטן דרעמל געהאלטן וואך.

זי איז געלעגן מיט אפענע אויגן, איינגעהערט זיך אין פערעלעס ריטמישן אטעמען. פון צייט־צו־צייט האט זיך דערטראגן אהער דאס ווייטע געוויש פון פארבייפארנדיקע מאשינען. אין הויז איז געווען שטיל. דער וועקזייגער האט זיך קוים געהערט און זי האט געטראכט: באהיט זאל מען ווערן פון שלעכטע קלאנגען . . . אלץ וואס מען האט אויסגעטראכט אויף פערעלען איז נישט־געשטויגן־נישט־געפלויגן . . .

7

צוליב עטלעכע ווערטער...

במעט אלע אין שאפ האבן גע־ וואוסט, אז לילי איז געגאנגען נעכטיקן צו פערלען, כדי אויסצוגעפינען, צי די קלאנגען וועגן מייז ביי איר אין הויז זענען אמתדיקע. אויפן צווייטן טאג האט מען זי געפרעגט סודותדיק, אז פערל זאל נישט הערן:

— נו, אמת וואס מען זאגט?

— געהערט זיי?

— געזען זיי?

— וויים איך וואס! נישט געהערט, נישט געזען. די גאנצע מעשה הייבט זיך נישט אן און לאזט זיך נישט אוים!

פון לילים ענטפער האבן מענטשן ערשט גענומען טייטשן: אויב עס הייבט זיך נישט אן און עס לאזט זיך נישט אוים די גאנצע מעשה, און דאך איז פערלס ארבעט נישט גוט, איז דאך א סימן, אז זי ליידט טאקע פון עפעס אן איינרעדעניש . . . און אז אן איינרעדעניש איז ערגער ווי א קרענק איז געווען קלאר פאר אלעמען. און יעדער באזונדער האט געפרואווט דערקלערן, פון וואנען דאס האט זיך גענומען צו איר . . .

— דאס וואס דער קרוב איז געשטארבן איז געווען א שטארקער קלאפ פאר איר. און פונקט דאן האט זי זיך ארייננגעקליבן אין דער נייער וואוינונג. די צימערן זענען גרויסע און זי איז אליין — שרעקט זי זיך. אז מען שרעקט זיך, שלאפט מען נישט. אז מען קאן נישט שלאפן, קומען אלערליי געדאנקען אין קאפ אריין. און געדאנקען ביינאכט, זאל מען שוין באהיט ווערן! הייבט זיך אן אויסצואווייזן אויפן בוידעם א יאריד . . .

— מורא קאן מען קיינעם נישט אויסרעדן. ס'איז ביטער וועמען עס טרעפט. און ווען מען מוז נאך מיט אזא קרענק קומען אין שאפ אריין, איז שוין נישט קיין וואונדער וואס די ארבעט פאלט פון די הענט און מען הייבט אן צוריקצוברענגען די ארבעט צו פארריכטן. פארדריסט דאס, ווערט מען

בייז. מען ווערט קידער־ווידער אפילו מיט פריינט . . . איז וואס קאן שוין א פריינט מ׳שטיינס געזאגט העלפן א מענטשן וואס איז נישט פאר קיינעם געדאכט, אזוי־א? . . .

— אפשר וואלטן מיר זי צוגערעדט צו גיין צו א דאקטאר?

— נאראנים; זאל זי אנקלאפן א מזוזה ביי דער טיר, וועט זי זיך אויפהערן צו שרעקן!

די לופט איז געווארן געדיכט מיט עצות. יעדער האט זיך געריסן עפעס צו זאגן, ביז לילי האט אלעמען איבערגעשריגן: „זאל זי געבן א גאב די, וועלכע שטעלן איר אונטער א פיסל אין שאפ און פארשפרייטן פאלשע קלאנגען” . . .

די עצה־געבערס זענען געבליבן געפלעפט פון לילים רייד. זיי האבן פארשטאנען, אז זי האט אנגעוואונקען אויף עמעצן און זיי האבן אנגעהויבן פרעגן צווישן זיך: „וועמען מיינט זי?” — „ווער קאן דאס זיין?”

און כאטש די אלע רייד זענען גערעדט געווארן הינטער פערעלעס פלייצעס, דאך האט זי דערשפירט, אז עפעס טוט זיך דא וועגן איר. זי האט דאס טיילווייז ארויסגעלייענט פון זייערע שטארק־אפגעהיטענע רחמנות־בליקן און פון זייער עטוואסיקער פארפרעמדטקייט . . . איר גדאנק האט שנעל געארבעט וועגן דעם און ביסלעכווייז האט זיך איר גענומען אויסווייזן, אז דאס איז דערפאר וואס זיי גלייבן דער פארלעידי, אז איר ארבעט טויג טאקע נישט.

ווען דער שאפ־טשערמאן איז געוואר געווארן, אז „עמעצער שטעלט פערעלען אונטער א פיסל”, האט ער זיך וועגן דעם צוזאמענגערעדט מיט דער שאפ־קאמיטע. אלע זענען געקומען צו איין אויספיר: „עס איז א שאנד, אז איין ארבעטער זאל אונטערשטעלן א פיסל דעם אנדערן! עס איז א יוניאן־שאפ! קיין מענטש איז דא נישט הפקר!”

אין איין פרימארגן, ווען פערל איז געקומען צו דער ארבעט, האט זי געטראפן א סך דרעסעס צו פאררעכטן. די פינישערינס ארום איר האבן געזען, אז זי האלט זיך איין מיט אלע כוחות נישט אויסצושרייען אדער אויסוויינען איר פארדראס אויפן קול. זי האט בלויז געמורמלט פארצווייפלט: „מען קאן פון זינען ארונטער!”

זי האט דערפילט, אז אירע געדאנקען יאגן זיך גיך, גיך און מאנען: „שוויג נישט מער! שריי־אויס, אז די ווענט זאלן ציטערן!” — נאר זי האט דאס מויל נישט געקאנט עפענען. פאר די אויגן האט איר געשווינדלט און דורך דער שווינדלעניש האט זיך איר אויסגעוויזן, אז די מיטארבעטערינס

האַלטן שטאַרק געבויגן די קעפּ און באַהאַלטן זייערע רחמנות־בליקן. דאָס האָט איר וויי־געטאָן . . . „זיי מיינען זיכער, אַז עפּעס איז דער מער מיט מיר" . . .

— און נאָך אַ ווײַל שטיין מיט דער האַנט אויפן אָנלען פון דער שטול צו באַזינען זיך, איז זי אַוועק צום טשערמאַן מיט אַ טענה, רעדנדיק צו זיך אויפן וועג: „מער קען איך שוין נישט אויסהאַלטן !"

ווען זי איז צוגעקומען צום שאָפּ־טשערמאַן, האָט זי קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן. ער האָט דערקענט אין איר פּנים וואָס ס׳איז דאָרטן געשען און ער האָט אויסגערופן: „זאָלסט קיין איין דרעס נישט פּיקסן! און שרעק זיך נישט!" — ער האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף, אָפּגעבונדן דאָס לייוונטענע פאַרטעך פון אַרום דער טאַליע און אַוועקגעשפּאַנט צו דער פּאַר־לעידי. „איך האָב דיר געזאָגט, זאָלסט נישט געבן צו פּיקסן קיין איין דרעס, איידער די קאָמיטע מיטן שאָפּ־טשערמאַן באַטראַכטן די אַרבעט!"

— עס איז נישט מיין שולד, — האָט זי זיך פאַרענטפערט, — ווי איך בין נאָר אַריין אין שאָפּ בין איך צוגעגאַנגען צו דעם מיידל און איר געזאָגט וואָס דו זאָגסט מיר איצט, איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט. זי האָט שוין געהאַט אַרויסגעצויגן די שטעך און צוריק אויסגעשפּיליעט עס זאָל זיין גרינגער פאַר פּערלען צו פאַררייכטן.

— אַזוי פרי? — האָט דער טשערמאַן זיך געוואונדערט. — עס געפעלט מיר נישט, עפּעס גייט דאָ אַז . . . איך מוז אויסגעפינען פונוואַנען עס קומען די צרות!

— דו מיינסט טאַקע, אַז עמעצער איז שולדיק אין דעם? — האָט די פּאַרלעידי געפרעגט מיט אַ מינע פון אָנצוהערעניש. — מען רעדט דאָך אין שאָפּ, אַז עפּעס איז דער מער מיט איר? אָט האָט זי באַליידיקט אַ מיידל, געזאָגט איר, אַז זי עסט ווי אַ הונגעריקער וואָלף. מען רעדט . . . וועל, לאָמיר בעסער נישט רעדן . . .

ווען דער טשערמאַן האָט גערעדט מיט דער פּאַרלעידי, איז פּערל אַוועק צוריק צו איר אַרבעט. זי האָט אָפּגעשטופּט פון זיך די דרעסעס, וואָס זי האָט געהאַט צו פאַררייכטן. פאַרטיפט אין אירע מחשבות ווי אַזוי צו ענדערן איר שלעכטע לאַגע צום בעסערן, האָט זי נישט געהערט ווי מענטשן רעדן אין דעם גערויש פון מאַשינען וועגן די קלאַנגען וואָס מען האָט פאַרשפּרייט וועגן איר וואוינונג. קיינער האָט נישט געפרעגט פונוואַנען די קלאַנגען האָבן זיך גענומען. זיי האָבן אויך פאַרגעסן אין דעם וואָס לילי האָט זיי געזאָגט, אַז „עס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן". זייער גלויבן אין די קלאַנגען האָט זיך גענומען דערפון וואָס איר אַרבעט קומט נישט אַרויס ביי איר אַזוי

מענטשן אין מיין לעבן

גוט ווי אַמאָל . . . און זיי האָבן דאָס גענומען דערקלערן „לויטן גראָדן שכל״...
— נישט אַנדערש ווי עס ווייזט זיך איר אויס, ווייל ווי קומען שרצים אַזש אויפן צוואַנציקסטן גאָרן?
— וואָסי, זיי האָבן שוואַכע הערצער? זיי קאָנען נישט קריכן אויף הויכע פּלאָרס?
— „נויט ברעכט אייזן״ — אַז מ׳איז הונגעריק וויל מען נישט וויסן פון גרענעצן.
— אָבער פּערעלע האַלט דאָך ריין! איז נאָך וואָס קריכן זיי אַהין?
— איז אויב זיי האָבן נישט נאָך וואָס צו קריכן, קריכן זיי דאָך נישט. איז וואָס־זשע רעדט זי? און אויב זי רעדט, איז דאָך טאַקע ווי מענטשן זאָגן: „באַהיט זאָל מען ווערן פון איינרעדענישן״ . . .

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז באַקאַנט געוואָרן אין שאַפּ, אַז מען ווייסט שוין ווער עס האָט פּערעלען אונטערגעשטעלט אַ פּיסל און געשפּרייט פאַלשע קלאַנגען וועגן איר. די געמיטער פון די מענטשן זענען געוואָרן לייכטער און פרייליכער. באַלד האָבן זיך גענומען טראָגן אין די רווישיקע שאַפּ־כוואַליעס פרייד־יקע באַמערקונגען: — פּערעלע איז צוריק פּערעלע!

דער „אַלד־טאַימער״ וואָס האַלט זיך פאַר אַן „אָלץ־וויסער״, האָט זיך באַרימט: „ווער ס׳איז שוין, אָבער איך בין קלוג! איך האָב אייך געזאָגט און געזאָגט, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק, אַז עמעצער האָט אַ האַנט אין אירע צרות! ווייל פּערעלע, זאָלט איר וויסן, איז פּערעלע!״

לילי האָט פאַר פרייד מכבד געווען זיך מיט אַן עקסטרא־פּאָרציע „אייז־קרים״ און איינגעלאַדן זיך צו פּערעלען אויף נאָך אַ סאַפּער . . .

אייבי דער קאָמיטע־מאַן, מיט אַ פרישן ציגאַר אין מויל און מיט אַ שמייכל צעלייגט איבערן גאַנצן פּנים, דערציילט: „מיר האָבן באַטראַכט פּע־רעלעס אַרבעט איידער מ׳האָט איר געגעבן צו פּיקסן. מיר זעען, אַז די אַרבעט שמעקט! רייןן, ציכטיק, גלייך! — מיט איין וואָרט, נישטאָ וואָס אויסצוזעצן. מיר רופן־צו די פּאָרלעידי און מיר זאָגן איר: „נאַ, באַקוק!״ זי באַטראַכט די אַרבעט און זאָגט: „ס׳איז גוט״. — זאָגן מיר: „מיר פאַרשרייבן די נו־מערן פון די טיקעטלעך פון די דרעסעס און דו לאָז זיי אַנגיין מיט דער אַר־בעט. מאָך זיך נישט וויסנדיק, וועלן מיר זען, וואָס ס׳וועט זיין״ . . .
— מאָך שוין אַ סוף! וואָס איז געוואָרן?! — האָט עמעצער אויסגע־רופן.
— וואָס ס׳איז געוואָרן? מען האָט די דרעסעס צוריקגעבראַכט צו דער פּאָרלעידי מיט אויפגעעפנטע נעט, און געזאָגט: „נאַ, גיב דאָס פּערעלען צו

פארריכטן". — אזוי ארום האבן מיר אויסגעפונען ווער עס האט איר אונ־טערגעשטעלט א פיסל . . .

— איך זאג אייך, אז מיר אלע זענען רעגעלע בהמות ! — האט ראלף געטענהט. — בהמות, דערפאר ווייל מיר האבן זיך געלאזט „ברעין וואשן". מען האט אונדזערע געהירן אריינגעלייגט אין א לאנדרי, אין א וואשינג־מאשין פון נארישע קלאנגען און מיר האבן אלץ געגלייבט. וואו איז געווען אונדזער שכל ? איצט זע איך, אז ס'איז אמת וואס מען זאגט : „ווער עס גראבט אויף יענעם א גרוב פאלט אליין אריין".

— מען זאגט, אז דער באלעבאס איז זייער בייז וואס מען האט פערעלען אונטערגעשטעלט א פיסל, ווייל דאס טראגן די דרעסעס היז־און־צוריק איז געטאן געווארן פון וואכן־הענט און דאס קאסט געלט . . .

— לאמיר אייך זאגן, — האט יאסל דער קאמיטע־מאן אנגעהויבן, — אז ס'איז א שאנדע אויך פארן באס, אז אונדזערער א יוניאן־מעמבער זאל טאן זאכן וואס זענען ווייט, ווייט פון מענטשלעכקייט.

— לאמיר אויפהערן צו פויקן וועגן דער פאסירונג, — האט דארפמאן געבעטן. — ווייל באלד וועט דער גאנצער מארקעט וויסן, אז ביי אונדז אין שאפ האט זיך אפגעשפילט אזא געשיכטע. עס איז נישט שיין פאר אזא יוניאן־שאפ. חוץ דעם האט שוין דער מענטש וואס האט פערעלען אונטערגעשטעלט א פיסל — חרטה. אז א מענטש וויל זיך ראטעווען פון זינד, דארפן מיר לאזן . . . בפרט ווען מיר זעען דעם מענטש מיט פארוויינטע אויגן . . .

— פארוויינט, ווייל דער בלוטיקער שפיל האט זיך געענדיקט ! — האט אויסגערופן דער „טערק".

— אפשר גאר פארקערט ? — איז דארפמאן באשטאנען אויף זיינס.

— אפשר גאר דערפאר וואס די שפיל האט זיך גאר אינגאנצן אנגעהויבן ?

עס האבן אנגעהויבן פליען פון אלע זייטן אויסרופן אויפן חשבון פון דארפמאן :

— מלמד !

— ווייכע לעמעשקע !

— יאלד איז קאפעליוש !

— נו, טאקע, וואו איז דאס געהערט געווארן, — האט סעם דער קאמיטע־מאן געטענהט צו דארפמאנען. — וואו איז דאס געהערט געווארן, אז איין מענטש זאל אפטאן דעם צווייטן אזויפיל שלעכטס בלויז דערפאר, וואס פע־רעלע האט געזאגט, אז „פון על־חטא ווערט מען נישט פעט" ? צוליב עטלעכע אומשולדיקע פאלקס־ווערטער האט מען איר אזויפיל בלוט פארצאפט . . .

מענטשן אין מיין לעבן

א גליק וואס מיר האבן א יוניאן, אנישט וואלט שוין פערעלע מיט אונדז נישט געארבעט צוליב די עטלעכע ווערטער . . .

מיטאמאל זענען אלע שטיל געווארן צוליב די אומגעריכטע געסט וואס האבן זיך באוויזן אין שאפ: געסט, קאלעדזש־סטודענטן, וועמען דער באס האט ארומגעפירט און געוויזן זיי ווי אזוי עס ווערן געמאכט קליידער . . .

8

Like One Happy Family

ווען די סטודענטן מיט זייערע לערערס האָבן זיך באַוויזן אין שאַפּ, האָט עס אויסגעזען ווי אויף אַן אַלטער בינע וואָלט אויסגעשפּילט געוואָרן אַ נייע סצענע. די שפּיל איז דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פֿון די מענטשן אין שאַפּ . . .

אין שאַפּ קומען אַמאָל אַרויף פֿאָטאָגראַפֿיסטן צו נעמען בילדער. דאָס געשעט ווען דער באַלעבאָס לאָזט וויסן אין די צייטונגען, אָדער זשורנאַלן וועגן זיינע נייע „סטאַילס", וואָס וועלן פֿאַנגען דאָס אויג און האַרץ פֿון די פֿרויען. איינמאָל האָבן די פֿאָטאָגראַפֿערס „אַראָפּגעכאַפּט" אויך ראַלפֿן. אַז ראַלף האָט זיך דערזען אינעם זשורנאַל, אין וועלכן עס איז געווען באַשריבן די פֿירמע, האָט ער אויסגעשריגן: „עס קאָן נישט זיין! — אָט־אַזוי־אָ קוק איך אויס ביי דער אַרבעט? עפּעס ווי איך וואָלט געווען אַ צוטשעפּעניש צו דער מאַשין! . . . איך געפֿעל זיך נישט!"

גראָד דאָס וואָס ער „געפֿעלט זיך נישט" איז דווקא געפֿעלן געוואָרן די אַרבעטער און זיי האָבן זיך גענומען פֿריילעך מאַכן מיט געבן אים עצות. „דאַרפֿסט אָנקלאָגן דעם 'באָס' אין געריכט פֿאַר אַריינשטעלן דיין בילד, וואָס זעט אויס ווי אַ מיסטער חוזק".

— פֿאַר אַזאַ 'פּיקטשע' קאָנסטו אַריינקריגן אַ שיינע מטבע!

— און מיט אַזאַ פֿאַרמעגן קאָנסטו זיך עפֿענען אַ 'קלינינג סטאָר'!

— פֿאַרוואָס אַזאַ שווערע פּרנסה? מיט אַזויפֿיל טויזנטער קאָנסטו דאָך עפֿענען אַ האָטעל אין די בערג און מיר וואָלטן דיך אונטערגעהאַלטן. זומער וואָלטן מיר געקומען אויף וואַקאַציע צו דיר. פֿאָרט אַן אייגענער יאָט!

פֿון דער לעצטער עצה האָט זיך ביי דאַרפֿמאַנען שטאַרק צעשפּילט די פֿאַנטאַזיע און ער האָט אויסגערופֿן: „אַ גאָלדענער איינפֿאַל! אַ האָטעל אין די בערג!" — ער האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט דאָס רעדל און איבערגערעדט צו ראַלפֿן. „ראַלף! שטעל דיר פֿאָר, אַ גאַנץ יאָר אין די בערג! — פֿרישע לופֿט, גרינע וועלדער, פֿעלדער, טייכלעך מורמלען, פֿייגל זינגען. די

זון וואָרעמט אַ מחיה! און אַזויפיל הימל! וואו דו גיסט זיך אַ דריי איז הימל... מיט דער צייט וואָלט דער געלער שאָפּ־קאָליר פאַרשוואונדן פון דיין פּנים. די קנייטשן אויף דיין פּנים וואָלטן זיך אויסגעגלייכט און דו — אַ באַנייטער מענטש, אַן אויסגעגלייכטער, אַ געזונטער, ווי אַמאָל אין דיין בעסאַראַביער שטאָט. טוסט זיך אַ שטעל אַריין אין שאָפּ־אַריין, כאַפּסט אַ בליק צום ענגן ווינקל און צו דער פאַרשטויבטער מאַשין, ביי וועלכער ביסט אָפּגעזעסן אַזויפיל יאָרן אַ געבויגענער און דו רופסט אויס: „שוועסטער און ברידער! איך לאָז זיך אויס פון אייך! אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען איך בין אייך פּטור געוואָרן! און דאָס האָב איך אַלץ צו פאַרדאַנקען — אייערע עצות, וועלכע האָבן מיר געוויזן אַ וועג צו דער ליכטיקער וועלט!"

ראַלף האָט רואיק אויסגעהערט דאָרפמאַנס פאַנטאַזיע ווי עס וואָלט אים זייער געפעלן צו האָבן אַ האָטעל אין די בערג, נאָר פונדעסטוועגן וועט ער זיי אַלע ווייזן, אַז אים קאָן מען נישט איינרעדן, אַז „אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך", אים נאַרט מען נישט אַרויס אַזוי שנעל פון שאָפּ... און ער האָט זיי גענומען געבן צו פאַרשטיין: „איר זענט אַלע גערעכט! פאַר מיין ׳פּיקטשע׳ אין זשורנאַל וואָלט איך פון ׳באָס׳ זיכער געקענט קריגן אַ שיינע אַפּוטיקי. איז דאָך גוט, האַ? — טויג דאָס ערשט נישט! ווייל עס קאָן דאָך זיין ער זאָל דערפון ׳גיין געבראָכן׳ און אויס שאָפּ! און אויב אויס שאָפּ, בלייבט איר דאָך אַלע אָן אַ שטאָך אַרבעט! און אין אייער עלטער איז שווער צו קריגן אַ נייעם דזשאָב. פרעג איך אייך, וואָלט מיר באַקומען מיין האָטעל מיט מיין גאַנצער רייכקייט, ווען מיינע פריינט פלאָגן זיך פאַר אַ שטיקל ברויט? און וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט איך געהאַט כ׳זאָל אַזוי אַפּדאַנקען מיינע אַלטע מיטאַרבעטער פאַר זייערע גוטע עצות? איז, זאָל שוין בעסער מיינס איבערגיין פאַר דעם „וואָל אַמבעסטן פאַר אַלעמען", און ווייסט אַז איך בין אַ פיינער מענטש..."

פאַר זיין ברייטהאַרציקייט האָט אים דער טשערמאַן אָפּגעענטפערט מיט אַ שטאַרקן זיפץ. דאָס איז זיין ענטפער אויף רייד, וועלכע לייגן זיך נישט אים אויפן שכל. דער זיפץ לאָזט זיך שטענדיק טייטשן. אַמאָל מיינט עס: „געוואַלד מענטשן, ער דרייט אַ ספּאָדיק!" אָדער: „עס איז נישטאָ קיין וואָר וואָרט אין דעם!", היינט האָט עס געמיינט: „אוי, רבונו־יונה, נישטאָ קיין סך אַזוינע!"

— זיכער נישטאָ קיין סך חכמים ווי ראַלף! — האָט פאַרטייטשט שיע גאַליציאַנער.

— אַ חכם פון דער מה־נשתנה... — האָט סעם אונטערגעהאַלטן.

נאָר ראַלף פֿאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך. ער בייגט זיך מער אַן צום קעפּל פֿון מאַשין און נעמט פֿון דאָרטן שיסן זיינע ווערטער־פֿיילן אין אַלע זייטן. ער האָט פֿיינט שולדיק צו בלייבן . . . דאָס מיינט ביי אים — האָבן דערפֿאָלג . . . דער „טערק" קאָן אָבער נישט פֿאַרטראָגן וואָס אַנדערע קריגן מער אויפֿמערקזאַמקייט ווי ער, פּרוּווט ער דאָס אָפּווענדן מיט זיין זינגען: געזאַנג איז ביי די מענטשן אין שאָפּ כּמעט פּונקט אַזוי אָנגעלייגט ווי קיבעצעריי . . . ראַלף האָט זיך גענומען ווערן קעגן דעם „טערק" מיט זיין אויספּרובירטן מיטל — דאָס בוך . . . און ער האָט אַריבערגעשריגן צו אים ווי צו אַ דריטער פּערזאָן: „זאָל ער בעסער אויסזאָגן וואו מיין בוך איז אַהינגעקומען פֿון מיין ׳באָקס׳!"

נאָר די קיבעצעריי האָט היינט קיין מזל נישט געהאַט, ווייל שיע גאַליציאַנער האָט גענומען וואָרענען ראַלפֿן: „היט זיך! די סטודענטן זענען געקומען נעמען ׳פּיקטשעס׳ פֿון דיר!" — די וואָרענונג צו ראַלפֿן האָט זיך דערטראָגן צו אַ סך אַרבעטער אַרום, און זיי האָבן זיך אומגעקוקט און געזען ווי דער באַלעבאָס פֿירט זיי אַרום, גיט זיי עפּעס צו פֿאַרשטיין. טייל סטודענטן פֿאַרשרייבן די רייד אין נאָטיצביכלעך. די אַרבעטער האָבן זיך געחידושט: „וואָס שרייבן זיי דאָרטן?" — און עטלעכע האָבן געענטפֿערט, ווי אין איין אָטעם: „זיי פֿאַרשרייבן וואָס פֿאַר אַ שיין פּנים מיר האָבן דאָ!"

טייל פֿון די קאַרגע צוואַנציק סטודענטן און סטודענטקעס זענען געווען מער נייגעריק צו זען איידער צו הערן וואָס דער באָס רעדט. אייניקע האָבן אויף אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַרבעטער, אויסגעטוישט זיך מיט עטלעכע ווערטער און זענען אַוועק.

ביים סאַמע אָנהייב פֿון איין ריי מאַשינען איז געזעסן דאָרפֿמאַן ווי שטענדיק רואיק און האָט אַבסערווירט: ער דערהערט און דערזעט וואָס עס קומט פֿאָר אין שאָפּ מער פֿון אַנדערע אַרבעטער. ער האָט דאָס געפֿיל, אַז דער שאָפּ באַלאַנגט נישט בלויז צום באַלעבאָס, נאָר אויך צו אים . . . אין גערדאַנק טיילט ער זיך מיט אים: „דו, באָס, קענסט די אַרבעטער מער לויט דעם נומער, ווי לויט דעם נאָמען. לויט דעם ׳נומערס׳ פּראָדוקציע שאַצסטו דעם ווערט פֿון מענטש . . . אָבער איך קען די מענטשן נישט לויט דעם נומער: איך ווייס זייערע פֿריידן און ליידן, זייערע האָפֿענונגען און צווייפֿלענישן . . . איך זע זיי אַמאָל ווײַנען אין באַהאַלטענע ווינקעלעך פֿון שאָפּ . . . איך זע אַמאָל זייערע איבערגעפֿילטע אויגן פֿון פֿרייד . . . איך קען זייערע מאַניערן און געוואוינהייטן . . . — פֿון דעם אוצר ווייס איך, אָבער דו, באָס, קוקסט אויפֿן אוצר און דו זעסט אים נישט . . . "

מיט זיין שטענדיקן דורשט צו דערלערנען דאָס מענטשלעכע אין מענ־

מענטשן אין מיין לעבן

טשן האָט ער אויפגענומען איינע פון די סטודענטקעס וואָס האָט זיך אָפּגע־שטעלט לעבן אים און געשלונגען מיט די אויגן דעם אופן פון זיין אַרבעטן. און ער, דאַרפמאַן, פון זינט ער איז געוואָרן אַ זיידע, איז ער מער תּכיף ביי זיך מיט יונגע מענטשן, וועלכע האָבן נאָך אַפילו נישט געגרייכט די עלטער פון זיינע קינדער. דערפאַר האָט ער גאַנץ דרייסט אַ פרעג געטאָן דעם מיידל: „אויב ווילסט וויסן ווי עפּעס צו מאַכן, פרעג, שעם זיך נישט, ווייל די וועלכע שעמען זיך קאָנען זיך נישט לערנען".

דאָס מיידל האָט זיך פאַררויטלט. ער האָט געשמייכלט אין זיך און גע־טראַכט: „נאַריש מיידל, וואָס רויטלסטו זיך?" — ער האָט זי באַלד פאַר־ענטפערט אין געדאַנק: „יונג שעמט זיך פאַר עלטערע... נו, אַזוי איז דאָס... אַ שאָד וואָס זי האָט שוין מיט רויטער פאַרב פאַרשמירט דער מאַמעס מילד אויף אירע ליפּן..."

— איך האָב ליב צו נייען מיינע אייגענע קליידער. — האָט זי איבער־געשלאָגן זיינע געדאַנקען. — נאָר ווען עס קומט צו מאַכן אַ קעשענע איז דאָס אַ פּראָבלעם וואָס איך קאָן נישט לייזן.

— זע. — האָט ער ווייזנדיק איר ווי אַזוי דאָס צו מאַכן, פאַרענדיקט.

— נישטאָ קיין שום חכמות דערביי.

— איך זע. — האָט זי געענטפערט מיט צעלויכטענע אויגן און געענ־דיקט מיט אַ מין זעלבסט־באַשולדיקונג. — איך האָב מורא אַז עס איז נישט פאַר מיין קאָפּ.

דאַרפמאַן האָט זי געטרייסט: „דערפאַר ביסטו זיכער בעסער פון מיר אין מאַטעמאַטיק, אין היסטאָריע, אָדער... וואָס נעמסטו אויף?"

— זשורנאַליסטיק.

— זשורנאַליסטיק? וואָלסטו דאָך זיכער געקאָנט באַשרייבן אַזאַ שאָפּ ווי אונדזערן.

— איך מיין אַז נישט. — האָט זי געענטפערט. — ווייל דאָס לעבן און די כאַראַקטערן פון די מענטשן איז מיר פרעמד. דער גאַנצער אויסזען פון שאָפּ איז אפשר גוט פאַר אַ מאָלער... — העי, סטען! — האָט זי אַ רוף געטאָן אַ בחור. עס איז צוגעקומען אַ סטודענט מיט אַ פּנים בלוט־און־מילך און זיך פריילעך געמאָלדן: „אָט בין איך דאָ!" — דאָס זע איך. — האָט זי געענטפערט מיט אַ צופרידענעם שמייכל און געפרעגט: „דו וואָלסט געקאָנט מאָלן אַזאַ שאָפּ ווי אָט־דעם־אָ?"

דאַרפמאַן האָט אים נאָכגעקוקט, געזען ווי ער באַטראַכט מיט זיינע יונגע, צעשפּילטע אויגן דעם שאָפּ און ס'האָט זיך אים, דאַרפמאַנען, אויסגע־

וויזן, אַז ער זעט דאָס וואָס עס זעט איצט דער סטודענט: אויפֿן סופֿיט — אַ נעץ פֿון רערן, דראָטן. פֿון די דראָטן הענגען אַראָפּ לאָמפּן איבער געבויגענע מענטשן, וועלכע באַוועגן מיט פֿיס, מיט הענט, מיט אַקסלען און קעפּ, ווי פֿאַרכאַפּטע אין אַ ריזיקער נעץ, פֿון וועלכער זיי האַלטן זיך אין איין ראַטע־ווען, ווילן אַרויס פֿון דאָרטן און — פֿאַלן צוריק אין נעץ־אַריין . . .

דער סטודענט האָט גערעדט צו דער מיידל און דערפֿמאָנען אין אַ טאָן פֿון אַנטשולדיקונג. ער האָט זיי געגעבן צו פֿאַרשטיין: „איך האָב ליב צו מאָלן נאַטור־בילדער, לאַנדשאַפֿטן. פֿעלדער, ביימער, טייכן און הימל. די מענטשן וואָס איך מאָל זענען אַ טייל פֿון די פֿאַרביקע לאַנדשאַפֿטן . . . ”

די סטודענטקע, וואָס האָט געוואָלט וויסן ווי צו מאַכן אַ קעשענע, האָט זיך דערפֿילט נישט היימלעך פֿון סטענס ענטפֿער. און וועלנדיק איבעררייסן די שטילקייט וואָס האָט זיך איינגעשטעלט נאָך סטענס דערקלערונג, האָט זי געזאָגט: „ווען מיין אָנקל פֿלעגט קומען צו אונדז, האָט ער געהאַט צו דער־ציילן עפּעס פֿון שאָפּ אין וועלכן ער האָט געאַרבעט. איך האָב אים ליב געהאַט אויסצוהערן. די מאַמע פֿלעגט אַ סך מאָל לאַכן, אָבער אויך אויסווישן אַ טרער. כ'האָב זיך אַלעמאָל געוואונדערט אויף דעם . . . פֿאַרוואָס האָט זי געווישט אַ טרער?”

סטען האָט זיך אַריינגעמישט אין מיטן. ער האָט פּלוצים אויסגערופֿן מיט באַגייסטערונג: „זע נאָר די שיינע דרעס!”

די סטודענטקע האָט באַוואונדערט די דרעס און געפֿרעגט די „פּלאָר”־מיידל קעטרין, די פּרייז פֿון דער דרעס. קעטרין האָט געענטפֿערט מיט אַ שמייכל: „ס'איז נישט פֿאַר דיר, נישט פֿאַר מיר. די דרעס קאָסט אפֿשר דריי הונדערט דאָלער!”

„וואָהאַ!” — האָבן זיי ביידע אויסגערופֿן. אַנטוישטע פֿון דער הויכער פּרייז זענען זיי אַוועק צו דער גרופּע מיט וועלכער דער באָס האָט גערעדט.

די מענטשן ביי דער אַרבעט האָבן שוין נישט אינזינען געהאַט די געסט, די סטודענטן, זיי זענען געווען פֿאַרנומען מיט טענות צו דער קאָמיטע, וואָס טיילט אויס די אַרבעט. די קאָמיטע־לייט זענען שוין געוואוינט צו אַזעלכע טענות, האָבן זיי אָפּגעענטפֿערט שפּאַסיק, נאָר מיט אַנצוהערעניש, אַז זיי קריכן אויף די גלייכע ווענט . . . האָבן די מענטשן געענטפֿערט בייסיק, מיט אַ חוזק־געלעכטער: „זע נאָר ווער עס לערנט וועמען!” און אַזוי לאַכנדיק האָט מען זיך אַריינגעזאָגט ביז אין דער זיבעטער ריפּ . . . אַז די פּרעסערס האָבן זיך אַריינגעמישט כּלומרשט צו מאַכן שלום און האָבן פֿאַר אַזאַ „מיסיע” געכאַפּט אַ אַפּשניט. זענען זיי אויפֿגעקאַכט געוואָרן, און אָנגעהויבן אָפּ־

מענטשן אין מיין לעבן

ענטפערן גאר שפּיציק, ביז ס'איז געקומען צו דעם, אז איינער פון אנדערן האט געלאכט . . .

שיע גאַליציאַנער האָט אַזאַ פריילעכקייט נישט געקאנט פאַרנעמען, האט ער מיט גוט־ברודערישן געלעכטער אנגעשריגן אויף אַלעמען: „איר שעמט זיך גאַרנישט פאַר די סטודענטן־געסט? איר זענט ווערט איך זאָל אייך ארויס־נעמען אייניציקווייז אין האָל אריין און אייך אנברעכן די ביינער, וועט איר קריגן מער שכל!"

אויף דעם איז געקומען ווי אַן ענטפער אַ הילכיק געלעכטער: „זע נאַר דעם שטרויענעם העלד!" קריגסט די לייכטסטע ארבעט — שוויג כאָטש, שטעקט ער אויך דעם קאָפּ אין דער היץ־אַריין: איך אויך! אדם אַ מענטש און קאַטשקע דריי זיך!"

אויף אַזאַ ברוך הבא האָט שיע זיך נישט געריכט. פון זיין פאַרחידושטן קוקן אויף זיי האָבן זיי ערשט גענומען נאָך שטאַרקער אפּלאַכן פון אים: „אַ נאַר, וואו מען זייעט אים נישט דאָרטן וואַקסט ער אוים . . ."

טייל סטודענטן, דערהערנדיק דאָס געלעכטער, האָבן מיטגעלאַכט . . . פּטען מיט דער סטודענטקע, וואָס וויל וויסן ווי אַזוי צו מאַכן אַ קעשענע, האָבן זיך געווענדט מיט פריילעכע פּנימער צו דאַרפמאַנען און געזאָגט, ווייזנדיק אויף די מענטשן:

„טהעי ליוו לאַיק וואַן העפּי פּעמילי!"

„זיי לעבן דאָ ווי איין גליקלעכע פאַמיליע . . ."

9

צוליב אַ פאָדעם

אַ נייער טאָג אין שאָפּ איז אַ פאָר־זעצונג פון נעכטן מיט נישט קיין פאַר־ענדיקטער אַרבעט און מיט נישט קיין פאַרענדיקטע טענות פון מענטש־צו־מענטש . . . אַ המשך פון אַ פּשוטער מעשה, צו וועלכער יעדער טאָג שרייבט צו אַ פריש קאַפּיטל . . . אַ שאָפּ מיט מענטשן האָט אַ זכרון און אַ האַרץ, איז דער זכרון אָפטמאָל דער בייזער שטן, וואָס דערמאָנט דאָס האַרץ: „געדענקסט נעכטן? אייערנעכטן און אייער־אייערנעכטן איז אויך געווען נישט בעסער!" — הייבט דאָס האַרץ אָן צו קלאַפּן האַסטיקער: „ביסט גערעכט, זכרון! איך וועל נישט פאַרשווייגן!"

און פון נעכטיקן טאָג, ווען די געסט־סטודענטן האָבן מיטגעלאַכט מיט די אַרבעטער, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז לויטערער געלעכטער פון פריידיקן צוזאַמענלעבן, „ווי איין גליקלעכע פאַמיליע" און מיט אַט דעם איינ־דרוק זענען זיי אַוועק פון שאָפּ, איז דאָס אָבער געווען ביי די אַרבעטער אַזאַ אָפּ־לאַכעריי וואָס איז שטאַרקער און בייסיקער ווי קריגעריי, וואָס האָט זיך גע־נומען פון שווערער אַרבעט און איבערגעלאָדענע געמיטער. דערפאַר האָט מען אויפן צווייטן טאָג, באַלד אינדערפרי, געטראָפן אייבי דעם קאַמיטע־מאַן זיצן אויף דעם מאַשין־טישל פון אַן אַנדער אַרבעטערס מאַשין . . .

דער צווייטער קאַמיטע־מאַן סעם און דער טשערמאַן זענען געשטאַנען ביים טיש, אויסגעטיילט אַרבעט און גערופן אייבין: „מאַך זיך נישט נאַריש און קום אַראָפּ פון מאַשין! העלף אונדז אויסטיילן די אַרבעט!"

אייבי האָט נישט געענטפערט. ער האָט נערוועזיש געדרייט דעם קאַלטן ציגאַר אין מויל. די אָנקומענדיקע אַרבעטער האָבן געקוקט אויף אים פאַר־וואונדערט און געפרעגט איינער ביים אַנדערן צי ס'איז עפּעס נישט דער מער מיט אים.

ביסלעכווייז זענען זיי געוואָר געוואָרן פון דער פלאָר־מיידל קעטערין וואָס עס האָט פּאַסירט נעכטן נאָך דער אַרבעט. וועדליק זי האָט דערציילט, האָט זיך באַקומען, אַז נעכטן נאָך דער אַרבעט איז געבליבן אין שאָפּ די קאַ־

מיטע — אייבי און סעם, אויסצוטיילן אַ ספּעציעלע אַרבעט, וואָס איז אָנגעקומען איידער מען איז זיך צעגאַנגען. און אייבי, טראַגנדיק די באַנדלעך צו די מאַשינען, האָט פאַרטשעפּעט מיט אַ באַנדל דעם פּאָדעם פון דער מאַשין אויף וועלכן ער זיצט אַצינד. דער אָפּערעיטאָר פון דער מאַשין איז נאָך דאָ געזעסן, ווי אַלע טאָג נאָך דער אַרבעט און געציילט זיין געצייג: פּיסלעך, צייגערס, ציוּוקעס, צו זען צי עס איז אים עפּעס נישט אוועקגענומען. און ווען ער האָט שוין געהאַלטן אין איבערציילן צום צווייטן מאָל, אַריינלייגנדיק זיי אינעם ספּעציעל־געמאַכטן זעקעלע, האָט ער פּלוצים דערהערט ווי אייבי אַנטשולדיקט זיך פאַר אים, וואָס וועלנדיק אויספּלאָנטערן דעם פּאָדעם, האָט זיך דער פּאָדעם איבערגעריסן.

האָט יענער געגעבן אַ שפּרונג אויף פון זיין שטול און גענומען שרייען: „האָסט דאָס געטאָן אומישנע! דו ווילסט מיך צעטומלען! דו גיסט מיר שווערע אַרבעט! גיסט מיר אַלערליי קאַלירן, אַז איך זאָל פאַרלירן צייט! איצט מוז איך אויפסניי אָנהייבן ציילן מיינע „טולס"!

— שריי נישט, — האָט אייבי געזאָגט לאַכנדיק. — איך וועל דיר צוריק פאַרפּעדעמען די מאַשין און איך וועל דיר איבערציילן דיינע „טולס"...

— מוחל דיינע טובות! — האָט יענער זיך צעשריגן און ער האָט אָנגעהויבן אייבין „וואַשן", האָט אייבי גענומען צוריק וואַשן... אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און ביידע זענען אַהיים געגאַנגען צעקריגטע מיט צעקאָכטע בלוטן.

אַרום אייבין איז געוואַקסן דער מענטשן־ראָד און אין ראָד איז געווען דער אַרבעטער אויף וועמענס מאַשין אייבי איז געזעסן. זיי האָבן מיט נייגער געקוקט אויף ביידן: אייבים שטענדיק לאַכנדיקע אויגן האָבן זיך איצט געמיניעט פון צאָרן. זיין ברייט, גוטמוטיק פּנים איז געווען פאַרחושכט... און דער וואָס ציילט צוויי מאָל אַ טאָג זיין פאַרעלטערטן אוצר פון געצייג, איז געשטאַנען מיט אַ רחמנות־פּנים וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי פון אַשקאַליר. און ווי שטענדיק — מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, וואָס מיידן אויס מענטשן...

פון גרויס נייגער צו זען ווי אַזוי די פּאָר אַלעמען נייע שאָפּ־סצענע וועט זיך דאָ צעשפּילן, האָבן אייניקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך ליב צו וועטן אויף גליק און אומגליק, געזוכט איינצושטעלן עטלעכע דאָלער... דער פּרעסער לעוויז האָט געזאָגט צו דעיווין — זיין מיטאַרבעטער ביים פּרעס־טיש: „אויב עס וועט קומען צו אַ געשלעג צווישן די צוויי, איז ווער דענקסטו וואָלט וועמען צעבראָכן די ביינער?"

— איך דענק, אַז אייבי וואָלט פון יענעם געמאַכט אַ תל, ווייל אייבי איז

א הויכער, מיט ברייטע פלייצעס. ער איז דאך צוויי מאל אזוי גרויס ווי יענער.

— האט דעיוו געענטפערט.

— גוט! — האט לעווין אויסגערופן. — דו וועסט זיך אויף אייביג און איך וועט זיך צוויי צו איינס, אז דער קליינער און פארגרינטער וואלט ארויס דער געווינער, ווייל ער איז א פארביסענער, א כעסן, מיט איין זעץ אין אייביס ציפערבלאט צעכמאליעט ער אים! א כעסן ווייסט נישט פון קיין חכמות...

די אלע רייד אין דעם מענטשן־ראד האבן איצט נישט געגרייכט אייביס מוח: ער האט ווי נישט געזען קיין ווירקלעכע מענטשן, נאר שאטנס, זייערע רייד זענען געווען ווי א גרויסער וואסער־גערויש, וואס קומט פון ערגעץ ווייט... זיינע גערדאנקען זענען געפלויגן ווי פונקען; געפלויגן, זיך געיאגט אין פארשידענע זייטן און ערגעץ אין א ווייטן ווינקל פון מוח האט זיך גע־ראנגלט א ברעקל גראדער שכל, וואס האט געוואלט פארהאלטן די אלע פונקען און נישט געקאנט... די פונקען זענען בילדער, ווערטער, געשעענישן און זיי רעדן צו אים... „נו, עס שויז, דער סאפער ווערט קאלט". — „איך קאן נישט עסן, עס גייט מיר נישט אין האלדז־אריין..." „וואס איז היינט געשען מיט דיר?" „א, גארנישט איז געשען... ניין, איך וועל אים נישט פארשוויגן! פאר אן איבערגעריסענעם פאדעם זאל ער מיך זידלען?!... וואס זעען זיי דארטן אויף טעלעוויזשאן, די קינדער, וואס זיי לאכן אזוי? ווי קאנען זיי איצט לאכן?!.... דער העלד קוקט דאך אוים ווי ער, וואס ציילט דאס געצייג, און זיי לאכן!... ער שעלט און זיי לאכן!... בעסער ארויסגיין אינדרויסן, טרעפן שכנים".

„א שיינער אוונט" — „הא? א, יא, א שיינער אוונט... אזא זויערע אוגערקע, וואס פארגינט זיך נישט אפילו צו שמייכלען!... צי איך פיל זיך גוט? א דאנק פאר נאכפרעגן זיך. זיכער פיל איך גוט... נאר מיין מאמע פילט עפעס נישט גוט, איך וועל אריינגיין געוואר ווערן צו איר... גיין זאל ער דארטן גיין צום טייוול!... מארגן וועט זיך טאן חושך אין שאפ!...

„איך פיל גאנץ גוט, מאמע... מאמע, ניין איך האב נישט געהאט קיין שום ערגערניש... ער וועט ביי מיר קייען די ערד!... צי איך וויל קאווע, אדער א שנאפס? זאל זיין א שנאפס... ווי מען קאן דאס קיין מאמען נישט אפנארן... „מאמע, געדענקסט ווי מיר זענען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געלאפן צו דער באבען אין דארף אריין, ווייל דארטן איז געווען ברויט און דו מיט פינף קליינע קינדער האסט געהונגערט?..." — אזא עסעדיקער ווארעם! פאר א נארישן פאדעם עסט ער מיר אויף דאס הארץ!... „וואס כ'האב זיך דערמאנט אין יענע ביטערע צייטן?... ער איז ביטער ווי גאל!

שפּאַסט נישט, לאַכט נישט און זינגט נישט . . .פּאַרוואָס איך האָב זיך דער־מאָנט כ׳וויים אַליין נישט, מאַמע, אפשר צוליב דעם שנאַפּס . . . ״

— אייבי, קום אַראָפּ פון דער מאַשין ! ס׳איז נישט שיין ! מאַך זיך נישט נאַריש ! — דער רוף פון טשערמאַן האָט זיך אַריינגעריסן אין זיינע לויפנדי־קע געדאַנקען און ער האָט אַ טראַכט געטאָן : ״קיינער וועט מיך נישט אַראָפּ־נאַרן פון דאַנען, ביז ער וועט זיך אַנטשולדיקן פאַר מיר, אַז אַלע זאָלן הערן !״

דער עולם האָט אַנגעקוואָלן פון דער סצענע וואָס וועט זיך זיכער באַלד צעשפּילן : דער וואָס ציילט דאָס געצייג צוויי מאָל אַ טאָג וועט געבן אַ שלעפּ אַראָפּ אייבין פון מאַשין. דאָס וועט זיכער געשען ביים ערשטן קלונג פון שאַפּ־זייגער . . . צו קיין געשלעג וועט מען טאָקע נישט דערלאָזן, אָבער שיין וועט זיין צו זען ווי צוויי דערוואַקסענע מענטשן זענען גרייט דורס צו זיין זיך איבער אַ פּאַדעם . . .

דער טשערמאַן איז צוגעגאַנגען מיט עטלעכע מענטשן פון שאַפּ צו אייבין און איינגעטענהט מיט אים און ער מיטן קאַלטן ציגאַר אין מויל האָט געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין. שפּעטער האָבן זיי גערעדט מיט דעם וואָס רעדט אין אַ זייט און קוקט נישט אויף קיין מענטשן . . . יענער האָט עפּעס געמורמלט און אויך געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין. האָט דער טשערמאַן אַ מאַך געטאָן אויף זיי מיט דער האַנט און געזאָגט : ״פאַרדרייט זיך אייערע אייגענע קעפּ ! צוליב צוויי עקשנים וועל איך נישט ׳סטאָפּן׳ אַ שאָפּ מיט מענטשן !״ און ער האָט זיך געלאָזט גיין צו זיין מאַשין.

איז אים אָבער דער גאַנג נישט צוגעגאַנגען גלאַטיק . . . ווען די אָפּער־רעיטאָרס האָבן זיך געגומען צו דער אַרבעט האָבן זיי דערזען, אַז די ״ספּעשלס״ וואָס די קאַמיטע האָט נעכטן אויסגעטיילט און וואָס מען מוז צוליב דעם היינט אָוועקלייגן אַלע אַנדערע אַרבעטן און נעמען זיך צו זיי, איז פון פאַר־שידענע סטאַילס און קאָלירן, וואָס דאָס מוז נעמען מער צייט פּאַרטיק צו מאַכן, האָבן זיי געהאַט טענות, ווי עס וואָלט געווען די שולד פון דער קאַמיטע מיטן טשערמאַן.

— גיי בייט די קאָלירן פון פּאַדעם ביי יעדן ״סינגל״ גאַרמענט !

— מיר וועלן שוין מיט אַזאַ פּירערשאַפט וואָס מיר האָבן אין שאָפּ קיין לעבן נישט מאַכן !

— מיר מוזן נעמען אַ שטעלונג !

די טענות האָבן אייבין געטראָגן פון אָרט אַלס קאַמיטע־מאַן, אָבער ער איז געווען אַ ברוגזער און געשוויגן . . . ער מוז אים אַנלערנען, אַפילו

ער זאָל דאָ דאַרפֿן זיצן אַ גאַנצן טאָג, אַבי יענער זאָל שטיין . . . זאָל די וועלט וויסן ! . . .

די וועלט איז איצט באַשטאַנען פֿון די פּרעסערס, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעט צו דער האַנט, זענען זיי דערווייל געשטאַנען אַרום די צוויי צעקריגטע מענטשן און געגעבן זיי עצות :

— וואָס דאַרפֿסטו זיצן ווי אויף אַ פֿרעמדער פּור ? און דו לאָזסט דיין שותּף אַרבעטן אויף דיר ?

— און וואָס שטייסטו ווי אַ גולם אויף אַ פֿרעמדער חתונה ? וועסט דאָך נישט קאָנען אַניאָגן מיט דיין אַרבעט !

און איזי האָט אויסגערעדט די אַנדערע פּרעסערס : „איר שפּאַסט, ווען עס איז אַ ד־און־וויי צום געלעכטער ! צוויי מענטשן ווערן זיך שונאים — איבער וואָס ?"

ווען די פּרעסערס האָבן דערזען אָנקומען אַ פֿאַרשפּעטיקטן דאַרפֿמאַנען, האָט דעיוו אויסגערופֿן : „קום נאָר אַהער ! זע וואָס דיינע ברידער אַפּערעי־טאָרס קאָנען אָפּטאָן איינער דעם צווייטן !"

דאַרפֿמאַן האָט אויסגעהערט וואָס די פּרעסערס דערציילן אים, געקוקט אויף דער מאָדנער סצענע פֿון די צוויי אַרבעטער און עס איז אים געקומען אין געדאַנק : עס קאָן דאָך פֿירן צו אַ געשלעג ! . . . אַזויפֿיל יאָרן יוניאָן־לייט און אין איין אויגנבליק איז אַלץ אויס . . . צוריק הפקר . . . און עס האָט זיך ביי אים — ער האָט אַליין נישט באַנומען פֿאַרוואָס, — געגעבן אַ כאַפּ אַרויס : „וואו איז אייער מענטשלעכקייט ?"

— פֿרעג אים ! — האָבן געענטפֿערט ביידע אויף אַמאָל, אָנווייזנדיק איינער אויפֿן צווייטן.

— ער !

— נישט איך, ער !

— נישט וויכטיק איצט ווער, וואָס, ווען ! — האָט דאַרפֿמאַן זיי איבער־געשריגן. — איר האָט גאָר פֿאַרגעסן, אַז איר ביידע זענט יוניאָן־מענטשן ? טענות וואָס מען קאָן צווישן זיך נישט אויסגלייכן גייט מען מיט זיי אין דער יוניאָן. מען פֿאַרמעסט זיך נישט מיט כּוחות !

אייבי האָט אַרויסגענומען דעם קאַלטן ציגאַר פֿון מויל. די שווערע כמאַ־רע פֿון פֿאַרדראָס אויף זיין פּנים האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרגיין. דאַרפֿמאַן האָט אויך באַמערקט אַ מילדערן בליק אין זיינע אויגן . . . ער האָט אים דערלאַנגט אַ שאַכטל שוועבעלעך צו פֿאַררייכערן דעם ציגאַר. דאָס שאַכטל איז אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון האַנט. ער איז אַראָפּ פֿון מאַשין דאָס אויפֿהייבן . . . ער האָט

פארדייכערט און צערעדט זיך הויך אויפן קול. „זיין גליק וואס מיר האבן א יוניאן! אז נישט . . . ”

— עס איז אויך דיין גליק! — האט ווער פון צווישן די מאשינען אויסגערופן.

— גיי שוין דארטן צוריק צו דיין מאשין און פארזוך אויך דעם טעם פון מאכן די ספעשלס! — האט אים ראלף געקיבעצט.

און דער וואס ציילט זיין געצייג צוויי מאל א טאג האט זיך געגעבן א כאפ־צו צו דעם שופלאד פון זיין מאשין צו זען צי דאס זעקעלע מיט דעם פאר־עלטערטן געצייג איז נישט פארשוואונדן אין דער בהלה און ארויסגענומען די שער צו דער ארבעט. און דארפמאן האט ערשט איצט געפרעגט:

— פון וואס האט זיך דאס אלץ גענומען?

און שטימען, געמישט מיט געלעכטער און באדויער, האבן געענטפערט: „פון אן איבערגעריסענעם פאדעם!”

דארפמאן איז אוועק צו זיין מאשין און א פארטראכטער געמורמלט: „ס'איז אפשר נישט אזוי דער איבערגעריסענער פאדעם, ווי דאס צעריסענע געמיט” . . .

10

פאַרוואָס ?

ווען אייבי איז שוין געזעסן ביי זיין מאַשין האָט נאָך אַלץ געקאָכט אין אים די ערגערניש וואָס דער מענטש, וואָס ציילט צוויי מאָל אַ טאָג זיין געצייג האָט אים פאַרשאַפט. פון פאַרדראָס האָט ער שטאַרקער געדרייבערט דעם ציגאַר, קנוילן געדיכטער רויך האָבן אַנגעפילט די לופט. און אַזוי גיך ווי די אַרבעטער האָבן דערשפּירט דעם ריח פון ציגאַר, האָבן זיך דערהערט טענות:

— נעם דאָרטן אַרויס דעם קוימען פון מויל!

— עס זעצט טאַקע דער רויך פון ציגאַר ווי פון אַ קוימען!

— ער וועט אונדז פאַרטשאַדען מיט זיין ציגאַר! עפנט די „ווינדעס!" (פענצטער).

פון זינט אייבי אַרבעט דאָ האָט מען צו טאָן מיט אים וועגן זיין ציגאַר. אין אָנפאַנג איז דאָס געווען דער באַלעבאָס: ער וויל נישט האָבן קיין פייער אין זיין שאַפּ! ער האָט אים אָנגעוויזן אויף דעם געשריבענעם פאַרבאָט פון פייער־דעפּאַרטמענט, וואָס הענגט אויף דער וואַנט, „נאָ סמאָקינג" — נישט רייכערן. אייבי האָט אים בארואיקט: „זייט זיכער אַז קיין פייער וועל איך נישט מאַכן, ווייל מערסטנס האַלט איך אים נאָר אין מויל אַ קאַלטן".

עס האָט זיך געפירט אַ דינגעניש מיטן באָס אַ לאַנגע צייט, און אַז אייבי האָט שוין געהאַט אויסגענוצט אַלע תירוצים איז ער אַרויס מיט לשון: „וועל, דו ביסט דער באָס, דאָס קאָן איך נישט העלפן. אָבער געזעץ איז איין זאַך און מענטשלעכקייט איז אַ צווייטע זאַך. אַ מענטש דאַרף האָבן איינזעעניש מיט אַ צווייטן מענטש. דו דאַרפסט מיר גלייבן, אַז אַז אַ ציגאַר אין מויל פיל איך נישט קיין טעם אין דער אַרבעט און די הענט ווערן ביי מיר ווי קלעצער. איך דאַרף נישט קיין קלעצער, איך דאַרף הענט. איך האָב אַ ווייב מיט קינדער. מיט קלעצער קאָן איך קיין לעבן נישט מאַכן . . . ווילסט איך זאָל פאַרלאָזן דעם שאַפּ? איז פאַרפאַלן! אָבער דעם ציגאַר פון מויל וועל איך נישט אַרויסלאָזן! 'נאָ סער'!"

דאָס דינגעניש האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, ביז דער באָס האָט זיך אונטערגעגעבן. אָבער נישט די אַרבעטער: ווי נאָר זיי „דערשמעקן" דעם ריח פון ציגאַר, ווערט אַ גערעדריי און עס דערהערן זיך פּראָטעסטן, נאָר עס

מענטשן אין מיין לעבן

ארט אים נישט, ווייל אין דעם שטענדיקן געראנגל אין די שעפער פאר זיין ציגאר האט ער זיך אויסגעלערנט צו פארוואנדלען די אלע טענות אין הומאר און אין גוטברודערשאפט.

טייל ארבעטער ברענגען אים אפילו ציגארן וואס זיי קריגן אויף חתונות אדער בר מצווהס, אויף וועלכע מען איז מכבד — לויט דעם איינגעפירטן מנהג — יעדנס מאנספארשוין מיט א ציגאר. די וועלכע רייכערן נישט גיבן דאס אייבין. אייבי נעמט, דאס פנים לאכט ביי אים און ער שטופט די ציגארן אין דער אייבערשטער קעשענע פון העמד, לעבן דעם שקעטל פון די ברילן און ער פרעגט:

— מעג איך זיי רייכערן?

— מעגסט.

— איר וועט נישט מאכן קיין געוואלדן?

— פארוואס נישט? אוודאי!

עס מאכט זיך, אז דער באלעבאס אליין זאל אים ברענגען א ציגאר וואס ער האט פון עמעצן באקומען. ער בלייבט שטיין קעגנאיבער אים, אויף זיין בלאנדן פנים זעט זיך א שמייכל פון הנאה, וואס ער האט זיך ארויסגעריסן אויף א ווייל פון פארהאוועטן געשעפט־טאג אפצוכאפן דעם אטעם מיט א שפאס. ער רעדט אריבער צו אים: „אייבי, וואס פאר א ציגארן רייכערסטו?"

— די בעסטע — און ער צעלאכט זיך צוזאמען מיט די מענטשן ארום, ווייל ער ווייסט, אז זיי אלע ווייסן, אז ער וועט רייכערן וואסער־עס־איז ציגאר, אבי צו האלטן אים אין מויל.

מאכט זיך, אז דער באלעבאס, אדער אפילו דער „פראדאקשאנמאן" זאל ארײנלויפן אין שאפ־אריין מיט די אויגן געצילט צו אייבין, נאר אויב ער באמערקט נישט, וועט ער געבן א רייב א פינגער אין א פינגער, וואס הילכט־אפ ווי א שאס, אלס ווארענונג אז ער זאל וואס גיכער באהאלטן דעם ציגאר, ווייל דער אינספעקטאר פון פייער־דעפארטמענט איז שוין אין אפיס . . . דאס איז אויך א ווארענונג צו אלע וועלכע רויכערן ציגארעטן ביי דער אר־בעט . . . נאך דעם מורמלען די ארבעטער צווישן זיך וועגן „פראדאקשאנמאן":

— קאן מען שאצן א מענטשנס נשמה? . . .

און באמת היינט האט אייבי גערייכערט שטארקער ווי אין אנדערע פרימארגנס, דאך האט אים קיינער גארנישט געזאגט, ווי מען וואלט אים גארנישט באמערקט, ווייל אין שאפ איז געווען אן אומרואיקייט, אן אומצו־פרידנקייט, ווי אלע זאלן האבן אויפגעשטאנען אויף דער נישט ריכטיקער

זייט . . . צי איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס אייבי האָט אָנגעהויבן דעם טאָג מיט פאַרבאָפן אַ פּרעמדע מאַשין, אָדער צוליב דער ספּעציעלער אַרבעט, וואָס איז נישט געגאַנגען פון האַנט און יעדן איינעם האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער צווייטער האָט געקראָגן בעסערע אַרבעט . . . האָט זיך געשאַפן אַ קידער־ווידער, אַן אַנגעברוגזטקייט, וואָס מען האָט דאָס אויסגעלאָזט צו דער צעטייל־קאָמיטע מיטן טשערמאַן:

— דער טשערמאַן זאָל האָבן שכל וואָלט ער געווען געגעבן צו פאַרשטיין דעם באָס, אַז אַזאַ אַרבעט דאַרף מען אַרבעטן אויף דער וואָך — נישט אויף שטיק!

— דער טאָג שטייט נישט און איך האָב נאָך גאָרנישט פאַרדינט!

— צייט צו האָבן אַ בעסערע פירערשאַפט אין שאַפּ! מיר ווערן רואינירט!

פון אויפרעגונג זענען פּנימער געוואָרן בלאַס און אַנדערע — רויט, ווי פון הויכן בלוט־דרוק. אַ נישט פאַרזיכטיק וואָרט וואָלט איצט געקאָנט פירן צו אַ קריגערײַ. זייער אַפּט פירט דאָס טאַקע, אָבער נישט צו קיין געשלעג. אפילו ווען איינער גייט אַרויס פון די כלים און גיט זיך אַ שטעל מעשה העלד, ווייזנדיק מיטן גראָבן פינגער צו דער טיר און שרייט — אויף ענגליש — „קאָם אוטסייד!” און זעצט דאָס באַלד איבער אויף יידיש: „קום אַרויס וועל איך דיר ווייזן ווער עלטער איז!” — און מען מאַכט זיך גרייט צום געשלעג: מען כאַפּט אַראָפּ די ברילן, נאָר די הענט ציטערן, די פיס טאַמלען, מען אָטעמט האַסטיק און — מ'שטייט אויף איין אָרט . . .

איצט איז צו קיין סצענע נישט געקומען, אָבער די טענות לאָזן נישט דעם טשערמאַן אוועקזעצן זיך צו דער אַרבעט. ער האַלט נאָך אַלץ אין אַרומ־בינדן דאָס לייוונטענע פאַרטעך אַרום דער טאַליע און עס בינדט זיך עפּעס נישט . . . גייט ער לאַנגזאַם צווישן די מאַשינען און גיט די אַרבעטער צו פאַרשטיין: „מיר האָבן זיך נישט געקאָנט העלפן, ס'איז דאָך אַ שאַפּ, מיר קאָנען דען אויסקלייבן וואָס איז גוט פאַר אונדז?”

בשעת דער טשערמאַן באַרואיקט די צעקאָכטע געמיטער, זיצט שוין סעם דער קאָמיטע־מאַן ביי זיין מאַשין און ציט אַריין דעם חשבון פון דער אויסגעטיילטער אַרבעט אין אַ בוך אַריין. ווייל ווי די זאַך זאָל זיך נישט מאַכן, — און עס מאַכט זיך זייער אָפט, אַז עמעצער זאָל געבן אַ פרעג:

— ווי שטיי איך ביי דיר?

— גאַנץ גוט.

— גוט?!

— יאָ, גוט. דער בוך איז אָן אָפענער, נאָ זע.

מענטשן אין מיין לעבן

— איז פאַרוואָס בין איך דער ערשטער אַרויסגעפאַלן פון דער אַר־בעט?

— דאָס איז נישט מיינע ביזנעס.

סעמס שוואַרצע אויגן שיינען מיט דער שיין פון ריינעם געוויסן: אַלץ איז פּינקטלעך. קיינעם קיין בייז נישט געטאָן. נישט געלאָזט אַראָפּפירן זיך פון גלייכן וועג פון אַלערליי שטעכוועלטלעך... „איינס צום דריטן איז נישט קיין מחותן"... סעם איז אין די שפּעטע פופציקער, מיט גלייכע, ברייטע פּלייצעס און אַ רואיקן גאַנג, ווי ער וואָלט אינזיינע געהאַט אַז „פון יאָגעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס". ווען ער ווערט פאַרטיק מיט דעם אַריינשרייבן קוקט ער זיך אַרום צו זען ווי עס האַלט מיטן שטורעם אין שאַפּ. היינט האָט ער געזען ווי איינער פון די שטורעמער בעט שוין אַ סיגאַרעט ביים טשערמאַן און ער שרייט אויף אים אַן גוטברודעריש:

— זיי נישט קיין נאַר! פאַרגעט איט!" פאַרשטייסט וואָס איך רעד צו דיר? פאַרגעס וועגן דעם!... נו, האָב איך געזאָגט! איז וואָס? האָב איך דיר אַראָפּגעריסן די קרוין? אין אַ שאַפּ זאָגט מען פּלענטי נאַרישקייטן... גיב שוין דאָרטן אַ „מעטש" צו פאַררייכערן! אַבי געזונט וועל איך דיר נאָך גענוג אַריינזאָגן. כ'בין נישט מער ווי אַ מענטש... און גלייב מיר, אַז אַ מענטש איז היינטיקע צייטן שטאַרקער פון אייזן, אַז מען קאָן אויסהאַלטן פון די נייעסן וואָס מען הערט זיך אַן באַלד אינדערפרי פון דער ראַדיאָ. נאָר מען פירט מלחמות, נאָר מען רעדט שיינע רייד און מען שעכט מענטשן. איך זאָג דיר, אַז ווען מען קומט אַריין אין שאַפּ איז מען שוין ווי אַן אָפּגעבריטער...

אַ צווייטער שטורעמער גייט מיט אַרבעט צו די פּרעסערס און פאַרהאַלט זיך לעבן טשערמאַן און זאָגט אים: „אוי ביסטו אַ יאָלד! קיין עין־הרע! זע נאָר ווי ער ערגערט זיך. וואָס אַזוינס האָב איך דיר דען געזאָגט? איך האָב דיר בלויז געזאָגט, אַז האָסט נישט קיין שכל, אָבער כ'האָב דיך חלילה נישט באַליידיקט. גלייב מיר, אַז דו מעגסט זיך שעצן גליקלעך וואָס איך האָב דיר נישט אַריינגעזאָגט נאָך מער, ווייל נאָך אַזאַ רייזע וואָס איך האָב געהאַט היינט אין סאָבוועי איז פרעג שוין נישט! — ס'איז צום לאַכן! — איינער האָט אַרויסגענעמענדיק דאָס טאַשנטיכל אָפּצואווישן דעם שוויים פון פּנים, ווייל ס'איז געווען זייער ענג און היים אין סאָבוועי, האָט ער מיטן עלנבויגן אָנ־גערירט אַ צווייטן... מילא, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? פון די קלעפּ און ווייבערישע געשרייען האָט מיך אָנגעהויבן איבלען. כ'האָב געמיינט איך חלש אוועק... איז דאַרפסטו דאַנקען דעם אייבערשטן וואָס כ'האָב זיך דערשלעפּט אַהער און קאָן דיר נאָך געבן אַ גאָב, ווי דו האָסט זיך פאַרדינט... כ'האָב

געפילט, אז איך מוז זיך אראפרעדן פון הארצן! אבער איך האב נישט גע־מיינט צו ערגערן דיך".

די "מילדע" רייד פון דעם שטורמער האבן, זעט אויס, בארואיקט דעם טשערמאן, ווייל אויסהערנדיק אים האט ער שוין באוויזן צו פארבינדן דאס לייוונטענע פארטעך ארום דער טאליע. סעם דער קאמיטע־מאן האט דאס אנגענומען אלס סימן, אז דער שטורעם איז שוין פאריבער. אויך ביי אים האט אנגעהויבן אפצוגייען דער פארדראס אויף די מענטשן מיט טענות און ער האט געטראכט, אז אפשר איז גאר בעסער ווען מענטשן קומען ארויס אפן, "וואס אויף דער לונג איז אויף דער צונג". איבערגעווערטלט זיך און אויס קידער־ווידער, אויס פארדראס. — דער וואלקן איז אוועק און דער הימל איז ווידער לויטער . . . אנדערש איז אבער מיט די וועלכע זענען שטענדיק אנגע־ברוגזט: זיי קריגן זיך נישט, נאר רעדן צו זיך אליין. ווען מען זינגט אין שאפ זענען זיי בייז. ווען די שכנים זענען פריילעך — קרעכצן זיי. זיי סודען זיך מיט געבויגענע קעפ איינער צום אנדערן און ווייזן מיט קנאה־בליקן אויף "יענעם" — שטענדיק האבן זיי א "יענעם" וואס איז שולדיק אין זייער אומ־צופרידנקייט . . . און אז מען פרעגט זיי: "וואס איז דער מער? פארוואס זאגט איר נישט וואס עס קוועטשט אייך? !" ענטפערן זיי: "אז מ'עט זאגן וועט דען העלפן?"

אט אויף די מענטשן, וועלכע גייען ארום מיט מארטירער פנימער, ווי מען וואלט זיי "פארכאפט די קאטשקעס פון וואסער", זאגט דער "אלד־טאי־מער", אז זיי זענען בייז אויף דער ערד וואס דאנקט זיי נישט פאר טרעטן אויף איר . . . זיי לעקן האניק און זאגן, אז ס'איז זויער . . . קרומע רעדער אין וואגן פון שאפ . . .

— אבער פארוואס? — וואונדערט זיך סעם. — די ביכער זענען אפע־נע. זיי קאנען זען זייער ארבעט פארשריבן פון א גאנץ יאר . . .

— אז זיי קוקן אין די ביכער גלייבן זיי דען?

— ניין.

— ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן? — שרייט אויס דער אלד־טאימער.

— דו ביסט נאך א גרינער אגרעס! איך בין לענגער פון דיר אין אמעריקע! פאראן מענטשן וואס גלייבן נישט זייערע אייגענע אויגן! רעדט ער פון אפע־נע ביכער! . . .

דער שאפ האט שוין גערוישט מיטן געוויינלעכן, טאג־טעגלעכן גערויש און דער אלד־טאימער האט נאך אלץ געלערנט דעם קאמיטע־מאן סעם: "קיין קרומע רעדער קאן מען נישט אויסגלייכן! איצט ווייסטו פארוואס? . . ."

11

„ס׳וועט זיך שוין אויספרעסן!"

ווי נאָר אייבי האָט דערשפּירט אַז די געמיטער הייבן זיך אָן אויסלייטערן ביי די אַרבעטער, האָט ער דאָס גע־פּרוּווט אונטערהאַלטן מיט זיין באַזונדערן „טאַלאַנט" צו זאָגן אַן אַנגעגנר־מענעם געדאַנק אַזוי קרום, פון וואָס אַפילו די זויערע נשמות מוזן אויך שמייכלען . . . למשל: „מען קאָן פירן דאָס פערד צום טייך, אָבער מען קאָן דאָס נישט מאַכן צום טרינקען". קומט דאָס ביי אים אַרויס אָט אַזוי: „מען קאָן פירן דאָס פערד צום טייך, אָבער מען קאָן נישט פירן דעם טייך צום פערד".

זיין הומאָר העלפט צו פאַרטרייבן דעם פריערדיקן פאַרדראָס פון איינעם אויפן צווייטן. ביסלעכווייז הייבט זיך אָן אויסדראַכטן, אַז די איצטיקע גוט־ברודערשאַפט איז דער סאַמע תוך פון שאַפּ־לעבן און דערפון הייבט אָן אויפ־צוגיין אַזאַ זיסער ניגון, וואָס איז ווי אַ רעגנבויגן אויף אַ נאָך־טיילווייז פאַר־כמורעטן הימל, — אַ סימן פון חרטה און אַ צוזאָג אַז קיין מבול וועט שוין מער נישט זיין . . . ס׳איז אַ געזאַנג פון „לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן".

אַז אַ שאַפּ מיט מענטשן צעזינגט זיך לויט די וואונדערלעכע רעגנבויגן־קאָלירן, איז דאָס ווי אַ תקיעת־כּף פון חדר־יינגלעך, געשלאָסן פינגער־איין־פינגער און לאָמיר זיין „חבר־פּאַווער" . . . מען וויל וואָס גיכער פאַרגעסן די פריערדיקע טענות, ווען אין די הערצער זינגט זיך שוין . . . עס פּאַרציט עמיצער אַ ניגון, האַלט אים אונטער אַ צווייטער.

איז דאַרפמאַנען איינגעפאַלן אָנצוהייבן זינגען דאָס פאָלקס־ליד „בייט־זשע מיר אויס אַ פינף־און־צוואַנציקער אויף סאַמאַראַדנע דרייער" — האָט מען אים געלאָזט אָפּזאָגן די „סאָלאָ", ווייל גראָד איצט איז די אַרבעטער גע־פעלן וואָס דאַרפמאַן זאָגט מער ווי ער זינגט . . . זיין שטים האָט זיך געהערט ווי אַן איינזאַם, ווייט ווידערקול. אַזוי גיך ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין „סאָלאָ" האָבן די אַרומיקע מענטשן געגעבן אַ זינג־אויס ווי אַ כאָר דעם רעפרעין: „רימטשע, רימטשע, רימטשע־ראַ!"

ווערט דאס געזאנג פון די אַלערליי שטימען אַ געזאַנג פון די טיפענישן פון שאָפּ. און ווען דאַרפמאַן הייבט ווידער אָן צו זאָגן זיין „סאָלאָ", הערט זיך נאָר אַלץ דער רעפרעין, נאָר עטוואָס שטילער און מיט שטאַרקן אַקצענט אויף ררי־מ־טשע־ראַ!"

עס זענען פאַראַן אַזעלכע מענטשן אין שאָפּ, וואָס אַז עס קומט צו גע־זאַנג זענען זיי שטום ווי די פיש. ראַלף איז איינער פון זיי: ער האַלט מער פון רעדן ווי פון זינגען. דערפאַר האָט ער זיך געוואונדערט: „וואָס פאַר אַ גדולה איז דאָס אויף אייך?"

שיע גאַליציאַנער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין: „איך זאָל אַזוי וויסן פון אַ בייז שטערנטיכל! — אָבער געזאַנג מאַכט פריילעך מיין האַרץ, זינג איך מיט. שאַטן קאָן דאָס נישט... מעגסט זיך אויך פאַרגינען אַ זינג־טאָן..."

ראַלף האָט אַ מאָדנע קוק געטאָן אויף שיע גאַליציאַנער און געזאָגט: „איך דערמאָנט מיר אין יענעם קריסטלעכן לערן־יונג ביים יידישן שוסטער אין מיין שטעטל, וואָס האָט דערזען ווי אַלע יידישע שוסטערס זענען פורים־צייט אַרום שיכורע טאַנצן אין געסל, איז ער אויך אַריין טאַנצן אין ראָד אַריין. האָט אים דער מייסטער געפרעגט: „ווי קומסטו אַהער?" האָט ער געענטפערט: „איך בין דאָך אויך אַ שוסטער!" — אַזוי איז מיט אייך: איר ווייסט נישט וואָס, ווער, ווען און איר מאַכט אויך קולות".

דאַרפמאַן האָט באַמערקט, אַז שיע גאַליציאַנער איז גרייט צו געבן ראַלפן אַ גאָב, פון וואָס עס קאָן אַרויסקומען אַ נייע קריגעריי, האָט ער אַ וואונק געטאָן צו שיען, וואָס האָט באַדייט: „נישט כדאַי צו ענטפערן דעם גרויסן חכם", און ער האָט אויסגעזונגען: „עס וועט זיך שוין אויספּרעסן".

— אַיי, אַיי, איי!" — האָט הערי אויסגעזיפצט אַן ענטפער דאַרפמאַנען מיט זיין לייבן־שטים, פון וואָס יאָסל דער קאַמיטע־מאַן האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן און געבעטן זיך ביי אים: „אַביסל שטילער! אייער קול לעכערט מיר די אויערן!" נאָר הערי איז געווען צופיל באַגייסטערט אים צו הערן און ער האָט פאַרגעזעצט: „אַיי, ווער עס האָט נישט געהערט דעם באַליבטן אַק־טיאָר לודוויג זאַץ אויסזינגען ,עס וועט זיך שוין אויספּרעסן', האָט קיין שיינס נישט געהערט!"

עס ענטפערן אים עטלעכע שטימען: „עס וועט זיך שוין אויספּרעסן". דערפון ווערט אַ געזאַנג מיט בענקשאַפט נאָך יענע צייטן וואָס זענען ווי ערשט נעכטן געווען און שוין אַזוי ווייט אַוועק... אין דעם גערויש פון שאָפּ רעדט די בענקשאַפט: „וואָס פאַר אַ שיינע צייטן עס זענען דעמאָלט געווען! יידן זענען געגאַנגען אין יידישן טעאַטער! דאָן זענען נאָך די אַפּישן געווען גע־

שריבן אויף יידיש. אפילו די פראגראמען זענען געווען אויף יידיש! און מען האט זיך געפילט אזוי היימיש־יידיש . . . איי צייטן, צייטן . . . גאלדענע צייטן געווען!"

די זכרונות זענען שותפותדיקע. פארגעסט ווער עפעס, דערמאנט דאס א צווייטער. אלע צוזאמען ווילן אויפלעבן, אויפסניי איבערלעבן די גליקלעכע געפילן פון יענע צייטן. עס דערמאנט זיך עמעצער: „נאר א לודוויג זאץ איז געווען? און גאלדענבורג איז געווען א שלעכטער אקטיאר? און וואס איז מכות אזא ליבן איזידאר קעשיר? . . ."

— ווארט א ווײלע! — האט זיך אריינגעריסן דער „אלד־טאימער". — איך געדענק נאך דזשעיקאב אדלער, ווען ער האט געשפילט אלס קעניג ליר. און איך געדענק זי — ווי האט זי דארט געהייסן?

— בערטא קאליש?

— זי אויך. נאר איך מיין אן אנדערע . . .

— בינע אבראמאוויטש?

— ריכטיק! איי האט זי געשפילט אלס מאמע!

— און ווער געדענקט דעם ניגון וואס מארים שווארץ האט געזונגען אלס דער מיראפאלער רבי אין דעם „דיבוק"?

— וואס מיינסטו ווער? ווער קאן דען פארגעסן דעם ניגון?

עס דערהערן זיך עטלעכע שטימען אויף אמאל. זיי הייבן־אן דעם ניגון גאנץ יידישלעך: „אוי, אוי, אוי, א־וי, א־וי . . ." — אין אנהייב שטויסן זיך צונויף די טענער, נאר באלד קומען זיי זיך צוזאמען אין הארמאניע. שפרייט דאס געזאנג א שטילע הארציקע בענקשאפט, וואס באפרייט דעם מענטשן פון שווערער וואכעדיקער ארבעט און פארטראגט אים העט ווייט, אזש צו די יונגע יארן, ווען מען איז נאך געווען „גריו", פריש און געזונט, ווען מען האט נאך נישט געוואוסט פון שלינגען אספירינס און קייען וויטאמינען. ווען מען האט זיך נישט געהיט פאר א שטיקל געזאלצענעם הערינג . . . יענע צייטן, ווען עס האבן זיך געוועבט גליקלעכע חלומות. אין יענע טייערע יארן איז מען אפילו געגאנגען אין יידישע ביכער־געשעפטן קויפן א יידיש בוך.

די בענקשאפט זוכט א טרייסט, נעמט זיך צוריק צום פריערדיקן: „עס וועט זיך שוין אויספרעסן" — אין די עטלעכע ווערטער וויל מען אריינגעמען די גאנצע וועלט . . . „די וועלט איז איצט אויף דער וואגשאל פון לעבן און טויט, דאך גלייב איך, אז עס וועט זיך מוזן אויספרעסן" . . .

אזוי פיל טויזנטער יארן ווי מענטשן האבן אריינגעלייגט כוחות אין דער וועלט צו מאכן זי פאר א לייט . . .

— „עס וועט זיך שוין אויספּרעסן!" — האָט לייבל דער דערפינדער אויסגערופן. מיטאַמאָל האָט זיך אין דער האַפּענונג אַריינגעריסן אַ גרויסער קרעכץ פון מיסטער גאָלד מיט אַ „עס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אויס־פּרעסן!"

מיט מיסטער גאָלדן שפּאַרט זיך קיינער נישט, ווי מען וואָלט מורא געהאַט פאַר זיינע אויגן, פון וועלכע עס קוקט־אַרויס אַ טיפער חושד. זיין פּנים איז שטענדיק טרויעריק, ווי פון אַן אייביק־געקריוודעטן. ווען מען זינגט אין שאַפּ, קרעכצט ער . . .

איינמאָל איז אַ פּרימאַרגן איז דאָרפמאַן געקומען אין שאַפּ אַריין און דערציילט מיט אַזאַ פרייד, ווי עס וואָלט זיך אים אַנטפּלעקט אַ וואונדער: „איך האָב היינט געזען דעם ערשטן שניי אויף די צווייגן פון ביימער, האָט דער שניי אויסגעזען קעגן דער פּרימאַרגן־זון ווי וויים־ראָזע בליעכץ אין פרילינג!" — באַלד האָט מיסטער גאָלד אויסגערופן: „ווי לאַנג וועט דען אָנהאַלטן דער שניי?"

אייבי איז אַריינגעקומען אַ פּאַרשפּעטיקטער צו דער אַרבעט, נאָר אַ פריילעכער מיט אַ גוטן ציגאַר און אויסגערופן: „גיט מיר אַפּ מזל־טוב! מיין ווייב האָט געבוירן אַ יינגעלע, אַ נאָמען נאָך מיין גאָטזעליקן טאַטן!"

— זאָל זיין מיט מזל! — האָבן די מענטשן געענטפערט ווי אין אַ כאָר. גאָלד האָט אַ טרויעריקן שמייכל געטאָן און געזאָגט: „אַ סימן אויף נייע מלחמות" . . .

עס זענען אַפילו פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וועלכע האַלטן טיילווייז מיט אים. ווען עס רעדט זיך וועגן זייער פאַך: „זינט איך געדענק, האַלט אונדזן די יוניאָן אין איין פאַרזיכערן, ווען עס קומט צו אַ סטרייק, אַז „איצט וועט זיך שוין אַלץ אויספּרעסן". נאָכן סטרייק, מען קומט צוריק אין שאַפּ אַריין — אַ נעכטיקער טאָג! נאָר מען הייסט אונדז האָבן געדולד: „עס וועט זיך שוין אויספּרעסן!"

אַזעלכע טענות געפעלן נישט דעם „אָלד־טאַימער". דאָרפמאַן ווייסט דאָס און „צוליב פריילעכקייט־וועגן" שמעלצט ער דאָס צו: „מיט די גליקן וואָס מען זאָגט אונדז צו ערב אַ סטרייק איז ווי מיט יענעם גריכישן גאָט, וואָס האָט פאַר זיינע זינד געמוזט קייקלען אַ שטיין אויף אַ הויכן באַרג אַרויף. ווען ער האָט שוין געהאַלטן אויבן־אָן, האָט דער שטיין צוריקגעקייקלט זיך. אַזוי אָן אָן אויפהער. איז אונדזער טרעיד איז אויך נישט בעסער: מיר האַלטן אין איין געווינען און מיר קייקלען זיך צוריק צום אַלטן".

דאָן גייט שוין דער „אָלד־טאַימער" אַרויס פון די כלים און ער רעדט

מענטשן אין מיין לעבן

ווי איבער א וואנט: „איך האב זייער ליב ווען דער גרויסער פילאזאף דארטן, דער גרינער אגרעס, הייבט אן צו קריכן מיט א שטיין אויף די גלייכע ווענט! ער האט אין אמעריקע נישט געפאקט און נישט געמאזלט און האקט א טשאַניק מיט א שטיין! און א שטיין וואס קייקלט זיך ביי אים פון א הויכן בארג! מיר, די „אלד־טאימערס" האבן פאר זיי אויסגעלייגט א וועג — גלאטיק ווי א לאקשנברעט, וואס פירט גלייך אין דער יוניאן אריין! מיר האבן פון גארנישט אויפגעבויט א שטארקע יוניאן! קומען זיי צוגיין און דערציילן מעשיות פון טויזנט־און־איין־נאכט מיט א גריכישן גאט, מיט א הויכן בארג, מיט א שטיין . . . איך וויים גארנישט ווי א מענטש קאן אויסטראכטן אזעלכע באבע מעשיות! ער מיינט, אז ער וועט רעדן פארשטעלטע רייד וועל איך נישט וויסן וואס ער מיינט! איך, אז איך דארף עפעס זאגן, איז אן אנצוהערענישן, אן מאניפארגעס און אן — שטיינער! איך וואלט אים געגעבן א בארג און א שטיין, וואלט ער דערזען זיין באבע אויף יענער וועלט, האט ער אבער מזל, וואס איך בין אן אלטער יוניאן־מאן, מוז איך האלטן די הענט ביי זיך! איך וויל אבער, אז דער גרויסער פילאזאף דארטן זאל וויסן, אז פון אמאל ביז היינט זענען מיר אפגעגאנגען א לאנגן וועג פארויס! מיר גייען נישט צוריק!"

— אז מען גיט א קלאפ אין טיש רופט זיך אן די שער! — האט ווער אויסגערופן מיט געלעכטער. דער „אלד־טאימער" האט געכאפט דעם מיין פון דער באמערקונג און מיט א מילדערן טאן האט ער געענטפערט: „איר מיינט דאך אוודאי, אז איר האט מיך אנגעדרייט, הא? זאג איך אייך . . .

— בארואיקט זיך, מיין טייערער „אלד־טאימער"! — האט אייבי דער קאמיטע־מאן אים איבערגעשלאגן די רייד. — ערגערט זיך נישט! „עס וועט זיך שוין אויספרעסן!"

— עה! ער גייט מיך לערנען! זיכער, וועט זיך שוין אויספרעסן!"

און די אנדערע ארבעטער האבן אין א כאר אונטערגעהאלטן: „עס וועט זיך שוין אויספרעסן"

12

מאיר דער מיליאָנער...

פון זכרונות און בענקשאַפט נאָכן אַמאָליקן טעאַטער און אַקטיאָרן, גייען די מענטשן אין שאַפּ איבער צו יענע ציַיטן, ווען ייִדן זענען געגאַנגען קויפן ייִדישע ביכער אין ייִדישע בוך־געשעפטן, נישט ווי היינט, ווען אַ ייִדיש בוך דאַרף אַרומוואַנדלען צו געפינען אַ לייענער אויף זיך . . .

אין דעם דאָזיקן שאַפּ, וואָס איז באַקאַנט אין דעם פּאַך אַלס „אַ ייִדיש־באַלעבאַטישער שאַפּ" — כאָטש ייִדישע אַרבעטער זענען היינט שוין דאָ נישט די מערהייט. היינט אַרבעטן דאָ איטאַליענער, נעגערישע, פּאָרטאָריקאָנער, קובאַנער, וועסט אינדיער, פראַנצויזישע און דייטשישע. בלויז דער נאָמען „ייִדישער שאַפּ" איז געבליבן פון אַמאָל . . . דאָך פאַרקויפט זיך נאָך אַמאָל דאָ אַ ייִדיש בוך. מען פאַרקויפט נישט גלייך צום לייענער, מען ציט גורל . . .

ווען מען באַט אַן אַ בוך, אַנטשולדיקן זיך די מערסטע מענטשן: „כ׳וואָלט גערן געקויפט, נאָר ווען האָב איך ציַיט צו לייענען? נאָך „סאַפּער", איידער איך באַוויַיז נאָך איבערקוקן די צייטונג ציט מיך שוין אין בעט אַריין . . . שבת און זונטיק איז מען פאַרנומען מיט אייניקלעך, קיין עין הרע, אָדער מען גייט צו אַ מיטינג פון דער סאָסייעטי, חוץ דעם דינען שוין נישט די אויגן ווי אַמאָל . . . איז וויפל זאָגט איר קאָסט דאָס בוך?"

מילא, עס גייט נישט אין די פּאָר דאָלער, ווי פאַרשעמט מען אַ בוך? . . . עס ליגט אַן אוצר פאַר די אויגן, דאָס האַרץ ציט צו וויסן וואָס האָט דאָרטן דער שרייבער געשריבן און מען האַלט אין איין אַפּלייגן: שפּעטער, מאָרגן, אַן אַנדערש מאָל . . .

פונדעסטוועגן פאַרטרייבט מען נישט קיין ייִדיש בוך פון דאַנען: דאָ זענען פאַראַן מענטשן וואָס האָבן געשיקט די קינדער אין ייִדישע שולן, און מען באַרימט זיך אַמאָל מיט אַ קינדס אַ בריוו, וואו עס זענען צוגעשריבן עטלעכע ייִדישע ווערטער . . . איז אויב עס געלינגט נישט צו פאַרקויפן אַ בוך לאָזט מען אים איבער צום מזל. איז שאַפּ הייסט דאָס „מען גייט ראַפּלען אַ בוך", וועמען עס וועט באַשערט זיין — איז פאַרפאַלן . . . קיינער זאָגט זיך

מענטשן אין מיין לעבן

נישט אַפּ איינצושטעלן אַ „קוואָדער", אָדער אַפּילו אַ האַלבן דאָלער אויף אַ ראַפּל פּאַר אַ בוד.

די מענטשן וואָס גיבן זיך אַפּ מיט פאַרשפּרייטן פון צייט־צו־צייט אַ בוד ווערן אָנגערופן „קאָמיטע". פאַר יעדער זאַך איז דעם שאַפּ איז פאַראַן אַ קאָמיטע: אַ פּרייז־קאָמיטע, אַ צעטייל־קאָמיטע, אַ קאָמיטע צו זאַמלען געלט אויף צו דעקן דעם טשערמאַנס צייט־פאַרלוסט. פאַר יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל, פאַר „קריסטמעס פּרעזענטס", פאַר אַ לחיים ערב ראש השנה, חתונה־מתנות, בר־מצווה מתנות, און — נישט פאַר קיינעם געדאַכט — אַ ׳בעסקעט׳ מיט בלומען און פּרוכטן אַלס סימפּאַטיע־אויסדרוק צו אַ מיטאַרבעטער, אויפן פאַרלוסט פון אַן אייגענעם אין דער משפּחה. אויך געלט אויף פלאַנצן אַ בוים אין ישראל אויפן נאָמען פון אַ פאַרשטאָרבענעם מיטאַרבעטער אין שאַפּ . . .

מיט דער צייט האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מען דאַרף נישט אַזויפיל קאָמיטעס, זענען געבליבן צוויי: די פּרייז־קאָמיטע און די קאָמיטע אויף צעטיילן אַרבעט. אויף זאַמלען געלט, וואָס דאָס איז די סאַמע אומאַנגענעמסטע און שווערסטע, איז געבליבן אייבי. אייבי האָט זיך „פאַרהאַרטעוועט", ער האָט זיך אויסגעלערנט נישט וויסנדיק צו מאַכן זיך וועגן די פּילדייטיקע אָנצוהערענישן פון די געלט־געבערס . . . ער שטעלט זיך — מערסטנס מיטיק־צייט — ביים עק טיש מיט פּאַפּיר און בלייפעדער און מאָנט:

— זייט אַזוי גוט און גיט.

— שוין ווידער?!

— עס איז פאַר עפּעס אַנדערש.

— לאָמיר הערן פאַר וואָס?

— אַ, פאַר דעם? איך גיב נישט!

אייבי פאַרציט שטאַרקער דעם ציגאַר אויף וועלכן עס האָט זיך שוין אָנגעקליבן שטויב און פּאַרעם־צווישן, וואָס הענגען נאָך . . . זיין ברייט פּנים שמייכלט און ער זאָגט: „נו, מילא, האָט איר זיך אָנגעבייזערט — נישט קיין נייעס . . . אָבער געבן דאַרפט איר, עס איז פאַר אַ גוטן צוועק".

ווען מען דאַרף זאַמלען געלט צו ראַפּלען אַ בוד, ליגט דאָס בוך לעבן אים. יעדער כאַפּט אַ בליק אויפן בוד, אָדער מען גיט אַ בלעטער, מען לייענט עטלעכע שורות, אויף טייל מאַכט דאָס געלייענטע דעם איינדרוק ווי מען וואָלט זיך אומגעריכט באַגעגנט מיט אַן אַלטן גוטן פריינט ביי די טירן פון סאַבוועיבאַן . . . „וואָס מאַכסטו? וואָס הערט זיך? ווי גייט עס? . . . " די טירן פאַרמאַכן זיך, איינער בלייבט אינעווייניק, דער אַנדערער אינדרויסן און די באַן יאָגט אַוועק . . . „כ׳האָב בלויז עטלעכע שורות איבערגעלייענט, זעט

אוים אַז ער האָט וואָס צו זאָגן . . . איז וויפל קאָסט אַ ראַפּל ?״

פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן נישט פון קיין ביכער, קומען זיי אָפּ מיט מורמלען זייטיק צו אַ שכן: „נו, זאָל מיינס איבערגיין. וואָס קאָן איך זיך העלפן ? אַז קיינער זאָגט גאָרנישט, איז פאַרוואָס זאָל איך זיך אַרויסשטעלן פאַר אַלעמען ? אַזוי איז דאָס ווען מען איז אין גלות ביי דער מערהייט . . . ״

„אַ ראַפּל דאַרף אויך האָבן מזל״. — אַזוי האָבן די מענטשן גערעדט צווישן זיך, ווען מאיר דער מיליאָנער האָט געוואונען אַ בוד. דעם צונאָמען „מיליאָנער״ האָט ער באַקומען, ווייל ער האָט ליב געהאַט צו באַרימען זיך מיט זיין אַמאָליקער רייכקייט: „איר מיינט דאָך זיכער, אַז אַלע מיינע יאָרן בין איך געזעסן אַזוי־אַ מיטן קאָפּ צום מאַשין, האַ ? מאַכט איר אַ טעות. געווען צייטן ווען איך בין מיר אַרומגעגאַנגען ווי אַ גראַף מיט די הענט פאַרלייגט און מיין פאַרמעגן איז געוואַקסן. אָבער אַלץ הייסט געוואַקסן ! ווי אויף הייוון ! איך האָב געפירט אַ מיליאָן־דאָלערדיקע ביזנעס, חוץ דעם בין איך טאַקע געווען אַ רייכער מענטש אויך ! האָט זיך אָבער דאָס רעדל געגעבן אַ דריי אויף צוריק און בין געוואָרן אוים זייפנזידער . . .

נאָר יאָסל אַדעסער, וואָס איז געזעסן קעגן איבער אים, האָט אים עפּעס נישט געגלייבט. ווייל ווען מאיר האָט גערעדט איז ביי אים אין זייט פּנים געווען ערנסט און די צווייטע זייט האָט געשמייכלט, ווי זי וואָלט זאָגן: „כ׳מאַך אַ שפּאַס״. — אַט דער שמייכל האָט אים צעטומלט: „זאָל איך גלייבן, צי נישט גלייבן ?״ — אָבער פאַרדראָסן האָט אים וואָס מאיר דערציילט אַזעלכע נישט־געשטויגענע מעשיות און מענטשן גלייבן אים און באַדויערן אים, וואָס ער האָט נעבעך נישט געהאַט קיין מזל און געוואָרן אוים זייפנזידער . . .

איינמאָל, ווען מאיר האָט זיך געהאַלטן אין פאַרשטעלן פאַר אַ נייעם אַרבעטער ווער ער איז דאָס געווען אַמאָל, האָט שוין יאָסל מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן און איז אים פאַרפאָרן אין מיטן די רייד: „זאָג מיר נאָר, דו גרויסער מיליאָנער פון אַמאָל, וויפל ציפערן קומען אין אַ מיליאָן ?״

מאיר האָט זיך געגעבן אַ גלעט איבער די גלאַט־פאַרקעמטע שוואַרצע האָר, אַ קוק געטאָן אויף אים מיט דער שמייכלדיקער זייט פון פּנים און געזאָגט: „גלייב מיר, איך בין געווען אַזוי רייך, אַז עס האָט מיך נישט געאַרט וויפל ציפערן עס זענען דאָרטן דאָ. מער אַ ציפער, ווינציקער אַ ציפער — אַ דאגה האָב איך געהאַט ! . . . ״

יאָסל אַדעסער איז נישט זיכער געווען צי מאיר מיינט עס ערנסט, האָט ער נאָכאַמאָל געפּרואווט: „דאָך, עס איז דאָך פאַרט פאַראַן אַ געוויסע צאָל

ציפערן וואס שטעלן צונויף א מיליאָן".

— א, דאָס וואס דו מיינסט? זיכער ווייס איך! אפילו אַ סקול־קינד ווייסט, אַז אַ מיליאָן האָט זעקס ציפערן . . .

יאָסל האָט אַנגעשטעלט זיינע ברוינע אויגן אויף אים און עס האָט אים אויסגעוויזן, אַז ער מיינט עס ערנסט. פון פרייד איז זיין שטערן אונטער די געדיכטע גרויע האָר רויט געוואָרן, די עטוואָס־פּאַרריסענע נאָז איז פון לאַכן ברייטער געוואָרן און ער האָט אויסגערופן: „אַ באַרימער איז גוט צו שמייסן!" זעקס נומערן, הא? דאָס איז אַזוי אמת, ווי אמת עס איז דיין פּוסטער אָנ־שטעל פון אַ מיליאָן דאָלערדיקע ביזנעס!"

מאיר איז אָבער נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך און ער האָט אָנגעהויבן באַ־וויזן, אַז ער איז פּאַרט גערעכט, און ער האָט איבערגערעדט צו אַלעמען: „ער דאַרטן מיינט אַז ער ווייסט שוין אַלץ. אפשר ווייסט ער ווי אַזוי צו רע־כענען, אָבער באַרעכענען קאָן ער נישט. ווייל וואָלט ער פאַרשטאַנען, אַז היינט, ווען דער יקרות שטייגט, דאַרף מען טאַקע אפשר זיבן ציפערן — ווי ער זאָגט דאָרטן. — און אויב עס וועט אַזוי אַנהאַלטן דער יקרות וועט מען איבעראיאָר קאָן זיין דאַרפן אַכט ציפערן אין אַ מיליאָן. אָבער אין יענע צייטן, ווען איך בין געווען אין די הויכע פענצטער, איז דאַך אַלץ געווען ביליק, איז דאַך זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַ מיליאָן האָט געהאַט ווינציקער ציפערן..."

דאַמאָלס האָט מען אים געקרוינט מיטן נאָמען „מאיר דער מיליאָנער".

— האָט זיך געמאַכט, אַז דער ראָפל וואס מאיר האָט געקויפט האָט געוואונען אַ בוד. דאָס בוד האָט מען אים געגעבן מיטיק־צייט. ער איז געשטאַנען מיטן בוד אין מיטן דעם שאָפּ. דאַן האָט יאָסל אַדעסער באַמערקט צו די אַרומיקע: „ער האַלט נעבעך דאָס בוד ווי אַ פרעמדע, אַנגעוואָרפן קינד".

האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צו באַדויערן דאָס בוד: „זע נאָר צו וועמען עס איז נעבעך אַריינגעפאַלן!"

— דאָס בוד וועט זיך פילן עלנט ביי אים אין הויז . . .

— פאַרקערט! עס וועט זיך גאָר גרייסן, וואס עס איז דאָס איינציקע ביי אים . . .

— יאָ, אַפילו אַ בוד דאַרף האָבן מזל . . .

עס האָבן זיך געמאָלדן בעלנים: „גיב מיר דאָס!" — „און איך צאָל דיר צו אַ קוואָדער!"

— נעם! — האָט ראַלף אויסגערופן. — אַז נישט וועט מען דאָס אוועק־נעמען ביי דיר, אַז אַ האָן וועט קיין קריי נישט טאָן! מיר האָבן דאָ גרויסע ליבהאָבער אויף יענעמס ביכער. געדענקסט דאָך, אַז מען האָט ביי מיר אוועק־

געשלעפּט אזאַ־אַ גראָבן בוך, ביז היינט צו טאָג זאָגט ער נאָך אַלץ אַז ער האָט אים נישט גענומען . . .

אַלע האָבן זיך אַ וואָנד געטאָן צום „טערק". זיי האָבן געזען ווי זיין פּנים איז רויט געוואָרן פון כעס אויף ראַלפן און דאָס איז טייל מענטשן געפעלן געוואָרן, ווייל עס וועט ווערן אַביסל פריילעך . . . נאָר אַנדערע מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט אַרויסקריגן דאָס געוואונענע בוך פון מאיר דעם מיליאַנער, האָבן איבערגעשריגן אַלעמען:

— נו, זאָג שוין דאַרטן וויפל ווילסטו פאַרן בוך?

— גאָרנישט. — האָט ער געענטפערט קוקנדיק אינעם אינהאַלט־פאַרצייכענונג פון בוך.

אַנדערע האָבן גענומען מבטל מאַכן זיין געווינס: „ער מיינט, אַז ער האָט געכאַפּט אַ גרויסע מציאה! ס'אַ בוך מיט לידער, אָבער אַז נאָטן צום זינגען . . ."

האָט מאיר געענטפערט: „טאָקע אַ גאָר גרויסע מציאה! אמת, קיין נאָטן צום זינגען איז טאָקע נישטאָ און דאָך איז דאָס זינגעוודיק. הערט:

— ער האָט אָנגעהויבן אַרויסלייענען אַ ליד. די ווערטער זענען אַרויסגעקומען דייטלעך, קלאָר און די שטים — מעלאָדיש. גאָרנישט ווי די שטים וועלכע מען הערט אינעם געקרויש פון שאַפּ . . .

— מאיר, ווי קומט עס צו דיר?! — האָט יאָסל אויסגערופן, — דו, אזאַ נאַרישער באַרימער, וואָס ווייסט אפילו נישט וויפל ציפערן שטעלן צו־נויף אַ מיליאָן, זאָל לייענען אַזוי שיין?

מאיר האָט געלאַכט. און אָנווייזנדיק אויפן בוך האָט ער געזאָגט: „ביכער זענען די זיכערסטע מיליאָנען . . . יקרות צי נישט יקרות, זייער ווערט איז אַ זיכערער . . . אין די דאָזיקע מיליאָנען בייטן זיך נישט די ציפערן . . ."

— הייסט עס, אַז האָסט מיר די גאַנצע צייט גענומען אויף זיכער? — האָט יאָסל נאָך אַלץ זיך געחידושט.

— נישט מיין שולד אַז איר נעמט יעדע זאַך אַזוי ערנסט . . . אַז פאַנטאַסטישע באַרימערייען — האָט מאיר צוגעגעבן, — פאַלט מיר שווער די אַרבעט.

— אויב אַזוי וועל איך זיך איצט אָפּרעכענען מיט דיר: פון היינט אָן און ווייטער ביסטו צוריק מאיר און אויס מיליאָנער!

— מילאַ, ווי דו ווילסט. נאָר מיט דעם בוך ביז איך געוואָרן נאָך אַ גרעסערער מיליאָנער. אַזוּפיל ביכער אין הויז, זאָל זיין נאָך אַ בוך . . .

— גיי וויים! — האָבן די אַרבעטער זיך געוואונדערט. — מאיר אַ מיליאָנער . . .

13

טרוימער אין שאָפּ...

בײַם אַרויפֿפֿאָרן אינדערפֿרי מיטן עלעוויִיטאָר צו דער אַרבעט, האָט יאָסל אָרעסער געזאָגט צו זײַנע מיטפֿאָרערס פֿון שאָפּ: „לייבל איז שוין אַרויף אין שאָפּ — צו אַרבעטן אויף זײַן דערפֿינדונג".

— מיינסט עס וועט טאַקע עפּעס אַרויסקומען פֿון זײַן אַרבעט? — האָט שיִע גאַליציאַנער געוואָלט וויסן.

— ער זאָגט, ער וועט „פּעטענען" דאָס פּיסל און ער וועט נאָך לאַכן פֿון אייך אַלע! — האָט דעיוו דער פּרעסער געזאָגט מיט אַזאַ טאָן וואָס מען האָט נישט געקאָנט וויסן צי ער מיינט עס ערנסט, אָדער ער רייצט זיך בלויז מיט זיי.

— איז ווי־זשע האַלט ער דערמיט? — האָט דער „טערק" געוואָלט וויסן.

— ער זאָגט, אַז אָט־אָ. — האָט עמעצער ביים אַרויסגיין שוין פֿון עלעוויִיטאָר געזאָגט.

לייבל האָט שוין פֿריער אַלעמען פֿאַרזיכערט: „אָט־אָ קום איך צום ברעג, דערווייל שווים איך נאָך".

די אַרבעטער אין שאָפּ האָבן אים אונטערגעאייִלט: „דו וועסט בעסער פֿאַרטיק וואָס גיכער, ווייל אַנדערע מענטשן קאָנען נאָך איינפֿאַלן דאָס זעלבע וואָס דיר און זיי קאָנען אַרבעטן פֿלייסיקער פֿון דיר, אויב זיי וועלן דאָס פּיסל אוועקשיקן קיין וואַשינגטאָן און אַרויסקריגן אַ „פּעטענט", דאַן איז דיין גאַנצע אַרבעט אַרויסגעוואָרפֿן".

זייערע רייד זענען אים אַריין אין קאָפּ, האָט ער אָנגעהויבן מיטצונעמען דאָס פּיסל אויך אין שאָפּ אַריין, כדי צו אַרבעטן אויף דעם. צוליב דעם האָט ער אָנגעהויבן צו קומען גאָר פֿרי, די פֿענצטער זענען נאָך פֿאַרמאַכט און די נאַכטיקע לופֿט איז נאָך אָנגעפֿילט מיט שווערע שאָפּ־ריחות. אַלץ איז איינגעהילט אין אַ טונקלקייט, בלויז ביי זיין מאַשין לייכט דאָס לעמפּל און ער זיצט ווי ביי אַ וואַרשטאַט מיט ספּעציעלע געצייג און מייסטרעוועט אוים

זיין טרוים, — א קאמבינאציע־פיסל צו א נײ־מאשין, וואס מען זאל קאנען נוצן פאר עטלעכע צוועקן אין שטערונגען.

די אנקומענדיקע ארבעטער שטעלן זיך ארום אים און האבן הנאה פון דעם ווי אזוי ער טוט זיין ארבעט. ווי אזוי ער גיט א בלאז־אן זיינע פולבלעכע באקן און ציט זיי צוריק איין, ווי אזוי ער פארמאכט איין אויג און מיטן צווייטן קוקט ער ווי מיט א שפאקטיוו אויפן פיסל און טוט א דריי מיטן קאפ, ניין, עס געפעלט אים נישט. נעמט ער פיילן דאס פיסל אויפסניי און דרייט די צונג צווישן די ליפן אין ריטעם מיט די באוועגונגען פון זיינע הענט. ער איילט זיך, ער וויל פארלויפן דעם וועג פון זיינע אויסגעדאכטע קאנקורענטן, און רעדט צו זיך אין געדאנק: „לייבל וועט נאך ווייזן דער וועלט וואס אן ארבעטער קאן. זאלן די גבירים נישט מיינען, אז נאר ביי זיי איז דא חכמה".

דער ערשטער קלונג פון שאפ־זייגער, וואס לאזט וויסן, אז פינף מינוט שפעטער נעמט מען זיך צו דער ארבעט, וועקט אים אויף פון זיינע זיסע מחשבות, דאן לייגט ער אריין דאס נישט־פארענדיקטע פיסל אין א פודעלע פון צירונג און נעמט עס מיט נאך דער ארבעט צוריק אהיים.

אין דער היים שטערט אים אפט זיין ווייב מיט אירע טענות: „לייבל, האסט נאך נישט ארופגעשלונגען דעם לעצטן ביסן פון סאפער און ביסט שוין ווידער ביזי מיט דיין פיסל. אריינגענומען זיך א מאנקאליע אין קאפ אריין — א פיסל! עס זענען פאראן מענטשן אין אמעריקע א ביסל קליגערע פון דיר, וואס ביי זיי אויסצוטראכטן א נייע זאך איז לייכטער ווי ביי מיר צו פארקויפן א טיקעט פון הדסה, איז אויב זיי איז נישט איינגעפאלן אזא איינפאכע זאך ווי א פיסל צו א מאשין, איז א סימן, אז אדער מען דארף דאס נישט, אדער מען קאן עס נישט מאכן. חוץ דעם, וואס עפעס איצט ערשט זיך געכאפט צו א פיסל, ווען מענטשן פליען שוין צו דער לבנה? ווייסט וואס איך טראכט? איך טראכט, אז דאס איז ביי דיר נישט מער ווי אן אנשטעל פאר די מענטשן אין פארק, אז זיי זאלן מיינען, אז דו ביסט גאט־ווייסט ווער!"

לייבל גיט איר צו פארשטיין: „די וועלט זאגט א ווערטל: 'קיין נאר ווייזט מען נישט קיין האלבע ארבעט'!ווארט ביז איך וועל 'פעטענען' מיין דערפינדונג, דאן וועסטו רעדן אנדערע דיבורים".

נאר זי שטייט נישט אפ. זי קוקט מיט זעלבסט־באדויער און מיט א קוים־איינגעהאלטענעם פארדראס און רעדט: „עס איז נישט מער ווי אן איינרעדעניש ביי דיר! פונקט ווי דו האסט זיך געהאט איינגערעדט, אז ביסט א פאעט און אנגעהויבן רעדן אין גראמען".

אזעלכע רייד ברענגען אים ארויס פון געדולד און ער ענטפערט איר מיט

א העבערער שטים: „אוודאי בין איך א פאעט! אלע מיינע באקאנטע זאגן, אז איך בין א געבוירענער טאלאנט! לאמיר נאר פארטיק ווערן מיטן פיסל, נעם איך זיך גלייך צוריק צו פאעטריי״.

זי דערנענטערט זיך צו אים, קוקט זיך ארום, ווי זי וואלט זיך פאר עמעצן געהיט און זאגט מיט שטילע טענער: „א פאעט דארף אויך קאנען שרייבן״.

ער האט אנגעבויגן דעם קאפ נידעריקער צום פיסל, וואס ער האט גע־האלטן אין שלייפן און געענטפערט: „נו, קאן איך נישט שרייבן. מען זאגט אז עס איז געווען א גרויסער 'קאמפאזער' וואס איז געווען טויב און דאך האט ער געשאפן גוטע מוזיק. — איך קאן טאקע נישט שרייבן, אבער אין הארץ האב איך יושר, גערעכטיקייט און ליבע. דאס אלץ שטעלט זיך ביי מיר אוים אין גראמען, איז דאס מיין שולד?

— אבער מען דארף האבן הענט זיי זאלן קאנען פארשרייבן די גראמען.

— גיט זי אים אלעמאל צו פארשטיין. און ער ווערט נישט מיד איר צו ענט־פערן: „מען זאל מיך געוועז לערנען... אבער ווער האט זיך אומגעקוקט אויף א קיילעכדיקן יתום... דו ווייסט עס דאך שוין פון לאנג. און ייאדער איך האב זיך אויסגעלערנט רעכט ארבעטן, האט מען אונדז פארשלייערט און קינדער־לעך זענען באלד געקומען... נאר צוריק גערעדט, וואס דארף איך זיך פאר־ענטפערן פאר דיר? דיר געפעלט נישט מיין 'פאעטרי'; עס זענען אבער פאראן אנדערע מענטשן וואס זענען זיך מחיה מיט מיינע גראמען. נעם טאקע די מענטשן אין פאבריק, אז איך הייב אן פאר זיי צו זאגן מיינע גראמען פאטשן זיי בראוואָ. עס איז בלויז שלעכט ווען איינער האט מיך געבעטן איך זאל אים אויסשרייבן די 'פאעם', עס האט מיר אזש אנגעהויבן שווינדלען אין קאפ. א גליק וואס ביי מיר ארבעטן שנעל די געדאנקען, גיב איך אים א זאג, 'דע־קלאמירן און שרייבן איז דער זעלבער צייט טויג נישט, ווייל איך קאן זיך פארפלאנטערן און עפעס אויסלאזן. איר שרייבט און איך וועל אייך דיקטירן. אז איך האב דערזען זיין האנטשריפט — פערל! האבן איך אים פארבעטן צו מיר אין הויז אריין און... ׳״

— יא, איך זע נאך דאס בילד פאר די אויגן, — האט דאס ווייב אים איבערגעשלאגן, — דו האסט געשפאנט הין־און־צוריק ווי א 'פריזאנער' און ער איז געזעסן מיט א פען און פאפיר און געווארט ביז דו וועסט אויספלעכטן דיינע גראמען...

— אבער דעם 'סאנג' וואס איך האב דאן פארפאסט האט מען אפגע־דרוקט אינעם זשורנאל פון מיין סאסייעטי, געדענקסט?... וועסט זען, ווען

איך וועל קריגן א ׳פעטן׳ אויף מיין פיסל, וואס אט־א האב איך עס פארטיק, וועל איך דאך אנהייבן אריין צו קריגן געלט, ערשט דאן וועל איך זיך א נעם טאן צו ׳פאעטרי׳ און איך וועל אינגאנצן פטור ווערן פון שאפ.

— וויפל פיסלעך דענקסטו דאס צו פארקויפן? — פרעגט זי שוין מיט א מילדערן טאן.

— וואס הייסט וויפל? דו האסט דען א באגריף וויפל ניי־מאשינען עס זענען פאראן אויף דער וועלט?

— ניין, איך האב נישט דעם מינדסטן באגריף, און דו?

— איך אויך נישט. נאר איז שאפ זאגט מען מיר, אז ווען נאר אפילו א העלפט מענטשן, וועלכע האבן מאשינען זאלן קויפן צו איין פיסל, אויף ביליק, בלויז צוויי דאלער א שטיק, וואלטן מיר געקאנט מאכן א לאנגע רייזע איבער דער וועלט. איך וואלט אראפגעפארן אין מיין שטעטל אין גאליציע, איך וואלט געוועזן אין ישראל עטלעכע מאנאטן, מיר וואלטן אויפגעבויט א קינדער־היים אויף אונדזערע נעמען. זאל די וועלט וויסן, אז אויך מיר העלפן מיט עפעס־צו דער וועלט . . .

פון אזעלכע רייד נעמט אפגיין איר פארדראס אויף אים. ער איז פארט א לייטישער מענטש. ער שאצט אפ אירע טרוימען צו זען מיט אירע אייגענע אויגן דאס לאנד ישראל. שוין א סך יארן ווי זי טוט וויכטיקע ארבעט פאר דער פרויען־ארגאניזאציע הדסה און זי האפט, אז מען וועט זי שיקן אלס דעלעגאטקע אינעם הייליקן לאנד, נאר פארן פארן אנדערע, רייכע. און זאל גאט העלפן אז עס זאל עפעס ארויסקומען פון זיין איינרעדעניש מיט א פיסל . . . אויף אזא אויפגעגאנגענער האפענונג ענטפערט זי אים מיט א געבעט: „הלוואי וואס גיכער! האסט נאך א סך צו שלייפן און צו קלאפן?”

אין שאפ מאכן זיך פריילעך די ארבעטער איבער אים: „אויפן פיסל בויט ער גאנצע שלעסער!”

— ער זאגט־צו דער וויב גאלדענע בערג און זי גלייבט אים.

פון די אלע רייד הייבט זיין פעט, נאאיוו פנים אן שמייכלען. די גרוי־גרינלעכע אויגן צעלייכטן זיך פון די נייע גראמען, וועלכע קומען אים אין קאפ אריין. די גראמען זענען פון א פשוטן ארבעטער, וואס האט מיט זיין דערפינדונג פארלייכטערט די ארבעטער דאס לעבן. און מיטן געלט וואס ער האט פאר דעם אריינבאקומען, ארויסגעהאלפן אלע ליידנדיקע מענטשן אויף דער וועלט . . . .

ער דעקלאמירט אריין זיינע גראמען אינעם גערויש פון שאפ. די מענטשן ארום, צו וועמען עס דערטראגן זיך זיינע געגראמטע רייד, קוועלן אן פון אים.

מענטשן אין מיין לעבן

זיי גיבן אים צו מוט: „די וועלט וועט נאָך קלינגען מיט אונדזער לייבלען!" אין אַ געהויבענער שטימונג בעט ער דעם „טערק" ער זאָל אים צופּאַסן עפּעס אַ מעלאָדיע צו די גראַמען, וועט דאָס ווערן אַ „סאָנג", דערפאַר וועט ער אים דערלויבן צו זינגען זיינע „סאָנגס" אויף קאָנצערטן. ער וועט בלויז דאַרפן דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם שרייבער פון די ליריקס . . .

פון אַזעלכע רייד ווערט פריילעך אין שאַפּ. פריילעכקייט איז זייער אַן אַנגעלייגטער גאַסט. ווי עס וואָלט זיך דאָ באַוויזן אַ גוטער פעטער מיט אַ פריילעך פּנים און פאַנטאַסטישע מעשיות. איצט האָבן זיי געוואָרט, אַז דער „טערק" זאָל צופּאַסן אַ מעלאָדיע צו לייבלס גראַמען און אָנהייבן דאָס אויס־זינגען, וועט ווערן אַ יום־טובדיקע פריילעכקייט. די מענטשן האָבן ליב צו הערן אים זינגען. ווען ער זינגט ווערן אַלע שטיל ביי די מאַשינען. זיי הערן נישט דעם גערויש פון שאַפּ, נאָר זיין געזאַנג. פון זייערע פּנימער טוט זיך אָפּ די פאַרהאַרטעוועטע וואָכעדיקייט צוליב דער גרויסער הנאה וואָס דאָס געזאַנג פאַרגרינגערט זיי די אַרבעט . . . איז אָבער היינט זיי נישט באַשערט געווען דאָס גרויסע פאַרגעניגן, ווייל דער „טערק" איז היינט אַריינגעקומען מיט זיינע אייגענע געדאַנקען. ער וויל זען ווי ער האַלט מיט זיינע ברידער און ער גיט אַ רוף אויס:

— לאָמיר הערן ווער פון אייך ווייסט ווען טאָלסטאָי איז געשטאָרבן?

דאָס איז פאַר די מענטשן געקומען גאָר אומגעריכט און טייל האָבן זיך איבערגעקוקט מיט צעטומלטע בליקן, ווי זיי וואָלטן געפרעגט: „וואָס עפּעס פּלוצים?" — „עפּעס האָט ער אין אַרבל דער טערק . . ." — נאָר יאָסל אָדע־סער האָט אַ מורמל געטאָן צו זיין שכן: „עס וועט באַלד ווערן לעבעדיק און פריילעך".

און אַז קיינער האָט נישט געענטפערט אויף דעם טערקס פראַגע, האָט יאָסל מורא באַקומען, אַז די באַגערטע פריילעכקייט וועט פאַרשלונגען ווערן פונעם שאַפּ טומל, האָט ער זיך אונטערגעאיילט און אַ פרעג געטאָן, ווי אין דער מאַשין אַריין, נאָר אַזוי, אַז עס זאָל טרעפן צו דעם, וואָס ער צילט: „צו וועמען האָט ער דאַרטן גערעדט?"

— צו וועמען איך האָב גערעדט? צו אייך אַלע. נאָר אַזוי ווי איר האָט שוין אַרויסגעשטעקט אייער נאָז, איז לאָמיר הערן צי איר ווייסט? איר ווייסט דאָך אַ סך זאַכן: איר ווייסט ווי אַלט יעדער איינער איז אין שאַפּ און איר ווייסט נישט צו געדענקען אייערע אייגענע יאָרן. איר ווייסט וויפל געלט יעדער איינער האָט, נאָר אייער אייגן פאַרמעגן האָט איר נאָך נישט געציילט. איר ווייסט וויפל יעדער אַרבעטער פאַרדינט איבער דער וואָך אין שאַפּ און

איר ווייסט נישט אויסצוזאגן וויפל איר אליין פארדינט. איז אזא אלץ־ווייסער מעג דאך אויך וויסן ווען טאלסטאי איז געשטארבן.

יאסל האט שטארק הנאה פון דעם טערקס מאנאלאג מיט קאמפלימענטן פאר אים, און תמעוואטע, ווי ער האט כלומרשט נישט פארשטאנען וואס דער טערק האט גערעדט, האט ער א פרעג געטאן: „איז ווער איז דאס געוועז דער טאלסטאי?״

דאס האט דעם „טערק״ אזוי ארויסגעפירט פון די כלים, אז ער האט ווי אן אפגעבריטער אפגעשטעלט די ארבעט, א זעץ געטאן מיט דער האנט אויפן ברעטל פון מאשין און זיך צעשריגן אויף אן עטוואס־דייטשמערישן לשון: „דום־קעפ! וואס דרייט איר זיך ארום אויף דיזן ערד־קוגל און מאכט קאליע ברויט פאר אומזאנסט?! פאראזיטן! צווישן וועמען בין איך דא ארייגעפאלן?! איגנאראמוסעס, ווייסן נישט, אז טאלסטאי איז געוועז א גרויסער רוסישער שרייבער און איז געשטארבן אין יאר ניינצן הונדערט און צען!״

— א, דעמאלט? הערט א מעשה! פון וואנען זאל איך וויסן, אז דאן בין איך שוין געוועז אין אמעריקע.

און דער „אלד־טאימער״ האט נאך צוגעשמאלצן: „וועמען איז דאן געלעגן אין זינען אזעלכע זאכן? אין ניינצן צען זענען מיר דאך געוועז פארנומען מיט דעם גרויסן סטרייק פון די קלאוקמאכער, וואס האט געלייגט דעם פונדאמענט פאר דער יוניאן.

דער טערק איז געבליבן זיצן אן לשון. דאס פנים האט ביי אים געפלאמט פון אויפרעגונג. די אויגן זענען געווען צעצונדן און באצויגן מיט א פייכטן גלאנץ פון זעלבסט־רחמנות. ער האט זיך ארומגעקוקט ווי ער וואלט געזוכט סימפאטיע פאר זיך, נאר אז ער האט דערזען, אז אלע שמייכלען צופרידענע אין די מאשינען אריין, האט ער, ווי א פארצווייפלטער, מיט טרערן אין דער שטים, אויסגערופן:

— איך מוז זיך ארויסרייסן פון שאפ! מיין ארט איז נישט דא! איך וועל זיך באפרייען פון אייער גאנצן געזעמל!

— א, ניין! וועסט שוין בלייבן מיט אונדז אט־א־דא! — האט מען אים אפגעענטפערט ווי אין א כאר. נאר ער האט זיך געראנגלט:

— עס איז מיר ענג צווישן אייך! איך מוז זיך באפרייען!

— אזוי האלטסטו! אזעלכע זינגער ווי דו קוקט מען אין ערגעץ נישט אוים!

שטעכווערטלעך וועגן זיין שטים טוען אים שטארק וויי. ער פילט ווי מען וואלט ארויפגעווארפן שטיינער אויף א צארטער פלאנץ. זיין זינגעוודיקע

מענטשן אין מיין לעבן

שטים האָט אים אַלע יאָרן דערמוטיקט: „מיר וועלן זיך נאָך באַפרייען. מיר וועלן נאָך זינגען אין גרויסע קאָנצערט־זאַלן . . . און זיי וואַרפן שטיינער: ׳וועסט שוין בלייבן מיט אונדז!׳״

לייבל האָט אַריבערגעקוקט צום טערק מיט גרוים רחמנות. ער האָט געזען ווי זיין קאָפּ איז געבויגן צו דער מאַשין און ער אַרבעט זייער האַסטיק מיט גרוים פאַרדראָס. האָט ער גערעדט צו אים טרייסט־רייד:

— נעם זיך נישט צום האַרצן זייערע נאַרישע רייד. זעסט דאָך, אַז זיי פאַרשטייען אונדז נישט. זיי ווייסן נישט וואָס עס טוט זיך ביי אונדז אין די הערצער. מיר וועלן זיי נאָך באַווייזן ווער מיר זענען! טערקעלע — האָט ער מיט גרוים היימישקייט זיך געווענדט צו אים. — טערקעלע, ווי דו קוקסט מיך אָן אַ לעבעדיקן, איך וועל איז דיר נישט פאַרגעסן! ווייל אַזוי גיך ווי איך וועל אָנהייבן צו פאַרקויפן מיין דערפינדונג, דאָס פּיסל, שלעפּ איך דיך אַרויס פון שאַפּ! איך וועל דיר דערלויבן צו זינגען מיינע „סאָנגס״ אַן געלט. עס איז שוין נישט ווייט די צייט, אַט־אָ, און מיר וועלן זיך באַפרייען פון שאַפּ. איז וואָס־זשע דאַרפסטו זיך ערגערן?

די מענטשן אַרום זענען שוין געווען צוריק פאַרטאָן אין אימפּעטיקער אַרבעט און לייבל האָט נאָך אַלץ געטרייסט דעם טערק:

— ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן, איך וועל דיך אַרויסשלעפּן פון שאַפּ! וועסט נאָך זינגען!

14

ימים־נוראימדיק אין שאָפּ

זעט אויס, אַז דער „טערק" האָט נישט געהאַלטן פון לייבלס טרייסט־ווערטער און אויך נישט פון זיין צוזאָג, אַז ער וועט אים אַרויסראַטעווען פון שאָפּ און ברענגען אים אויף די באַרימטע קאָנצערט־בינעס, ווייל לויט דעם באַוועג פון זיין האַנט האָט דאָס געקאָנט מיינען: „לייבל, טו מיר אַ טובה און דריי מיר נישט קיין דאַשעק!"

לייבל איז געווען זיכער ביי זיך, אַז דער טערק צווייפלט נישט אין זיין דערפינדערישקייט, נאָר אַז ער גלייבט נישט אין זיין גוטהאַרציקייט. דאָס האָט אים וויי געטאָן. פון ווייטיק האָט ער אָנגעהויבן אַריבערצורעדן צו אים מיט אַ טאָן פון אַ באַעוולהטן: „צי האָב איך דיך ווען עס איז אָפּגענאַרט וואָס דו גלייבסט מיר נישט? מיין וואָרט איז וואָרט! נאָר אויב דאָס איז דיר נישט גענוג, איז לאָמיר נעמען אַלס עדות די מענטשן אַרום אונדז. זיי מעגן אפילו פאַרשרייבן אַלע ווערטער וואָס איך רעד צו דיר, אַז ווי נאָר איך וועל אָנהייבן אַריינצוקריגן געלט פאַרן פיסל וואָס איך וועל 'פּעטענען', וועלן מיר ביידע זאָגן צו די מענטשן אין שאָפּ אַ גרויסן 'זייטס מיר און האָטס מיר אַ גוטן תמיד'!"

— אַזוי־אָ, אויף טרוקן וועט איר אונדז פאַרלאָזן? — האָט שיע גאַליציאַנער, אַ ייד וואָס האָט ליב צוליב פריילעכקייט ווען מאַכן אַ כוסה, געוואָלט וויסן.

— אַוודאי וועלן מיר מאַכן אַ שמחה פאַר אַלעמען אין שאָפּ. אַלץ הייסט אַ שמחה! ווייל קיין געלט וועט דאָך אונדז נישט פעלן. איז אויב גאָט האָט אונדז שוין געהאָלפן, איז נאָך אייך, ברידער, און געניסט אויך! ווייסט פון אַ לעבן צו זאָגן!

— וואָרט! כאַפּט נישט — האָט דער „טערק" אויסגעשריגן. — זיי אַ גוטער אויף דיין אייגענער קעשענע!

— דו הייבסט שוין אָן מיט דיינע ביליקע שטיק? — האָט לייבל גענורמען בייזערן זיך אויף אים. — מעגסט זיך שעמען! אויך איצט? ווען איך

מענטשן אין מיין לעבן

האב דיך אריינגענומען אלס שותף אין א גאלד־־גרוב ווילסטו נאך אלץ בלייבן דער גראבער פליגל? ! דו הער זיך בעסער איין וואס איך האב דיר צו זאגן וועגן דער „פארטי" וואס מיר וועלן מאכן איידער מיר פארלאזן דעם שאפ: דו וועסט זיי אפזינגען עטלעכע לידלעך וואס איך האלט שוין אין פארפאסן, ספעציעל צום געזעגענען זיך. נאך דיין געזאנג וועל איך געבן א „ספיטש". איך טראכט אנצוהייבן מיין „ספיטש" . . . יא, מיט די ווערטער: שוועסטער און ברידער און . . .

— סטאפ! — האט אויסגערופן סטעלניק, אן אפערעיטאר, א מענטש פון א יאר זיבעציק, וואס איז מיט יארן צוריק אוועק פון שאפ און געווארן א באאמטער אין דער יוניאן. שפעטער איז ער צוריק געקומען אן אנטשוי־טער און זיך אוועקגעזעצט ביים מאשין אין שאפ. — ער האט אפגעשטעלט לייבלען באלד ביים אנהייב פון זיין רעדע און געוואלט וויסן: — אויב דער באס וועט בייזיין ביי דער „פארטי", וועסטו אים אויך אריינרעכענען צווישן די ברידער?

— הער זיך איין, — האט לייבל געענטפערט. — אז איך וועל שוין זיין א פרייער מענטש וועט דאך מיר זיין גוט אויף דער נשמה, דאן וועל איך זיך פארגינען אויך מוחל צו זיין דעם באס פאר זיין דינגען זיך מיט אונדז איבער א פרייז פאר ארבעט. פארשטייסט, איך וויל נישט מיטנעמען פון שאפ אויף מיין פרייהייט אפילו אזא־א שטויבעלע בייזקייט. פארוואס זאל איך שלעפן אזא לאסט פון פארדראס אויף מיין פרייען, גליקלעכן וועג? און לאמיר אייך עפעס זאגן: ווען איך ביז אלט געווען, כ׳וויים, אפשר דריי יאר . . .

— מיט וויפל יארן צוריק איז דאס געווען? — האבן זיך דערהערט עט־לעכע שטימען מיטאמאל.

לייבל האט מיטביידע הענט א פיר געטאן איבער זיין פעטלעכן פנים, ווי ער וואלט געוואלט אפווישן דעם פארדראס אויף די מענטשן, וועלכע שלאגן אים אלעמאל איבער זיינע געדאנקען. ער האט אריבערגעקוקט צו זיי און געזאגט: „איך זע דאך, אז איר ווילט נישט הערן מיין „ספיטש", איז נישט געפידלט! אבער איין זאך וויל איך איר זאלט וויסן, אז ווען איך מיטן „טערק" וועלן אייך פארלאזן וועט אייך שטארק באנג טאן וואס איר האט שטענדיק אפגעלאכט פון אונדז. און איך וועל רחמנות־האבן אויף אייך, ווייל איר האט נעבעך געהאט גראבע קעפ און אונדז נישט פארשטאנען!"

נאך אזעלכע רייד האבן טייל פון זיינע שכנים אנגעהויבן חרטה צו האבן וואס זיי שפאסן שטענדיק פון זיינע איינפאלן און פון זיינע גראמען, ווייל אויב א מענטש רעדט מיט אזויפיל הארץ, איז דאך עפעס פאראן אין

דעם, און צוריק געוועדט, האט מען דאך זיך געזאגט אנגעהערט וועגן פשוטע ארבעטער, וועלכע האבן דערפונדן זאכן און דערמיט פארלייכטערט דאס לעבן פון מענטשן. איז אפשר לייבל איינער פון יענע געבענטשטע מענטשן.

און דערפאר, וואס נעמט מענטשן און געשעענישן מער ערנסט ווי טייל ארבעטער אין שאפ, האט געלאזט הערן זיינע מחשבות: „איך אליין האב געקענט ארבעטער וועלכע האבן דערפונדן אלערליי געצייג צו פארלייכטערן די ארבעט. אמת, קיין גבירים זענען זיי דערפון נישט געווארן, נאר אפשר וועט לייבלען בעסער אפגליקן".

די אלע רייד האבן אנגעהויבן שטארקן דעם „טערק" צו גלויבן אין דער מעגלעכקייט, אז לייבל זאל טאקע אנהייבן ארייננצוקריגן געלט פאר זיין דערפינדונג. דאן וועט ער דאך זיכער האלטן זיין צוזאג ארויסצושלעפן אים פון שאפ . . . איז די ערשטע זאך וואס ער וועט טאן, איז אנהייבן זיך לערנען זינגען אויף נאטן, ווייל זינגען אויפן אויער ווי ביז איצט קאן ער ווייט נישט פארפארן. דעמאלט וועט אים שוין קיינער נישט זאגן, „טויבער זינגער". מיט אזא געשולטער כלי ווי זיינע וועט ער זיכער זיך דערשלאגן צו אנגעזעענע קאנצערט-בינעס . . . לייבל לייגט זיך נעבער אומזיסט פייגעלעך אין בוזעם, אז איך וועל זינגען זיינע גראמען . . . אריעס פון די בעסטע אפערעס וועל איך זינגען, וועגן וועלכע די צייטונגען וועלן זיכער שרייבן. נאך אזא קאנצערט וועל איך זיך געבן א שטעל אריין אין שאפ און א זאג טאן: „מיינע טייערע געוועזענע מיטארבעטער, וועלכע האבן שטענדיק געלייגט שטיינער אויף מיינע פליגל פון האפענונג און געריצט זיך מיט מיר: — אט דא, מיט אונדז וועסטו שוין בלייבן! פון שאפ-שטייג באפרייט מען זיך נישט! — איז ווער האט אויסגעפירט? איך! . . . אוי, ווי שווער עס איז מיר געווען צו ארבעטן מיט אזעלכע מענטשן, וועלכע ווייסן אפילו נישט ווען טאלסטאי איז געשטארבן און . . . "

— „טערקעלע", וואס ביסטו אזוי פארטראכט? און וואס מאכסטו אזוי מיט די ליפן, גלייך וואלסט גערעדט צו עמעצן? — האט לייבל אריינגעריסן זיך אין זיינע מחשבות.

— הא? איך טראכט . . . יא, ווען דענקסטו צו האבן פארטיק דיין דערפינדונג?

דער ערנסטער טאן פון זיין פראגע איז געווען א דערמוטיקונג פאר לייבלען, דערפאר האט ער געענטפערט זייער גוטברודעריש און היימישלעך: „נישט לענגער זאל דויערן דאס יידישע גלות! לאמיך נאר אויסרעכענען . . . וואס פאר א חודש האבן מיר היינט? . . . א, יא, איך האב שוין געהערט

מענטשן אין מיין לעבן

שופר־בלאזן אויף מיין גאס אין שול. דאס מיינט, אז מיר האלטן פאר די הייליקע יום־טוב־טעג, דאן וועלן מיר נישט ארבעטן אין שאפ, וועל איך האבן מער צייט פארן פיסל . . . יא, ארום סוכות־צייט, גלייב איך, צו האבן פארטיק מיין דערפינדונג".

פון דעם אופן ווי לייבל האט געמאכט זיין רעכענונג וועגן די יום־טובים מיט זיין פיסל, האבן די ארבעטער ארום אים אנגעקוואלן און דאך האט דאס ביי איניקע ארויסגערופן א זיפץ: „שוין באלד ראש־השנה, נאך א יאר איז אוועק".

— און די בלעטער פון דיביימער הייבן שוין אן צו פאלן, — האט ווער אונטערגעהאלטן.

— און די לופט ווערט אי לויטער, אי אנגעפילט מיט ימים־נוראימדיקער בענקשאפט, וואס איז זיס און עפעס פיינלעך. — האט געזאגט דארפמאן. און פון זיינע ווערטער זענען ביי די מענטשן אויפגעגאנגען אלערליי דערמאנונגען.

און היינט, ווי שטענדיק אין דער צייט פון יאר, פארלויפן די מענטשן פון שאפ דעם וועג פון חזנים; עס דערהערן זיך ימים־נוראימדיקע ניגונים נאך איידער מען הייבט אן גיין צו סליחות. מען זינגט אנדערש ווי אין אלע אנדערע טעג פון א גאנץ יאר, ווייל אין אלע אנדערע טעג זינגט יעדער איינער לויט זיין אייגענעם געמיט, אבער אין די ערב יום־טובדיקע טעג איז דאס געמיט כמעט ביי אלע דאס זעלבע.

עס טרעפט אמאל אין די וואכעדיקע טעג זענען די מענטשן ביי דער ארבעט באלאדן מיט שווערע מחשבות — די וועלט איז א שלאכטפעלד געווארן: אין די אייגענע היימען איז מען נישט זיכער מיטן לעבן. אין די גאסן האט א מענטש מורא פאר א מענטש. מען שיקט מענטשן אין פרעמדע לענדער צו הרגענען מענטשן. און אלע ווייסן פון די אלטע, הייליקע ווערטער, „זאלסט נישט הרגענען!" און מען הרגעט פיל לייכטער ווי מען זאמט זיך אויסצושמידן פון שווערד אן אקעראייזן . . .

דאן טרעפט אויך, אז דער „טערק" זאל שוין מער נישט קאנען פארטראגן די שווערע שווייגעניש, טוט ער פלוצעם א זעץ מיט דער האנט אויפן מאשינברעטל און רופט אויס: „קיין מיליאנער פון דער ארבעט וועל איך שוין סייווי נישט ווערן! און וואס פאר א ווערט האבן מיליאנען, אז פון דער וועלט האבן זיי געמאכט א שעכטהויז פאר מענטשן! האב איך דאס אין דער ערד! איך מעג זיך אויך פארגינען א לעב צו טאן אויף דער וועלט, איידער עס ווערט צו שפעט!" — און ער צעזינגט זיך.

שלמה וואַסערמאַן

די מענטשן אין שאָפּ הערן זיך איין אין זיין לירישער שטים און ביס־לעכווייז דערפילן זיי, ווי פון זייערע געמיטער הייבן זיך אַראָפּצוקייקלען שווערע, בלייענע בערג. עס ווערט זיי לייכטער און ליכטיקער, ווי די זון וואָלט זיך דורכגעריסן דורך שוואַרצע וואָלקנס. פון פרייד לאָזן זיי וויסן דעם „טערק״:

— אַ „טערק״ מיט אַזאַ כלי קומט צוניץ אין שאָפּ!

— ער איז נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט אים! איך, מיט אַזאַ „שרייערל״ וואָלט דאָס נישט געפּטרט אַזוי־אַ נישט־מיר, נישט דיר!

— די ביינער דאַרף מען אים צעברעכן! אַ גזלן אויף זיך אַליין!

— גוטער וויין אין אַ שלעכטער פאַס!

אַזעלכע גוטברודערישע „קאָמפּלימענטן״ גיבן אים פליגל פון האָפענונג אויף וועלכע ער טראָגט זיך אַוועק. „זומער ביינאַכט אויף די דעכער . . . ״ אָדער, „שטויסט זיך אַז, זייט קלוג און שטויסט זיך אַז . . . ״ ביז ער ווערט „אַ באָרדער ביי מיין ווייב״, דאַן קומט ער צו „מיין שטעטעלע בעלז . . . ״

צו אַזעלכע לידלעך קריגט ער אַ סך מיטזינגער. זיי לאָזן אים נישט אַליין, ביז זיי פירן אים אַראָפּ פון וועג. דעמאָלט טוט ער אַ מאַך אויף זיי מיט דער האַנט און בייזערט זיך אַז: „וויסטע קאַליקעס וואָס איר זענט!״ און ער לאָזט זיי איבער אונטערוועגנס בלאָנדזשען . . .

היינט, ווען לייבל האָט אויסגערעכנט, אַז זיין פּיסל ווערט פאַרטיק ווערן אַרום סוכות־צייט, האָט דאָס אַ ווייע געטאָן אויף די מענטשן אין שאָפּ מיט ימים־נוראימדיקע שטימונגען, וועלכע האָבן אַרויסגערופן ביי זיי ניגונים פון די פאַרכטיקע טעג. אַפילו די, וועלכע קאָנען נישט זינגען, כאַפּן זיך־צו צו תפילהדיקער נגינה און זיי זינגען זיך מיט דעם געזאַנג, וואָס איז אין זייערע לייב־און־לעבנס: געזאַנגען, מיט וועלכע זיי זענען געוואָקסן פון קינדווייז־אָן. מיט דעם לויף פון יאָרן האָט דאָס געזאַנג איינגעוועבט זיך אין נייע איבער־לעבונגען, מיט נייעם באַדייט . . . כמעט אַלע זענען געבוירן געוואָרן אין אַ צייט פון מלחמה, אין אַ צייט פון אַן עפּידעמיע, אין אַ צייט פון אַ פּאָגראָם. — קומען אָן די הייליקע טעג, דערציילן זיי געשיכטעס דורך געזאַנג . . .

דאָ אין שאָפּ זינגט מען נישט מיט חזנישן פאַרנעם, נאָר מען זינגט מיט דעם זיסן געבעט פון קליינשטעטלדיקן בעל־תפילה, וואָס „לייגט די ווערטער אין מויל אַריין״. מיט דעם בעל־תפילהס געבעט רייסן זיי זיך אַוועק פון די מאַשינען, פון די אַלערליי אַרבעטן און פליען אַוועק מיט די פליגל פון בענק־שאַפט ווייט אַהין, וואָס הייסט „די אַלטע היים״ — דאָס שטעטל. דאָרטן גייען זיי מיטן טאַטן, מיט ברידער, מיט משפחה און שכנים אין נעפּלדיקן

פארטאג, צו סליחות. עס איז הארבסטיק קיל, עס איז פייכט און פארכטיק... פאגראמשטשיקעס רוקן זיך אויפן שטעטל און עס דערהערט זיך פון צווישן די מאשינען:

— „אוי, אוי, אוי! הנשמה לך והגוף פעלך חוסה על עמלך..."

— אוי, אוי! אזויפיל יידישע נשמות האבן די רוצחים אומגעבראכט! אוי, גופים צעלעכערטע אין די גאסן! מאמעס מיט טויטע עופהלעך אין די ארעמס...

— אוי, אוי, הנשמה... — די הערצער זענען איבערגעפילט מיט פיינלעכן ווייטיק. ווער, אוי ווער וועט משפטן די מערדער?...

פון אזעלכע געזאנגען ווערט אומעטיק דער נעגערישער מיידל קעטערין. זי איז א „פלאר גוירל", א מיידל וואס טוט פארשיידענע ארבעטן אין שאפ און דערמיט העלפט זי אלעמען ארויס. זי ווייסט די באדייטונג פון אלע יידישע יום־טובים און ווייסט אויך די נעמען פון יידישע מאכלים וואס מען עסט יעדן יום־טוב. ווען עס קומט חמשה־עשר בשבט טיילט זי אלעמען באקסער, וואס זי קריגט ביי די יידישע פינישערינס. זי איז א פריילעכע, בעט זי הערין ער זאל פאר איר זינגען „טומבאלא־לייקע". זי ווייסט אז דאס איז זיין באליבט לידל, וואס זי קאן אויסטאנצן מיט דזשעז־באוועגונגען, נאר איצט האט הערי בלויז געגעבן א קוק אויף איר מיט עטוואס פייכטע אויגן, נישט מפסיק געווען זיין געזאנג און א דריי געטאן דעם קאפ אויף ניין.

דאס געזאנג איז אבער צום געמיט א צווייטער נעגערישער מיידל, אוירלי. זי ארבעט דא פון זינט דער באלעבאס איז געווארן באלעבאס. זי ארבעט מיטן פנים צו א וואנט אין א ווינקל פון שאפ ביי א „פינקינג"־מאשין. א מאשין וואס שניידט זיגזאגיש די רויע נעט פון די דרעסעס, אז זיי זאלן זיך נישט קענען אויסטעפען. אויף דער וואנט קעגן איר הענגען צוויי פאטאגראפיעס פון קינדער. איינס א ווייס, וואס זי האט געפונען אלס עופהלע אויף דער שוועל, שפעטער האט זי אויך אדאפטירט א נעגעריש קינד. אמאל, מיט יארן צוריק, האבן די מענטשן אין שאפ געגרייט פאר איר א חופה־קלייד, נאר דער חתן איז נישט געקומען צו דער חתונה. זינגט זי אומעטיקע געזאנגען, זי זינגט אוים איר פארדראס און איר ווייטיק. זי איז א פרומע און קאן קאפיטלעך תהילים אויף אויסנווייניק. זי האלט אונטער די ימים־נוראימדיקע ניגונים אין שאפ.

ווען עס קומט צו כל נדרי כאפט זיך יעדער איינער זינגען, נאר ביסלעכווייז פאלן זיי אפ און דער „טערק" בלייבט דער סאלא־זינגער. ווען דער „טערק" זינגט, שווייגן אלע: עס שווייגט די פארלעידי, וואס איז אן איטאליענערין. אין אירע גרויסע, שווארצע אויגן הייבן אן צו שיינען פייערלעך. עס שווייגט

דער „פראדאקשאנמאן" מיט דרך־ארץ. ער וועט זיך נישט אריינרייסן איצט מיט זיינע וואכעדיקע טענות, דרייט ער זיך ארום ווי א פרעמדער אין שאפ. עס שווייגט דער באלעבאס, באטש ער האלט, אז דאס זינגט ער, דער „טערק", אויף זיין צייט, אויף זיין רעכענונג און אויף זיין געלט, נאר ער וועט דאס אים נישט זאגן. ער קוקט אויף אים פון ווייטן, ווי ער וואלט אים באוואונדערט, נאר ער וויל נישט ער זאל אים באמערקן. אלע ווייסן, אז שפעטער וועט דער באס צוקומען צו אים, אים געבן די האנט און זאגן, „הלוואי וואלסטו געקאנט אזוי ארבעטן ווי דו קענסט זינגען". — נאר דערווייל שווייגן אלע. דאכט זיך דעם טערק אז דאס גערויש פון די מאשינען איז זייער, זייער ווייט. און ער איז זייער, זייער ווייט פון די מאשינען. ער זינגט איצט פאר א גרויסן יום־טובדיקן עולם אין א קאנצערט־זאל. באלד וועט ער קומען צום פינאל. די מענטשן וועלן אים באדאנקען מיט אפלאדיסמענטן און באלד דערהערט ער:

— עברי, עברי! דערלאנג לשון!

— עברי איז אן איידעלע זאך! — ענטפערן די מענטשן מיט געלעכטער. און די יום־טובדיקייט האט זיך באלד אפגעטאן.

דער „טערק" איז אנטשוויגן געווארן. זיין פנים האט געפלאמט. דער ארבעטער וואס האט פארלאנגט עברי איז א נייער אין שאפ. ער האט זיך פארענטפערט: „איך האב געמיינט, אז ער פוילט זיך צו זאגן עברי. איך זאל געוועזן וויסן אז אזוי־א, וואלט איך אים נישט געוועזן מבייש געווען . . . נאר סיי ווי האבן שוין א סך מענטשן נישט געהערט סעמס אנטשולדיקן זיך, ווייל איז אנדערן עק פון די מאשינען האבן שוין די מענטשן געהאלטן ביי שמחת־תורהדיקע געזאנגען. זיי האבן געזונגען די געזאנגען צו הקפות מיט אייגנ־געמאכטע גראמען: „עוזר דלים הושיעה נא, אלע קבצנים זיצן דא; איי דידל־די . . ."

דאס פרייליכע געזאנג האט זיך געשפרייט איבערן שאפ, האט געלינדערט די געמיטער פון די שווערע דערינערונגען און געגעבן פרישע האפענונגען.

דארפמאן האט זיך געווענדט צום „טערק", וואס איז געזעסן ווי אן אויסגעפאטשטשעטער און געזאגט: „ערגער זיך נישט. הערסט דאך, אז דער עולם זינגט שוין די הקפהדיקע געזאנגען. וועט דאך באלד זיין שמחת־תורה, וועט מען אנהייבן צו לייענען די תורה פון דאס ניי. פארשטייסט: די צייט לאזט זיך נישט אוים. מען דארף זיך נישט פילן געפאלן. מען מוז אנהייבן פון דאס ניי . . .

דער „טערק" האט נישט געענטפערט דארפמאנען. ער האט אריבער־

גערעדט צו לייבלען מיט פייכטע אויגן: „עס איז דיין שולד! אַלעמאָל פּירסטו מיך אַריין אין אַ צרה מיט דיינע נאַרישע חלומות!"

לייבל האָט אים ווי נישט־געהערט און אויסגערופן: „אָט דאָס זענען טאַקע די ריכטיקע ווערטער, 'נישט פילן זיך געפאַלן!' ווי דאַרפמאַן האָט באַמערקט". — און לייבל האָט אים גענומען טרייסטן: „וועסט זען, איך וועל דיך אַרויסרייסן פון שאַפּ! וועסט זיך נאָך אויסלערנען עברי ווי אַ וואַסער! זוייל קיין געלט וועט אונדז נישט פעלן. וועסט זיך אויסלערנען נאָטן און איך מאַך אַ וועט, אַז וועסט נאָך זינגען אין רייכע סינאַגאָגעס. מיר וועלן אויסטיילן פרייע טיקעטס פאַר אַלע מענטשן פון שאַפּ, זיי זאָלן דיך קומען הערן. דאַן וועסטו זיין אויבנאָן! איצט, דערווייל דאַרפסטו זיך האַלטן ווי אַ מאַן! נישט פילן זיך געפאַלן! נעם זיך אַ ביישפּיל פון מיר: אַז מענטשן זאָגן אַמאָל אויף מיינער אַ 'פּאָעם', אַז עס האָט נישט קיין יידישן טעם, האָרך איך זיי ווי דעם פּאַראַיאַריקן שניי! איך הייב באַלד אָן אויסצוטראַכטן נייע 'פּאָעמס'. איך, אַז איך האָב אַ דורכפאַל, פאַל איך נישט אַראָפּ ביי זיך, נאָר איך טו ווי דאַרפּמאַן האָט געזאָגט: איך הייב אָן פון דאָס ניי".

15

אָן פענצטער

די צוויבער קאָלירן פון שיינע חלו־מות גיבן דעם מענטשן כוחות צו גיין פאַרעקשנט אויף די שווערע וועגן פון לעבן צום אויסגעטרוימטן ציל. דער גראַנגל גייט־אָן אין אַלע אָפּטיילונגען פון דעם שאָפּ.

איינגעטיילט איז דער שאָפּ אויף אַ סך צימערן, מערסטע פון זיי — אָן פענצטער. די גרעסטע אָפּטיילונג, וואָס האָט יאָ עטלעכע פענצטער, איז דאָרט וואו עס ווערן אויסגעפּאַרטיקט די קליידער.

אין אַ באַזונדערן צימער אָן פענצטער, באַלויכטן מיט עלעקטרישער טאָג־ליכט אַרבעט די דיזיינערין. זי איז אַ הויכע, אַ גלייכע און אַ דינע, מיט אַ שטענדיק פאַרזאָרגטן שטערן און פאַרטראַכטענע בליקן אין אירע ברוינע אויגן, ווי זיי וואָלטן קיינעם נישט געזען אַרום זיך, ווייל זיי פאָלגן נאָך אירע גע־דאַנקען, וועלכע שוועבן ערגעץ ווייט, ווייט אויסער די ווענט פון איר צימער און זוכן דאָרטן נייע אידייען, עפּעס אַ גליקלעכע קאָמבינאַציע פאַר איר קרעאַטיוון טאַלאַנט, וואָס זאָל שאַפן אַזאַ „סטאַיל״, אַז עס זאָל געבן דעם טאָן אין גאַרמענט צענטער און אַז די צייטונגען זאָלן דרוקן איר בילד מיט באַשרייבונגען . . .

די געהילף־דיזיינערין איז אין וואַרשטאַט־צימער מיט די „סעמפּל״־מאַכערס. זי דאַרף פאַרקערפּערן דער דיזיינערינס טרוים אין אַ מוסטער־קלייד. זי מעסט און פּאַסט־אויס די טיילווייז צונויפגעשטעלטע קליידער אויף אַ מאָדעל־מיידל. די מאָדעל־מיידל מוז זיין פון אַ פאַרויס־באַשטימטער מאָס — אָפּטמאָל מיט סעזאָנעלע ענדערונגען: גרעסערע, אָדער קלענערע היפּטן, אַ גרעסערער אָדער קלענערער ביוסט — אַלץ דאַרף שטימען מיט דער שיינ־קייט־ווייזיע פון די מאָדע־מאַכערס.

די געהילף־דיזיינערין איז אַ הויכע, אַ צעוואַקסענע און אַ פאַרביטערטע: דער דיזיינערין צאָלט מען פאַנטאַסטישע שכירות און איר — ווי אַ גע־וויינלעכער אַרבעטערין. זי מוז אַרבעטן שווער צו פאַרוואַנדלען יענערס אי־דייען אין אַ פּראַקטיקן פּראָדוקט . . . זי גלייבט אַז די דיזיינערין וואָלט איר ציל נישט דערגרייכט אָן איר. חלומט זי אויף אַ „טשאַנס״ צו ווערן אַליין אַ דיזיינערין . . . .

מענטשן אין מיין לעבן

זי פארגינט נישט די מאדעל־מיידלעך זייערע געטאקטע פיגורן און די פרישקייט פון זייערע לייבער, רעכנט זי זיך אפ מיט זיי בשעת מעסטן און פאסן אויף זיי די סעמפל־קליידער: „דיינע היפטן זענען צעוואקסן אויסער פראפארציע, דאס קומט פון צופיל נאשן . . . שטיי גלייך! הייב העכער דיין ביוסט! שטיי נישט ווי קיין גלאמפ, גיב זיך א דריי! פארשטייסט נישט וואס מען רעדט צו דיר? !"

דער מאדעל־מיידלס בלוטן קאכן־אויף פון באליידיקונג. זי וואלט איר אפגעענטפערט, אז עס זאל איר פינצטער ווערן אין די אויגן. זי וואלט מיט עקל אפגעשטויסן אירע בייזע פינגער פון איר לייב; דאס לייב וואס ווערט געגלעט צערטלעך פון איר געליבטן, איז אבער מאדעלירן איר איינציקע פרנסה און דערצו טראגט זי א חלום: אויסהאלטן, צוציען ביז דער געליב־טער וועט חתונה האבן מיט איר . . .

אין א זייטיק צימערל ארבעט א „סקעטשער". ער צייכנט שווארץ אויף ווייס. ער איז הויך, דין און ווי ארויסגעוואקסן פון זיינע קליידער, וואס זענען לויט דער לעצטער מאדע פאר מענטשן וועלכע האלטן זיך פאר אויסנאמען. די הויזן — שמאלע, ווי לאנגע זאקן ארויפגעצויגן אויף די פיס, און דאס רעקל — גלייך ער וואלט געוועזן אויסגעוואקסן דערפון. זיין פנים איז מאגער, יינגלעריש. די וואנצעס דיקע, ווי צוגעקלעפטע. די האר לאנגע און פאר־קעמט מיידלעריש. זיין גאנצער געשטעל איז ווי פון א יונג בחורל, נאר די קנייטשן ארום די אויגן זענען ווי ביי א פאר דער צייט געעלטערטן יונגנמאן...

ביי דער ארבעט איז ער אויסגעפוצט, אזוי ווי ער וואלט אויפן וועג צו א שמחה זיך דא פארהאלטן אויף א ווײַלע . . . ווען ער מאכט די צייכענונגען, דאכט זיך אז די הענט ציען פון זיין מוח דורך די אויגן און פון זיין גאנץ ווזן איידעלע געוועבן פון וועלכע עס ווערן ליניעס, רונדן, האלבע צירקלס און אלערליי העפטערייען, ביז עס באקומט זיך א פרויען־געשטאלט אין א גראצ־יעזער פאזע, איינגעהילט אין א דינעם געוועב פון א קלייד.

אין א באזונדערן צימער, ביי לאנגע טישן, ארבעטן די פעטערנמאכערס. זיי קאפירן מוסטער־קליידער און שניידן אויס פון הארטן פאפיר פארמעס לויט וועלכע די צושניידערס וועלן דארפן שניידן פרויען־קליידער. אין אט־די אלע צימערן ארבעטן מענטשן, וועלכע קאנצענטרירן זייערע געדאנקען אויף פינקטלעכקייט און אויף דערפינדערישקייט.

אן עטוואס גרעסערער צימער — אויך אן פענצטער איז די „שאו־רום", וואו מען ווייזט די מוסטער־קליידער צום פארקויפן. אין דעם צימער זענען אלע ווענט באהאנגען מיט גרויסע שפיגלען, וועלכע שפיגלען זיך אין די קעגנאיבערדיקע שפיגלען, ווערט פון דעם צימער א גאר גרויסער זאל, וואס

ציט זיך ווייט, ווייט אַוועק. די טישלער און די שטולן אויף וועלכע עס זיצן די סעילסלייט (פּאַרקויפערס) און די באַיערס (קויפערס) — זענען אַז אַ צאָל... די עטלעכע בוקעטן בלומען זעען אויס ווי אַ בלומען־גאָרטן. דער באַלעבאָס איז איינער, נאָר ער זעט זיך אַרויס אומעטום אין דעם „אומענדלעכן זאַל" פון די שפּיגלען.

איידער עס הייבט זיך אָן די „שאָואינג" (דאָס ווייזן) פון די מוסטער־קליידער, שרייבן שוין די צייטונגען וועגן די אָריגינעלע קרעאַציעס פון דער דיזיינעריןָ. מען לויבט זי פאַר איר פיינעם געשמאַק און די איידעלע ליניעס, וואָס אירע שאַפונגען וועלן העלפן אַרויסברענגען אין דער פרוי.

מען באַשרייבט אויך דעם באַלעבאָס און מען גיט איבער זיינע מיינונגען וועגן דעם פּאַר, וועגן דער אַרבעטער־יוניאָן און וועגן די אָרגאַניזאַציעס פון די באַלעבאַטים. מען שרייבט וועגן זיינע נביאותן וועגן דער צוקונפט פון דער פרויען־קליידער־אינדוסטריע... מ'פאַרגעסט אויך נישט אָנצוגעבן אַ פּאָר ביאָ־גראַפישע שטריכן זיינע: „שטאַמט פון אַן אָרימער אימיגראַנטישער פאַמיליע, וואָס איז געקומען אַהער נאָך אַ פּאָגראָם פון אַ שטעטל אין 'יוראָפּ'. דאָ אין אַמעריקע איז די נויט געווען גרויס, דאָך האָבן זיינע עלטערן געוואָלט, אַז ער, זייער עלטסטער זון פון אַ סך קינדער, זאָל זיך לערנען און שטודירן, זאָל אויסוואַקסן אַ ליטישער מענטש. אָבער ער, דער עלטסטער זון, האָט נישט געקאָנט צוזען ווי זיין טאַטע אַרבעט שווער, איז ער אַוועק זוכן אַרבעט אַרויס־צוהעלפן אין דער פּרנסה . . . צופוס פלעגט ער גיין איבער דער ברוקלין בריק קיין מאַנהעטן אין גאַרמענט צענטער, דאָ געאַרבעט אַלס שיק־יינגל, גע־שטופּט אַ וועגעלע מיט סחורה איבער די ענגע גאַסן, געטראָגן פּעק אויף די פּלייצעס און אויסגעקערט דעם שאַפּ. אָבער היינט? ! — אַ גרויסער גע־שעפטסמאַן, וואָס באַשעפטיקט הונדערטער מענטשן".

צו דער דערעפענונג פון נייעם סעזאָן מאַכט מען „פּאַרדים" (שמחות) פאַר די „באַיערס" וועלכע קומען זיך צונויף פון אַלע עקן לאַנד. פון די אָנ־געקומענע קויפערס ווערט ענג אין די עלעווייטאָרס. און די קאָרידאָרן באַקור־מען דעם אויסזען פון וואָקזאַלן מיט אַ סך איילנדיקע פּאַסאַזשירן. צוליב דער ענגשאַפט האָבן אַמאָל די באַלעבאַטים פּרובירט איינפירן, אַז די אַרבעטער פון די שעפער זאָלן פאָרן מיט די פּראַכט־עלעווייטאָרס אין וועלכע מען פירט וועגעלעך מיט סחורות און אַלערליי קאַסטנס. אָפטמאָל פירט מען גאַנצע קיכן מיט שפּייז פאַר די ביזנעס עקזעקוטיווס, — מענטשן וועלכע האָבן נישט קיין צייט אַראָפּצוכאַפּן זיך אין אַ רעסטאָראַן און אָפטמאָל פירט מען די קיך אויף רעדלעך מיט אַלעם גוטן פאַר אַ שמחה אין שאַפּ.

דער עיקר איז די באַלעבאַטים געגאַנגען אין דעם, אַז מיטיק־צייט זאָלן

די אַרבעטער נישט פּאָרן מיט די פּראַנטיקע עלעוויטאָרס. זיי האָבן געטענהט, אַז צוליב ענגשאַפט ווילן זיי דאָס. נאָר די אַרבעטער האָבן געטייטשט אַנ־דערש: די באַלעבאַטים שטייט נישט אָן, אַז זייערע אַנגעלייגטע געסט, די באַיערס, וועלכע קומען פּאַרפּוצטע און פּאַרשפּריצטע מיט טייערע פּאַרפומען און רעדן צווישן זיך וועגן ביזנעס און פּאַרווייליגנגען, וואָס די באַלעבאַטים גרייטן צו פּאַר זיי — זאָלן זיך מישן מיט די אַרבעטער, וועלכע רעדן מערסטנס וועגן די נישט־גוטע באַדינגונגען אין די שעפּער . . .

מיטיק־צייט, אין די קאַלטע ווינטערס, כאַפּן די אַרבעטער אויף שנעל די קאַפּעליושן וועלכע זענען מערסטנס צעקנייטשט פון ענגשאַפט אין „דרעסינג־רום״ (גאַרדעראָבע), מען כאַפּט אויף זיך דאָס אויבער־מלבוש, וואָס וויפל מען זאָל דאָס נישט רייניקן פון שאַפּ־שטויב בלייבן דאָך פּאָדעם־עקן און צווירן, ווי סמנים פון די קאָלירטע סחורות אויף וועלכע מען אַרבעט דעם טאָג . . .

זומער־צייט אײַלן די אַרבעטער צו די עלעווייטאָרס אָן רעקלעך, אָן קראַוואַטן, העמדער מיט קורצע אַרבל, הויזן מיט צעצויגענע און פּאַרגלאַנצטע קני, שיך — מיט אויל־פלעקן פון מאַשין. די פּרויען קומען מערסטנס אין זייערע אַרבעט־קליידער, וואָס זעען אויס ווי ברייטע פּאַרטעכער, און אַלע אַרבעטער רעדן הויך און פרײַ אין עלעוויטאָר וועגן זייער לעבן אין שאַפּ . . . די אַרבעטער האָבן מיט דער הילף פון דער יוניאָן געענטפערט מיט אַ „ניין!״

אייניקע אַרבעטער האָבן גאָר אינגאַנצן צונישט געמאַכט די „באַיערס״. דער ערשטער איז געווען ראַלף, ביי וועמען עס איז פאַרשוואונדן געוואָרן אַ בוך פון זיין קעסטל וואָס ביים מאַשין. ער הייבט אָן — ווי זיין טבע איז — הויך אויפן קול מיט זיין בעסאַראַביער יידיש, ווען ער דערזעט אין קאָרידאָר וואַרטנדיק אויפן עלעווייטאָר די באַיערס, באַזונדערס די פּרויען־„באַיערס״:

— ווען מיר זאָלן נישט מאַכן קיין דרעסעס, וואָלטן זיי דאָך נישט גע־האַט וואָס צו קויפן און זיי וואָלטן נישט געהאַט אין וואָס זיך אַזוי אויסצופּוצן, ווי אַקטריסעס אויפן „סטעידזש״ און נאָר מיט אַזאַ אַנשטעל, אַז מען זאָל מיי־נען גאָט וייסט ווער זיי זענען! זעט נאָר פּאָר וועמען מיר דאַרפן זיך שע־מען! נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן! איך וואָלט נישט אויסגעביטן דעם נאָגל פון מיין וייבס מינדסטן פינגער פאַר אַזאַ אויסגעשמירטער ליאַלקע!

דאָרפמאַן האָט אים פּרובירט איינשטילן: „רעדט נישט אַזוי הויך! אפשר פּאַרשטייען זיי יידיש, עס איז דאָך מעגלעך; איז פאַרוואָס זאָלסטו זיי פּאַרשעמען? זיי האָבן דען געזאָגט, אַז זיי ווילן נישט פּאָרן מיט דיר אין איין עלעווייטאָר? זיי זענען דאָך אויך אַרבעטער, נאָר זייער אַרבעט איז איינצו־קויפן פאַר גרויסע געשעפטן. און גלייבט מיר, אַז מקנא זיין זיי . . .״

נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעריסן דער „אָלד־טאַימער״: „שוין! אונדזער

גרויסער פילאָזאָף איז דאָ! ער נעמט זיך שוין אָן פאַר זיי אויך! ביי אים זענען זיי אויך אַרבעטער! ער האָט דאָס אוודאי געלייענט אין הייליקן ספר פּראַלניק פון זיין... ווי הייסט ער דאָרט, האַ?... יאָ. — ווייסט דאָך אַז אויף דער עלטער הייבט מען אָן צו פאַרגעסן נעמען.... — ביי זיין קאַרל מאַרקסן, צי ביי, כ'מיין... יאָ, ביי שלום־עליכמען. דער גרויסער חכם וועט שוין באַלד זאָגן ווי דער כעלעמער מלמד, אַז מאַכן די אַלערליי שמירעכצן מיט וועלכע זיי פאַרשמירן זייערע פּנימער, די האָר און אַרום די אויגן, אַלע טאָג אַנדערע קאָלירן, וועלכע מוזן שטימען מיט די קאָלירן פון די איבערגע־ביטענע אויערינגלעך, — אַז זיי זענען אויך אַרבעטער!"

— אַפילו גיסן וואַסער אין ים אַריין איז אויך אַרבעט! — האָט דעיוו דער פּרעסער געזאָגט. און דאָס האָט דעם „אַלד־טאַימער" שוין אינגאַנצן אַרויסגעבראַנגט פון די כלים און ער האָט זיך צעשריגן:

— דער ים ווערט דען פולער פון גיסן וואַסער אין אים! איז ווער דאַרף אַזעלכע אַרבעטער, וועלכע וואַרפן אַרויס זייער אַרבעט?

— אַלע זענען אַרבעטער, — האָט דער „טערק" אונטערגעהאַלטן. — די וועלכע צופּן ביי זיי אויס די נאַטירלעכע ברעמען און שמירן אָן פאַלשע, די וועלכע אַרבעטן אויס קינסטלעכע וויעס, וואָס זיי קלעפּן־אָן צו די אויגנ־דעקלעך און...

— זאָל שוין זיין גענוג! — האָט אויסגערופן שיע גאַליציאַנער, — לאָזט נאָך עמעצן זאָגן אַ פּאָר ווערטער. גלייבט מיר, ווען איך דערזע זייערע גרויסע פאַלשע, שטייפע... וויאַזוי האָסטו דאָס אָנגערופן?... „וויעס" — נו, מילאַ, זאָל זיין ווי דו זאָגסט, וויעס, — זעט אויס אַ ניי וואָרט, האַ?... איז ווען זיי לאָזן אַראָפּ, ווי דו זאָגסט, אָט די וויעס,—ריכטיק?—איבער די אויגן, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס זענען פליגל פון מאָדנע פייגל, וועלכע וועלן זיך באַלד געבן אַ צעפּאַכע און אַוועקפליען מיט די מיידלעך, צי ווייבלעך, גאָט ווייסט אין וואָס פאַר אַ ווילדן וואַלד אַריין...

— אַז מען האָט קינדער אין די וויגן לאָזט אַנדערע צופרידן. אונדזערע טעכטער און שנירן טוען דען נישט אַזוי? — האָט יאָסל אַדעסער אַ זיפץ געטאָן.

— איז פאַרוואָס טוען זיי דאָס? ווער צווינגט זיי? — האָט איזי דער פּרעסער געוואָלט וויסן.

— צוליב מאָדע. דאָס איז זייער הייניטיקער באַגריף וועגן שיינקייט, — האָט ווער פון די וואַרטנדיקע אַרבעטער אָנגעהויבן צו דערקלערן און איבער־געריסן צוליב דעם אָנקומען פון עלעוויי‌טאָר, צו וועלכן אַלע האָבן זיך געגעבן אַ לאָז. בלויז דזשאָו דער קאָמיטע־מאַן האָט נישט געוואָלט אַריין אין דעם

עלעווייטאָר, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט פּרויען־„באַיערס”, ווייל די שטאַרקע ריחות פון זייערע פּאַרפומען פאַרשלאָגן זיין אָטעם . . .

פאַראַן נאָך אַ צימער אָן פענצטער, וואָס ווערט באַלויכטן פון גרויסע פלאָרעסענט־לאָמפּן. אין דעם צימער ברענגט מען אַריין פאַרטיקע קליידער פון קאָנטראַקטאָרס פון ניו־יאָרק און אויך פון אויסער ניו־יאָרק. דאָ ווערן זיי איבערגעקוקט אויפסניי, וואו מען זעט אַן אָפענעם שטאָך, פאַרציט מען. מען שערט אָפּ די פאַרגעסענע פאָדעם־עקן. פונדאַנען ווערן זיי אַרויסגעשיקט, ווי פּערפעקטע פּראָדוקטן, אין די געשעפטן אַריין.

די אַרבעטער פון דעם צימער, ווי פון אַלע אַנדערע זייטיקע צימערן, קענען זיך זייער ווייניק מיט די אַרבעטער פון שאַפּ, אין וועלכן עס זענען פאַראַן עטלעכע פענצטער. זיי קענען זיך בלויז פון באַגעגענען זיך אַמאָל אין דער פרי, אָדער אין אָוונט, ביים שאַפּ־זייגער צו „פּאָנטשן” (אָפּקלאַפּן די צייט) די אַרבעט־צייט אויף אַ קאַרטל. מען טרעפט זיך אויך אַמאָל אין קאָרידאָר, וואָס פירט צו די וואַש־צימערן, ביים פאַרציען אַ סיגאַרעט, אָדער ביים טרינקען פון וואַסער־קראַן. דער קאָרידאָר איז אַ שמאָלער און ווערט פאַרשמעלערט נאָך פון די אָנגעשטעלטע קאַרטאָנענע פודלעס, קעסטלעך, וועלכע זענען אָנגעגרייט אויף צו פאַרפּאַקן די קליידער. כאָטש זיי טאָרן דאָ נישט שטיין, נאָר ווען דער פייער־אינספּעקטאָר גייט אַוועק שטעלט מען זיי ווידער אויס ביי דער וואַנט... ווען די קאַרטאָנען זענען אויסגעשטעלט, מוז איין מענטש זיך אָפּשטעלן כדי דורכצולאָזן אַ צווייטן. דאָס גיט שוין אַ געלעגנהייט אויסצוטוישן זיך מיט אַ שמייכל, מיט עטלעכע ווערטער און אָפּטמאָל, אַ באַריר פון מאַן און פרוי.

צו די מענטשן פון די זייטיקע צימערן דערגייט נישט קיין שום וויכטיקע שאַפּ־נייעס: נישט די ערגערניש וואָס די אַרבעטער האָבן ביים „אָפּסעטלען” די פּרייזן מיטן באָס, אויף זייער אַרבעט, אַפילו נישט די צאָרנדיקע אויסברוכן פון דעם „פּראָדאָקשאָנמאַן” אויף די אַרבעטער. כאָטש זיי כאַפּן אַמאָל אויף זיינע קולות, זעען זיי אָבער אויס ווייט און פרעמד. זיי ווייסן אַפילו נישט פון דער קאַשע וואָס ראַלפס פאַרלוירענער בוד האָט פאַרקאָכט און קאָכט זיך נאָך אַלץ יעדן טאָג צו ביסלעך און ווערט אַלץ געשמאַקער, ווי אַ שיין מעשהלע, וואָס הערט נישט אויף איינצוואַוועבן אין זיך נייעם הומאָר און די געהיימניש פון אַ רעטעניש . . .

עס ווייסט נישט דערפון די מיידל עקזאַמענעריןן, וואָס אַרבעט אין דעם צימער מיט אַ סך אָנגעהאָנגענע קליידער. עס זענען געווען טעג ווען זי האָט געהערט בלויז דעם טעמפּן קלאַנג פון די שער־קלינגלעך מיט וועלכן זי האָט אָפּגעשוירן די פאַרבליבענע צוויטן פון די קליידער. עס האָבן זיך אויך געמאַכט איבעררייסן, ווען דער „דעליווערי־באָי”, דער יונג וואָס ברענגט און שיקט

אַרויס די פּאַרטיקע קליידער צו די געשעפטן, גיט אַ קום אַריין מיט אַ פרישער פריילעכקייט פון דרויסן און רופט אויס הויך: „האַלאָ האַני!" — זיסקייט! און טוט אַ כאַפּ אַ באַרג מיט קליידער, ווי אַ שניטער פאַר אַ רעגן די סנאָפּעס פון פעלד, און יאָגט זיך צוריק אַרויס מיט אַ הילכיקן „גוד־באַי!"

אין דער איינזאַמער שטילקייט פלעגט זי אַמאָל דערהערן איר אייגענעם ניגון, וואָס איז געווען ווי אַ ווייטער אָפּקלאַנג פון אירע טראַכטענישן און געפילן, וועלכע זענען געווען פאַרשלאָסן אין איר, פונקט ווי זי אַליין איז געווען אָפּגעזונדערט פון מענטשן. זי וויל זיך מיט גאָרנישט טיילן מיט קיינעם נישט, אַפילו מיט אירע איינדרוקן פון אַן איבערגעלייענטן בוך, צי פון אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג, אָדער אַן אַפּערע, וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק ליב צו זען. ווייל זינט זי האָט זיך אַרויסגעקליבן פון אירע עלטערנס הויז — צוליב קנאַפּן שלום־בית צווישן טאַטע־מאַמע, האָט זי אָנגעהויבן אויסצומיידן מענטשן, באַזונדערס מענער. זי וויל זיך נישט פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט חתונה־האָבן: אָנהייבן אַ לעבן וואו עס ענדיקט זיך פערזענלעכע פרייהייט און עס הייבט זיך אָן די טראַגעדיע . . .

איינמאָל, ווען זי איז געווען פאַרטאָן אין צופרידענע מחשבות, וואָס זי האָט דעם גייסטיקן כוח צו זיין אַנדערש, ווי אַנדערע מיידלעך, וועלכע מאַכן נאָך זייערע מאַמעס: האָבן חתונה, ברענגען קינדער אויף דער וועלט — פאַר נייע מלחמות, האָט זי פּלוצים דערהערט דעם קלאַנג פון פרעמדע שער־קלינגלער. באַלד האָט זי דערהערט טריט פון ווייטן עק צימער. די טריט האָבן זיך דערנענטערט, ביז זי האָט דערזען אַרויסקומען פון דער געדיכטעניש פון די אָנגעהאָנגענע קליידער, אַ מיידל מיט אַ בלאַנקן שערל אין האַנט, ווי אירס, און געטאָן די זעלבע אַרבעט ווי זי. זיי האָבן זיך באַגריסט:

— איך הייס גרעים.

— איך הייס גלעדיס, — האָט די נייע אַרבעטערין געזאָגט מיט אַן עט־וואָס שפּאַנישן אַקצענט.

די נייע עקזאַמענעריז, וואָס האָט אויסגעזען פון עטלעכע צוואַנציק יאָר, האָט געהאַט שוואַרצע אויגן, שוואַרצע האָר פאַרקעמט אויף אַרויף. עס האָט זיך אויסגעטיילט אַ שטאָלצער האַלדז פון געזונטן אַליוור־קאָליר, וואָס האָט געשפּרייט אַרום זיך די אומרואיקייט פון מיידלשן רייץ. אין איר גאַנג האָבן זיך שטאַרק אָנגעזען אירע היפטן און אין אירע באַוועגונגען איז געווען עפּעס אַזוינס וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין אין ענגע ווענט אָן פענצטער . . .

גרעים איז אויך געווען אין עלטער פון עטלעכע צוואַנציק יאָר. זי האָט געהאַט בלוי־גרינלעכע אויגן, מיט קאָלירן אין זיי, וועלכע האָבן זיך געמיניעט לויט די שטימונגען: אַט בלוי פאַרטראַכט מיט אַ ווייטן חלום אין זיי,

מענטשן אין מיין לעבן

און אַט מיט אַ בלוי־גרינלעכן פלעמל פון געצאַמטער באַגייסטערונג. אירע טונקל־בלאָנדע האָר פאַרקעמט נעט, אויף אַראָפּ, דאָס האָט אויסגעטיילט איר איידעלע, מאַטע הויט פון פּנים און האַלדז. פון איר האָט ווי געוויייעט אַ שטילע, קילע רואיקייט, וואָס האָט דערציילט פון שטרענגן חשבון אין איר לעבן, ווי איינע וואָס ווייסט אַפילו וויפל האָר־נאָדלען זי פאַרמאָגט . . .

ביידע מיידלעך האָבן געטאָן די זעלבע אַרבעט: געוואַנדערט צווישן די קליידלעך ווי אין אַ געדיכטן וואַלד, וואוהין די שטאַרקסטע זון־שטראַלן קאָנען נישט גרייכן . . . גלעדיס האָט געטאָן איר אַרבעט מיט פרייליעכקייט און האָפענונג פון אַ פאַרליבט מיידל אין אַ שיינעם חלום, וואָס חלומט אין די אָרעמס פון געליבטן — ווען זי האָפט אַמאָל צו באַגעגענען.

גרעיס האָט געטאָן איר אַרבעט אַ פאַרשלאָסענע אינזיך, ווי איינע וואָס היט אירע געדאַנקען און געפילן, אַז קיינער זאָל קיין שליטה נישט קריגן איבער זיי.

ביידע מיידלעך האָבן אָפט דעם זעלבן ניגון געזונגען, נאָר גרעיס ווי אַ לויב צו זיך אַליין פאַר איר אויסגעהאַלטנקייט. און גלעדיס, ווי אַ שטאַרקן באַגער צו דעם וואָס גרעיס וויל אויסמיידן — ליבע.

די צוויי באַזונדערע געפילן האָבן אַנגעהויבן אין זייער געמיינזאַמען גע־זאַנג, צונויפגעשטויסן זיך, ביז די נישט צו שווערע אַרבעט איז ביי זיי געוואָרן ווי אַ ביי־זאַך און דער עיקר איז ביי זיי געוואָרן דאָס וועלן איבערצייגן איינע די אַנדערע, אַז גערעכט איז נאָר איינע . . .

קענן גרעיס' קאַלטער לאָגיק האָט גלעדיס זיך געווערט מיט אירע מאָדנע ליבעס־איינפאַלן. איר חלום איז געווען אַז עס וועט זיך באַווייזן פון ערגעץ אַ שיינער בחור און זאָגן: „איך האָב דיך געזוכט אומעטום און ענדלעך געפונ־ען! איז קום־זשע געליבטע מיט מיר! פאַרלאָז די פינצטערע ווענט און לאָמיר אַוועק אין דער פרייער וועלט אַריין!"

— ווייסט, גרעיס, איך וועל דיך מיטנעמען! — האָט זי פּלוצים אויס־געשריען מיט פרייד פון אירע שיינע געדאַנקען.

— מיטנעמען? וואוהין? — האָט גרעיס געפרעגט מיט אַ קלוג, רע־זערווירט געלעכטער, וואָס האָט געקאָנט אויסניכטערן אַ מענטש פון די שענסטע פאַנטאַזיעס.

נאָר גלעדיס האָט נישט געזען קיין אוממעגלעכקייטן. זי איז געווען זיכער, אַז אויב מען וויל גאָר שטאַרק קאָן אַלץ פאַרווירקלעכט ווערן . . . „מיר וועלן פליען צוזאַמען!" — האָט זי פאַרזיכערט גרעיסן און פון גרויס פרייד זיך צעקושט מיט איר.

זי איז באַלד שטיל געוואָרן, ווי זי וואָלט ערנסט געטראַכט וועגן דעם

נאַרוואָס געערדטן. שווייגנדיק האָט זי געשפּאַנט צווישן די „פּרינט" זומער־קליידער מיט צייכענונגען פון אַלערליי בלומען: קאָרן־בלימלעך, רויטע רויזן, ווייסע ליליס, „פאַרגעס־מיך־נישט"־בלימלעך. ברייטע פעלדער מיט הויכע זאַנגען, צווישן די זאַנגען — אַ מיידל, אַקעגן מיידל — אַ קלייד מיט אַ „פּרינט"־געמעל — אַ העלדישער רייטער אויף אַ פערד...

גלעדיסעס האַרץ האָט אָנגעהויבן האַסטיק קלאַפּן... באַלד וועט דער העלדישער רייטער אויפן פערד אַ כאַפּ טאָן דאָס מיידל וואָס אין פעלד צווישן די זאַנגען און... זי האָט אַליין נישט געוואוסט, אַז זי האָט אָנגעהויבן וועבן אַ מעשהלע פאַר איר מיטאַרבעטערין גרעיס... „ווי שיין וועט דאָס זיין ווען מיר ביידע וועלן באַפרייט ווערן פון שאַפּ און אַוועק איבער דער ברייטער, פרייער וועלט!"

— ווי אַזוי? — האָט גרעיס געוואָלט וויסן.

— מיר וועלן פליען איבער די וואָלקנס אונטער אַ בלויען הימל. מיר וועלן זיין פריי פון שעפער און פענצטער...

— הערסט? דער זייגער האָט שוין געקלונגען פינף. צייט צו גיין אַ היים! — פלעגט גרעיס אַלע טאָג איבעררייסן אירע פאַנטאַזיעס. אָבער יעדן טאָג האָט גלעדיס אָנגעהויבן וועבן איר חלומות אויפסניי... „איז ווי מיר פליען אַזוי, ווערן מיר פלוצים איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל, דער עראָפּלאַן נעמט זיך וויגן און עפּעס ציט אים אַרונטער, נאָר ער רייסט זיך אַרויף, יאָגט פאָרויס, וויל זיך אַרויסרייסן פון די געדיכטע וואָלקנס און..."

— וואָס איז געשען? — האָט גרעיס געפרעגט אַן איבערגעשראָקענע, קוקנדיק אויף גלעדיסעס צעווייטיקטן פּנים.

גלעדיס האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון איר שטערן און פאַרגעזעצט: „ווען איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך געזען דיך ליגן אונטער אַ פּאַראַשוט און דיין געליבטער האָט דיך געראַטעוועט".

— מיין געליבטער?

— יאָ, דיין געליבטער... דער וואָס איז געזעסן לעבן דיר אין עראָ־פּלאַן, געדענקסט?

— ווי אַזוי האָט ער אויסגעזען? — האָט גרעיס געוואָלט וויסן און זיך פאַררויטלט. זי האָט דערוויילן אַ צי געטאָן אירע האָר הינטער דעם אויער צו פאַרדעקן אַ שראַם, וואָס איז דאָרט פאַרבליבן נאָך אַן אָפּעראַציע.

— ער האָט אויסגעזען זייער שיין! דו ווייסט, גרעיס, — האָט גלעדיס געערדט מיט צעפלאַמטע אויגן, — ווען דו ביסט געקומען צו זיך, האָסטו געוויינט און געלאַכט. שפּעטער האָסטו אים אַרומגענומען מיט אַזאַ ליבער צערטלעכקייט, ווי אַ געליבטן, וועמען דו האָסט געזוכט דיין גאַנץ לעבן...

— און ער איז באלד פארשוואונדן? — האט גרעים געשפאסט און מיט־געלאכט מיט דער מיטארבעטערינס שפּילעוודיקער פאנטאזיע, נאר גלעדים האט געענטפערט ערנסט: „א, ניין, ער איז נישט אוועק, איר ביידע זענט געבליבן מיט מיר און מיט מיין געליבטן... די געגנט איז געווען ווילד־שיין, מיט אזויפיל גוטע ריחות און עס איז געווען אזוי גוט צו הערן דאס געזאנג פון די פייגל, אז מיר האבן גארנישט געוואלט אוועק פון דארטן...״

— וואו האבן מיר געגומען צו עסן? — האט די פראקטישע גרעים געוואלט וויסן.

— עסן? דיין געליבטער האט זיך גאר מחיה געווען מיט די געשמאקע עסנס וואס דו האסט אים צוגעגרייט... ער האט דיך באוואונדערט! ער האט זיך זאט נישט געקאנט אנקוקן מיט דיר!...

ער האט געמוזט זיין א גוטער, — האט גרעים געשפאסט.

— אלץ הייסט א גוטער! ווען מיר פלעגן וואנדערן צווישן בערג אוןביימער, פלעגט ער דיך געבן א כאפ ביים קלענסטן וואסערל אריבער צו שפאנען און אריבער געטראגן דיך ווי א קינד... און איינמאל, אויף א הויכן בארג, זענען מיר געבליבן שטיין און מיט פארכאפּטן אטעם געקוקט אויפן זונפארגאנג. דער הימל איז געווען באמאלן מיט אזעלכע צויבער־קאָלירן, אז מען האט געקאנט אויסגיין! דאן האט ער דיך ארומגענומען אזוי איידל ארום דער טאליע און זיך צעזונגען אזוי שיין, אזוי זיס!...

— א גוטער זינגער אויך געווען?

— שוין איינמאל א זינגער! און דו האסט זיך געטוליעט אין אים...

— איך? עס קאן נישט זיין! ווי מעגסטו גאר אויסטראכטן אויף מיר אזא זאך?!

נאר גלעדים האט נישט געהערט וואס גרעים האט געזאגט. זי האט גע־האלטן אין וועבן אירע טרוימען אויף דער וואר: „אזא גרויסע, ליכטיקע פרייד האט געשטראלט פון דיין פנים! דאס איז פאר מיר געווען אן אנט־פלעקונג, ווייל איך האב דיך געקענט נאר פון אמאל, פון יענעם שאפ אן פענצטער, ווען ביסט געווען איינגעפרעסט ווי א פרישע בלום צווישן בוד־טאוולען... אבער שפעטער האט עפעס פאסירט...״

— מיט וועמען?

— מיט דיין געליבטן. ער איז פארלוירן געווארן. דו, גרעים, האסט אויס־געזען ווי א פארלאזטע כלה. מיר האבן אים גערופן, נאר געענטפערט האט בלויז אן עכא...

— ער איז נישט צוריק געקומען? — האט גרעים געפרעגט א צעשראָ־קענע.

— דיין געוויין האָט געבראָכן אונדזוערע הערצער . . . — גלעדיס האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע, ווי זי וואָלט נישט געוואוסט ווי אַזוי צו פֿאַר־ענדיקן די מעשה. נאָר אַז זי האָט דערזען גרעיסעס טרויער אין אירע אויגן, האָט זי מיט אַ טרייסטנדיקער שטים אויסגערופֿן: „וועז ער האָט זיך ענדלעך באַוויזן, ביסטו די ערשטע אים אַנטקעגן געלאָפֿן".

גרעיס האָט געקוקט אויף איר מיט אַ בלוי־גרינלעכן פֿלאַם אין אירע אויגן, ווי זי וואָלט זיך וועלן באַזינען וואו זי געפֿינט זיך. עס האָט איר אויס־געזען ווילד און וואַכעדיק צו שטיין איצט מיט אַ שערל אין האַנט צווישן קליידער אין אַ צימער אָן פֿענצטער . . . ביסלעכווייז איז זי געקומען צו זיך ווי פֿון אַ שיינעם חלום און זי האָט מיט אַ רואיקן שמייכל געפֿרעגט:

— גלעדיס, דו לייענסט עפּעס ביכער?

— זייער אַ סך!

— וואָס שרײַבט מען אין די ביכער וואָס דו לייענסט?

— וועגן ליבע. גרעיס, עס איז גאָר נישטאָ קיין בעסערע ביכער ווי וועגן ליבע!

— אַזוי? נישטאָ קיין בעסערס פֿון ליבע? איצט פֿאַרשטיי איך . . .

זי האָט געוואָלט אָנהייבן רעדן מער וועגן דעם עניין ביכער און ליבע, האָט זי אָבער דערזען דעם באַלעבאָס אַרײַנקומען. זי האָט געזען ווי ער איז געבליבן שטיין און געקוקט פֿון איין מיידל צו דער אַנדערער, ווי ער וואָלט זיי מעסטן, וועלכע פֿון זיי איז יינגער און שטאַרקער. שפּעטער האָט ער אַ רוף געטאָן גלעדיסן צו זיך מיטן ווײַזפֿינגער. זי איז געבליבן שטיין ווי געליימט... „ער האָט מיך זיכער געהערט רעדן בײַ דער אַרבעט . . . קיין פֿענצטער זענען טאַקע נישטאָ, אָבער אַרבעט איז דאָ, איך מוז אַרבעטן . . . "

דער באָס איז צוגעקומען און געזאָגט: „לאָז איבער די אַרבעט און קום מיט מיר".

גלעדיסן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי הערט די שטים פֿון איר אויסגע־דאַכטן באַשערטן, וואָס רופֿט זי: „קום מיט מיר . . . "

דער באַלעבאָס האָט איבערגעשלאָגן אירע געדאַנקען מיט זײַן אַפּעלירנדי־קער שטים: „קום מיט מיר. דײַן אַרבעט וועט זײַן נישט קיין שווערע. דו וועסט העלפֿן די מאָדעל־מיידלעך אָנטאָן און אויסטאָן די „סאַמפּל־דרעסעס", ווײַל דאָס מיידל וואָס האָט געטאָן די אַרבעט ביז איצט, איז הײַנט נישט געקומען צו דער אַרבעט".

זי איז אַוועק מיטן באַלעבאָס אין „שאָו־רום" וואו עס האָבן אַרומגע־שפּאַנט די מאָדעל־מיידלעך אויף אַ ווייכן טעפּיך, צווישן שפּיגלען ווענט און די נאָכקוקנדיקע בליקן פֿון די „באַיערס" וואָס ווילן זען מער „סטאַילס".

מענטשן אין מיין לעבן

גייען די מאַדעל־מיידלעך אוועק אין ענגע צימערלעך אַז פענצטער, בייטן די קליידער, זיי פאַלן פאַרמאַטערטע אויף דער שטול און קרעכצן: „די פיס דערהרגענען מיך!" — זיי גיבן זיך איבער גלעדיסן. „זיי אַזוי גוט, עפן מיר דעם זיפּער, איך האָב שוין נישט קיין כוח צו הייבן די הענט אַרויף און אַראָפּ . . . איך בעט דיך, מאַך דאָס שנעלער, עס איז ביי זיי דער ברען פון סעזאָן. זיי יאָגן . . .

די מאַדעל־מיידלעך קומען פון „שאָו־רום" מיט אַ ליבן שמייכל אויף די פּריש־געפאַרבטע ליפּן, וואָס דאַרף פאַרשטעלן די מידקייט פון זייערע קערפּערס. זיי ווייסן אַז דער גאַנג דאַרף זיין אַ גראַציעזער, וואָס דאַרף געפעלן סיי דעם באָס און סיי די איינקויפערס. ס'איז דער יאַריד. מען דאַרף פאַרקויפן סחורה . . .

פאַרנאַכט, ביים שאַפּ־זייגער, האָט גרעיס באַגעגנט זיך מיט גלעדיסן.

— ווי אַזוי איז דיר דאָרטן געגאַנגען?

—שווער. דאָרט זענען אויך נישטאָ קיין פענצטער.

— אין די ביכער, אין וועלכע עס ווערט געשריבן וועגן ליבע, ווערן אויך באַשריבן צימערן אַז פענצטער?

— יאָ, אָבער בלויז פאַר שלעכטע מענטשן. נאָר פאַר מענטשן וואָס האָבן געליבטע באַזאָרגן זיי שיינע פּאַלאַצן מיט אַ סך פענצטער . . . ווערסט זען. מיר וועלן זיך נאָך באַפרייען פון צימערן אָן פענצטער . . .

און ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין, האָבן זיי דערהערט ווי צוויי מענטשן הינטער זיי וועלכע האָבן געוואַרט אויף דער ריי אָפּצוקלאַפּן די קאַרטלעך אין זייגער, זעצן פאַר אַ קריגעריי, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך בייטאָג אין דעם טייל פון שאַפּ וואָס האָט גראָד יאָ פענצטער. איבער וואָס די צוויי מענטשן האָבן זיך געקריגט האָבן זיי נישט געוואוסט. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט און געזען אַז אַ סך מענטשן טומלען זיך דאָרטן. זיי האָבן נישט געפרעגט פאַרוואָס און זענען אַהיים געגאַנגען. אַ היים געגאַנגען און געטראַכט וועגן ווענט מיט פענצטער . . .

16

אַן אַלטער חשבון

די אַמפּעריי פון די מענטשן, וואָס גרעים און גלעדים האָבן געהערט הינטער די פּלייצעס בשעת זיי האָבן אָפּגעקלאַפּט דאָס אַרבעט־קאַרטל אויפן שאָפּ־זייגער, איז געווען אַ פאַרזעצונג פון פריערדיקע טעג, וואָס האָט זיך געצויגן זינט דעם שאָפּ־מיטינג, וואָס די אַרבעטער האָבן אָפּגעהאַלטן אין איינעם פון די צימערן אין דער יוניאָן.

דער מיטינג איז געווען אַ ספּעציעלער, צוליב די פאַרערגערטע באַדינגונגען, וואָס די אַרבעטער האָבן געגלייבט, אַז שולדיק אין דעם איז דער נייער „פּראָדאַקשאַנמאַן". געקומען צום מיטינג זענען אַלע „קרעפטס" — אַלע סעקציעס: אָפּערעיטאָרס, פּרעסערס, דרעיפּערס און פינישערינס; עס זענען געקומען אויך קלינערינס, עקזאַמענערינס און די פלאָר־מיידלעך.

אין די אַלע סעקציעס געפינען זיך מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און פון אַלערליי קאָלירן: עס זענען געווען יידן, איטאַליענער, נעגערישע, פּאָרטאָ־ריקאַנער, קובאַנער און פון פיל אַנדערע שפּאַניש־רעדנדיקע לענדער.

ווען די אַרבעטער זענען אָנגעקומען צום מיטינג אין אָפיס פון דער יוניאָן, איז דער ביזנעס־אַגענט געווען פאַרנומען מיט אַרבעטער פון אַ צווייטן שאָפּ, האָבן די מענטשן דערווייל אויסגענוצט די צייט אויף אַריינצוכאַפּן זיך אין אָפיס פון אַ באַקאַנטן באַאַמטן, מיט וועמען זיי קענען זיך נאָך פון די יאָרן, ווען מען האָט געאַרבעט צוזאַמען אין שאָפּ.

אַנדערע האָבן דערווייל באַטראַכט די קונסט־בילדער אויף די ווענט פון דער יוניאָן, בילדער וואָס אַרבעטער האָבן געמאָלן אין די קלאַסן פאַר קונסט, וואָס די יוניאָן האָט איינגעפירט אויף נאָך אַ טאָג אַרבעט. די קלאַסן זענען געווען אַ טייל פון אַ פאַרצווייגטער קולטור־דערציערישער אַרבעט, וואָס די יוניאָן האָט איינגעשטעלט נאָך דעם גרויסן אָרגאַניזיר־סטרייק אין די דרייסיקער יאָרן, אַלס מיטל בייצוקומען דעם שווערן עקאָנאָמישן קריזיס. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער האָבן פאַרלאָזט די שעפּער, מאַסנווייז זיך געצויגן איבער די גאַסן צו די סטרייק־האַלס און די יוניאָן האָט געוואונען אַ סך און אויך אַ פינף־און־דרייסיק שעהיקע אַרבעטס־וואָך.

מענטשן אין מיין לעבן

צווישן די ניי־אָרגאַניזירטע אַרבעטער זענען געווען אַזעלכע, וואָס מען האָט זיי דעמאָלט גערופן די „ען־אַר־עי בעיבים" — נישט דערפאַר וואָס זיי זענען געווען אַזוי יונג, נאָר דערפאַר וואָס זיי זענען געווען יונג אין דער יוניאָן, ווייל כאָטש זיי האָבן פריער אויך געאַרבעט אין דעם פאַך, אָבער אין „אָפען־שעפער" אונטער שווערע באַדינגונגען — איצט זענען זיי געוואָרן יוניאָן־מיטגלידער.

עס זענען געווען אַרבעטער וועלכע האָבן זיך געזאָרגט וואָס זיי וועלן טאָן מיט אַזויפיל פרייער צייט, נאָך די 35 שעה. אַנדערע האָבן גלייך גענומען אויסנוצן די פרייע צייט אויף צו אַנטוויקלען זייערע טאַלאַנטן. שוין יאָרנלאַנג ווי דאָס אָפגעשפאָרטע פאַרמעגן פון זייער פרייער צייט געפינט זיך אויף די ווענט פון דער יוניאָן און אויך אויף ווענט פון מוזייען.

צווישן די אַרבעטער וועלכע האָבן איצט באַטראַכט די בילדער איז געווען דער פּרעסער לואי. ער האָט מיט זיין שטענדיק רויִקן שמייכל אויסגערופן מיט שטאָלץ: „אָט וואָס אַרבעטער קאָנען באַווייזן!"

דער פּרעסער דעיוו האָט דערהערט זיין אויסרוף, איז ער צוגעקומען נעענטער צו אים. געקוקט פון אַ דיסטאַנץ, ווי אַ מבין אויף די בילדער און שפּעטער געזוכט די אונטערשריפטן פון די מאָלערס, אפשר וועט ער צווישן זיי געפינען אַ באַקאַנטן.

אייב, דער „אָלד־טאַימער", האָט געפרעגט מיט פאַרדראָס: „פאַרוואָס שרייבן זיי זיך אונטער ווי גרויסע מאַכערס, מיט קאָטשערעס און לאָפּעטעס, אַז מען זאָל נישט קאָנען איבערלייענען זייערע נעמען?!"

פּערל די פינישערין האָט יאָ באַוויזן איבערצולייענען עטלעכע נעמען. און פאַרהאַלטנדיק זיך לעבן איין בילד האָט זי געזאָגט: „אָט די מאָלערין קען איך דאָך. איך האָב אַמאָל געאַרבעט מיט איר אין אַ שאָפּ".

דאָס בילד פון פּערלס באַקאַנטער האָט פאָרגעשטעלט אַ גרינעם באַרג אונטער אַ טונקל־בלויען אָונטיקן הימל מיט ליכט און שאָטן פון פאַרגייענדיקער זון. פּערל האָט באַטראַכט דאָס בילד און זיך געחידושט: „איך ווייס, אַז די מאָלערין איז מיט לייב־און־לעבן איבערגעגעבן דער קונסט פון מאָלן, אָבער דער וואונדער איז וואָס אַזאַ מאָגערע מיידל און נישט קיין הויכע האָט געקאָנט אַרויסצויבערן פון זיך אַזאַ ריזיקן באַרג".

— אַ טרוים איז אַלעמאָל גרעסער פון מענטשלעכן קערפּער, — האָט געטייטשט דאָרפמאַן, נאָר דעיוו דער פּרעסער האָט דאָס פאַרשטאַנען אַנדערש: „ביי מיר איז דאָס פּשוט: מיט דעם כוח פון דער יוניאָן האָט זי באַשאַפן דעם באַרג!"

— קינסטלער האָבן, זעט אויס, פאַרבאָרגענע כוחות, — האָט געזאָגט

איזי דער פּרעסער, אַנוווייזנדיק אויף נאָר בילדער וועלכע זענען געהאָנגען אויף אַ צווייטער וואַנט. טייל בילדער זענען געווען מיט ברייטע פּעיזאַזשן פון פעלדער,ביימער, טייכן געמאָלן מיט צויבער־פאַרבן און פיינע, דינע ניואַנסן. אַנדערע בילדער האָבן געוויזן גרויסע שטעט מיט פאַבריקן, קוימענס, פלאַמען, פייערלעשער; בריקן, טייכן, שיפן, באַרזשעס און בילדער פון אַרבעטער אין גערానגל פאַר אַ בעסער לעבן. דער מענטשן־ראָד איז געוואָרן גרעסער און דאַרפמאַן האָט געצויגן ווייטער דעם געדאַנק וואָס איזי האָט אַרויסגעבראַכט:

— קינסטלער האָבן, זעט אויס, פאַרבאָרגענע כוחות.—זעט אויס אַז יאָ. אָט זעען מיר אויך אויף די לייוונטן גאַנצע וועלטן, וועלכע זענען פריער געווען אין די געדאַנקען פון מענטשן געבוויגענע צו מאַשינען, צו די נאָדלען, אָדער פּרעס־אייזנס. ביי דער אַרבעט האָבן זיי פאַרהיטן זייערע חלומות און אין די אוונטן, מיט זייערע מידע הענט אויסגעמאָלן שיינע וועלטן פאַר אונדז.

— הלוואי עפנט די יוניאָן אַ סקול פאַר דערפינדערס, אַזעלכע מענטשן ווי איך, — האָט לייבל זיך געוואונטשן.

— וואָס טויג מיר דאַרטן סקול־שמול מיט די אַלע זיבעצן גליקן! — האָט ראַלף אויסגערופן. — איר זאָלט נישט מיינען, אַז איך בין אַ קעגנער פון „עדזשיוקעישאָן”, עס איז גוט צו האָבן מיט וואָס די צייט פאַרטרייבן. איינער שפּילט קאַרטן, אַ צווייטער „פּעינט פּיקטשעס”. נאָר אויב זיי מאַכן נישט קיין לעבן דערפון, איז צו וואָס דאַרפן זיי זיך מאַטערן? . . .

— שאַט, חברה! באַהאַלט זיך! עס קומט ווילי מיטן פאַרטפעל!
— האָט ווער אויסגערופן פון מענטשן־רעדל.

די מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך צו פונאַנדערגיין, ווייל ווילי מיטן פאַרטפעל פאַסט זיך נישט צו צו אַ שמועס וואָס גייט שוין אָן, ער צעשטערט אים מיט זיין „איך” וואָס ער שטופּט אים פאַרויס: „איך” האָב נאָר וואָס גע־רעדט מיט מיין פריינט אַ פּראָפעסאָר . . . „איך” בין איינגעלאַדן צו מיין פריינט אין הויז אריין, אַ גרויסער, אפשר פון די גרעסטע לאָיערס . . .

נעמט מען זיך אַפּרוקן פון אים הינטערוויילעכץ, נאָר ער לאָזט נישט: ער גייט נאָך, אָדער ער האַלט צו און לאַכט פון זיינע אייגענע חכמות: „דאָס איז מיין אָריגינעלער איינפאַל! ווי געפעלט דאָס דיר? . . . בין איך גע־רעכט? . . . ”

קיינער וויל נישט הערן זיינע באַרימערייען און קיינער וויל אים נישט צוליב טאָן און זאָגן אַ ליגן, אַז ער איז „אָריגינעל”, אָדער „גערעכט”.

ווילי איז אין די שפּעטע זעכציקער, העכער פון מיטעלן וואוקס. ער האָט געדיכטע רויטע האָר, בלוי־בלאַסע אויגן און אַ געוועב פון דינע, רויטע אָדער־לעך אונטער דער הויט פון די באַקן. ער קליידט זיך שיין. זיין קאַפּעליוש איז

מיט אזא קנייטש, וואס זאל זיך פאסטן פאר א מענטש מיט א פארטפעל אונ־טערן ארעם . . .

די שכנים פון דער געגנט וואו ער וואוינט ווייסן נישט גענוי צי איז ער א קינסטלער, א פראפעסאר, אדער א מענעדזשער פון א גרויס געשעפט. וואס זיי ווייסן יא איז פון דער אטמאספערע וואס ער שפרייט ארום זיך, אז ער שטאמט פון א רבנישער פאמיליע און געלערנטע . . . — אלץ איז ביי אים אויסגערעכנט, אז עס זאל שטימען מיט זיין פארטפעל . . . א מענטש מיט א פארטפעל צו זיין איז געווען זיין שטרעבונג אלע יארן. דאס האט ביי אים געמיינט — א מענטש מיט אנזען. א מענטש מיט א דעה אין לעבן. א מענטש פאר וועמען מען האט דרך־ארץ . . .

ער האט איצט פארשטעלט דארפמאנען דעם וועג און געזאגט מיט זיין שמייכל אויף געפעלן צו ווערן: „האסט, זע איך, הנאה פון די־א מאלערייען. דו וואלסט אבער באדארפט זען די קונסט־בילדער פון מיין פריינט — איינער פון די גרעסטע מאלער פון . . .

— ווי הייסט ער? — האט דארפמאן איבערגעשלאגן זיינע באריי־מערייען.

— ווי ער הייסט? זע נאר, אויפן מאמענט איז מיר זיין נאמען ארויס פון קאפ! נאר וואס איך האב דיר געוואלט זאגן וועגן מיין פריינט, ווי אזוי מיר האבן זיך באקענט . . .

דארפמאנען איז שוין איצט נישט געקראכן אין קאפ אריין זיין גערע־דעריי. ער איז געשטאנען ווי א געפאנגענער און געהאפט, אז עמעצער פון די ארבעטער וועט אים אפראטעווען פון ווילין. האט ער זיך דערמאנט, אז באַ־קאנט מיט ווילין האט ער זיך א סך פריער ווי ער האט זיך מיט אים באגעגנט אין שאפ, וואו ביידע ארבעטן איצט. באקאנט האט ער זיך מיט אים אין א סטרייק־האל, וועו די „ניינצן־צענער" (די ארבעטער וועלכע האבן דורכגע־מאכט דעם גרויסן קלאוקמאכער סטרייק אין 1910) זענען נאך געווען גרויס אין צאל און גערופן די ארבעטער, וועלכע זענען געקומען נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, „די גרינע". ווען ווילי און דארפמאן האבן זיך באקאנט אין סטרייק־האל, איז דאס געווען אין צייט ווען עס איז אנגעגאנגען א געראנגל פון נייע און אלטע אידייען צווישן די ארבעטער פון דעם פאך. א געראנגל פון באגריפן וועגן דעם געבוי פון פאך־יוניאנס. וועגן דער ראל וואס אן ארבעטער־יוניאן דארף שפילן אין געזעלשאפטלעכן לעבן . . . דאס זענען געווען ארבע־טער, וועלכע האבן געגלייבט, אז זיי, ווי א לעבעדיקער טייל פון דעם היינט, דארפן באוואוסטזיניק העלפן קערעווען דעם גאנג פון דער מענטשלעכער גע־שיכטע צו א באשטימטן ציל, וואס זאל פארבעסערן דאס לעבן פון די ארבע־

טער און פון דער גאַנצער מענטשהייט . . . דער צווייטער צד האָט געטייטשט דעם גאַנג פון דער געשיכטע אַביסל אַנדערש. דעריבער האָבן זיי געהאַט אַן אַנדערן ציל און אַנדערע מעטאָדן, וואָס מען דאַרף אָנווענדן קעגן די באַ־לעבאַטים צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אַרבעטער. מען דאַרף זיין מעסיק, מען דאַרף זיך דינגען און — נישט איבערציען דאָס שטריקל . . .

אין יענער צייט האָט נישט ווילי און נישט דאַרפמאַן געהאַט קאָמפּ־טראַדיציעס. נאָר ווילי איז געגאַנגען אַלעמאָל מיט דעם שטאַרקערן צד, וואָס האָט לויט זיין חשבון געהאַט אויסזיכטן צו געווינען. ביים געווינער האָט ער געזען זיין טרוים: אַ פּאַרטפעל — אַ באַאַמטער מיט אַ דעה . . . דאַרפמאַנס חלום איז געווען: אַ פרייע וועלט פאַר אַלעמען. ער האָט געפילט, אַז ער איז דער יורש פון די טרוימען וואָס די פאַרגאַנגענע דורות האָבן איבערגעלאָזט פאַר אים. דורות וועגן וועמענס לעבנס ער האָט זיך אָנגעהערט, ווי וועגן לעגענ־דאַרישע פאָלקס־העלדן, און וועגן וועמענס געוואַגטע קאַמפן ער האָט זיך אָנגעלייענט אין די ביכער. זיי זענען געוואָרן אַ טייל פון אים. זיי האָבן אים אָפט איבערגעפירט אין די פאַרגאַנגענע צייטן און ער איז געוואָרן ווי אַ לע־בעדיקער עדות פון גרויסע געשעענישן . . . אָט איז ער אין 1909 מיט די וועיסטמאַכערס אין קופּער־יוניאָן. אין זאַל איז היים און ענג. די רעדנער אויף דער פּלאַטפאָרם שלאָגן זיך מיט דער דעה: רופן אָדער נישט רופן אַ סטרייק. די באַדינגונגען אין די סוועט־שעפּער זענען אומדערטרעגלעכע, מען מוז זיך ראַטעווען פון זיי. איז אָבער קיין געלט אין קאַסע נישטאָ פאַר קיין סטרייק. איז וואָס טוט מען? מיטאָמאָל: פון געדיכטן עולם טיילט זיך אויס אַ בלאַסע זיבעצן יאָריק מיידל, זי איילט צו דער פּלאַטפאָרם און רופט אויס: „די וועיסטמאַכערס יוניאָן דערקלערט איצט דעם גרויסן גענעראַל־סטרייק!" — פאַר פרייד פליען היטלען און קאַפּעליושן אין דער הייך. די מענטשן־מאַסע הייבט די רעכטע האַנט הויך און זאָגט נאָך די שבועה פון פאָרזיצער: „זאָל מיין רעכטע האַנט אָפּדאַרן אויב איך וועל פאַרשווערכן דעם הייליקן סטרייק!"

און די סטרייקערס, אָן געלט, הונגעריקע, נאָר מיט גלויבן אין גערעכ־טיקייט פון זייער הייליקער שבועה, שלאָגן זיך ווי גיבורים מיט געדונגענע פּראָפעסיאָנעלע שלעגערס. און זי, די בלאַסע זיבעצן יאָריקע מיידל, קלאַראַ לעמלעך, די לעגענדאַרישע מיידל, פירט אין אַ פאַרמעסט די סטרייקערס קעגן סקעבס . . .

אין זיין פאַרטראַכטקייט האָט ער אויפגעכאַפּט אָפּגעריסענע ווערטער פון ווילים באַרימערייען, וועלכע ער האָט מיט זיין גאַנצן ווידערגעפיל אָפּגע־שטויסן זיי פון זיינע געדאַנקען, וועלכע האָבן אים פאַרטראָגן צום טרייענגל־

מענטשן אין מיין לעבן

פייער אין 1911, ווען די ארבעטערינס זענען פארכאפט געווארן הינטער די גע־שלאסענע טירן פון דער פעקטארי דורך א גיהנום־פייער, און וועלכן עס זענען פארברענט געווארן 147 פרויען. ער זעט זיי שפרינגען ברענענדיקע פון די פענצטער צו דער ערד. ער הערט זייערע געשרייען. ער הערט די געוויינען פון די וועלכע זענען געקומען דערקענען זייערע אייגענע אין דעם בארג פארקוילטע קערפערס.

דארפמאן הערט די שטימען פון פארפייניקטע מענטשן פון אלע דורות. זיי מאנען: „זאל דאס מער נישט געשען!" ער ווייסט ווער די שולדיקע זענען געווען און זענען נאך היינט אויך דא... דערפאר איז ער געווען צווישן די ארבעטער וועלכע האבן געפאדערט, אז שוין איצט מוז מען מאכן דעם אנ־הייב פאר בעסער לעבן.

ווען ער פלעגט רעדן וועגן דעם צו זיינע מיט־סטרייקערס אין סטרייק־האל, האט ווילי געקוקט מיט זיין געפעל־שמייכעלע צו ראוזען, א מיידל אויך א „גרינע", מיט א ליכטיק פנים, שווארץ־זיידענע האר און בלויע אויגן, — א מיידל וואס מענער מוזן דערזען. זי האט זיך שטענדיק געהאלטן לעבן דארפ־מאנען, אויך אויף דער „פיקעט־ליין" צוזאמען אין פארמעסט מיט סטרייק־ברעכערס. דאס איז געווען אין די צוואנציקער יארן, די צייט פון „שטורעם און קאמף" פאר נייע גערדאנקען קעגן אלטע. פון מאסן־אויפברויז קעגן שלעכ־טע באדינגונגען אין נאדל־פאך און קעגן נישט־צוגעפאסטן יוניאן־געבוי...

און כאטש דארפמאן האט געוואוסט, אז ווילי שטייט איצט לעבן אים מיט זיינע בארימערייען, איז ער דאך ווייט, גאר ווייט פון אים אין זייע־נע מחשבות. ווען ער האט פלוצים דערהערט דעם „אלד־טאימערס" שטים: „העי, דארפמאן! וואס לאזטו זיך דארטן פארנודיען פון דעם מאן מיט דעם פארטפעל, אין וועלכן ער טראגט א סענדוויטש פאר לאנטש! לאז זיך נישט בלאפן פון אים! קום אריין צום מיטינג, דער ביזנעס־איידזשענט איז שוין דא".

באלד נאך זיי איז אריינגעקומען דער „טערק". ער האט געפירט ווילין אונטערן ארעם. מיט אן אנשטעל פון אן אקטיאר, האט ער זיך פארנייגט פארן פארזאמלטן עולם און פארגעשטעלט ווילין: „איך האבע די ערע פארצור־שטעלן פאר דעם געערטן פובליקום דעם וועלט־בארימטן מאן מיט דער ליידי־קער טעקע!"

דער עולם האט שטארק אפלאדירט, נאר ווילי האט מיט פארדראס אין די אויגן זיך געזעצט לעבן דארפמאנען און געזאגט: „ער וועט שוין אזוי גיך נישט זינגען אין שאפ, זאל ער בעסער אפגעבן ראלפן דעם בוד".

אויךביים ביזנעס־אגענט האט זיך צוליב דער סצענע באוויזן א ברייטער

שמייכל אויף זיין באַזאָרגטן פּנים, וואָס דאָס איז געווען אַ סימן, אַז ער האָט געהאַט אַ שווערן טאָג מיט אויסגלייכן און אויספּלאַנטערן פאַרשידענע פּראָב־לעמען אין די שעפּער.

ער האָט באַלד געעפנט דעם מיטינג, דאָסמאָל מיט אַ קורצן איבערבליק וועגן דעם צושטאַנד פון דער אינדוסטריע און אויך וועגן דעם מצב פון פאַך אין ניו־יאָרק. און עס האָט זיך באַקומען, אַז די אַלטע צרות זענען ניי־גע־שלייערט . . . באַלעבאַטים שיקן אַרויס זייערע אַרבעטן פון ניו־יאָרק, ווייל אויסער ניו־יאָרק איז דער אַרבעט־לוין ביליקער . . . אַמאָל, אַמאָל איז בראָנז־וויל אָדער דזשאַמעיקאַ געווען גאָר ווייט פאַר דער יוניאָן צוצוקומען צו אָר־גאַניזירן די "אָפּען־שעפּער". היינט איז דאָס אַ שפּאַן אַהין, אַנטלויפן זיי קיין לאָנדאָן, איטאַליע, פּאָרטאָ־ריקאָ. זיי לויפן מיט שיפן און עראָפּלאַנען . . . אַן אַלט־נייער געראַנגל פון די נאָדל־אַרבעטער יוניאָנס אין ניו־יאָרק מיט דער גרויסער וועלט. . . .

היינט זענען די אַרבעטער פון שאַפּ געקומען צום מיטינג, נישט אַזוי צוליב אַלע פּראָבלעמען פון פאַך און אויך נישט אפילו וועגן זייערע פאַר־דינסטן, נאָר וועגן דער מענטשלעכער ווירדע. וועגן דעם האָט גערעדט דער שאַפּ־טשערמאַן, אַ מענטש אין די שפּעטע זעכציקער, מיט אַ רואיקער און שטאָלצער האַלטונג, ווי ער וואָלט שטענדיק אינזינען געהאַט דאָס געבעט פון זיין טאַטן, וואָס איז געווען פאַרשריבן אין דער איינציקער ירושה — אַ פּאָסט־קאַרטל, וואָס ער האָט דערהאַלטן אין אַמעריקע אין עלטער פון פופצן יאָר, פון זיין טאַטן אין גאַליציע: "זאָלסט געדענקען, אַז ביסט אַ ייד, זיי אַ מענטש". — ער היט די ירושה: ער היט אָפּ דעם טאַטנס יאָרצייט, ער גייט צו יזכור. ער פאַרפעלט נישט קיין יוניאָן־מיטינגען און — קריגט זיך נישט מיט קיינעם . . . ער שטאָלצירט מיט דעם טאַטנס פּאָסט־קאַרטל: "זע נאָר אַ כתב! זע נאָר אַן אונטערשריפט! מיין טאַטע, זאָל רוען אין ליכטיקן גן־עדן, האָט געמוזט זיין אַ גרויסער געלערנטער . . . "

דער טשערמאַן האָט איצט דערציילט צוליב וואָס מען האָט פאַררופן דעם מיטינג: "דער פּראָדאַקשאַנמאַן האָט צוריקגעברענגט ווילין זיין אַרבעט און געזאָגט, ער זאָל 'פיקסן', ווייל זי טויג נישט. ווילי האָט געזאָגט, אַז די אַרבעט איז גוט. אַן אַרגומענט פאַר אַן אַרגומענט, ביז זיי זענען ביידע אַרויס פון די כלים און דער פּראָדאַקשאַנמאַן האָט געגעבן אַ רייס אַראָפּ די 'קאָטן' פון מאַשין. אויס פּראָטעסט פאַר אַזאַ באַליידיקונג, אַזאַ 'אינסאָלט', האָבן מיר אַלע געגעבן אַ לייג אָוועק די הענט. איז דער פּראָ־דאַקשאַנמאַן אַרויסגעלאָפן פון שאַפּ און באַלד איז אַריינגעקומען דער באַ־לעבאָס און געזאָגט, אַז מיר האָבן נישט קיין רעכט צו 'סטאָפּן'. האָט דאַרף־

מענטשן אין מיין לעבן

מאַן געזאָגט, אַז קיינער האָט נישט קיין רעכט אַפּצורייסן פּאַרעם פון אַר־בעטערס מאַשין. האָט געענטפערט דער באָס: „'עי ביג דיעל!' אַ גרויסע זאַך, האָט ער אַראָפּגעריסן! זאָל ווילי צוריק פּאַרפּעדעמען און ווייטער פאָרן". — איז ווילי שוין געווען גרייט דאָס צו טאָן, נאָר די אַרבעטער זענען נאָך אַלץ געזעסן מיט די הענט פאַרלייגט. האָט שוין ווילי דעם פּאַדעם נישט פּאַרפּע־דעמט . . . שפּעטער האָבן די אַרבעטער געהאַט טענות צו ווילין: „דו אַזוינער און אַזעלכער! דו . . . דו — לײַדיקער פּאַרטפּעל! . . . " — אַלזאָ, מיר האָבן 'געסטאָפּט' אַ האַלבן טאָג, ביז דער ביזנעס־אייגנשענט האָט געזאָגט דעם באָס און דעם פּראָדאַקשאַנמאַן, אַז זיי זאָלן געדענקען, אַז מיר לעבן נישט מער אין די צײַטן פון סוועט־שאָפּ־סיסטעם.

צום וואָרט האָבן זיך פּאַרשריבן אַ סך אַרבעטער, נאָר ווילי האָט געקראָגן דער ערשטער דאָס וואָרט און געהאַלטן אַזאַ לאַנגע רעדע, ביז עס איז געוואָרן שפּעט און מען איז איבערגעגאַנגען צו ווײַלן אַ נײַעם טשערמאַן, — לויט ווי עס פירט זיך, אויב עס וויל ווער צו דערווײַלן אַ נײַעם טשערמאַן. און ווי שטענדיק איז אויך היינט ווילי „געלאָפן" און נישט דערווײַלט געוואָרן. צווישן די הענט וועלכע האָבן געשטימט פאַר און קעגן אים, איז אויך גע־ווען דאַרפמאַנס האַנט — קעגן. ווילי האָט דאָס באַמערקט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם לײַדיקן פּאַרטפּעל און מיט פאַרדראָס אין זײַן קול געפרעגט: „פאַרוואָס? דו קענסט דאָך מיך נישט נאָר פון היינט?" און דאַרפמאַן האָט געענטפערט: „טאַקע דערפאַר".

עס איז געווען שוין עטלעכע טעג נאָכן מיטינג. די מענטשן אין שאָפּ האָבן צוריק פאַרבונדן די אַלטע שמועסן, נאָר אין ווילין האָט געבורעט אַ כעס אויף דאַרפמאַנען. אויסצולאָדן זײַן כעס האָט ער אויסגעקליבן די געלעגנהייט ווען דאַרפמאַן האָט געטרייסט דעם טערק: „אַז מען האָט אַ ציל אין לעבן דאַרף מען זײַן פּאַרעקשנט אים צו פאַרווירקלעכן. מען טאָר נישט אַראָפּפאַלן בײַ זיך ווען מען האָט אַ דורכפאַל. אַפילו גרויסע מאַסן־באַוועגונגען, וועלכע זענען געגאַנגען מיט אַ שיינעם חלום פאַרויס, האָבן אויך געהאַט דורכפאַלן, שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן פונדאַסניי".

— „פונדאַסניי" — דער פּאַרעקשנטער אייזל איז שוין דאָ מיט אַ נײַער פּראָפּאַגאַנדע! פונדאַסניי! אַלעמאָל וויל ער נאָר אויספירן זײַנס! כאָטש נעם און מאַך די רעוואָלושאַן אין מיטן 'סיזן' צו שאַפן גוטע 'קאַנדישאַנס' פאַר אַזעלכע לייבלס און טערקס, אַז זיי זאָלן קאָנען אַנטוויקלען זייערע שוואַכקייטן . . . כ'מיין, טאַלאַנטן!"

— ביסט עפּעס אַרײַן ווי אַ יוון אין סוכה! — האָט מיט פאַרדראָס אויסגערופן דזשאָו דער קאָמיטע־מאַן.

—מיר דאַרפ'ן נישט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין ! איך קען דעם פויגל און ווייס דעם טייטש פון זיין געזאַנג, „אַנהייבן פונדאַסניי!”

— עס רעדט, נעבעך, דער ליידיקער פּאַרטפעל, — האָט באַמערקט סעם דער קאַמיטע־מאַן צו זיינע שכנים.

די מענטשן אין שאַפּ האָבן זיך געחידושט וואָס ווילי איז שטענדיק אַזוי אנגעצויגענער אויף דאַרפּמאַנען. זיי האָבן נישט געוואוסט, ווי עס האָבן נישט געוואוסט די מיידלעך גרעים און גלעדיס, וועלכע זענען נאָך אַ טאָג אַרבעט אין די צימערן אַז פענצטער, אַריינגעקומען אין שאַפּ אַריין אָפּצוקלאַפּן אויפן זייגער די אַרבעט־צייט, און דערהערט הינטער די פּלייצעס אַן אָמ־פּעריי פון מענטשן און נישט געוואוסט פאַרוואָס.

קיינער האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס ציט ווילי אַן אַלטן חשבון, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן אין אַ סטרייק־האַל, ווען ווילי האָט געהאַפּט צו ווערן אַ מאַן אין דער יוניאָן מיט אַ פּאַרטפעל, נאָר איז עס נישט געוואָרן ; ווען ער האָט געהאַפּט אויף דער מיידל ראָוז און גע־בליבן אַן איר . . . זיי ווייסן נישט, אַז פון אַלטן ווייטיק הייבט ער אָן דעם חשבון פונדאַסניי . . .

17

פונדאַסניי

און טאַקע צוליב דעם וואָרט „פונ־דאַסניי", מיט וועלכן דאַרפמאַן און לייבל האָבן געטרייסט דעם „טערק", אַז ווען ער האָט אַ דורכפאַל זאָל ער נישט זיין געפאַלן ביי זיך, נאָר אָנהייבן פונדאַסניי, — דאָס האָט דערמאָנט ראַלפן, אַז עס איז שוין טאַקע די העכסטע צייט ער זאָל אויפסניי אָנהייבן מאַנען פון „טערק" זיין בוך.

עס האָט אים אויך פאַרדראָסן, וואָס לייבל האָט פון אַלע מענטשן אין שאָפּ גראָד אויסגעקליבן אַלס שותּף אַזאַ טרפהנעם ביין, ווי דער „טערק" איז. ווייל טאָמער וועט טאַקע לייבל אָנהייבן אריינצוקריגן געלט פאַר זיין דער־פינדונג, וועט ער דאָך גיין אין גאָלד. כאָטש פאַר מענטשן אין שאָפּ מאַכט ראַלף אַ תּל פון לייבלס האַפענונגען און ער גיט זיי צו פאַרשטיין: „איר וועט זען — איך קאָן אייך גאַראַנטירן, אַז פון זיין איינרעדעניש וועט זיך אויס־לאָזן אַ בוידעם". נאָר ביי זיך אין האַרצן איז ער נישט אַזוי זיכער און ער טראַכט: „קוים לאָזט זיך נישט אויס קיין בוידעם? וועט דאָך דער „טערק" ווערן רייך, איז פאַרוואָס קומט דאָס אים? וועמען האָט ער דאָס אַזוי געשאָסן, וואָס לייבל מאַכט פון אים אַזאַ צימעס? טאָמער האָט ער דאָרט אַ שטיקל שטים אויף וועלכער ער גאַרגלט זיך, האָט ער דאָך פאַר דעם נישט באַצאָלט אַפילו קיין צעבראָכענע פּעני! ווען איך זאָל האָבן אַזאַ קוויטשערל, וואָלט איך דען נישט געזונגען? איז וואָס פאַר אַ מיוחס איז ער? איך בין אַ פיינערער מענטש פון אים, איך לקחען נישט קיין ביכער פון יענעמס 'באָקסעס'... נאָר וואָס איז דאָ אַ סך צו ברייען, איך מוז צוריק קריגן מיין בוך פון אים! דעם בוך מיט די 'פּיקטשעס' פון מיינע צוויי לאַנדסלייט, וועלכע זענען דאָ אין אַמעריקע געוואָרן שרייבערס!"

ער האָט זיך אָבער געשלאָגן מיט דער דעה, ווען ער זאָל אויפדאַסניי אָנ־הייבן צו מאַנען דאָס בוך: נאָך דער שמחה, וואָס דער אָפּערעיטאָר חיים גרייט פאַר די מענטשן אין שאָפּ לכבוד זיין זונס גראַדואירן אַלס אינזשעניר, אָדער פאַר דער שמחה? ראַלף האָט גערעכנט, אַז אַלעמאָל פאַר אַ שמחה זענען די מענטשן צופיל פאַרנומען, כמעט יעדער איינער לייגט צו אַ האַנט, מען העלפט ארוים: אייבי דער קאָמיטע־מאַן שטעלט צו משקה. מאיר דער מיליאָנער

האַנדלט איין פּרימאַ דעליקאַטעסן פּליישן און „פּיקלס", געזייערטע אוגערקעס. דער טשערמאַן באַשטעלט הערינג; מאַרינירטער הערינג, געזאַלצענער הערינג און שמאַלץ־הערינג. מען האָט אויך אינזינען די מענטשן מיט אַלסערס אין די מאַגנס, פאַר זיי גרייט מען אָן קעז־סענדוויטשעס. דאָס איבעריקע: סאָדעס, פּאַפּירענע טעלערס, „קאַפּ", אַזעלכע פּאַפּירענע בעכערלעך אויף צו טרינקען אַ לחיים, — דאָס באַזאָרגט שוין דער „שיפּינג־באַי" — דער שיק־יינג.

אין דעם שאַפּ איז שוין אַ טראַדיציע, אַז אַן אַרבעטער זאָל זיך טיילן מיט אַלעמען מיט זיין פאַמיליע־פרייד. אַמאָל איז דאָס געווען מיט דער פרייד פון אַ ניי־געבוירן קינד. שפּעטער — אַ בר־מצווה. נאָכדעם — אַ חתונה. און אַז אַ קינד האָט גראַדוּאירט אויף לערער, אויף אינזשעניר, אויף דאָקטאָר, אָדער אַן אַנדער פּראָפעסיע, איז אַ שמחהלע — אַלעמענס פרייד פון דערגריי־כונג.

און אַז עס טרעפט עפּעס אין דער פאַמיליע פון אַן אַרבעטער אין שאַפּ, ווי אַ קראַנקייט, אָדער מען נעמט אַ זון אין דער מלחמה, שפּרייט זיך אויס אויף דעם אַרבעטערס פּנים אַ זאָרג און אין די אויגן באַווייזט זיך טרויער און טרערן, שפּרייט זיך אויס דער טרויער אויף אַלעמענס פּנימער און אין אַלע הערצער גייט־אויף איין וואונטש: „זאָל דאָס קינד קומען בשלום פון קריג".

חיים דער אָפּערעיטאָר גרייט די שמחה אין שאַפּ מיט גרויס פרייד, ווייל ווען זיין זון איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה אין וויעטנאַם, איז ער געווען מערסטנס ביי זיך אין צימער. ער האָט נישט געוואָלט זען קיין פריינט און באַקאַנטע, ווי עס וואָלט געווען זיין פּערזענלעכע שולד, וואָס ער האָט געמוזט שיסן אויף מענטשן. פון דעם איז דעם טאַטנס פּנים געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד. שפּעטער האָט זיך די שוואַרצע כמאַרע אָנגעהויבן צו לייטערן אויף זיין פּנים און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן: „עס איז שווער מיין זון צוריק צו באַהעפטן זיך מיט דעם נאָרמאַלן לעבן, אָבער ער ראַנגלט זיך; ער האָט שוין אָנגעהויבן רעדן מיט טאַטע־מאַמע וועגן צוריק אָנהייבן גיין אין קאָלעדזש. און דער עיקר, עס באַווייזט זיך שוין אַ שמייכל אויף זיין פּנים!"

דער טאַטע חיים, — וואָס איז נישט פון די באַריידעוודיקע מענטשן, — האָט צוליב דער צוגרייטונג צו דער שמחה ווי אַריינגעזונגען זיין פרייד אינעם גערויש פון די מאַשינען: „אַן אינזשעניר אַ זון! עס דאַכט זיך מיר, אַז מיט זיין דערגרייכונג האָט ער אויסגעבויט אַ בריק צו מיין שטעטל אין פּוילן, וואו איך האָב אַמאָל געהאַט טאַטע־מאַמע און זיי האָבן געשפּאָרט פון מויל אויף שכר־לימוד פאַר מיר. איך האָב דאָס גוט געדענקט און געטאָן דאָס זעלבע וואָס מיינע עלטערן — געשפּאָרט, געאַרבעט שווער, אַז מיינע קינדער זאָלן קאָנען לערנען די סודות פון דער וועלט... וואָלטן איצט געלעבט מיינע על־

טערן, וואלטן זיי געהאַט אַ טרייסט פאַר אַלע זייערע ליידן. זיי וואַלטן זיכער געטראַכט, אַז זייער אייניקל וועט די בריק בויען פאַר אַ בעסערער וועלט..."

די מענטשן אַרום אים האָבן אינעם שאַפּ־טומל אויפגעכאַפּט חיימס גע־זאַנג און אין די הערצער מיטגעזונגען מיט אים. אויך ראַלף האָט שוין דער־גרייכט דאָס געזאַנג פון דער דערגרייכונג און צוליב דעם געוואָלט אַפּלייגן אויף נאָך דער שמחה דאָס מאַנען פון „טערק" זיין בוך. איז אים אָבער נישט באַשערט געווען, ווייל פונקט דאַן האָט אויסגעפּעלט אַרבעט ביי די פּרעסערס, איז דעיוו דער פּרעסער אוועק פון פּרעס־טיש און אויף צו פאַרטרייבן זיין לאַנגווייליקייט האָט ער אָנגעהויבן שפּאַצירן צווישן די אָפּערעיטאָרס אַ קיבעץ צו טאָן זיך מיט זיי אויס פריילעכקייט וועגן. און דערזעענדיק ראַלפן אַ פאַרטראַכטן, וואָס דאָס איז נישט זיין טבע, האָט ער אים אַ פרעג געטאָן: „וואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט? דיינע שיפן מיט גאָלד זענען דיר אונטערגע־געגאַנגען?"

ראַלף האָט געענטפערט מיט דעם פון פריער־אָנגעלאַדענעם פאַרדראָס: „מילא, אַז שיפן גייען אונטער, ווייסט מען אַז זיי זענען אונטערגעגאַנגען, אָבער אַז אַ בוך זאָל קריגן פליגל און — פיו! — אַוועקגעפלויגן פון מיין 'באַקס' און ווי אין וואַסער אריין! דאָס פאַרשטיי איך נישט".

דעיווס אויגן האָבן אויפגעלויכטן פון דער אומגעריכטער געלעגנהייט וואָס ראַלף האָט אים איצט געגעבן, אַ מיש צו טאָן די פון לאַנג־שוין פאַר־קאָכטע קאַשע וועגן דעם פאַרשוואונדענעם בוך. און כדי די מעגלעכע פריילעכ־קייט וואָס קאָן אַרויסקומען פון די באַנייטע קיבעצערייען זאָל זיך שוין אָנ־הייבן, האָט ער מיט אַן ערנסטן טאָן און מכלומרשט זייער פריינטלעך גע־פרעגט: „האָסט נאָך טאַקע נישט צוריקגעקראָגן דיין בוך? אַבי איך האָב געמיינט, אַז עס איז אַזוי שטיל האָסטו אים שוין פון לאַנג איבערגעלייענט. איז וואָס־זשע האָסטו געשוויגן די גאַנצע צייט?"

— ביסט גערעכט! טאַקע צו־לאַנג געשוויגן! אָבער נאָ מאַר! נישט מער! איך וועל נישט שווייגן ביז איך וועל אָפּנעמען מיין בוך!

און דעיוו, מיט אַן אַנשטעל גלייך ער וואָלט נישט געוואָלט ס'זאָל קומען צו אַ רייסעריי, האָט אים גענומען באַרואיקן און גראָד אויפן הויכן קול: „שאַ! שריי נישט אַזוי! דו ווייסט דאָך נישט אויף זיכער ווער עס האָט גענומען דעם בוך!"

— איך ווייס שוין גאָר! — האָט ראַלף געשריגן. — נישט נאָר האָט ער אַוועקגעשלעפּט מיין בוך, נאָר אויך שטיקער וואָרע וואָס איך האָב געהאַלטן אין 'באַקס' אויף אַ דרעס פאַר מיין טאָכטער. אַריינגעלייגט האָט ער מיר שמאַטעס! איך בין אים נישט קיין שונא, דערפאַר ווינטש איך אים ער זאָל

האבן א גרויס געשעפט אויף פיפט עוועניו מיט שמאטעס און קיינער זאל ביי אים נישט וועלן קויפן!

דער „טערק" האט דערפילט אויף זיך די אויגן פון די ארומיקע ארבעטער און עס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז זיי מיינען נאך אלץ, אז ער האט גענו־מען דעם בוך. פון פארדראס האט ער זיך געגעבן א האסטיקן דריי אויף דער שטול, א סימן אז ער איז גרייט צו באשטיין זיין שטעטל, נאר פריער וועט ער באווייזן פאר אלע מענטשן, אז ער איז נישט שולדיק. און ערשט דאן וועט ער זיך נעמען אפרעכענען מיט ראלפן פאר צאפן אים דאס בלוט אומזיסט און אומנישט.

אויפן צווייטן טאג איז ער געקומען אין שאפ אריין מיט אן עקזעמפליאר פון זעלבן בוך און געוויזן פאר אלעמען דעם אויפשריפט פון מחבר אויף זיין בוך. דאס האט געזאלט זיין א באוויז, אז ער האט געקויפט דאס בוך דירעקט פון שרייבער, נאר די מענטשן האבן דאס געטייטשט גאנץ אנדערש און זיי האבן גענומען מורמלען: — אז מען שווערט ביי בארד און פיאות איז שוין עפעס פויל אין דענמארק.

— עס איז ווי מען זאגט: „חזיר פיסל כשר".

די מורמלערייען זענען ראלפן אריין אין נאז אריין: אויב ער פארענט־פערט זיך אזוי איז דאך א סימן, אז „אויפן גנב ברענט דאס היטל" — פונ־דעסטוועגן האט ער געשוויגן, נאר אז די שכנים האבן אנגעהויבן ברייטער אויפצוקלערן דעם ענין ווי:

— עס קאן דאך זיין, אז ער אליין האט זיך אנגעשריבן א גוט יאר.

— אפשר האט ער אויסגענארט ביים שרייבער אן אויפשריפט אויפן געגנבעטן בוך?

נאך אזא „אויפקלערונג" איז שוין ראלף געווען זיכער, אז דער „טערק" האט טאקע אוועקגעשלעפט דעם בוך. ער וועט אים באלד נעמען „וואשן", אז ער וועט אויסזען מיט דער בלאטע צוגלייך! — און ער האט אנגעהויבן:

— העי, פיינער מענטש דארטן! פארקויף מיר מיין בוך!

און אזוי ווי דער „טערק" האט זיך נישט־וויסנדיק געמאכט, האבן די ארומיקע מענטשן מורא געהאט, אז די האפענונג אויף א ביסל פריילעכקייט קאן זיך נאך אויסלאזן מיט גארנישט. דערפאר האט זיך פון די מאשינען ווער אנגערופן: „וועמען האסטו געמיינט?"

— איך האב געמיינט דעם סאמעראדנע כהן־גדול, דעם מיסטער „טערק".

דער „טערק" האט גראד געוואלט מאכן דערפון א שפאס, האט ער גע־ענטפערט: „האסט גארנישט אזויפיל געלט וויפל דאס בוך האט די ווערט!"

מענטשן אין מיין לעבן

— ווער־ווער, נאר דו דארפסט דאך וויסן, אז גנבעשע זאכן פארקויפט מען ביליק!

דער ענטפער האט ווי א פייער א שפריץ געטאן אויפן „טערק". ער האט זיך געגעבן א שטעל אויף און אויסגעשריגן: „אויב וועסט נאך אמאל דאס זאגן וועט זיין אך און ווי צו דיר!"

ראלף האט אויף דער ווארענונג נישט געענטפערט באלד, דערפאר האט דעיוו דער פרעסער אויסגערופן, ווי אין א שפאס: „אין אמעריקע מעג מען זאגן וואס מען וויל! . . ."

— מען מעג טאקע זאגן וואס מען וויל, האט ער דאך מורא פאר קלעפ.

— האט ווער פון צווישן די ארבעטער אויסגערופן. און ראלף האט געוואלט באווייזן, אז פאר קיין קלעפ האט ער נישט מורא, האט ער אויסגערופן: „מענטשן מיט פלינקע פינגערלעך קאנען נישט געבן קיין קלעפ!"

דער „טערק" איז געווארן אן אנגעצונדענער. די אויגן האבן זיך געגעבן א סטארטשע ארויס מיט צארן און ער האט אויסגעשריגן, ווי צו דער וועלט: „ער וועט מיך מער נישט רופן גנב!" — און אין אן אויגנבליק איז ער שוין געשטאנען לעבן ראלפן און געדרייט דעם וואיזפינגער פאר זיינע אויגן". „אויב וועסט נאך איין מאל זאגן, אז איך האב געגנבעט דיין בוך, וועט דיך נישט זיין וואס מקנא צו זיין!"

— אזוי? א־ווא! איין קלייניקייט! איך מעג זאגן וואס איך וויל! א חוצפה פון א גנ . . .

ביים לעצטן אות פון ווארט איז שוין ראלפס האלדז געווען ביים „טערק" אין די הענט. ראלף האט אים געגעבן א שטופ אפ פון זיך. פון דעם זענען ביי ביידע אראפגעפאלן די אויגנגלעזער, אבער דאס האט זיי איצט נישט געארט. מען האט דאס געזען פון די פעטש און בוכטשעס, וועלכע זענען געפלויגן פון איינעם צום אנדערן. אין דעם געראנגל איז ראלף פארשטופט געווארן אין ווינקל צווישן וואנט און מאשין און דער „טערק" פון פארנט. עס איז ראלפן געווארן ענג, האט ער געזוכט צו ראטעווען זיך. פאר די אויגן האט א בליץ געטאן די שער אויף זיין מאשין. ער האט זי א כאפ געטאן, גרייט צו דער־לאנגען מיט איר זיין אנפאלער. דער „טערק" האט מיט אלע זיינע כוחות גע־קערעוועט ראלפס האנט מיט דער שער אויף ארויף. און ראלף האט געקערע־וועט די שער צום „טערק". מיטאמאל האט די שער געגעבן א פאל ארויס פון זיין האנט און געטראפן ראלפן אליין אין נאקן אריין און עס האט זיך באוויזן בלוט.

די פרויען האבן געמאכט א גוואלד. ערשט דעמאלט האט א מאן גע־

נומען לויפן פון צווייטן עק פון די לאַנגע מאַשין־רייען פונאַנדער צו נעמען די שלעגער.

די שטיק־אַרבעטער האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן. די עלעקטריק האָט געקלאַפּט, די מאַשינען האָבן געשוויגן. די וואָכן־הענט האָבן געאַרבעט, נאָר געטומלט זיך גלייך מיט אַלעמען. בלויז צוויי וואָכן־הענט האָבן נישט גע־טאָן זייער אַרבעט, נאָר געראַטעוועט ראַלפן. דאָס איז געווען די „פלאָר־מיידל" קעטעריין און די פינקערין אווילי. זיי האָבן זיך געפּאָרעט פּליסיק אַרום ראַלפן צו האַמעווען דאָס בלוט פון דער וואונד.

שפּעטער, ווען די מענטשן האָבן זיך צוריקגענומען צו דער אַרבעט, זענען די מאַשינען פון די צוויי שלעגערס געבליבן שטיין ליידיק, ווייל עס איז קעגן יוניאָן־רעגולאַציעס, אַז אַרבעטער זאָלן זיך שלאָגן אין שאַפּ. אויך האָט דער באָס געזאָגט, אַז ער וויל נישט קיין שלעגער ביי זיך אין שאַפּ.

די נייעס פון דעם געשלעג האָט זיך גיך פאַרשפּרייט צווישן די יוניאָן־באַאַמטע און צווישן די מענטשן אין „מאַרקעט". אַרבעטער פון אַנדערע שע־פּער האָבן אָפּגעוואַרט די אַרבעטער פון דעם דאָזיקן שאַפּ און געפרעגט: „איז עס אמת וואָס מען זאָגט?"

— אמת! און נאָך ווי אַזוי אמת!

— איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אַז מען זאָל זיך שלאָגן אין אַ שאַפּ איבער אַ בוך. איבער אַ „באַנדל" — יאָ. דאָס לייגט זיך אויפן שכל. אָבער ווענן אַ בוך?!

— מענטשן וועלכע לייענען ביכער דאַרפן דאָך זיין אויפגעקלערטע און מער מענטשלעך ווי די געוויינלעכע מענטשן, איז ווי־זשע קומט עס, האַ?

— נאָך אַזויפיל יאָרן זיין יוניאָן־לייט האָבן זיי נאָך אַלץ נישט אויסגע־לערנט זיך צו זיין לייטישע מענטשן?!

— עס איז נישט נאָר זיי אַליין, נאָר אַלע דאָרטן אין שאַפּ! צוליב „פּאַן", צוליב אַביסל פּריילעכקייט וועגן האָבן זיי אָנגערייצט איין ברודער אויפן אַנדערן.

— אָבער ווער האָט גענומען דעם בוך?

— קיינער ווייסט נישט אויף זיכער צי דער „טערק" האָט אים טאַקע גע־נומען.

— מילא, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביזן געשלעג איז געווען קיבעצעריי. כ'וויים, עס מאַכט זיך גאַנץ אָפט אין אַ שאַפּ שווערע אַרבעט, מען פאַרדינט נישט, שלעכטע וועלט־נייעס און דערפון שפּרייטן זיך שוואַרצע וואָלקנס אויף די הערצער, וויל מען זיך ראַטעווען מיט אַביסל „פּאַן", שפּאַס, כאַפּט מען זיך אָן אין אַ שטרוי. אָבער אַז זיי האָבן שוין געזען ווי די צוויי זיידעס — די

מענטשן אין מיין לעבן

אלטע פערד — בריקען זיך, איז פארוואס זענען זיי געזעסן מיט פארלייגטע הענט?

— אזוי גאר?! מיט פארלייגטע הענט? איז ווי־זשע האלטן מיר אין צוואנציקסטן יארהונדערט מיט דער מענטשלעכקייט?

— מיט דער מענטשלעכקייט האלט נאך נישט אזוי שלעכט! אט זאגט מען, אז די זעלבע מענטשן וועלכע האבן פריער אנגעצויגן איינעם אויפן אנדערן און שפעטער צוגעקוקט מיט פארלייגטע הענט ווי מען בויקערט זיך, האבן איצט חרטה אויפן גאנצן עסק און ווילן „צערייבן די קעים" — מאכן דאס געשלעג צו גארנישט און בעטן דעם באלעבאס ער זאל צוריקנעמען די ארבעטער.

— נו?

— נו, מאד המוציא! דער באלעבאס האט געגעבן אן עפן א מויל אויף זיי: „איר מיינט, אז איך וויים נישט, אז צוליב „פאן" האט איר דערפירט צו בלוט־פארגיסונג?! . . ."

:: :: ::

אויפן צווייטן טאג האבן די צעשלאגענע געשפאנט אויף די טראטוארן פון ביידע זייטן זיבעטער עוועניו. זיי האבן געזען פון ווייטן, ווי אלע ארבעטער פון זייער שאפ זענען ארויסגעקומען פון דער געביידע און אוועק מארשירט צו א פיקעט דעמאנסטראציע, וואס די יוניאן האט פאררופן קעגן א פירמע, וואס האט אויסגעשלאסן אירע ארבעטער און שיקט ארויס די ארבעט אויסער דער שטאט און דערמיט געבראכן דעם קאנטראקט מיט דער יוניאן. די צוויי צעשלאגענע האבן געוואוסט, נאך פארן געשלעג, ווייל דער שאפטשערמאן האט אלעמען געלאזט וויסן וואס די יוניאן האט אים טעלעפאנירט אין שאפ אריין, אז מארגן צען אינדערפרי דארפן די ארבעטער ארויס אין א סימפאטיע־דעמאנסטראציע מיט די אויסגעשלאסענע ברידער און שוועסטער.

פון ווייטן האבן די צעשלאגענע געזען ווי די מענטשן פון זייער שאפ מישן זיך אוים מיט ארבעטער פון אנדערע שעפער, וועלכע זענען אויך געקומען אויפן רוף פון דער יוניאן. זיי זענען געקומען מיט פלאקאטן, מיט אויפשריפטן פון פראטעסט קעגן דער פראפיט־גייציקייט פון דעם באס, וואס האט געלאזט זיינע ארבעטער אויף הפקר. זיי האבן געזען די מענטשן מיט די פלאקאטן, וואס ציען זיך ווי כוואליעס אונטער א פאס בלויען הימל, וואס הענגט צווישן צוויי רייען הויכע געביידעס פון זיבעטער עוועניו. זיי האבן געהערט די פראטעסט־אויסרופן פון די מענטשן, וועלכע קומען צו זיי דורך דער טומלדיקער גאס מיט לינדע ווינטלעך פון סוף־זומער. ווינטלעך וועלכע

טראַגן אַז ריחות פון די נישט־ווייטע צוויי טייכן, האַדסאָן ריווער און איסט ריווער. די ווינטלעך און ריחות דערמאָנען זיי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן ווען זיי פלעגן שפּאַנען אין געשלאָסענע רייען אין לאַנג־דויערנדיקע סטרייקס, פאַר אַ יוניאָן, פאַר אַ בעסער מענטשלעך לעבן אין די שעפּער . . . עס ציט זיי אַהין צו דער פּיקעט־דעמאָנסטראַציע. — גיין ?

דער „טערק" האָט געכאַפּט אַ בליק צו ראַלפן אויף דער צווייטער זייט גאַס. עס האָט אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט אָנגעהויבן גיין אַהין וואו עס פּלאַטערן די יוניאָן־פּלאַקאַטן. זאָל ער אויך גיין אַהין ? ער האָט באַמערקט ווי ראַלף האָט פּלוצים געגעבן אַ טאַפּ די וואונד אויפן נאַקן און געבליבן שטיין מיט אַ גרימאַסע פון ווייטיק אויפן פּנים. אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיך ביידע אַ קער געטאָן אויף צוריק, ווי זיי וואָלטן זיך שעמען ווייזן פאַר מענטשן . .

גייענדיק פון דער פּיקעט־דעמאָנסטראַציע האָט דער „אָלד־טאַימער" זיך צוגעכאַפּט צום „טערק" און געגעבן אים אַ גאָב : „ווייסט, אַז אינגיכן וועט מען דיך מיט ראַלפן נעמען אויפן צימבל ביים „אימפּאַרשיאַל טשערמאַן". אַ שיין פּנים האָט איר אונדז געמאַכט פאַר דער וועלט ! הלוואַי לאָזט מען אייך ארומשפּאַנען איבער די גאַסן ביז די שיך וועלן צעטראַסקעט ווערן אויף פּיצ־לעך, ווי אַמאָל ביי אונדז „אָלד־טאַימערס". נאָר אונדז האָט זיך געלוינט ! מיר האָבן הונגעריקע זיך געשלאָגן ווי די לייבן קעגן אונטערוועלט־מענטשן פאַר אַ יוניאָן, פאַר מענטשלעכקייט. היינט קומען אַזעלכע גרינע לאַפּאַצאַנעס און מאַכן אַלץ צו בלאָטע ! איך שעם זיך מיט דיר !"

נאָר ווען דער „אָלד־טאַימער" איז געקומען צוריק אין שאַפּ אַריין, האָט ער אויסגעשריגן : „העי, טשערמאַן ! גרויסער אויפטוער ! וואָס זעסטו נישט עפּעס צו טאָן פאַר די צוויי נאַרישע האָלעדריגעס, אַז זיי זאָלן צוריקקומען צו דער אַרבעט ? עס איז דאָך אַ רחמנות אויף זייערע ווייבער און קינדער, זיי דאַרפן דאָך עסן !"

— זאָרג זיך נישט ! אַלץ וועט זיין אַלרייט ! איך האָב גערעדט מיטן ביזנעס־אַגענט וועגן זיי. — ער האָט אים געענטפערט אויף גיך, ווייל ער האָט שוין אינזינען געהאַט צו העלפן צוגרייטן די שמחה אין שאַפּ, וואָס חיים מאַכט לכבוד דער גראַדואירונג פון זיין זון אויף אינזשעניר.

כמעט יעדער איינער העלפט מיט עפּעס : די פּרעסערס דעיוו און איזי שלעפּן טישלעך אויסצושטעלן זיי, ווי איין גרויסן טיש אין צענטער פון שאַפּ. די מיידלעך שפּרייטן אויס אויפן טיש ווייסע פּאַפּיר און שטעלן אויס דאָס עסן. אַנדערע רוקן אַוועק שטולן און קעסטלעך, זיי זאָלן נישט זיין אין וועג פון די מענטשן, וועלכע וועלן באַלד זיך צונויפקומען. און ווי אַלעמאָל אויף אַזאַ שמחה, קומען עטלעכע באַאַמטע פון דער יוניאָן, מיט וועלכע מען קען זיך

נאָך פון די צייטן, ווען מען האָט צוזאַמען געאַרבעט אין שעפּער. עס קומט דער „פּראָדאַקשאַנמאַן”, דער באָס, בוכהאַלטערס און סעילסלייט. און ווען דער זייגער קלינגט אויס די מיטיק־שעה, גיבן זיך די אַרבעטער אַ לאָז צום געגרייטן טיש.

אין געאייל פון צוגרייטן אַלץ זענען געפאַלן שטולן, בענקלעך, קעסטלעך. און קעטערין די „פלאָר”־מיידל איז געווען שטאַרק פאַרנומען צו ברענגען אַלץ צוריק אין אָרדענונג. זי האָט זיך געבייזערט אויף אייבין וואָס ער איז אַזוי נאַכלעסיק און האָט איבערגעקערט אַ קעסטל אין זיין איבערגעכאַפּטער שנעלקייט און שרייענדיק אויף אים האָט זי צוריק אַריינגעלייגט די אַרויסגעפאַלענע זאַכן פון קעסטל. זי האָט דערפילט עפּעס שווערס אין די שמאַטעס. זי האָט גענומען אויסוויקלען די שווערע זאַך און געבליבן שטיין מיט אויסגעבאַלכטע אויגן און אַן אָפן מויל און קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען. אוירלי די פינקעריז, וואָס האָט איר אַרויסגעהאָלפן אין דער אַרבעט, האָט דאָס באַמערקט און אויסגעשריגן: „דזשיזעס קרייסט! דער בוך!”

ערשט איצט האָט מען זיך אָנגעהויבן צו חידושן פאַרוואָס דאָס איז פאַר זיי די גאַנצע צייט געווען אַזאַ רעטעניש און איצט איז דאָס אַזוי קלאָר און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז געשען איז דאָס זומער, ווען די מענטשן זענען אַוועק פון שאַפּ אויף וואַקאַציע האָט דער מענטש וואָס רייניקט דעם שאַפּ אַוועקגענומען די שטולן און קעסטלעך פון זייערע ערטער כדי אויסצוקערן. שפּעטער, צוריקשטעלנדיק האָט ער פאַרביטן שטול און קעסטלעך, ווייל כמעט אַלע האָבן דעם זעלבן אויסזען. אין שאַפּ זענען שטענדיק פאַראַן עטלעכע איבעריקע קעסטלעך, וועלכע שטייען אין אַ זייט. האָט ער ראַלפן געגעבן — אָן זיין וויסן — אַן אַנדער קעסטל און ראַלפס — אַוועקגעשטעלט צווישן די איבעריקע קעסטלעך.

ווי פון זיך אַליין איז באַלד געוואָרן פון אַלע מענטשן אין שאַפּ איין גרויסע קאָמיטע, וואָס האָט געגעבן אַ רינגל אַרום דעם באַלעבאָס, וואָס איז גראָד געשטאַנען און צוגעהערט זיך צו חיים דעם בעל־שמחהס רייד: „איך האָב אַזויפיל יאָרן געאַרבעט צוזאַמען מיט דעם „טערק” און מיט ראַלפן. זיי האָבן מיט מיר מיטגעליטן ווען מיין זון איז געווען אין מלחמה. זיי האָבן זיך מיטגעפרייט מיט מיר ווען מיין זון איז צוריקגעקומען פון מלחמה. איצט וויל איך זיי זאָלן זיך מיטפרייען מיט מיין נחת וואָס איך האָב דערלעבט. מילא, וואָס דער „אימפּאַרשיאַל טשערמאַן” וועט באַשליסן ווענן זיי איז דאָס אַ זאַך אויף שפּעטער, אָבער דערווייל זאָלן זיי אַרויפקומען און טרינקען אַ לחיים מיט מיר”.

די גרויסע שאַפּ־קאָמיטע וואָס איז געווען גרייט צו אַפּעלירן צום באַ־

לעבאס, אז ער זאל צונישט מאכן די קלאגע וועגן זייער שלעכטער אויפפי־רונג אין שאפ, ווייל דער בוך האט זיך שוין סיי־ווי אפגעזוכט, האבן אבער נישט געהאט קיין מעגלעכקייט צו רעדן, ווייל דער באס האט זיך צעשריגן אויף זיי:

— איר מיינט אז איך ווייס נישט אז איר אלע זענט שולדיק אין די צרות?! איר האט געוואלט האבן „פאן". איצט ווילט איר אז איך זאל זיי גיין ארויפרופן אין שאפ ארײַן? איר זענט די שולדיקע, איז גייט אליין!

דער ערשטער איז געווען דער „אלד־טאימער". ער האט זיך געגעבן א יאג אין גאס ארײַן, אפגעזוכט דעם „טערק" און אויסגערופן: „דו נארישער גאליציאנער „טערק"! גענוג זיך ארומגעדרייט ווי אויף א פרעמדער חתונה! נעם דיינע פיס אויף די פלייצעס און האידא אין שאפ ארײַן! מען האט שוין געפונען ראלפס בוך! קום! דו נארישער פערד!"

און איזי דער פרעסער איז אוועק זוכן ראלפן. ער האט אים געטראפן זיצן א מידן אין א רעסטאראן אויף זיבעטער עוועניו, ביי א טעפל קאווע. ער איז צוגעקומען צו אים מיט א שמייכל אויף זיין ברייטן פנים און געזאגט: „ראלף, אוי ביסטו ווערט שמיץ! האסט דאך אומזיסט און אומנישט באשול־דיקט דעם „טערק", קעטערין האט געפונען דיין בוך אין א פרעמדער 'באקס'. קום אין שאפ ארײַן מאכן א לחיים!..."

— טאקע מיין בוך? מיט די 'פיקטשעס' פון מיינע צוויי לאנדסלייט, די שרייבערס?

— יא, דיין בוך, מיט די 'פיקטשעס' פון דיינע צוויי לאנדסלייט, וואס זענען געווארן שרייבערס אין אמעריקע...

דער פריילעכער עולם אין שאפ האט זיך איצט גענומען מאכן שלום צווישן די צעהרגעטע. דעיוו דער פרעסער האט גערעדט צו ראלפן: „אנט־שולדיק מיר, איך האב נישט געמיינט קיין שלעכטס, איך האב בלויז געקי־בעצט, ווייל אין שאפ איז געווען עפעס אומעטיק, איך האב געוואלט עס זאל ווערן פריילעכער... בעט זיך איבער מיטן „טערק".

ראלף האט זיך א טאפ געטאן די נישט־פארהיילטע וואונד און אויסגע־רופן: „קיין מאל אין לעבן!"

לייבל האט גערעדט צום „טערק": „איך האב אלע מאל געוואוסט, אז דו ביסט א פיינער מענטש, אז נישט וואלט איך דיך נישט געווען גענומען אלס 'פארטנער' צו מיין דערפינדונג. גלייב מיר, עס וועט לאנג נישט דויערן און איך וועל דיך געבן א שלעפ ארויס פון שאפ! פיל זיך נישט געפאלן, פאנג אן פונדאסניי! זינג! וועסט נאך זינגען!..."

שלמה וואסערמאַן

— גיי אַוועק מיט דיינע נאַרישע חלומות ! — האָט דער „טערק" אויס־גערופן מיט טרערן אין די אויגן . . .

ביים געגרייטן טיש האָט מען געטרונקען לחיים און געוואונטשן זיך געזונט, פּרנסה און שלום צווישן מענטשן . . .

ליבל האָט געהאַלטן אין טרייסטן דעם „טערק": „הייב אַן פונדאַסניי !"

אויסצוגן פון שרייבער, קריטיקער וועגן שלמה וואַסערמאַן

"שלמה וואַסערמאַן, 'אַ פּעטערזן־מאַכער', זייער און זייער וואויל געשריבן. נישטאָ קיין פאַרשווענדונג פון מאַטעריאַל, דאָס בילד ווערט געשאַפן גלייכצייטיק מיט דער ראַם. דער עצם פון צענטראַלן כאַראַקטער ווערט דערלאַנגט קלוג, הומאָרפול, נאַטירלעך, מיט אמת קינסטלערישן בדרך־אגבדיקייט".

. . . "וואַסערמאַן ווייזט אונדז אַן אַרבעטער פון אַ העכערער קוואַליפיקאַציע, וואָס איז אַנגעשטעקט מיט באַסישע פאַראורטיילן קעגן יוניאַן, ער איז אָבער אין אמתן אַן אויסגעצייכנטער טרייד־יוניאַן מאַטעריאַל. דער שרייבער ברענגט דאָס אַרויס זייער פיין . . ." — **נ. בוכוואַלד**

"מאָרגן־פרייהייט"

"די וועלט איז פול מיט דערפאַרונגען, איבערלעבונגען, אידייען, וואָס וואַרטן אויף דעם שעפערישן אָפּקלייב פון דעם קינסטלער. ער דאַרף נאָר דערפילן און באַנעמען דאָס אָפּגעקליבענע און געפינען פאַר דעם אַ פּאַסיקן אויסדרוק, די פּאַסיקע פאָרעם.

"דאָס האָט שלמה וואַסערמאַן אַליין אויף אַ געלונגענעם אופן באַשטעטיקט. אין איינער פון זיינע דערציילונגען אין בוך — "אַ פרילינג־קאָנצערט אַזאַ" . . . עס איז אין דער דערציילונג פאַראַן די פולע האַרמאָניע צווישן דעם וואָס מיר רופן אַן "פאָרעם און אינהאַלט". דער מחבר האָט אין דער דערציילונג איינגעוועבט אַ סך קינסטלערישע עלעמענטן, וואָס העלפן אַרויסברענגען די הויפּט־אידייע: די סימבאַליק פון וואַרט און די סימבאַליק פון קרובהשאַפט צווישן טאַכטער און פאָטער, וואָס היילקן דעם אָנדענק פון די קדושים דורך יידישן לעבן, וואָס איז יידיש המשך — די אידייע פון עם ישראל חי. אין אַט דער דערציילונג האָט דער מחבר אַן קלאָגגעוויין געבראַכט צום אויסדרוק די טיפסטע איבערלעבונגען. ער האָט אין דער פּראָזע באַוויזן צו פאַרמישן פונקט אַזויפיל עלעמענטן פון פּאָעזיע, אויף וויפל אַ גוטע דערציילונג דאַרף צו האָבן".

. . . "די גרעסטע מעלה זיינע איז פשטות, מיט וועלכער ער הייבט אַן זיין דערציילונג. די ערלעכקייט מיט וועלכער ער באַהאַנדלט אפילו די נעגאַטיווע כאַראַקטערן. ער האָט זיי נישט פיינט. ער געפינט אפילו אַ זכות פאַר זייער געפאַלנקייט. דאָס איז דערפאַר וואָס ער האָט ליב דעם מענטשן. ער טראָגט וואַרעמקייט פאַר אים, ווי פאַר אַ קינד . . ."

"פאַר דעם בוך קומט דעם מחבר אי דערמוטיקונג, אי גרעסערע, שטרענגערע פאָדערונגען פאַר גרעסערער אחריות פאַר דער יידישער פּראָזע, וואָס דאַרף נייע כוחות און באַנייטע קינסטלערישע אָנשטרענגונג".

— **ל. כאַנוקאָוו**

"יידישע קולטור"

„דאָס קינדערישע וועלטל איז וואַ־
סערמאַנען נישט פרעמד. ער קען דאָס
קינד און אים איז באַקאַנט דעם קינדס
לשון. עס געלינגט אים אונדז אריינ־
צופירן אין קינדערישן וועלטל און
אונדז באַקענען מיט ספּעציפישע
קינדערישע שפּילערייען און פאַנטאַ־
זיעס".

„די ליבע פון דעם יינגל אייב צו
זיין 'יאַ־יאַ', וואָס דרייט זיך ביי אים
אויפן שנירל לויט דעם באַוועג פון זיי־
נע פינגער. און ווי יעדער דריי פון
'יאַ־יאַ' האָט ביי אייבין אַ באַזונדערן
נאָמען („אַלע באָבעס זענען גוט") האָט
אין זיך אַ סך קינדערישן חן".

„טרעפלעכע פאַרגלייכן אין דער
דערציילונג 'די אַלטע פינישעריין' ווען
זי זאָגט אין איר אַלט־מיידלערישער
איינזאַמקייט, אַז זי איז געגליכן צו
'ווי אַ נאָדל אָן אַ פאָדעם'. . אָדער
אַז קאַפּלאַן האָט אויפגעהערט פילן
דאָס לעבן ארום זיך אין שאַפּ 'פונקט
ווי ער פילט נישט און ווייסט נישט
ווען די קני פון זיין רעכטן פוס הייבט
אויף און לאָזט אַראָפּ דעם 'ליפטער'
פון מאַשין („אַ נייע סביבה"). די און
ענלעכע פאַרגלייכן באַווייזן, אַז שלמה
וואַסערמאַן באַציט זיך מיט קינסט־
לערישן ערנסט צו זיינע ליטעראַרישע
שאַפונגען".

— ל. מילער
„אונדזער וואָרט"

„שלמה וואַסערמאַן באַהאַנדלט אַ
סך פּראָבלעמען פון די 'היימישע מענ־
טשן'. ער באַווייזט אונדז אויף אַ
קינסטלערישן איבערצייגנדיקן אופן
זייערע פסיכאָלאָגישע קאָנפליקטן. מיר
זעען אַז ער קען פון אינעווייניק אַרויס
די פסיכאָלאָגיע פון די מענטשן פון
אונדזער סביבה, אָפט מיט די דינסטע
ניואַנסן, די פסיכאָלאָגיע פון שאַפּ־
מענטש, פון באָס, פון ביזנעס אַגענט,
פון מאַן און פרוי, אַרבעטער און קרע־
מער. ער ווייזט זיך באַזונדער אַרויס
אַלס קענער פון קינדער־פסיכאָלאָגיע.
ער קען אַלץ פון אינעווייניק. וואַסער־
מאַן איז בדרך־כלל אַ רעאַליסטישער
שרייבער, ער איז אָפט ליריש, ראָ־
מאַנטיש און פאַרמאָגט הומאָר און
סאַטירע. ער שרייבט וואַרעם".

" 'היימישע מענטשן' איז אַ באַשיי־
דענער נאָמען פאַר באַשיידענע העלדן
פון דעם בוך. זיי זענען מערסטנס
אַרבעטער, פאָלקס־מענטשן, נישט
קיין אויסערגעוויינלעכע, אויסטערלי־
שע, עקסצענטרישע. אָבער דער אוי־
טאָר ווייזט אויך, אַז זיי זענען אינ־
טערעסאַנטע, וואַרעמע מענטשן מיט
טיפע איבערלעבונגען, מיט ברייטע
אינטערעסן, וואָס נעמען אַרום נישט
נאָר די גאַנצע וועלט, נישט נאָר די
געגנוואַרט, נאָר אַפילו די צוקונפט
פון דעם יידישן פאָלק און פון דער
גאַנצער מענטשהייט".

— אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ
„מאָרגן־פרייהייט"

„. . . דאָס בוך 'היימישע מענטשן' פון שלמה וואַסערמאַן . . . איז אַ בעל־טריסטיש ווערק . . . די דערציילונ־גען — קאָנדענסירט, קורצע זאַצן, לייכטער סטיל, גוטער דרוק און זאַפ־טיקער מאַמע־לשון.

"די דאַזיקע טעכנישע און פאָרמע־לע אייגנשאַפטן פון דעם בוך גיבן די מעגלעכקייט צו לייענען אויך דעם פאַרשמייעטן אַמעריקאַנער ביזנעס־מאַן, ווי אויך דעם פאַריאָגטן און פאַרזאָרגטן 'מענטשן־שרייפל' פונעם אַמעריקאַנער שאַפ־מעכאַניזם"

" . . . שלמה וואַסערמאַן האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ רעאַליסטישן אופן איבערצוגעבן די אויסדרוקן, וואָס די טראַגישע געשעענישן האָבן אויסגע־איבט אויפן גרעסטן יידישן ישוב אין אַמעריקע".

—אַלפּעראָוויטש
זשורנאַל „דרום אַפריקע"

„שלמה וואַסערמאַנס דערציילונגען פאַרכאַפּן אייך מיט דער ברייט־פּאַ־רעמדיקער דערציילערישקייט, מיט זייער פּרטימדיקן אָפּשטעלן זיך אויפן אַרום פון יעדן געשילדערטן פּערסאָ־נאַזש, מיט דער קינסטלערישער מאָ־לערישקייט פון דער געגעבענער סבי־בה, אָדער סיטואַציע. זיין דערציילונג שטיצט זיך אויף סטרוקטורעלע באַ־זיסן פון אַ נאָוועלע: פון שילדערן, פון מאָלן אויף אַ פּאַרגאַנצטן אופן זיינע טיפּן, זייער אַרט דענקען און לעבן, זייערע כאַראַקטערן און געפילן".

„יאָ, שלמה וואַסערמאַנס דערציי־לונגען פאַרמאָגן אין זיך נישט נאָר די שפּראַך רייכקייט פון שילדערן, נאָר אויך די נייטיקע פילקאָלירנדיקע פאַרבן רייכקייט. צוגלייך מיט דער פּעדער האָלט וואַסערמאַן אין האַנט אַ פּענזל מיט דער גענייטקייט פון אַן עכטן קינסטלער . . . און לייענענדיק זיינע דערציילונגען זעט איר פאַר זיך נישט נאָר די עכטקייט פון דער גע־שילדערטער טעמע, נאָר עס וואַקסט אויס פאַר אייערע אויגן אַ גאַנצע קינסטלעריש לעבעדיק בילד מיט אַלע ליכטיקע און שאָטנדיקע פאַרבן, וועל־כע דאָס געמאָלטע בילד דאַרף לויט דער טעמע אַרויסברענגען".

„אין שלמה וואַסערמאַנס דערציי־לונגען טרעפן מיר געזונטע טיפּן יידן, צופרידענע פון זייער לעבן אַלס אַר־בעטער, מיט ליבשאַפט צו זייער אַר־בעט און צו זייער ראָל אַלס אַזעלכע..."

— פישל טאַביאַש
„אונדזער פריינט",
מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי

"... וואס שייך קינדער איז דער שרייבער פשוט פארליבט אין זיי... צווישן זיינע פיינע, לירישע פארטראכטע קינדער־דערציילונגען זענען: 'דער אייביק יונגער חלום' און 'א פריילינג קאנצערט אזא'... אין דער ערשטער דערציילונג מאלט דער דערציילער די אויפשפראצונג פון א פארליבט פארל, גראדואנטן פון מיטלשול, זייער פלירט שמעקט מיט קלאסצימער און גייט אזוי אויף: 'געדענקסטו אויך ווען דו האסט מיר פארביטן א גימל אויף א זייען... איך געדענק נאך ווען איך האב זיך געלערנט ציילן יידיש און — ביידע שווייגן, ווי זיי וואלטן זיך צוגעהערט צום שטילן נשמה־געזאנג, וואס באהעפט זיי מיטן פאלק וואס האט א שיר השירים, א שולמית, א שלום־עליכם, צו א פאלק וואס האט יידישע שולן און לערערס, וואס האבן באשאפן אזא פיין געוועב'".

"... אויף דער יידישער גאס האבן שוין אזויפיל מענטשן געשריבן וועגן די שולן, אבער אן אינערלעכן תיקון האט די טעמע באקומען ביי שלמה וואסערמאנען".

— דוד קעשיר

„יידיש אמעריקע"

אינהאַלט

בילד פון מחבר

אויף דער וואַגשאַל

פריינט — 9
אויגן — 20
„אוי, אַ נאַכט אַ שיינע״ . . . — 29
אויף דער וואַגשאַל — 37
ניי־געבוירן — 45
אַ שטאָט, אַ קאַלענדאַר און אַ זאַמלער —52
צוויי מענטשן — איין שטול . . . — 65
צוזאַמענברוך — 76
צוליב אַ „שעיפּ״ . . . — 88
פרימאָרגן אין סאַבוועי — 92
דערציייל מיר אַ מעשה . . . — 102

אַ רייזע אַרום מיין הויז

דער גאָלד אוצר — 111
דער לערער — 114
אַ ליטעראַרישער שפּאַציר — 119
אַ שפּאַס אַזאַ . . . — 129
יום־טובדיקע טעג — 132
אַ שפּיל אָן אַ נאָמען — 136
צווישן מענטשן אין בראָנקס פּאַרק — 141

פון אונטערוועגנס

געזעגענונג — 155
צווישן ים און הימל — 158
אַ טאָג ווערט געבוירן — 161
לאַנדסלייט — 164

מיין שוועסטער ביילע

מיין שוועסטער ביילע — 171

אַ שאָפּ מיט מענטשן (נאָוועלע)

1. אַ רעטעניש — 181
2. „צום שוחט" — 190
3. „דזשאַנגל" — 206
4. נישטאָ וואוהין צו לויפן . . . — 214
5. אַ מיידל אַ „פּרינצעסין" — 219
6. נישט געשטויגן, נישט געפלויגן — 224
7. צוליב עטלעכע ווערטער . . . 229
8. LIKE ONE HAPPY FAMILY — 235
9. צוליב אַ פאָדעם — 241
10. פאַרוואָס ? — 247
11. „ס'וועט זיך שוין אויספּרעסן !" — 252
12. מאיר דער מיליאָנער . . . — 257
13. טרוימער אין שאָפּ . . . — 262
14. ימים-נוראימדיק אין שאָפּ — 269
15. אַן פענצטער
16. אַן אַלטער חשבון — 289
17. פונדאַסניי — 298

אויסצוגן פון שרייבער, קריטיקער

וועגן שלמה וואַסערמאַן — 309

ספּאָנסערס

ספּאָנסערס

אָרגאַניזאַציעס:

אָוקלאַנד־בוירקלע איקוף קלוב

אַלערטאָן עמאַ לאַזאַרוס קלוב

בראָנקס פּאַרק איסט,

סיניאָר סיטיזענס קלוב

דבורה טאַראַנט לייען־קרייז

וויליאַמסבורידזש מיוטשועל עיד
סאָסייעטי

ניו־יאָרק מיטלשול

פּרין גראָדזינסקי עיד סאָסייעטי

בעסאַראַביער־פּאָדאָליער

בענעוואָלענט סאָסייעטי

בוניק פרידאַ און מעקס

גובערמאַן איזידאָר, אין אָנדענק
פון זיין פרוי בעקי

גוקאָווסקי סערא און איזידאָר
יעט איזידאָר
כאַיעט מענדל
סטאָלערמאַן ליבי

עדעלמאַן אסתר און בען, אין
אָנדענק פון נחמן יאַקער

קאַפּלאַן איבי

ראָזענבלאַט איידאַ און איזידאָר
ראָזענבלאַט מאַרגאַרעט און
מאָריס

לאָדזשער קולטור סאָסייעטי

בערגער רחל און משה
הענדל שרה און סעם

וואַרשאַווסקי מאיר, אין אָנ־
דענק פון זיין פרוי לינאַ

זאַראָוו סערא און אַלעקס
מיגדאַל פראַניע און חיים
ענגעל איטקע און תנחום
קרוגער פעני און חיים
שטאַרק לאה און ליאָן
שפּיגל סאָפי און סעם

פּאַרקסייד פראַטערנאַל סאָסייעטי

גאָלדשטיין היימי
גורעוויטש רעבעקאַ און מאָריס
האַלעבסקי בעלאַ און מעקס

וויטקין יעקב, אין הייליקן אָנ־
דענק פון זיין זון ליוטענאַנט
לעאָנאַרד וויטקין

לוסטיקמאַן הערי

פּאַסניאַק עמאַ און אַלפרעד,
אין אָנדענק פון זייער טאָכטער
פּערל

פעלדמאַן מאיר
פעכטער פעני און נח
קאַרסאָן גאָסי און סעם
קאָרען גוירטרוט און ישראל

האַרווי בערין דרעס־שאַפּ

מר. און מרס. האַרווי בערין
באַרנסטיין אייב און סערא
באַכמאַן ראַלף און סאַפּי
בליץ דענין און איירין
גאָלדסטיין פּערל
געלער לואי מיני
גרינבערג סאַמועל און סיליע
יעלען אייברעהעם און גאָסי
מאַנדעל דזשאָ
מאַליט מ.
סטיין סעם
סלאָווין הערי און איידאַ

פּייט פּעני, אין אָנדענק פון מאַן
אירווינג פּייט

פּרעס דזשאָ און סיליאַ
ראָזען דעיוו און הילדאַ
שיפּמאַן מאַרים און פלאָרענס

אורליכט ראָוז

אָוונער יצחק, אין אָנדענק פון
מיין פרוי עטקע

אַמלען רעי און היימען

אייזנבערג יאָשע, אין אָנדענק פון
זיין פרוי מאַניע, ד״ר

אייזנבערג מאַניע, ד״ר
באָומעל מרים
בלאו איזידאָר
בוירמאַן גוירטרוט און יוסף
בעלעט סאָניאַ און מאיר
גאָלדמאַן מיני און יעקב,
סאַן־פראַנציסקאָ
גאָלץ עני און דעיוו (מיאַמי)
גאָלדסטיין מאָלי און מאַרים

גוטמאַן סאָניע און לואי
געלבאַרד עני און מיכל (מיאַמי)
געצאָוו חיים

גראַף יוסף, אין הייליקן אָנדענק
פון מיין פרוי עטל און מיינע
צוויי טעכטערלעך, מרים און
מינדל־שיינדל און די גרעסטע טייל
פון מיין משפחה, וועלכע זענען
דערמאָרדעט געוואָרן פון די דייַ־
טשע מערדער. איך וועל אייך
קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דוביצקי גאָלדע, לזכרון איר מאַן
אברהם דוביצקי

דזשיגנאַטינסקי אסתר און דזשעק
דיקטער בען
דעיווויס וו. דאָראָטי
דעיווויס מיריאַם לי
דעיווויס ברוס ווען
דעיווויס עליזאַבעט דאַיען
דעניעלס עמאַ און הענעך

האָכבערג מאַרים, אין אָנדענק פון
זיין פרוי פּאָולין (פּאָרטלאַנד, אָר.)

וואַסערמאַן עָן און אַל
וואַסערמאַן סטיוו
וואַסערמאַן רינאַ
וואַסערמאַן שערי
וואַסערמאַן פּערל און מנשה,
(אַרגענטינע)
וואַסילעווסקי אידיט און שלום

ווייסטיין הערען און אַרנאָלד, אין
אָנדענק פון זייער טאָכטער פּערל

וועבער ליאָן, אין אָנדענק פון
שיינדל רבקה

טווין לינאַ און מעקס
כאַזאַנאָוו בערנאַרד
לאָון בעלאַ (מאַם)
לאַנג משה
ליעדער דאָרים און סידנע
ליפּצין אַנאַבעל און סעם
לעפּקאָוויץ ען און עמאַנועל
לעכאָוויצקי לוסי און אברהם
לערמאַן פיליפּ
נעוויאַוווסקי מאַניע און לואי
נעלסאָן ריוואַ און נעט
סטיין סאָניאַ און אייב
סטיין לאַדי און דזשעק
סטיין בלומע און מעקס
סוויצן גויטרוט און מעקס

סיוואַטש יוסף, אין אָנדענק פון זיין
פרוי פעני

סטילמאַן לואי
סטאַרטש מאָרים
סילווערבערג רחל און סאַל

סילווערמאַן יעטי, אין אָנדענק פון
מיין שוועסטער דזשעני מיטלמאַן

עדעלמאַן אסתר און דזשעק

פאַרבער ראָזע, אין אָנדענק פון
איר מאַן יעקב פאַרבער

פיינסטיין יוסף, אין אָנדענק פון
זיין פרוי בלומאַ פיינסטיין

פייערטאָג איידאַ, אין אָנדענק פון
איר מאַן שמאַי פייערטאָג

פרידמאַן מאַשע, אין אָנדענק פון
איר מאַן אברהמל פרידמאַן

פרידמאַן אייבי

צוקערמאַן שמעון און פריידע רחל,
אין אָנדענק פון זייער זון סאַל

צוקערמאַן לילי און ווילי
קאָלטער בעסי און אהרן
קאַלינסקי פעני און פסח
קאָופמאַן חנה און שמואל
קאָופמאַן וויליאַם
קאַפּלאַן אייב
קוסנער מיי און דזשיי
קאָרן יודיף און שמואל
קירסטיין ראָוז און לואי
קעיליש פעני און דעיוו
קעסעל איידאַ און משה
קעסעל שרה און לייבל (ישראל)
ראָטמאַן מיורעל און פיליפּ
ראָטמאַןביילע און וועלוול
ראָלער לאה און בערל
ראָזענבאַום י.
ריטשמאַן עני און משה
רעימאָנד וויקי און דזשאָזעף
שאָגאַל גאָסי און דזשעק (מיאַמי)
שניידער פעני

שניידער קלאַראַ און נעיטן
(סאַן-פראַנציסקאָ)

שעוועלאָוו פעני
שעפער יוסף ד״ר
שעק מירל און משה (ל.א.)
שקאָלניק שרה און אברהם

שרויט העלען, אין אָנדענק פון איר
מאַן יעקב שרויט